STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07537

LERNBUKH FUN DER ALTER GESHIKHTE

R. Vipper

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

~~344~~ 812

פראָפ. ר. וויפּער

לערנבוך
פֿון דער אלטער געשיכטע

איבערגעזעצט פֿון דער 10־טער רוסישער אויפלאגע

פֿון

ז. קאלמאנאָוויטש

WOSTOK

פֿארלאַג „וואָסטאָק", בערלין

קאָכשטר. 73

1923

Copyright 1923 by
Wostok (Der Osten) Verlag und Büchervertrieb G. m. b. H. Berlin C. 2
An der Spandauer Brücke 2

אינהאלט

זייט

I. די שטיינערנע צייט אין איירָאפּע 1

II. מִצְרַיִם און פֿאָדעראזיע פֿון יאָר 3000 ביז 600 פֿאר קר. 20

III. דאָס אלטע גריכנלאנד 67

IV. די גריכן און די פּערסישע גרויס־מלוכה 700—480 פֿאר קר. 88

V. אַטען אין די יאָרן 480—400 פֿאר קר. 113

VI. די גריכן אין מזרח. אין די יאָרן 400—100 פֿאר קר. 138

VII. דער אָנהויב פֿון דער רוימישער מלוכה 156

VIII. רוים, קאַרטאַגאָ און גריכנלאַנד 172

IX. דער סוף פֿון דער רעפּובליק און דער אָנהויב פֿון קֵיסרטום אין רוים . . . 196

X. די רוימישע אימפּעריע און דאָס קריסטנטום 223

I.

די שטיינערנע צייט אין אייראָפּע.

די אויספֿאָרשונג פֿונם אַלטערטום. געשיכטע אָדער היסטאָריע רופֿן מיר אָן די וויסנשאַפֿט וועגן דעם גורל פֿון דער גאַנצער מענשהייט אויף דער ערד. גרינג איז פֿאַר דער דאָזיגער וויסנשאַפֿט צונויפֿצוקלייבן אַסך ידיעות וועגן די ציטן, וואָס זיינען נאָהענט צו אונז. אין אַ געבילדעטער געזעלשאַפֿט זאָרגט מען וועגן דעם, עס זאָל בלייבן א זכר פֿון דעם, וואָס מענשן האָבן איבערגעלעבט, מען פֿארשרייבט און פֿאַרצייכנט אַלע געשעהענישן און דעם סדר לעבן פֿון די מענשן. נאָר, וואָס מער מיר רוקן זיך אוועק צוריק אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, אַלץ ווינציגער געפֿינען מיר אזעלכע פֿאַרצייכענישן.

מיט אַ יאָר 3000 פֿאַר אונזער צייט, ד. ה. 1000 יאָר פֿאַר דער איצטיגער צייטרעכענונג, האָט אין אייראָפּע קיינער ניט איבערגעלאָזט קיין שום פֿארצייכענישן וועגן די געשעהענישן אָדער וועגן שטייגער לעבן פֿון די מענשן אין זיין דור. ווען מיר ווילן עפּעס דערגיין וועגן יענער צייט און וועגן נאָך פֿריהערדיגע יאָרהונדערטער, מוזן מיר אַריינגראָבן זיך אין דער ערד, אַרויפֿהויבן די פֿונאַויבן פֿארשאָטענע שיכטן אירע, וואָס אויף זיי האָבן מענשן געלעבט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. מיר געפֿינען דעמאָלט טיף אין דער ערד רעשטן פֿון וואוינונגען און קברים, געצייג און געווער, כלים, קליידער, צירונג, קינדער שפּילכלאַך, וואָס די אַמאָליגע מענשן האָבן באַנוצט; מיר געפֿינען ביינער פֿון די מענשן גופֿא און רעשטן פֿון יענע בעלי־חיים און געוויקסן, וואָס האָבן זיי געדינט. לויט אָט די סימנים פֿון לעבן קאָנען מיר זיך מאכן א פֿאָרשטעלונג, וויאַזוי האָט אויסגעזעהן די נאַטור ארום דעם מענשן, וואָספֿאַר אַ בעל־הבתישקייט ער האָט געפֿירט, וויאַזוי האָט ער זיך אָנגעטאָן, וויאַזוי האָט ער געאַרבעט און געוווילט זיך. די וויסנשאַפֿט, וואָס שטודירט אָט די אַלע רעשטן, רופֿן מיר אָן אַרכעאָלאָגיע (ד. ה. אַלטערטומבאשרייבונג).

היילמענשן. די עלטסטע יישובים זיינען אָפּגערוקט פֿון אונזער צייט אויף אַסך צעהנדליגער טויזנט יאָרן. אינאָנהייב איז אין אייראָפּע געווען אַ וואַרים און אַ פֿייכט קלימאַ. וועגן די מענשן פֿון יענער צייט ווייסען מיר כמעט גאָרנישט: אין טיפֿע שיכטן פֿון דער ערד געפֿינט מען הויפֿנס געשאַרפֿטע שטיינדלאַך, וואָס קאָנען אָנגיין פֿאַר געצייג, נאָר מענשנביינער האָט מען נאָך ניט געפֿונען. שפּעטער האָט אַ געוואַלטיגער אייזצודעק אויפֿלאַנג פֿאַרדעקט העכער העלפֿט פֿון אייראָפּע; רעשטן פֿון אָט דעם אייז ליגן נאָך עד־היום אין דער געשטאַלט פֿון גלעטשערס אויף די הויכע קאַמען פֿון די אַלפּנבערג.

ווען דער אייז האָט זיך אָפּגערוקט קיין צפֿון, זיינען אין אונזערע קאַנטן נאָך אין משך פֿון עטליכע יאָרטויזנטער געבליבן שטיין קעלטן. אין יענער צייט האָבן אין אייראָפּע געלעבט גרויסע חיות, וואָס זיינען איצט אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן אָדער זיינען געוואָרן אַ זעלטנהייט: אַשטייגער, דער נאָזהאָרן, דער מאַמאָנט, ד. ה. אַ העלפֿאַנד מיט געדיכטער לאַנגער וואָל און שטאַרק פֿאַרבויגענע רייסציינער, דער ביזאָן, אַ גוואַלטיגער ווילדער אָקס, דער ווילדער חזיר, דער גרויסער הערש (וואָס רופֿט זיך איצט אָן פּאָלאַרהערש), דער היילנלייב און דער היילנבער.

וועגן די ווילדע מענשן פֿון יענער צייט קאָן מען זיך מאכן אַ שטיקל באַגריף. אין טיפֿע פֿאַרשאָטענע היילן גראָבט מען אַרויס זייערע סקעלעטן, הויפֿנס בראָכשטיקער, וואָס האָבן זיי געדינט פֿאַר געצייג, קיכאָפּפֿאַלן, וואָס לויט דעם איז צו זעהן, מיט וואָס זיי האָבן זיך געשפּייזט. דאָס לעבן פֿון יענע מענשן איז געווען אַרומגערינגלט מיט סכנות; שפּייז־מיטלען האָבן זיי געהאַט זעהר קנאַפּע. די מאַנסבילן פֿלעגן גיין אויף געיעג, אָפּטשאַטעווען אַ חיה, דעריאָגן זי און דערהרגען מיט אַ פֿלאָקן, מיט אַ שאַרפֿן ביין אָדער מיט אַ שטיין. זיי פֿלעגן זיך דערנאָך אַרויפֿוואַרפֿן אויף דער דערהרגעטער חיה, אַרויסשניידן די ביינער און אויס־סמאָקטשען פֿון זיי דעם וואַרעמען מאַרך. די פֿרויען פֿלעגן בלייבן לעבן די וואוינונגען, קלייבן יאַגדעס, ווילד וואַקסנדיגע פֿרוכטן און זאָמען, אַרויסגראָבן פֿון דער ערד קרייטאַכצער. די היילן גופֿא, וואו דער מענש פֿלעגט זיך באַהאַלטן פֿון קעלט און שטורעם, האָבן אים ניט געקאָנט אינגאַנצן באַשיצן פֿון סכנות: אַמאָל פֿלעגט אים אָפּגליקן אַרויסצוטרייבן אַ חיה פֿון איר הייל און אַליין פֿאַרנעמען איר אָרט, נאָר אַן אַנדערשמאָל האָט ער אַליין געמוזט אָפּטרעטן פֿאַר אַ שטאַרקערער חיה. דער היילנמענש האָט פֿון קיין בגד ניט געוואוסט. פֿון קעלט פֿלעגט ער זיך צודעקן מיט אַ פֿעל, אַראָפּגעצויגן פֿון אַ חיה; זיינע לאַנגע האָר האָבן

געפֿלאַטערט אויפֿן ווינט, זיין קערפּער פֿלעגט ער אויסרייבן מיט פֿאַרב אָדער אויסשטעכן אויף אים געמעלן (טאַטואירן זיך). קיין פֿעסטקייט און זיכערקייט איז אין זיין לעבן בכלל ניט געווען: ווען ער האָט פֿאַרלענדט אַלע חיות אין שכנישן וואַלד, איז ער געווען געצוואונגען צו וואַרפֿן זיין וואוינונג און גיין זוכן זיך אַ נייע.

נאָר איין גרויסן פֿאָרשפּרונג האָט ער געהאַט איבער אַלע בעלי־חיים. ער האָט שוין געקענט דאָס פֿייער און פֿאַרשטאַנען דאָס צו מאַכן דורך רייבן טרוקענע צווייגן. ביזאַהער האָט מען נאָך ניט געפֿונען סימנים פֿון אַזאַ מין ווילדן שטייגער לעבן, וואו מענשן זאָלן נאָך ניט זיין באַקאַנט מיט פֿייער. אַ שייטערהויפֿן, צעלייגט אינמיטן הייל, פֿלעגט צונויפֿקלייבן אַרום פֿייער דאָס הויזגעזינט נאָך אַ שווערן געיעג; אַרום אים פֿלעגט מען זיך וואַרעמען און פֿאַרברייננגען די נאַכט; אויפֿן פֿייער פֿלעגט מען קאָכן שפּייז.

די אַלטע שטיינצייט. זעהר שלעכט און שוואַך זיינען געווען די געצייג, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין מענשנס רשות; זיי זיינען געווען אַזוי ווי אַן איבערחַזורונג אָדער אַ המשך פֿון זיינע הענט און פֿיס, פֿינגער און פֿויסטן. ער פֿלעגט אָפּזוכן שאַרפֿע און פֿעסטע ביינער פֿון חיות און פֿיש, נעמען די הערנער פֿון גרויסן הערש און פֿון ווילדן חזיר, אָנקלייבן שאַרפֿשפּיציגע און דינע שטיקלאַך פֿייערשטיין.

ביסלאַכוויז האָט ער גענומען באַאַרבעטן די געצייג: דורך קלאַפּן מיט איין שטיין אויפֿן ראַנד פֿון אַ צווייטן, פֿלעגט ער פֿונם לעצטן אַראָפּהאַקן קליינע שטיקלאַך און פֿלעגט אַזוי־אַרום אָנשאַרפֿן דעם עק אָדער דעם קאַנט פֿונם פֿייערשטיין. ווענדליג דער גרייס פֿונם שטיין, פֿלעגט ער באַקומען דאָס אויסזעהן פֿון א מין האַק, פֿון אַ מעסער, אַ שאָבער. מיט אַזאַזעלכע געצייג האָט מען געקאָנט געבן גרעסערע קלעפּ אויף געיעג, שניידן פֿלייש, שאָבן די פֿעל פֿון אַ חיה, דורכשטעכן די הויט, אַראָפּציהען קאָרע פֿון אַ בוים.

ס'זיינען אַוועק נאָך אַסך יאָרהונדערטער. אין דער באַאַרבעטונג פֿון שטיין איז דער מענש דערגאַנגען צו גרויסער מייסטערשאַפֿט. מיט אַ דינעם שאַרף, מיט אַ שפּיץ אָדער עקבער פֿון שטיין האָט ער געקאָנט הובלען, אָנשאַרפֿן און עקבערן ביינער און הערנער פֿון חיות. ער האָט שוין איצט געהאַט אַ גאַנצן וואַרשטאַט מיט פֿאַרשיידענע געצייג. און נאָך אַ וואונדערליכע פֿעהיגקייט האָט דער מענש פֿון דער אַלטער שטיינצייט אַרויסגעוויזן. אויף די ביינער און הערנער, וואָס האָבן אים געדינט

פֿאַר געצייג, אויף פֿעלזן און אויף די אינעווייניגסטע ווענט פֿון די היילן האָט ער מיט אַ שפּיצינן געצייג געצייכנט געמעלן, על פּי רוב בילדער פֿון בעלי־חיים: אַ מאַמאָנט, אַ הערש, אַ ביזאָן, אַ ווילדפֿערד. די־ דאָזיגע געמעלן זיינען זעהר פֿיין געמאַכט; זיי באַווייזן אַ באַאָבאַכטונג־

נעצייג פֿון דער אַלטער שטיינצייט: אַ שאָבער, אַ קאָפּ פֿון אַ האַק; אַ מענשנקאָפּ, אויס־ געשניטן פֿון הערשנהאָרן; אַ דורכגעעקבערטער הערשנהאָרן, וואָס אויף אים זיינען אויס־ געמעלט פֿערד.

קראַפֿט און אַ זיכער אויג. אָט האָבן צוויי הערשן אָנגעשטעלט מיט כעס די הערנער קעגנאַנאַנד; אָט האָט אַ צעווילדעוועטער ביזאָן אויפֿגעשטעלט זיין וואָל און אויסגעבויגן זיין גוואַלטיגן הויקערדיגן רוקן. אָדער נאָך וואָס: פֿון ביין, פֿון אַ מאַמאָנטצאָן, פֿון שטיין איז אויסגעשניצט די פֿיגור פֿון אַ מענשן, אַ הירזשענדיג ווילדפֿערד, הערשן, וואָס האָבן זיך צוגעזעצט אויף דער ערד. אין דידאָזיגע געמעלן און פֿיגורן שטעקט דער אָנהייב פֿון דער מענשליכער ק ו נ ס ט. זי האָט קיין שום ממשותדיגן נוץ ניט געהאַט: דער ווילדער מענש האָט עס געטאָן פֿון פֿאַרגעניגן וועגן, ער האָט זיך געוויילט, שענער געמאַכט מיט וואָס ער האָט געקאָנט, זיין חושכדיג לעבן; אַ שאַרפֿזעהעדיגער און דרייסטער יעגער, האָט ער אויסגעמעלט דאָס, וואָס איז געשטאַנען פֿאַר זיינע אויגן.

אנהייב פֿון בהמות־האדעוואַניע און ערדבאַארבעטונג. טויזנטער יאָרן זיינען אַוועק, און דאָס קלימאַ אין איראָפּע האָט זיך ווידער אומגעביטן. ס'איז געוואָרן אַביסל וואַרעמער און פֿייכטער. ס'זיינען פֿאַר־שוואונדן אַסך מינים גרויסע חיות, דער מאַמאָנט, דער הייל[?]נבער, דער גרויסער ווילדאָקס, און עס האָבן זיך פֿאַרמערט די בעלי־חיים, וואָס געהערן צו אונזער ציט. מענשן האָבן אָנגעהייבן וואוינען אויף אָפּענע פלעצער, אין טאָלן פֿון טייכן, וואָס זיינען רייך מיט געוויקסן, ביי די ראַנדן פֿון וועלדער, אויפֿן ברעג־ים. זיי פֿלעגן שוין מער ניט אַרומבלאָנקען, צו זוכן ערטער, וואָס זיינען רייך מיט געווילד. זיי האָבן געזוכט צו באַזעצן זיך פֿעסטער און אָנגרייטן זיך שפּייז פֿאַר דער הונגעריגער ציט פֿון יאָר. צוליבדעם האָט דער מענש אָנגעהייבן צונויפֿטרייבן די חיות און פֿויגלען, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט האָבן, האַלטן זיי הינטער צאַמען, און טייל פֿון זיי האָט ער גענומען צוגעוואוינען צו זיך. דער ערשטער איז געוואָרן אַ שטוב־חיה דער הונט, וואָס איז אליין צוגעשטאַנען צום מענשן און איז געוואָרן זיין חבר אויף געיעג. שפּעטער האָט מען צוגעוואוינט שאָף, ציגן, חזירים. די צוגעוואוינטע בעלי־חיים זיינען צוערשט געווען קליין און שלעכט; מען האָט זיי על פי רוב געהאַלטן נאָר צום קוילען. אַזוי־אַרום האָט זיך לעבן געיעג באַוויזן ב ה מ ו ת ־ ה אָ ד ע ו ו אַ נ י ע.

ס'האָט זיך אויך אַ רוק געטאָן די אַלטע ווייבערשע מלאכה — דאָס אַרויסבאַקומען געוויקסנשפּייז. אָנשטאָט צו גיין און זוכן צופֿעליג אויס־געוואַקסענע גראָזן און קרייטאַכצער, האָבן די פֿרויען גענומען איבערזעצן און פֿלאַנצן ניט ווייט פֿון שטוב יענע מינים, וואָס דערמיט האָט מען זיך מער פֿון אַלץ געשפּייזט: אויבסבוימער, און באַזונדערס תבואה־גראָזן,

גערשטן, הירז, ווייץ. בכדי די תבואה זאָל בעסער וואַקסן, פֿלעגט מען די ערד אויפֿגראָבן מיט אַ גראָבשטיק, ד. ה. אַ שטעקן מיט אַ פּאָר־בויגענעם שפּיץ אָדער מיט אַ האָק ביים עק; פֿון אַקער האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט, און בהמות פֿלעגט מען צו אַרבעט ניט נוצן. דאָס איז נאָך ניט געווען קיין ערדאַרבעט; ריכטיגער איז אָנצורופֿן אַזאַ ווירטשאַפֿט גערטנעריי. צוערשט האָט מען קיין ברויט ניט פֿאַרשטאַנען צו באַקן. די קערנער פֿלעגט מען אָדער לאָזן צוברענען אָדער ווייך מאַכן אויף אַ האַנטמיל, וואָס איז באַשטאַנען פֿון צוויי שטיינער, איינער איבערן אַנדערן, און מען פֿלעגט אָטדי שלעכט צעריבענע מעל אויפֿקאָכן. די אַרבעט פֿון אַרויסבאַקומען שפּייז איז געווען אַזוי צעטיילט, אַז אין קבר פֿון א מאַנסביל פֿלעגט מען אַריינלייגן די געיעגמעסערס, און מיט אַ פֿרוי פֿלעגט מען באַגראָבן איר מיל.

פּאַליעס־בנינים. די בהמות־האָדעווער און די גערטנערינס האָבן שוין ניט געזוכט קיין צופֿעליגן רוהפּלאַץ אין הילן אָדער אויף ביימער. זיי האָבן אָנגעהייבן בויען הייזער, ענליך צו די באַהעלטענישן, וואָס זיי האָבן געפֿונען אין דער נאַטור. אָדער זיי פֿלעגן אַליין צונויפֿלייגן פֿון גרויסע שטיינער א הייל, אָדער זיי פֿלעגן אויסגראָבן אַ גרוב, און צודעקן זי מיט אַ קיילאַכיגן דאַך פֿון פֿעסט פֿאַרפֿלאָכטענע צווייגן. אָדער זיי פֿלעגן אויך בויען הילצערנע שטיבלאַך אויף פּאַליעס אינמיטן אָזערעס



אָנבליק פֿון פּאַליעס־בנינים אויף אַן אָזערע.

און זומפן. שוין דער אָנבליק פֿון די בנינים באַווייזט, ווי ווייט דידאָזיגע מענשן זיינען אַוועק פֿון די היילנאַיינוואוינער.

אין גרונט ניט ווייט פֿון ברעג פֿלעגט מען אַריינשלאָגן פּאַליעס, זייערע עקן איבערן וואַסער פֿלעגט מען פֿאַרבינדן דורך קווערבאַלקנס און דערויף אָנלייגן אַ דיל פֿון קלעצער; אָטדעם ניטגלאַטן דיל פֿלעגט מען באַדעקן מיט ליים, זאַמד און שטיינער, און דערויף פֿלעגט מען שטעלן עטליכע שטיבלאַך. דאָס פּאַליעסדערפֿל פֿלעגט ווערן פֿאַרבונדן מיטן ברעג דורך אַ בריקל אָדער אַ דאַמבע, נאָר אַזעלכע, אַז עס איז גרינג געווען זיי צו צענעמען. דער מענש האָט אויך געקאָנט אַרויספֿאָרן פֿון זיין וואוינונג אויף אַ שיפֿל, אויסגעהוילט פֿון איין גרויסן קלאָץ. די וואוינונגען אינמיטן וואַסער האָבן געדינט פֿאַר אַ גוט באַהעלטעניש פֿון ווילדע חיות; אַ צווייטע מעלה איז געווען, וואָס דאָ האָט מען געקאָנט אונטערדערהאַנט כאַפּן אַסך פֿיש. אויפֿן ברעג פֿון דער אָזערע קעגנ־איבער די פּאַליעסדערפֿער זיינען געלעגן וועלדער און ווידפֿלעצער, וואו די איינוואוינער זיינען געגאַנגען אויף געיעג און האָבן געפּאַשעט זייערע בהמות, און צווישן די פֿאַרוואַקסענע פֿלעצער האָבן זיך געצויגן שמאָלע פּאַסן פֿון זייערע גערטנער און פֿעלדער.

ניט אומעטום זיינען פֿאַראַן גרויסע אָזערעס; נאָר אויב מענשן פֿלעגן זיך באַזעצן אַפֿילו אין אַזעלכע ערטער, וואו קיין גרויס וואַסער איז ניט געווען, פֿלעגן זיי דאָרטן אויך בויען זייערע הייזער אויפֿן זעלבינן שטייגער, ווי זיי זיינען שוין געוואוינט געווען. אַזוי האָבן זיך באַוויזן פּאַליעסדערפֿער אויף דער יבשה: מען האָט זיי געבויט נאָהענט צו אַ טייך, וואו ער האָט געקאָנט פֿאַרפֿלייצן דעם ברעג, אָדער אויף וואַלדלאַנקעס, וואו עס זיינען געווען אויסגעהאַקט די בוימער. דאָס דאָרף, וואָס איז געווען אוים־געבויט אויף דער יבשה, פֿלעגט מען אַרומצאַמען צום שוץ דורך אַ גראָבן און אַ וואַל. דעם וואַל פֿלעגט מען מאַכן פֿון געקרייצט שרעג אַריינ־געשלאָגענע פּאַליעס, וואָס דערויף פֿלעגט מען אָנשיטן ערד; פֿון אינע־ווייניג פֿלעגט מען נאָך צושטעלן צו אָטדעם אויפֿשיט לאַנגע פּלאַנקעס, דעם ליידיגן אָרט צווישן זיי פֿאַרלייגן מיט ליים און בינטלאַך טרוקענע צווייגן, און פֿונאויבן איינטראַמפּעווען מיט זאַמד און שטיינער. פֿלעגט אַרויסקומען אַ פּירקאַנטיגע פֿעסטונג, געווענדט מיט אירע זייטן צו די פֿיר וועלטגעגנטן. די שטיבלאַך אויף דער פּאַליעסדיל זיינען געווען קליינע, אָנדערהאַלב אָדער צוויי קלאַפֿטער די ברייט, פֿון גלייכע קלעצער, איבער־געפֿלאָכטן מיט צווייגן און באַשמירט מיט גראָהען ליים. קיין אויוונס און קוימענס זיינען ניט געווען; פּונקטווי פֿריהער, פֿלעגט מען אָנצינדן אַ

שייטערהויפֿן אינמיטן וואוינונג; דער רויך פֿון אים פֿלעגט אַרויסגיין דורך דער עפֿענונג, וואָס איז געווען געמאַכט אויבן אָדער ביידערזייט. די וואוינונג איז געווען געטיילט אויף צוויי העלפֿטן; אין איינער האָט מען געהאַלטן די בהמות, אין דער צווייטער האָבן געוואוינט די מענשן; דאָ איז געווען אינמיטן אויסגעלייגט מיט שטיינער אַ פלאַץ פֿאַרן פֿייער.

איצט וואָלט אונז אַזאַ פֿאַליעסדאָרף אויסגעוויזן נאַס און שמוציג. אַרום איז אומעטום געשטאַנען וואַסער; פֿאַרשיידענע שמוץ און שפּייז־אָפּפֿאַלן פֿלעגט מען פשוט אַראָפּוואַרפֿן אונטערן דיל. פֿון אָטדי אַלע אָפּפֿאַלן האָבן זיך אָנגעקליבן גרויסע הויפֿנס, וואָס האָבן דערגרייכט ביזן דיל. אַזאַ איינגעבויט הילצערן דאָרף האָט אויך געקאָנט גרינג אָפּ־ברענען; דעמאָלט פֿלעגט מען אויפֿן אַלטן הויפֿן, וואָס איז אויסגעמישט געוואָרן מיטן אַש, ווידער אַרייַנשלאָגן די פֿאַליעס און אויסבויען אַ נייַ דאָרף.

די נייַע שטיינצייט. אויף אויסצוהאַקן בוימער, אַרומצוטעשען גרויסע קלעצער האָט מען באַדאַרפֿט האָבן זעהר שטאַרקע און גרויסע געצייג. די מענשן פֿון די פֿאַליעס־בנינים האָבן מיט גרויס קונסט אַרומ־געהאַקט און אַרומגעשליפֿן שטיינער; זיי פֿלעגן דורכעקבערן שטיינערנע העק, בכדי אַרייַנצוזעצן אין זיי העגטלאַך פֿון ביין, האָרן, האָלץ; פֿלעגן אויסדלובן אַרום די האַמערס גריבלאַך, בכדי צוצובינדן צו זיי העגטלאַך מיט אַן אָדער פֿון אַ בעל־חי אָדער מיט אַ פֿעדימדיגן גראָז; די שאַרפֿן זייַנען אָפּטמאָלס געווען גלאַט אָפּפּאָלירט. איצט זייַנען שוין געווען די פֿאַרשיידנסטע מינים אינסטרומענטן און געווער: זעגלאַך, קינזשאַלן, פֿיילן, שפּיזן, שפּינדלען א. אז. וו.

דאָס מאַכן פֿון געצייג און דאָס בויען איז געוואָרן אַ שווערע רעגל־מאָסיגע באַשעפֿטיגונג, אַ מ ל א כ ה, וואָס מען האָט צו איר באַדאַרפֿט האָבן אַ באַזונדער געשיקטקייט און כוח; מיט אָטדי אַרבעטן זייַנען געווען פֿאַרנומען מאַנסבילן. ערטערווייז געפֿינט מען איצט סימנים פֿון וואַר־שטאַטן, וואו ס'האָבן געאַרבעט אינאיינעם אַסך שטיינהאַקערס, טאָקערס און געווערמאַכערס. זיי האָבן באַדאַרפֿט האָבן גרויסע לאַגערס פֿרישן מאַטעריאַל. דער בעסטער פֿייערשטיין ליגט טיף אונטער דער ערד; אויף אים צו באַקומען, פֿלעגט מען גראָבן טיפֿע ברונימער אָדער שאַכטעס. לעבן די מאַנסבילשע מלאכות האָבן זיך אויך באַוויזן אַנדערע — ווייבערשע. די ווייבער פֿלעגן פֿלעכטן קערב און מאַכן כלים פֿון ליים. צוערשט האָט מען צוגעקלערט צו באַשמירן מיט קלעפּיגן ליים אַ געפֿלאָכטן קערבל, בכדי מען זאָל עס קאָנען שטעלן אויפֿן פֿייער. דערנאָך האָט מען גע־

נומען אויסקלעפּן טעפּ, קריג, שיסלען א. אז. וו. נאָר פֿון שטיקער אָדער שיכטן ליים; דערנאָך פֿלעגט מען זיי לאָזן אויסטריקענען אויף דער זון. נאָך אויף אַן אַנדער מלאכה האָט די פֿרויען אָנגעשטויסן זייער באַקאַנטשאַפֿט מיט געוויקסן. זיי האָבן באַמערקט די פֿאַזערדיגע שטיינגלאַך פֿון פֿלאַקס און קאַנאָפּלע, האָבן זיך אויסגעלערנט צו שפּינען דערפֿון פֿעדים און דרייען שטריק, שפּעטער אויך צו וועבן געוואַנט. אין שטיבל האָבן זיך באַוויזן שפּינדלען און וועבשטולן, וואָס דערויף האָבן די פֿרויען געוועבט לייוונט.



געצייג פֿון דער נייער שטיינצייט: אַ זעג, אַ שפּיץ פֿון אַ שפּיז, אַרומגעהאַקטע העק.

די מענשן פֿון דער נייער שטיינצייט זיינען שוין ניט געגאַנגען אָהן קליידער. זיי פֿלעגן זיך אָנטאָן מיט אַ לאַנגן העמד מיט אַרבלען און אַרומגאַרטלען זיך; פֿונאויבן פֿלעגן זיי נאָך אַרויפֿוואַרפֿן אַ פּלאַכטע; סיי מאַנסבילן און סיי באַזונדערס פֿרויען פֿלעגן באַפּוצן די האַלז, די הענט, די פֿיס, די קאָפּפֿריזור מיט האַלזבענדער, בראַנזעלעטן, נאָדלען און רינגען פֿון פּאָלירטע קאָלירטע שטיינדלאַך, ציינער, מייערקעפּלאַך וכדומה.

די בעלי מלאכות פֿון דער נייער שטיינצייט פֿלעגן ערטערווייז פֿאַרטיק מאַכן אַזויפֿיל געצייג און כלים, אַז די מותרות האָבן זיי גענומען אָפזעצן אינדערפֿרעמד. קאַראַוואַנען הענדלערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פאַזע די טייכן, איבער באַרגשטעגלאַך און דורכגיינג; די אויסאַרבעטן פֿלעגט מען טראָגן אויף די אַקסלען, פֿירן אויף האַנטוועגלאַך, אויפֿלאָדן אויף קעמלען און פֿערד, איינפאַקן אין שיפֿלאַך. דער האַנדל פֿלעגט איצט פֿאַרטראָגן די סחורה זעהר ווייט פֿונם מייסטער. פֿאַרקערט, גאָר פֿון מרחקים פֿלעגט מען ברייגנען צו פֿירן שיינע מינים שטיינער, וואָס האָבן געדינט פֿאַר אַ מאַטעריאַל צום אויסאַרבעטן.

אָנהייב פֿון ערדאַרבעט און פֿון דער בראָנזעצייט. אַז מענשן האָבן איינגעזעהן, אַז תבואה וואַקסט בעסער, ווען מען גראָבט טיפֿער אויף די ערד, האָבן זיי גרעסער געמאַכט דאָס גראָבשטיק, פֿעסטער דעם האַק און לייגנער דאָס הענטל: איז אַרויסגעקומען אַן אַקער. אַן אַקער מוז מען שלעפן איבערן גאַנצן פֿעלד און מען מאַכט דורכדעם אַ לאַנגן ריוו. צוערשט האָבן די מענשן אַליין געשלעפט דעם אַקער. שפעטער האָט מען גענומען איינשפאַנען אין אַקער אָקסן, און דער מענש איז געגאַנגען פֿונהינטן, בכדי צו האַלטן דעם אַקער אין אַ גראָדער ליניע און דורך אָנשפאַרן זיך אויף אים, מאַכן טיפֿער דעם ריוו. דערדאָזיגער אופֿן אַרבעט מיט אַ שטאַרקן געצייג און מיט אַן אַרבעט־בהמה איז שוין אמתע ערדאַרבעט. ניט אַזוי גיך האָט מען דעם אָקס איינגעהאַמעוועט; נאָר ווייבאַלד דער מענש איז אים שוין בייגעקומען, האָט מען אויפֿן אָקס אָנגעהייבן פֿירן משאות, איינשפאַנען דעם בעל־חי אין וואָגן. צוליב דעמזועלבינגן צוועק האָט דער מענש פֿאַרכאַפט אויך דאָס פֿלינקע פֿערד. דידאָזיגע אַרבעטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו פֿאַנגען בעלי־חיים און צו האָדעווען זיי, זיינען על פי רוב ניט פֿאַר די כוחות פֿון די פֿרויען, וואָס זיי פֿלעגן דאָס אַמאָליגע צייטן באַאַרבעטן די ערד; נאָר אָפטמאָל פֿלעגט דער בהמות־האָדעווער האַלטן אַן אַרבעט, וואָס ציהט צו דער ערד, נידעריג און ניט פאַסיג פֿאַר אַ פֿרייען מאַן און פֿלעגט שיקן אין פֿעלד אַריין שוואַכע פֿרויען, האַלבדערוואַקסענע, אַלטע לייט.

צוגלייך מיט דער ערדאַרבעט האָט זיך אַ רוק געטאָן אויך די בהמות־האָדעוואַניע. דער מענש האָט אַרויסגעפֿונען נאָך אַ נייעם שפייזמיטל. ביי דער ווילדער קוה פֿלעגט קלעקן מילך קוים פֿאַרן קאַלב; אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביים מענשן האָט זיך די בהמה בעסער אָפגעפאַשעט, האָט זי אָנגעהייבן געבן מער מילך, און אָטדעם מותרות האָבן די מענשן צוגענומען פֿאַר זיך. דער אָנדיינק וועגן אָטדעם נייעם איז געבליבן אויפֿ־

לאַנג: מילך האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ יום־טובדיגער שפּייז, וואָס מען פֿלעגט זיך טיילן דערמיט מיט די געטער און אויסגיסן אַ טייל דערפֿון פֿאַר זיי אויף דער ערד. אַ נייעם נוץ האָט מען אַרויסגעפֿונען אויך פֿון די דַקות, שאָף און ציגן: פֿון די בעסערע מינים האָט מען גענומען שערן די וואָל און דערפֿון מאַכן שטאַרקע און שיינע געוואַנטן. אינם מענשנס גאַנצן פֿיר איז געוואָרן אַ גרויסער אומבייט, און ער האָט קלאָר איינגעזעהן, וויפֿיל נייע רייכטימער עס האָט אים געבראַכט די צוגעוואוינונג פֿון די בעלי־חיים. דעריבער האָט מען אין אַסך ערטער אָנגעהייבן האַלטן דעם אָקס, אָדער קאַלב, פֿאַר אַ געטליכן כוח, און מען האָט געגלויבט, אַז אַ גאָט באַזעצט זיך אין אָט דער שטאַרקער בהמה, וואָס דער מענש האָט פֿון איר אַזויפֿיל טובות.

דאָסועלביגע, וואָס מיט די בעלי־חיים, האָט זיך איינגעגעבן צו מאַכן אויך מיט אייניגע ווילדע געוויקסן: אַריבערגעטראָגן זיי פֿון וואַלד אָדער סטעפּ צו זיך אין גאָרטן, האָט דער מענש אויסגעבעסערט זייער מין, דורכדעם וואָס ער פֿלעגט אויספּאָלאָווען די ווילדגראָזן אויף די בייטן, אָדער ער פֿלעגט מַרכּיב זיין צווייגן פֿון גוטע קוסטעס צו שלעכטע. פֿון די אָטאַזוי אויסגעהאָדעוועטע געוויקסן זיינען די וויכטיגסטע געוועזן דער ווייַנשטאָק און דער איילבירטנבוים.

אין גרויסע בעל־הבתישקייטן האָט מען געמוזט האָבן שטאַלן פֿאַר בהמות, שפּייכלערס פֿאַר תבואה, קאַמערן אויף אָפּצולייגן פּירות און גרינסן. די שטיינגעצייג זיינען געוועזן צו קליין און ברעכעווידיג צוליב די נייע אַרבעטן. האָט מען געדאַרפֿט געפֿינען אַ זעהר שטאַרקן מאַטעריאַל, בכדי צו מאַכן פֿון אים גרויסע שטאַרקע שאַרפֿן פֿאַר די אַקערס, שווערע האַמערס און העק, גרויסע רידלען. פֿאַר אַזאַ מאַטעריאַל האָבן געקאָנט דינען מעטאַלן. זעלטן געפֿינט מען מעטאַלן אין אַ ריינער געשטאַלט; געוואוינליך זיינען זיי אויסגעמישט אין אַרץ מיט פֿאַרשיידענע געשטיינען און ערד. מען דאַרף האָבן היפּש קענטשאַפֿט אויף צו דערקענען אַן אַרץ, אַרויסבאַקומען דעם מעטאַל פֿונם געמישאַכץ און איבערשמעלצן אים אין פֿאַרשיידענע פֿורעמס; צוליבדעם דאַרף מען באַנוצן פֿייער.

גרינגער פֿון אַלץ לאָזט זיך שמעלצן קופּער. נאָר קופּער איז צו ווייך; אַ קופּערנער שפּיץ אָדער שאַרף פֿאַרבויגט זיך גיך און ווערט טעמפּ. דעריבער האָט מען צוליב פֿעסטקייט אָנגעהייבן צומישן צום קופּער צין; דאָסדאָזיגע געמיש הייסט בראָנזע. אויף פֿאַרטיג צו מאַכן זאַכן פֿון בראָנזע, האָט מען געמוזט האָבן פֿורעמס פֿון שטיין אָדער ליים און אַריינגיסן אין זיי צעשמאָלצענעם מעטאַל, אָדער מען האָט געמוזט קלאַפּן

אויף אָנגעגליהטע ווייכע פֿאַסן מיט אַ האַמער און אויסשמידן פֿון זיי שאַרפֿן, טשוועקעס, שאַרפֿשפיציגע שטעקלאַך א. אז. וו.



אַ מעסער פֿון בראָנזע.

זיינען אויפֿגעקומען גרויסע וואַרשטאַטן אויף צו באַאַרבעטן מעטאַל. ביזן היינטיגן טאָג זיינען אין אייניגע ערטער נאָך קענטיג סימנים פֿון אַמאָליגע שמידהייזער. זיי האָבן זיך געפֿונען ניט ווייט פֿון יענע ערטער, וואו מען פֿלעגט אַרויסגראָבן אַרץ. ווען דאָס פֿאָלק פֿלעגט אַריבערגיין אויף אַן אַנדער יישוב, פֿלעגן די שמידן און גיסערס בלייבן אויפֿן אַלטן אָרט; זיי איז דעמאָלט שוין אויסגעקומען אַרבעטן פֿאַר פֿרעמדע מענשן. ביי טייל פֿעלקער זיינען די שמידן געשטאַנען זעהר נידעריג, טאַקע דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען געווען פֿון אַ פֿרעמדן שבט; ביי אַנדערע, פֿאַרקערט, האָבן זיי געהאַט גרויס כבוד, מען האָט זיי געהאַלטן פֿאַר מכשפים, וואָרעם זייער שווערע מלאכה האָט צוגלייך אויסגעוויזן צו זיין אַ קונציגע און סודות־פֿולע זאַך.

צוגלייך מיט די אויסאַרבעטונגען פֿון מעטאַל האָט זיך באַוויזן אַ באַזונדער מין לוקסוס און רייכטום. די גלאַנציגע, גלאַטע און קלינגענדיגע, געלע, ווייסע און רויטליכע זאַכן, געמאַכט פֿון מעטאַל, זיינען די מענשן געפֿעלן געווען; אַלע זיינען געווען שטאַרק לָהוט נאָך זיי. פֿאַר דער בעסטער צירונג האָט מען גערעכנט בראָנזעלעטן, האַלזבענדער, אָרעמבענדער, רינגען, אויירינגלאַך, העקלאַך פֿון בראָנזע, גאָלד און זילבער. מיט מעטאַלפֿאַסן האָט מען גענומען באַשלאָגן די דעכער פֿון הייזער און די אויבערשטע טיילן פֿון די אינעווייניגסטע ווענט, די שוועלן און ביישטידלאַך פֿון טירן. די געשטאָרבענע פֿלעגט מען אַרויפֿלייגן אויף די פנימער מאַסקעס פֿון דינע גאָלדבלעכן. ווער עס האָט זיך געוואָלט באַרימען, דער פֿלעגט זאָגן, אַז ביי אים אינדערהיים איז פֿאַראַן אַסך מעטאַל.

פֿאַראייניגונגען פֿון מענשן. די היילנמענשן האָבן געלעבט צערוואָרפֿן, איטליכע משפחה פֿאַר זיך. בלויז צוליב אַ גרויסן געיעג פֿלעגן זיי זיך צונויפֿקלייבן אויף אַ געוויסער צייט אין קליינע מחנות, צו עטליכע צעהנדליג מאַן. די מענשן פֿון דער נייער שטיינצייט האָבן געלעבט אין

גרעסערע געזועלשאַפֿטן און יישובים. די בהמות־האָדעווערס פֿלעגן זיך שוין צונויפֿנעמען אין גרויסע לאַגערס; ווען אין דער געגנט אַרום פֿלעגט אויס־גיין פּאַשע פֿאַר די בהמות, פֿלעגט דער גאַנצער לאַגער מיטאַמאָל זיך אַריבערקלייבן אין אַן אַנדער אָרט. די ערדאַרבעטער האָבן געבילדעט אַ געמיינדע און פֿלעגן צעטיילן צווישן זיך אַ גרויסע וואַלדלאָנקע, אַרומגערינגלט מיט וואַלד אָדער אַ טייכטאָל; בויען פֿלעגן זיי זיך אָדער אין אַ געשלאָסענעם דאָרף, וואָס אַרום זיינען געלעגן פֿעלדער, לאָנקעס און ווייַדפּלעצער, אָדער אין איינציגע הויפֿן, ביי איטליכן הויף זיין פֿעלד און גרינסגאָרטן, נאָר מיט שותּפֿישע ווייַדפּלעצער. די בהמות־האָדעווער, פֿאַרגרעבט און קריגעריש, פֿלעגן ניט זעלטן אָנהייבן אַ מחלוקת מיט זייערע שכנים, מאַכן אָנפֿאַלן אויף זיי, בכדי צו פֿאַרכאַפּן רויב. די ערד־אַרבעטער זיינען געווען ווייכער פֿאַר זיי און האָבן מורא געהאַט פֿאַר מלחמה, וואָס דעמאָלט ווערן צעטראָטן פֿעלדער און עס גייט לאיבוד די אַרבעט פֿון אַסך יאָרן. האָבן יענע צוליב אָנפֿאַלן, די צוליב פֿאַרטיידיגן זיך געמוזט פֿאַראייניגן זיך אין פֿאַרבאַנדן. די, וואָס פֿלעגן אַריינגיין אין פֿאַרבאַנד, פֿלעגן אויסקלייבן, אויף דער צייט פֿונם אָנפֿאַל אָדער פֿאַר־טיידיגונג, פֿאַר אַן אָנפֿירער איינעם צווישן זיי, וואָס איז געווען באַ־וואוסט מיט זיין גבורה און פֿלינקייט. פֿאָלגן פֿלעגט מען אים נאָר בעת דער שלאַכט; ווען מען פֿלעגט זיך דערנאָך ווידער צעגיין איטליכער צו זיך אַהיים, פֿלעגט דער געוועזענער אָנפֿירער ווערן ווידער אַ פּשוטער מענש גלייך מיט אַלעמען.

דידאָזיגע פֿאַרבאַנדן זיינען געווען זעהר ניט גרויס לגבי די מלוכות און אפילו פּראָווינצן פֿון אונזער צייט. האַנדל און אַרומוואַנדערנדיגע בעלי־מלאכות האָבן, אמת, דערנעהענטערט צווישנאַנאַנד מענשן פֿון פֿאַרשיידענע געגנטן; זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צונויפֿריידן זיך מיט אַנאַנד, ס'האָט זיך געשאַפֿן ביי זיי אַ שותּפֿישע שפּראַך. מענשן מיט איין שפּראַך און מיט גלייכע מנהגים האָבן געבילדעט אַ שֵׁבֶט, האָבן געוואוסט, אַז זיי זיינען נאָהענט צואַנאַנד. נאָר אַ שבט האָט על פּי רוב ניט געהאַט איבער זיין איין אויבערהאַר. אין שלום־צייט האָט איטליך דאָרף געפֿירט זיין איינגעשלאָסן לעבן. ווען עס פֿלעגט אַרויס־קומען עפּעס אַ מחלוקת צווישן שכנים, אָדער איין מענש פֿלעגט אין עפּעס באַעוולן דעם צווייטן, האָבן די צעקריגטע געקאָנט זיך פֿאַרלאָזן נאָר אויף זייערע אייגענע כוחות; איטליכער האָט זיך פֿאַרטיידיגט קעגן זיין בעל־עולה אָדער שונא, ווי עס האָט זיך געלאָזט: ער פֿלעגט צונויפֿ־קלייבן זיינע נאָהענטע פֿריינט, נעמען נקמה, זוכן אָנצוטאָן שאָדן דעם

שונא. נאָר אַמאָל פֿלעגט מען זיך אויך ווענדן צום משפּט פֿון אַ בורר, עפּעס אַ קלוגן זקן אָדער אַ מענטשן, וואָס מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר נאָהענט צו די איבערנאַטירליכע כוחות.

ניט זעלטן פֿלעגן אויפֿקומען אייגנע ברודערשאַפֿטן צווישן מענטשן פֿון איין עלטער, באַזונדערס צווישן יונגע און שטאַרקע, אַן ערך פֿון 18 ביז 30 יאָר אַלט. זייער פֿאַרבונד פֿלעגן זיי באַקרעפֿטיגן דורך עפּעס אַ סודות־פֿולער צערעמאָניע, אַשטייגער, איטליכער פֿלעגט אַרויסצאַפּן ביי זיך עטליכע טראָפּנס בלוט, און אַלעמענס בלוט פֿלעגן זיי אויסמישן אין איין גריבל: נאָך דעם פֿלעגן זיי זיך רעכענען פֿאַר ברידער. אונטערגעוואַקסענע יונגע בחורים פֿלעגן זייערע עלטערע חברים לאָזן אויסשטיין האַרבע פּרובענישן: מען פֿלעגט זיי שיקן צו איינעם אויף אַ געפֿערליכן געיעג, צובינדן צו אַ בוים און באַשיסן מיט פֿיילן וכדומה. ווען זיי פֿלעגן אונטער די קלעפּ און דעם חוזק, וואָס מען האָט פֿון זיי בעת מעשה געמאַכט, אַרויסווייזן גבורה, פֿלעגט מען זיי האַלטן פֿאַר ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין דער ברודערשאַפֿט. די אָנגערופֿענע ברידער פֿלעגן על פּי רוב פֿאַרלאָזן זייערע משפּחות אין באַזונדערע וואוינונגען און פֿלעגן וואוינען בחברותא אַלע אינאיינעם אין אַ גרויסן מאַנסבילהויז. דאָס איז געווען אַ גרויסער חדר, וואו אַלע האָבן געגעסן און געשלאָפֿן, אַרומגערינגלט מיט אַ זאַווּיסע און ניט זעלטן באַפֿעסטיגט; דאָרט איז אויך געווען באַהאַלטן דאָס געווער. יעדער איינציגער מיטגליד פֿון פֿאַרבאַנד האָט געמוזט פֿאָלגן אין אַלצדינג דעם ווילן פֿון די חברים; אָפֿט, אַשטייגער, האָט ער ניט געטאָרט חתונה האָבן און באַזאָרגן זיך מיט אַ משפּחה, כל־זמן ער איז געבליבן אין דער ברודערשאַפֿט.

די ברודערשאַפֿט, וואָס איז געווען אַ קליינער חיל, האָט געהאַט איר אויסגעקליבענעם אָנפֿירער. אַמאָל פֿלעגט אַ פֿעהיגער, אונטערנעמערישער הויפּטמאַן צוציהען נייע מענטשן אין דעם חיל; נאָך אָפּגעגליקטע אָנפֿאַלן פֿלעגט זיך ביים אָנפֿירער מיט זיינע חברים אָנקלייבן אַסך רויב. ער פֿלעגט קריגן אַ שֵׁם איבערן גאַנצן לאַנד. מען פֿלעגט זיך פֿלייסן אים צו באַגיטיגן און ווערן מיט אים גוטפֿריינט; פֿלעגט מען פֿון אומעטום שיקן צו אים מתנות. ער האָט געקאָנט אַמאָל אויפֿהויבן און פֿירן נאָך זיך אַ גאַנצן שבט, למשל, ווען עס פֿלעגט אין דער געגנט קנאַפּ ווערן עסנוואַרג. דעמאָלט פֿלעגט ווערן אַ גאַנץ גערודער: אַסך משפּחות מיט ווייבער און קינדער פֿלעגן זיך לאָזן אין וועג אַריין אינאיינעם מיטן מעכטיגן אָנפֿירער: דאָס איז געווען די איבערוואַנדערונג פֿון אַ גאַנצן פֿאָלק. דער אָנפֿירער פֿלעגט דעמאָלט ווערן אַ פֿירשט אָדער קיניג.

פֿאַרצייטיגע גלויבונגען און צערעמאָניעס. גאָר די עלטסטע מענשן פֿלעגן באַגראָבן די פֿאַרשטאָרבענע לעבן זייערע פֿייערפּלעצער אין היילן און פֿלעגן מסתמא באַלד אָן זיי פֿאַרגעסן. די קברים פֿון דער נייער שטיינצייט פֿאַרנעמען באַזונדערע פּלעצער, אָפּגעשיידט פֿון די וואוינהייזער, און זיינען זעהר זאָרגעוודיג אויסגעבויט. דער סקעלעט פֿונם באַגראָבענעם געפֿינט זיך אָפֿטמאָלס אין אַ זיצנדיגער פּאָזע מיט די קני צוגעבויגן צום אונטערקין; אַרום אים זיינען אויסגעלייגט אין אַ סדר פֿאַרשיידענע זאַכן. קענטיג, אַז די וואָס האָבן באַגראָבן, האָבן געהאַט באַשטימטע פֿאָרשטעלונגען וועגן אַ לעבן אויף יענער וועלט.

דער טויט האָט אויף די מענשן געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם. ער האָט זיי אַרויפֿגעבראַכט אויף אַזעלכע רעיונות. דער מענש, וואָס איז געשטאָרבן, האָט אָקאָרשט נאָך זיך באַוועגט, גערעדט, געגעסן, געאַרבעט. איצט ליגט זיין קערפּער אָהן באַוועגונג און קאַלט. „ער איז אַוועק" פֿלעגט זיך זאָגן זיין איבערגעבליבענער קרוב, געבליבן איז נאָר די דירה, וואו ער האָט געוואוינט. נאָר אין פּנים זעהט דאָך דער פֿאַרשטאָרבענער אויס, פּונקטווי דער לעבעדיגער. דערפֿון האָט מען געדרונגען, אַז דער אַוועקגעגאַנגענער איז געווען דער בן־גיל (צווייטער „איך") פֿון דעם, וואָס ליגט איצט, ווי אַן אומבאַוועגליכער קערפּער. ביים לעבן איז דער בן־גיל געזעסן אין קערפּער; פֿון אים איז דאָס געגאַנגען דער וואַרעמער אָטעם, ער איז דאָס געווען דער „גייסט", דער רוח חיים. דעריבער האָט מען געגלויבט, אַז דער בן־גיל אָדער „גייסט" איז ענליך צו אַ פּאַרע, און אַזוי ווי אַ פּאַרע אָדער אַ ווינט, פֿליהט ער גרינג אַוועק.

ביים טויט גייט דער גייסט אָדער די נשמה אינגאַנצן אַוועק פֿון קערפּער. אין שלאָף פֿאַרלאָזט דער גייסט דעם קערפּער אויפֿאַצייט: דער חלום איז דאָס, וואָס ער זעהט בעת זיין וואָגלונג אין דער צייט, ווען דער קערפּער ליגט אָהן באַוועגונג אויף איין אָרט. דער גייסט קאָן אַוועקגיין פֿון קערפּער, אָבער לעבן אָהן אַ קערפּער קאָן ער ניט. ווען ער פֿאַרלירט זיין פֿריהערדיגן קערפּער, זוכט ער זיך אַ נייעם. פֿון אַ מענשן קאָן ער אַריבערגיין אין אַ חיה, אין אַ פֿויגל. וויי איז צו אים, ווען ער האָט קיין מקום־מנוחה ניט, ווען ער מוז לאַנג זיין נע־ונד. נאָר אַ צרה איז אויך דעמאָלט פֿאַר די קרובים פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם: ער וועט זיי פּייניגן, וואַרגן ביינאַכט, שרעקן אין חלום, בעת אַ שטורעם, וואָיען ווי אַ ווינט אַרום שטוב א. אז. וו. דעריבער מוז מען אָדער זיינער פּטור ווערן, ד. ה. פֿאַרשפּאַרן אים דעם צוגאַנג צוריק אין שטוב, פֿאַרטריבן אים דורך געשרייען און קולות אָדער דורך אַ מין קונץ, אָדער

מען מוז זאָרגן וועגן אים, פֿאַרשאַפֿן אים מנוחה, ד. ה. אים לאָזן ווידער וואוינען אין זיין פֿריהערדיגן גוף. צוליבדעם דאַרף מען דעם קערפּער באַהאַלטן גאַנצערהייט אין דער ערד אָדער אונטער גרויסע שטיינער. דאָרט אָבער מוז מען דעם טויטן געבן אַלץ, וואָס אַ מענש דאַרף האָבן צו זיין לעבן, מען דאַרף אַריינלייגן אַהין געציג, קליידער, צירונג; פֿון צייט צו צייט דאַרף מען געבן דעם פֿאַרשטאָרבענעמס גייסט אויך עסן און טרינקען, ד. ה. אָדער ברייגנען דאָס צו טראָגן צום קבר און דאָרט עס אַנידערלייגן און אויסגיסן, אָדער אָפּשיידן אין באַזונדערע טעג אַ טייל פֿון דער אייגענער שפּייז, אַרויסשטעלן עס אינדרויסן און דער־מאָנען דעם פֿאַרשטאָרבענעם ביים טיש. דעם מת לייגט מען אין אַן איינגעבויגענער פּאָזע, אַזוי ווי עס געפֿינט זיך דאָס נייגעבוירענע קינד, וואָרעם מען גלויבט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל געבוירן ווערן.



אַ קבר־גאַלעריי פֿון גרויסע שטיינער.

אַ בערגל איבער אַ שטיינערנעם קבר.

גייסטער און געטער. ווען דער פֿאַרשטאָרבענער איז געווען אַ מעכטיגער מאַן, דהיינו אַ האַר פֿון אַ גרויסער משפּחה אָדער אַ הויפּט־מאַן, דעמאָלט ווערט זיין גייסט אָפּגעגעבן אַ באַזונדער כבוד. איצט האָט מען פֿאַר אים מורא געהאַט נאָך מער ווי פֿריהער: ער האָט געקאָנט איצט אַריבערפֿליהען אַ רואה ואינו נראה; איטליכע צרה האָט מען גערעכנט ווי אַ פּועל־יוצא פֿון זיין כּעס. דערדאָזיגער גלויבן איז נאָך עד־היום געבליבן ביי די אומגעבילדעטע פֿעלקער אין דער פֿאָרשטעלונג וועגן „שטובגייסט", וואָס וואוינט אין קוימען אָדער אונטערן שוועל פֿון הויז.

מען האָט אויך געגלויבט, אַז דעם גייסט קאָן מען צוציהען און באַ־זעצן אין אַ הויכן שטיינערנעם סלופּ אָדער מצבה, וואָס איז אַוועקגעשטעלט

ביים קבר אדער אויף אַ שיידוועג. צוליב מעכטיגע גייסטער פֿלעגט מען אויסבויען אַ גאַנץ שטיינערן הויז: זיי באַדאַרפֿן לעבן לייגער, איידער לעבעדיגע מענשן, דערפֿאַר דאַרפֿן זיי אויך האָבן אַ פֿעסטערע, שטאַרקערע וואוינונג.

פֿון געוואַלטיגע שטיינער, צוגערוקט פֿעסט, שטייענדיג צואַנאַנד, פֿלעגט מען צונויפֿלייגן אַ גרויסן חדר, אַסך גרעסער, איידער אַ וואוינ־שטוב; איינער פֿון די שטיינערנע חדרים, וואָס מען האָט געפֿונען אין שפּאַניען, האַלט ביי 12 קלאַפֿטער די לייגג און 3 קלאַפֿטער די ברייט. פֿונאויבן פֿלעגט מען אַרויפֿלייגן אַ דאַך פֿון שווערע שטיינער; צו דער טיר האָט געפֿירט אַ לאַנגער גאַנג, צונויפֿגעלייגט פֿון קלענערע שטיינער, וואָס דורך אים האָט מען געקאָנט דורכגיין נאָר פּויזענדיג. אַזעלכע שטיינערנע קברים פֿלעגט מען אָפֿט פֿאַרשיטן מיט ערד און מאַכן אַזוי־אַרום אַ בערגל. דער פֿוס פֿונם בערגל איז אַרומגעלייגט מיט שטיינער. מען טרעפֿט אויך רעגלמאָסיגע קרייזן פֿון געוואַלטיגע הייליגע שטיינער און גאַנצע פֿעלדער, פֿאַרשטעלט מיט שורות און אַלייעס שטיינסלופּעס און קלאָמפּעס.

די מענשן האָבן געגלויבט, אַז אַרום זיי פֿליהען אַרום אַסך גייסטער. דידאָזיגע גייסטער קומען אַרויס ניט נאָר פֿון מענשן. אַלץ וואָס לעבט האָט דער מענש זיך פֿאָרגעשטעלט ענליך צו אים גופֿא. גייסטער וואוינען אין בעלי־חיים, באַזונדערס אין יענע, וואָס דעם מענשן דוכט זיך אוים, אַז אין זיי שטעקט עפּעס אַ סוד, אַשטייגער, שלאַנגען. נאָר גייסטער וואוינען אויך אין בוימער, אין קוואַלן, אין טייכן און אַפֿילו אין שטיינער. פֿאַראַן גייסטער, וואָס זיינען גוט צום מענשן, פֿאַראַן אויך שלעכטע, אַמאָל העלפֿן זיי אים עפּעס געפֿינען, אַשטייגער, געווילד, אַ שטעגל אין וואַלד, אַ פֿאַרלאָרן געגאַנגענע זאַך; אַמאָל ווידער שאָדן זיי אים, אַ שטייגער, זיי פֿירן אים אַראָפּ פֿון וועג, צעברעכן אַ פֿייל, וואָס ער שיסט אויף אַ חיה, שלעפּן אַריין אַ מענשן אין קעסלגרוב, בעת ער טרינקט זיך א. אז. וו. חולאתן ווערן דערקלערט דורכדעם, וואָס אַ בייזער אָדער אומרוהיגער גייסט האָט זיך באַזעצט אין מענשן.

צווישן די גייסטער זיינען פֿאַראַן שטאַרקערע, דאָס זיינען די געטער. די גענאָד פֿון אַ גאָט האָבן מענשן געמיינט צו פֿאַרדינען דורכדעם, וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ פֿון הנאה אָדער טוען זיך אָן יסורים, למשל, דורך אָפּזאָגן זיך פֿון אַ געשמאַקן מאכל אָדער דורך פֿאַסטן אין משך פֿון עטליכע טעג אָדער דורך אָנמאַכן זיך וואונדן. דעם גאָט פֿלעגט מען אָפּגעבן פֿאַר אַ קרבן, ד. ה. אויפֿצועסן, דאָס בעסטע, וואָס מען האָט, אַ שטאַרקן

אָקס אָדער אַן אָקאָרשט געבוירן קעלבל. דאָס בלוט פֿון דער געקוילעטער בהמה, אויסגעגאָסן אויף דער ערד, פֿלעגט אָפּגעגעבן ווערן דעם גייסט. מען האָט געגלויבט, אַז אויב דער גייסט טרינקט וואַרים בלוט, ד. ה. דאָס, מיט וואָס ער האָט פֿריהער געלעבט, וועט ער ווידער אָפּלעבן, באַקומען כּוח צו ריידן און זיך צו אַנטפּלעקן פֿאַר די לעבעדיגע מענשן. ווען אויף די מענשן פֿלעגט אָנפֿאַלן גאָר אַ גרויסער פּחד, דעמאָלט זיינען זיי געווען גרייט אָפּצוגעבן דעם גייסט מענשיש בלוט, דערהרגען צוליבדעם אַ געפֿאַנגענעם, אָדער אַפֿילו אַ נאָהענטן קרוב, אַ פֿאָטער, אַשטייגער, פֿלעגט טויטן זיין קינד.

וואָרזאָגערס. ניט איטליכער איז געווען בכּוח צו פֿאַרטרייבן גייסטער אָדער אַרויסנאַרן זיי פֿון אַ מענשנס גוף, בכדי אים צו היילן. ווען עס פֿלעגט טרעפֿן עפּעס אַ צרה, אַשטייגער, בהמות פֿלעגן נעמען פֿאַלן אָדער אַ מענש איז קראַנק געוואָרן, פֿלעגט מען דעמאָלט רופֿן אַ מכשף, אַ וואָרזאָגער: ער פֿלעגט טרייסלען דעם קראַנקן, בכדי פֿון אים אַרויס־צוטרייסלען דעם גייסט, פֿלעגט אים געבן אַ געטראַנק, פּירזאָגן די שרעקליכע אָדער סודות־פֿולע ווערטער, וואָס דער גייסט האָט פֿאַר זיי מורא, אָדער וואָס זיי געפֿעלן אים. ווען עס פֿלעגט זיין אַ טריקעניש, פֿלעגט מען דעם וואָרזאָגער רופֿן „מאַכן רעגן“, צוציהען דעם גייסט, וואָס וואוינט אין דער כמאַרע.

ווען עס איז ניט געווען קענטיג, וואו עס זיצט דער גייסט, אָדער מען האָט ניט געוואוסט, וואָס וויל ער האָבן, דעמאָלט פֿלעגט דער וואָר־זאָגער אָנהייבן טרעפֿן: פֿלעגט וואַרפֿן שטיינדלאַך און שטעקעלאַך און קוקן, ווי זיי לייגן זיך אויס; פֿלעגט קוילען אַ בהמה און באַקוקן איר אינ־געווייד — דאָס אַלץ זיינען געווען צייכנס, וואָס נאָר ער איינער האָט זיי געקאָנט אויסטייטשן. אָדער דער וואָרזאָגער פֿלעגט אַליין אַריינרופֿן צו זיך דעם גייסט: ער פֿלעגט זיך באַטויבן מיט קלאַפּן און קלינגען אין טאַצן, שפּרינגען ווילד, דרייען זיך, ביז דער קאָפּ פֿלעגט אים נעמען שווינדלען, אַנידערפֿאַלן אָהן כּוחות און שרייען אָהן זינען; די ווערטער, וואָס ער פֿלעגט אַרויסשרייען, האָט מען געגלויבט, אַז דער גייסט רעדט דאָס פֿון אים אַרויס. אויף אַזאַ אופֿן האָט מען געקאָנט געוואָר ווערן, וואָספֿאַר אַ קרבן מען מוז ברענגען, בכדי צו באַגיטיגן דעם גייסט, מען האָט געקאָנט דערגיין דעם נאָמען פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם שונא אָדער יענעם גנב, וואָס האָט אַוועקגעטריבן אַ פֿערד א. אז. וו.

דער וואָרזאָגער פֿלעגט ניט זעלטן זיין זעהר אַ קלוגער פֿעהיגער מאַן: ער פֿלעגט פֿאַרפֿאַסן לידער, ער איז געווען אַ קענער פֿון גראָזן

און בלומען; די אַרומיגע האָבן געגלויבט, אַז זיין שכל גיט אים איין דער גייסט. אַ וואָרזאָגער האָט געקאָנט באַווייזן אַ וועג, באַגייסטערן צום קאַמף; ער פֿלעגט אַמאָל גיין ווי אַן אָנפֿירער. אָפֿטמאָלס פֿלעגט וואָר־זאָגן דער ראש פֿון הויזגעזינט, דער פֿאָטער; ער פֿלעגט רופֿן דעם גייסט פֿון הויז אָדער דעם גייסט פֿון נאָהענטן פּלאַץ. מען האָט געגלויבט, אַז ביים שייטערהויפֿן, וואָס ברענט אין איטליכער שטוב, וואוינט דער שוץ־גייסט פֿון דערדאָזיגער שטוב. דעריבער איז דער פֿייערפּלאַץ געווען הייליג. בכדי ניט אָנצוווערן דעם גייסטס הילף, האָט דער מענש אונטער־געהאַלטן אויפֿן פֿייערפּלאַץ אַ שטענדיג פֿייער.

II.

מִצְרַיִם און פָּאַרעראזיע פֿון יאָר 3000 ביז 600 פֿאַר קר.

די טייכפליינען אין מזרח. בעת די אייראָפּעער האָבן אין אַ האַרטער, ווילדער נאַטור געלעבט אָרים און זיינען אין זייערע מדות קוים געשטאַנען העכער פֿאַר ווילדע מענשן, — האָבן צוויי פֿעלקער, אין צפונית־מזרחית־אַפֿריקע און אין מערב־אַזיען, די עגיפּטער און די בבלים, דערגרייכט צו גרויס רייכטום, צו קונציגקייט אין דער אַרבעט און צו בילדונג.

די נאַטור פֿון די דאָזיגע לענדער איז גאָר אַן אַנדערע, ווי אין אייראָפּע. דאָ זיינען ניטאָ יענע געדיכטע וועלדער, וואָס די אייראָפּעער איז אזוי שווער געווען זיך דורכצושלאָגן דורך זיי. א גאַנץ יאָר איז דאָ וואַרים; זומער איז גאָר אַ ברענענדיגע היץ, און ווינטער איז די טעמפּעראַטור ניט נידעריגער, איידער ביי אונז אין אַפּריל און מאַי; דעם ווינטער פֿאַרברענגען אין עגיפּטן די וואַנדרפֿויגלען, וואָס אין פֿריהיאָר קערן זיי זיך אום צו אונז. דער מענש באַדאַרף ניט קלערן וועגן שווערער קליידונג אויף זיך צו באַשיצן קעגן קעלט, וועגן צוגרייטן האָלץ אויף אָנצוואַרימען די שטוב. ער איז פּטור פֿון אַסך זאָרג און פֿאַרהיט פֿון אַסך שווערע צופֿאַלן, וואָס האָבן אזוי פֿאַרשווערט דאָס לעבן פֿון פֿאַרצייטיגן אייראָפּעער. ער קאָן גיכער פֿאַרזאָרגן זיך מיט שפּייז. ער קאָן בכלל לעבן גרינגער, מיט וויינינגער זאָרג, אָפּגעבן די פֿרייע צייט אויף צו באַשיינען דאָס לעבן, אויף צו באַטראַכטן און באַקלערן די וועלט.

דער גרויסער פּאַס טרוקענע מדבריות, וואָס ציהט זיך איבער צפון־אַפֿריקע און מיטלאַזיען, ווערט איבערגעשניטן דורכן אַראַבישן אויסגוס; פֿון ביידע זייטן זיינע געפֿינען זיך די טאָלן פֿון צוויי גרויסע טייכן — פֿונם נילוס און פֿונם פרת. אָנגעהויבן זיך אויף הויכע בערג, פֿון צווישן שנייען און הויכע אָזערעס, טראָגן ביידע טייכן אין פֿריהיאָר אסך וואַסער און, אָנגעקומען אין נידעריגע פליינען, פֿלייצן זיי זיך ברייט פֿונאַנדער. די דאָזיגע אויספֿלייצונגען פֿאַרטרעטן דעם אָרט פֿון די זעלטענע רעגנס:

אַנדערש וואַלטן די טײכטאָלן געוואָרן ענליך צו די אַרומיגע מדבריות. נאָר, חוץ דעם, בלײבן פֿון די טײכן אַלע יאָר אָפּלעגערונגען, וואָס פֿון זײ איז געוואָרן אַ פֿעטער פֿרוכפּעריגער שיכט ערד. תבואות ברײנגען דאָ אַ גוואַלדיגע גערעטעניש. ווײץ וועיצקערן גיט 200—300 קערנער. דעריבער האָבן אויף אַ קלײנעם שטח געקאָנט זיך מפרנס זײן ניט אין ערך מער מענשן, אײדער אין די וואַלדגעגנטן פֿון אײראָפּע.

עגיפּטן. דער נילוסטאָל שטעלט אויך ביי היינטינן טאָג פֿאָר דאָס זעלביגע בילד פֿון מענשליכן ישוב, וואָס מיט 4—5 טויזנט יאָר צוריק. צווישן צוויי קײטן הויכענישן ציהט זיך אַ גלאַטער שמאָלער פּאַס פֿון 700 ווערסט די לײנג און פֿון 8 ביז 15 ווערסט די ברײט, און בלויז בײם ים, וואו דער נילוס צעטײלט זיך אויף עטליכע טײכאָדערן, צעשפּרייט זיך דער פּלײן ביז אַ ברײט פֿון 200—250 ווערסט (די געגנט, וואָס איז אַרומגענומען דורך די טײכאָדערן פֿונם נילוס, ווערט אָנגערופֿן דעלטאַ, מחמת זי איז ענליך צום גריכישן אות Δ). אָט דאָס איז דאָס גאַנצע באַזעצטע עגיפּטן, די „שוואַרצע ערד“, ווי די עגיפּטער פּלעגן עס אָנרופֿן: זײן שטח איז קלענער פֿאַרן קלײנעם בעלגיען, בעת דאָס גאַנצע איבעריגע לאַנד, וואָס האָט געהערט צו עגיפּטן, איז צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי פֿראַנקרײך; נאָר אָט דאָס איבעריגע לאַנד איז לויטער זאַמד און שטײנער, „רויטע ערד“, קײן ישובים זײנען אויף איר ניטאָ. דערפֿאַר אָבער האָבן זיך אינם נילוסטאָל מיט זײן פֿרוכפּעריגער אָפּלעגערונגסערד אָנגעקליבן מער מענשן, אײדער אין דעם געדיכטסטט באַפֿעלקערטן לאַנד פֿון דער איצטיגער אײראָפּע: אָהן אַ הפסק ציהען זיך פּאַזע טײך שטעט און ישובים.

אויספֿלײצונגען פֿונם נילוס. אָטדער גאַנצער פּאַס ערד לעבט נאָר מיט די יערליכע אויפֿלײצונגען פֿונם נילוס. צום אָנהויב פֿון אונזער זומער ווערט אַלץ אין עגיפּטן ווי אָפּגעשטאָרבן אין דער טרוקענער און צעגליטער לופֿט; די בלעטער זײנען באַדעקט מיט גראָהען שטויב, פֿאַרטראָגן דורכן ווינט פֿון מדבר. דער נילוס פֿליסט זיך פֿויל צווישן פֿאַרטריקנטע בערגלאַך שוואַרצער בלאָטע. אין יוני הויבט אָן צוקומען וואַסער, זײן קאָליר בײט זיך, דער לאַזורבלאָהער נילוס ווערט בלוטיגרויט: דעם דאָזיגן קאָליר באַקומט דער טײך פֿון דער אָפּלעגערונגסערד, וואָס ער טראָגט מיט זיך. דער מעכטיגער שטראָם צעשלאָגט אײנעם נאָכן אַנדערן די צאַמען אויסן וועג, פֿליסט אַריבער איבער די בערגלאַך, רײסט אָפּ שטיקער ערד און צעפֿלײצט זיך ברײט איבער גאַנצן טאָל: די פֿאַרצײטיגע עגיפּטער פּלעגן דעם נילוס אין דער צײט פֿון אויספֿלײצונג

אָנרופן ים. אין מיטן טייך הויבט זיך אָן אַ פרייליך און גערוישפול לעבן; דער נילוס ווערט געדיכט פאַרוואָקסן מיט ראָר־קוסטעס, גראָזן און בלומען; עס קומען צו פליהען אַסך וואַסערפויגלען, די שטילע ערטער ווערן פאַרפולט מיט פיש. די שטעט און דערפער, וואָס זיינען אויסגעבויט אויף הויכע ערטער, שטייען ווי אינזלען אין מיטן דעם דאָזיגן ים: בלויז וואו ניט וואו דינען ברייטע דאַמבעס אָנשטאָט וועגן; בכלל גייט דער גאַנצער פאַרקער צו אויף שיפלאַך.

ארום אָנהויב סעפּטעמבער שטייט דאָס וואַסער צום הויכסטן, דערנאָך הויבט עס אָן פאַלן, און צו נאָוועמבער פליסט דער נילוס ווידער אין זיינע געוויינליכע ברעגעס. די באַפעלקערונג אַקערט און פאַרזייט די פעלדער אין משך פון די ווייטערדיגע 3—4 חדשים מיט אַ מיטלמעסיגער וויטערונג, וואָס פאַלן אויס אין דער צייט פון אונזער ווינטער; מען מוז זיך איילן, בכדי ניט פאַרכאפּט צו ווערן פון דער טריקעניש, וואָס שטייט אָן צו דער צייט פון אונזער פריהיאָר. באַלד ווי דאָס וואסער פאַלט אָפּ, טרייבט מען ארוים אויף די פעלדער שאָף און חזירים, בכדי אריינצוטאָפּטשען די קערנער אין דער ווייכער ערד. אזוי זיינען אין עגיפּטן קלאָר אָנגעצייכנט דריי צייטן פון יאָר; זיי זיינען אָפּגעהאַנגען פון יענע פאַרענדערונגען, וואָס דער נילוס מאַכט אָן דורך זיינע אויספלייצונגען אינם לעבן פון לאַנד און פון די מענשן. די סיבה פון די געבענשטע אוספלייצונגען האָבן די אַלטע עגיפּטער ניט געוואוסט; דאָס איז פאַר זיי געווען א נס. נאָר פאַשטאַנען האָבן זיי, אַז דער נילוס איז דער מקור פון זייער לעבן. דער טייך איז פאַר זיי געווען אַ גאָט, וואָס צו אים האָבן זיי געווענדט זייערע תפילות: „געלויבט ביסטו, נילוס, וואָס קומט אין שלום, בכדי צו געבן לעבן עגיפּטן . . . דיינע כוואַליעס צעפלייצן זיך איבער סעדער, וואָס די זון האָט באַשאַפן, דו שטילסט אלץ, וואָס דאַרשט, מיט הימלישן געטראַנק; ווען דו לאָזסט זיך אויף דער ערד אַראָפּ, גיט איר גאָט תבואה ארוים, און עס זידן די אַרבעטן אין די וואַרשטאַטן. דו ביסט דער באַשעפער פון ווייץ און גערשטן, דורך דיר האַלטן זיך די טעמפּלען. ווען דיינע הענט ווערן פאַרמאַטערט פון ארבעט אָדער ווען דו לייַדסט, דעמאָלט קומט אום אלץ, וואָס לעבט, געטער און מענשן, טשערעדעס קרעכצן, דאָס גאַנצע לאַנד, קליין און גרויס, מאַטערן זיך. ווען אָבער דו פאַרנעמסט די תפילות און קומסט צו גיין, הויבט די ערד אָן שפּילן פון פרייד, אלץ לאכט . . . דו גיסט איטליכן גלייך לויט זיין פאַרלאַנג און זאָגסט קיין מאָל ניט אָפּ. דו ביסט קעניג, און דיינע געבאָטן פאַר־שפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער ערד".

ווי גרויס עס זאָל אויך זיין די ברכה פֿונם טייך, פֿאָרט מוזן די מענטשן אסך און כסדר אַרבעטן, בכדי פֿון דער ברכה צו געניסן. ווען מען זאָל לאָזן דעם וואַסער פֿריי פֿלייצען, וואָלט עס געבילדעט אין די נידעריגע ערטער אָזערעס און זומפּן, וואָלט זיך איינגעשטיין און ניט לאָזן פֿאַרזייען צו דער צייט די ערד; פֿאַרקערט, צו די העכערע ערטער וואָלט עס אפילו ניט צוקומען. ביסלאַכווייז האָבן די עגיפּטער זיך אויסגעלערנט גלייכמאָסיג צו פֿאַרטיילן און פֿאַרניצן דאָס וואַסער פֿון דער אויספֿלייצונג פֿון זייער איינציגן גרויסן טייך. אין אַ רעכטווינקל צום טייך האָבן זיי דורכגעגראָבן ברייטע קאַנאַלן, וואָס פֿון זיי זיינען ארויסגעגאַנגען אַנדערע, וואָס האָבן זיך געצויגן פּאַראַלעל דער לייגנג פֿון טייך; אַזוי‏אַרום זיינען געמאַכט געוואָרן אַזוינע נייע טייכבעטן איבערן גאַנצן טאָל. ווען דער נילוס פֿלעגט שטייגן, פֿלעגן זיינע וואַסערן באַלד אריינפֿליסן אין די ברייטע קוועקקאַנאַלן; בכדי דאָס וואַסער זאָל ניט אריבערפֿלייצן איבער די ברעגעס, זיינען די זייטן פֿון די קאַנאַלן געווען פֿאַרפֿעסטיגט און איינגעצאַמט מיט דאַמבעס. דאָס גאַנצע פֿרוכפּעריגע לאַנד פֿון עגיפּטן איז געווען צעטיילט דורך דאַמבעס אויף גרויסע באַסיינען. צענעמען די דאַמבע, פֿלעגט מען אריינלאָזן דאָס וואַסער אין באַסיין און פֿאַרצאַמען דעם ארויסגאַנג, ביז די קרקע פֿלעגט ווערן אָנגעזעטיגט מיט נאַסקייט און אָפּלעגערונגס-ערד.

צעטיילונג פֿון רייכטום און אַרבעט אין אַלטן עגיפּטן.

אסך יאָרהונדערטער זיינען אַוועק, ביז דאָס פֿאָלק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין עגיפּטן, האָט זיך אויסגעלערנט אָפּצוטון אָט די אַלע גרויסע שווערע אַרבעטן. מיט 4000 יאָר פֿאַר קר. האָבן די עגיפּטער שוין געהאַט אויסגעבויט קאַנאַלן און דאַמבעס; זיי האָבן געהאַט מעטאַלן געצייג, הגם דער גרעסטער רוב אינסטרומענטן איז געווען געמאַכט פֿון שטיין; זיי האָבן געוואוסט געגעוי אויסצורעכענען דעם אָנהויב פֿון דער אויספֿלייצונג לויטן אויפֿגאַנג פֿונם ליכטיגן סיריוסשטערן. מיט 3000 יאָר פֿאַר קר. האָבן די עגיפּטער געבויט פֿון ציגל און שטיין גרויסע וואוינונגען פֿאַר געטער און ערדישע מלכים, באַדעקט די ווענט פֿון די דאָזיגע וואוינונגען מיט פֿאַרשיידענע געמעלן, וואָס האָבן פֿאַרגעשטעלט דאָס לעבן פֿון פֿאָלק, און האָבן אויסגעהאַקט פֿון שטיין פֿיגורן פֿון געטער און מענטשן. זיי האָבן געוועבט פֿיינע געוואַנטן פֿון לײַן און אויסגעפּוצט זיי מיט בונטע בילדער און שטיקערייען. אין יענער צייט האבן זיי שוין אויך פֿאַרשטאַנען צו שרייבן; נעבן די געמעלן פֿלעגן זיי פֿאַרצייכענען גרויסע דערציילונגען וועגן די געשעהענישן, באַשרייבונגען פֿון לענדער און נסיעות,

חשבונות פֿון בעל־הבתישקייש, ווענדונגען צו געטער, תפילות פֿאַר געשטאָרבענע א. אז. וו.

ווען עס ווערט איינגעפֿירט אַזאַ קאָמפּליצירטע און פֿילזייטיגע אַרבעט, דעמאָלט קאָן שוין ניט בלייבן שטיין די אַמאָליגע גלייכקייט צווישן מענשן. פֿריהער האָבן אַלע גלייך פֿאַרשטאַנען צו גיין אויף געיעג, גראָבן ערד, מאַכען פשוטע געצייג. איצטער האבן פֿאַר איטליכער אַרבעט זיך גענומען באַזונדערע מייסטערס, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן נאָר איין מלאכה אָדער קונסט, און פֿון אַלע איבעריגע אַרבעטן זיך אָפּגעזאָגט; דער שטיינהאַקער און סקולפּטאָר זיינען אויף שטענדיג אַוועק פֿון דער דאָרפֿישער פֿעלדאַרבעט און האָבן כסדר גע־אַרבעט אין שטעט, ד. ה. אין גרעסערע ישובים, וואו עס פֿלעגן זיך אָנקלייבן אַסך מענשן ארום אַ גרויסן טעמפּל אָדער ארום א הויפּטמאַן; דער שרייבער האָט זיך אָפּגעווינט פֿון יעדער האַנטאַרבעט א. אז. וו. די דאָזיגע מלאכות פֿלעגן איבערגיין פֿון פֿאָטער צום זון, און דער אונטערשייד צווישן מענשן איז אלץ מער פֿאַרפֿעסטיגט געוואָרן.

חוץ דעם אונטערשייד אין די אַרבעטן, איז געוואָרן נאָך אַן אונטער־שייד אין דעם פֿאַרמעגנבאַשטאַנד פֿון די מענשן. כל זמן דאָס לעבן איז אָרים, צוגעגרייטע רייכטימער זיינען ווייניג, און איטליכער משפחה קומט אוים צו פֿאַרזאָרגן זיך איר שפּייז פֿון טאָג אויף טאָג, דעמאָלט איז דאָס אייגנס ביי מענשן כמעט אלץ איינס. אַנדערש אָבער איז, ווען עס באַווייזט זיך א מותרות. ווער עס איז אויסגערעכנטער און דרייסטער, ווער עס האָט אין דער משפּחה מער שטאַרקע מיטגלידער, דער וועט בלי ספק פֿאַרכאַפּן און אָנקלייבן פֿאַר זיך מער; אַזאַ מענש אָדער אַזאַ משפחה צווינגט נאָך צו אַרבעטן פֿאַר איר נאָך אַנדערע, ווערט אליין רייך און האַלט יענע אין אָרימקייט און אונטערטעניגקייט.

לויט די בילדער, וואָס זיינען אויסגעמאָלט אויף די קברים פֿון רייכע לייט, קאָן מען זיך פֿאָרשטעלן זייער שטייגער לעבן. אָט גייען פויערים און פויערטעס אין הויף אריין, באַלאָדן מיט קערב תבואה, אויבס, מיט וויין, לייוונט, פֿירן שעפּעלאַך; באַדינערס מיט שטעקנס ברייננען צו פֿירן דאָרפעלטסטע, וואָס דאַרפֿן ענטפֿערן פֿאַר די ערדארבעטער, וואָס טראָגן ניט אריין זייער אָפּצאָל צו דער צייט; שרייבערס זיצן ביי שטענדערס, קאָנטראָלירן די געבראַכטע פּראָדוקטן, פֿאַרשרייבן די הכנסה און די חובות; ארבעטער און פֿאַסטיכער, אויסגעשטעלט אין אָפּטיילונגען, גייען פֿאַרביי מיט פֿאָנעם פֿארביי דעם בעל־הבית. דער רייכער פריץ האָט זיך געפּלייסט פֿעסט צו פֿאַרזיכערן פֿאַר זיך די

אַרבעט און דינסט פֿונם אָרימען פויער אָדער אַרבעטער. ער פֿלעגט פֿאָדערן, אַז אַלע שוואַכערע זאָלן זיך שטעלן אונטער זיין ממשלה, זאָלן זיך אָנרופֿן „זיינע מענשן", זאָלן ווערן זיינע לייבאייגענע, וואָס זיינען שטענדיג מחויב אָפּצוגעבן אים אַ טייל פֿון זייער הכנסה און ריוח; ער פֿלעגט ווערן דער אויבערהאַר פֿון אַ גאַנצן לאַנדקרייז, פֿאַרכאַפּן אַ טייל פֿונם נילוסטאָל.

חוץ דעם, זיינען רייך געוואָרן און האָבן באַקומען כבוד די מענשן, וואָס האָבן געדינט ביי די געטער. די אַמאָליגע וואָרזאָגערס, וואָס צו זיי פֿלעגט מען זיך ווענדן אין די שווערע צופֿאַלן פֿון לעבן, זיינען געווען פונקט אזוי אָרים, ווי יענע, וואָס האָבן זיי גערופֿן. אַנדערש איז געוואָרן ביי מענשן, וואס האָבן אָנגעקליבן גרויסע רייכטימער, אויסגעבויט גרויסע בנינים; זיי האָבן געקאָנט מער אָפּגעבן די כהנים, וואָס האָבן מתפלל געווען פֿאַר זייער וואוילגיין און זיינען געוואָר געוואָרן דעם רצון פֿון די געטער. פֿאַר די געטער האָט מען אויסגעטיילט גרויסע מאַיאָנטקעס מיט פּאַלאַצן אין מיטן, מיט אַלע דינסט־בנינים, פֿעלדער, סעדער, אָזערעס, טשערעדעס און אַרבעטסמענשן; מען פֿלעגט ברייננען פֿאַר זיי תבואה, אויבס, בהמות און עופות, פֿיינע געוואַנטן, שיינע כלים א. אז. וו.; די טייערע זאַכן און פֿאַרשיידענע סחורות פֿלעגט מען צונויפֿלייגן אין שפּייכלערס און מאַגאַזינען. די כהנים, וואָס האָבן פֿאַרוואַלטעט איבער די דאָזיגע מאַיאָנטקעס, האָבן זיך געשפּייזט אינאיינעם מיט די געטער: מען האָט גערעכנט, אז די קליינע דאגות פֿון טאָג דאַרפֿן זיי ניט אָפּרייסן פֿון צו דינען דעם גאָט. די טרעפֿונגען, די וואָרזאָגעריי, דער דינסט אין טעמפּל — דאָס איז געוואָרן אַ האַרבער, פֿאַרוויקלטער ענין; ס' האָט זיך אויסגעבילדעט אגאַנצע כהנים־וויסנשאַפֿט; בכדי צו ווערן בהבינט אין איר, האָט מען געמוזט אַסך לערנען. די כהנים האבן געמוזט פֿירן אַ באַזונדער שטייגער לעבן: פֿאַסטן פֿאַר די טרעפֿונגען, ניט עסן קיין שום „טמא" זאַך, ד. ה. קיין בהמות, וואָס זיינען דעם גאָט ניט געפֿעלן, זיך אָפּהאַלטן פֿון שווערער אַרבעט א. אז. וו. באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די געלערנטע כהנים פֿון מעמפֿיס (די חורבות געפֿינען זיך ניט ווייט פֿון דער איצטיגער קאַאירא) און העליאָפּאָלים (אויפֿן רעכטן טייכאָדער פֿונם נילוס אין אָנהויב פֿון דער דעלטאַ). מעמפֿיס איז געלעגן אויף דער לינקער זייט פֿון נילוס; אויף דער רעכטער זייט טייך געפֿינט זיך קעגנאיבער שטאָט א באַרגרוקן, וואו מען פֿלעגט ברעכן שטאַרקן שטיין צוליב גרויסע בנינים. די כהנים פֿון מעמפֿיס האָבן פֿאַרוואַלטעט איבער די שטיינבראָכן, געלערנט די קונסט פֿון בויען

(אַרכיטעקטור) און צו גראָבן קאַנאַלן מיט דאַמבעס (אינזשענער קונסט). די כהנים פון העליאָפּאָלים (דאָס וואָרט באַטייט „זונענשטאָט״) האָבן זיך צוגעקוקט צום הימל און צו דער באַוועגונג פון זון און שטערן, זיי זיינען געווען שטערנזעהער, אַסטראָנאָמען. זיי האָבן אויפגעפּאַסט דעם אויפגאַנג פונם סיריוסשטערן; ווי נאָר ער פלעגט זיך באַווייזן אויפן האָריזאָנט, אין מיטן פון אונזער חודש יוני, פלעגן זיי געבן אַ סיגנאַל, אַז די אויספלייצונג האָט זיך אָנגעהויבן; ווייטער פלעגן זיי באַשטימען די צייטן פון די פעלדאַרבעטן און איינשטעלן ימים־טובים פאַרן גאַנצן פאָלק.

די בילדער, וואָס די עגיפּטער האָבן אויסגעמאָלט אויף די ווענט פון קברים־הייזער, שטעלן אָפּטמאָלס פאַר די אַרבעט פון פשוטן פאָלק: ווי מענשן אַקערן אויפן פעלד מיט אָקסן אָדער גראָבן אויף די ערד מיט א רידל; ווי מען נעמט אַראָפּ וויינטרויבן, ווי מען קעלטערט ווייַן און מען צעגיסט אים; ווי מען דרייט כלים אויפן ראָד און מען ברענט זיי אָן אין אויוון, ווי מען בלאָזט אָן פלעשער; ווי פרויען וועבן געוואנט פאַר די אויגן פון אויפזעהערס אָהן אָפּרוה און אָהן הפסקה; אַן אַרבעטער, וואָס האָט זיך פאַרפוילט, באַקומט דאָ אויפן אָרט געשלאָגן מיט אַ שטעקן.

איינער אַ שרייבער גיט אין דער צוואה זיין זון אַן עצה, ער זאָל אויסמיידן שווערע האַנטאַרבעט, און שילדערט אין שוואַרצע פאַרבן דעם גורל פון אַן אַרבעטער: „דער קופּערשמיד איז אַ גאַנצן טאָג אין דער אַרבעט, און ווען די נאַכט שטייט אָן, זיצט ער נאָך אַלץ און אַרבעט ביים שיין פון אַ שטורקאַץ. דער שוסטער קומט אין גאַנצן אום; ער קאָן ניט אַרויסגיין פון אָרימקייט; עס בלייבט פאַר אים נאָר גריזשען לעדער. גיב אַ קוק אויפן מויערער: אייביג איז ער אַ חולה, ווייל ער מוז אַרבעטן אויפן ווינט, טשעפּען זיך פאַר געזימסן אין דער געשטאַלט פון לאָטאָס־בלומען; זיינע הענט לאָזן זיך אַראָפּ פאַר מידקייט, זיין קלייד איז צעלעכצט; דער דאָזיגער אָרימאַן שפּרייזט טאָג אוים טאָג איין איבער ריסטעוואַניעס; קוים פאַרדינט זיך אויף ברויט, גייט ער אהיים און שלאָגט זיינע קינדער. געזונג האָב איך זיך אָנגעזעהן די דאָזיגע אַרבעט, געזעהן האָב איך אומעטום אכזריות, בלויז אכזריות. דעריבער פאַרנעם זיך מיט ביכער, לערן זיך שרייבן!״

די צוואה דערקלערט ווייטער, אַז די איידעלע פּרנסה פון שרייבעריי היט אָפּ דאָס געזונט, גיט גרויסן פאַרדינסט, פירט אַריין אין קיניגס פּאַלאַץ. א מענש, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן, א „שרייבער״, האָט אין אַלטן עגיפּטן געקאָנט דערגרייכן צו דער העכסטער שטעלע, געוועגדט אָן זיינע פעהיגקייטן: ער האָט געקאָנט ווערן א כהן, א

מיליטער־קאָמאַנדיר, אַן אינזשינער, אַן אַרכיטעקטאָר, א אַפּאַרוואַלטער פֿון אַ מאַיאָנטעק, אַ פֿאַרוואַלטער פֿון אַ פּראָווינץ.

די מלכים פֿון מעמפֿיס. א מעכטיגער מושל, וואָס האָט אין זיין רשות געהאַט אסך אונטערגעגעבענע מענשן, פֿלעגט פֿון זיי אויפשטעלן א באַוואָפֿנטע אָפּטיילונג און פֿלייסן זיך איינצונעמען די שכנישע געגנטן. ווען אים האָט זיך איינגעגעבן צו פֿאַרכאַפּן די ממשלה איבער אַ גרויסן לאַנד, פֿלעגט ער ווערן ק י נ י ג. מען פֿלעגט אים דעמאָלט אויסמעלן אין אַ באַזונדער קאָפּפוץ, מיט אַ בולעווע, אַ צעפּטער, אין האַנט. אגעוויסע צייט האָבן רעגירט איבערן נילוסטאָל מלכים, וואָס האָבן געטראָגן אַ הויכן ווייסן קיווער, און איבער דער דעלטאַ אין צפון־זייט האָבן געוועלטיגט מלכים אין אַ רויטן היטל מיט אַ פֿעדער. מיט 3000 יאָר פֿאַר קר. האָט דער קיניג פֿונם נילוסטאָל איינגענומען די צפונדיגע מלוכה און האָט פֿאַראייניגט אונטער זיין ממשלה דאָס גאַנצע פֿרוכפּעריגע לאַנד, אָנגעהויבן פֿון די טייכשוועלן, וואָס שיידן אָפּ עגיפּטן אין דרום־זייט פֿון נוביען, ביזן ים. אלע טעמפּלען און זייערע רייכטימער, די מאַיאָנטקעס פֿון די געטער, די לאַגערס תבואה, וואָל און אַנדערע סחורות זיינען אריבער אינם קיניגס רשות; ער האָט אָנגעהויבן צו באַשטימען אויף צו פֿאַרוואַלטן איבער זיי זיינע באַדינער, זיינע באַאַמטע. די מושלים, וואָס האָבן געוועלטיגט אין די פּראָווינצן, זיינען געוואָרן אים אונטערטעניג, זיינען געוואָרן זיינע הויפטלייט. דער קיניג פֿון גאַנץ עגיפּטן האָט פֿאַר־אייניגט ביידע קרוינען און האָט גענומען טראָגן א ווייסרויט הויך היטל. פֿאַר אַ הויפּטשטאָט האָט ער אויסגעקליבן מעמפֿיס, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן גרעניץ פֿון דער דעלטאַ און פֿונם נילוסטאָל.

פֿון דער פֿאַראייניגונג פֿון ביידע געביטן איז געוואָרן א גרויסע מלוכה. זי האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פֿון די פֿאַרצייטיגע געמיינדעס און ברודערשאַפֿטן. דער הויפּטמאַן, וואָס איז אויסגעקליבן דורך די ווילדע מענשן, קאָן פֿירן עטליכע טויזנט מאַן. דער קיניג פֿון גאַנץ עגיפּטן האָט געהאַט זיבן ביז ניין מיליאָן אונטערטאַנען.

דער קיניג פֿון עגיפּטן האָט פֿאַראייניגט אין זיינע הענט גוואַלדיגע רייכטימער און האָט געקאָנט פֿונאַנדערטיילן אסך מתנות און באַלוינונג. די הויפטלייט האָבן זיך אָנגערופֿן „דעם קיניגס פֿריינט“, „געהיים־יועצים פֿונם קיניגס באַפֿעלן אָדער פֿונם קיניגס געהיימע ווערטער“ וכדומה. דער קיניג איז געווען העכער פֿאַר אלעמען, אַ מין איבערמענש. מען האָט אים ניט געטאָרט רופן מיטן נאָמען, ווי אַ געוויינליכן מענשן.

אָפּטער פֿון אלץ פֿלעגט מען אים רופן פּ ר ע ה (דאָס איז טייטש „הויך הויז“). צום צייכן פֿון זיין גדולה פֿלעגט דער קיניג זיין איינגעהילט אין אַ לייבנפֿעל מיט אַן עק אַראָפּגעהאַנגען פֿון הינטן אָדער ער פֿלעגט אָנטון א לאַנגן ברייטן מלבוש, באַהיינגען דעם האַלז מיט האַלזבענדער, די הענט באַפּוצן מיט בראַנזלעטן. ער פֿלעגט אויפֿנעמען מענשן זיצענדיג אויף אַ הויכן לענשטול אונטער אַ חופּה, געווענדט מיטן פּנים צום זונענאויפֿגאַנג. די וואָס פֿלעגן קומען פֿאַר אים, האָבן געמוזט אַנידער־פֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, שטיין אויף די קני, אויסשטרעקן די הענט צו אים מיט געבעט, אַזוי ווי צו אַ גאָט; זיי האָבן געמוזט אים אָנרופן מיט פֿאַרשיידענע געהויבענע כבוד־טיטלען: אויסדערוויילטער פֿון דער זון, מעכטיגער גאָלדענער אָדלער, שטארקער אין אמת א. אז. וו. ווען מען פֿלעגט דאַרפֿן אויסמעלן א קיניג, פֿלעגט מען אים אויסמעלן אין דרייען, אין פֿירן העכער, איידער די איבעריגע מענשן; און ניט נאָר אים אליין, נאָר אויך זיינע פֿערד און זיין רייטוואָגן.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז אַזאַ מעכטיגער מענש, ווי דער קיניג, האָט באַדאַרפֿט זיין באַזונדערס נאָהענט צו די געטער. די כהנים האָבן גע־לערנט, אַז דער קיניג איז אַ זון פֿונם שטאַרקסטן גאָט, און נאָכן טויט פֿאַראייניגט ער זיך מיט די געטער. מען האָט געגלויבט, אז דער קיניג קאָן אונטער פֿיר אויגן ריידן מיט די געטער: דער קיניג פֿלעגט אריינגיין אין היילינגטום און געווענדט צום גאָטס בילד, פֿלעגט ער פֿרעגן אַן עצה, אשטייגער, צו זאָל ער גיין מלחמה האַלטן. ווען עס האָט אים אויסגעדוכט, אַז די סטאַטוע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט דאָס באַטייט „יאָ“, טאָמער איז זי געבליבן ניט באַוועגליך, האָט דאָס געהייסן „ניין“. אין נאָמען פֿונם גאָט, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר זיין עלטערפֿאָטער אָדער באַשיצער, פֿלעגט דער קיניג גיין אין מלחמה; אים פֿלעגט ער היילינן דעם רויב; ווען דער קיניג פֿלעגט פֿאַר כעס באַפֿעלן צו טויטן די געפֿאַנגענע פֿיינט, האָט דאָס געהייסן א קרבן פֿאַרן גאָט. ווען דער קיניג פֿלעגט פֿאָרן איבער די גאַסן, ארויסגיין אויפֿן באַלקאָן צום פֿאָלק, פֿלעגט ער וואַרפֿן אין המון ברויט, פּירות אָדער גאָלדענע רינגעלאַך צום צייכן, אַז פֿון אים, ווי פֿון אַ גאָט, שיטן זיך אויף די מענשן אַלע ברכות.

נאָכן קיניגס טויט האָט זיין בן־גיל אָדער גייסט געמוזט באַקומען א גרויס אייביג וואוינהויז. די פֿאַרצייטיגע עגיפּטישע מלכים פֿלעגן געוויינטליך נאָך בייצייטנס זיך אליין אויסבויען אַ פּיראַמידע, און צו־ליב דעם פֿלעגן זיי צונויפֿטרייבן אַרבעטער פֿון גאַנץ עגיפּטן.

די פּיראַמידע האָט אויסגעזעהן ווי אַ שטיינערנער באַרג מיט פיר זייטן, וואָס גייען זיך צונויף אויבן; זי איז אויסגעלייגט פון גוואַלדיגע ארומגעהאַקטע שטיינער; קיין פענסטער זיינען ניטאָ; א שמאָלער, און פינסטערער דורכגאַנג פירט אין אַ פינסטערן זאַל אריין, וואו עס איז געשטאַנען א שטיינערנע סטאַטוע פונם קיניג; אונטער איר איז פאַראַן אן אונטערערדישע הייל, וואו דער געשטאָרבענער איז באַגראָבן. די פּיראַמידע איז ענליך צו אַ פאַרצייטיגן שטיינערנעם קבר. נאָר זי איז ניט אין ערך גרעסער. די גרויסע פּיראַמידעס זיינען געבליבן שטיין ביזן היינטיגן טאָג; זיי געפינען זיך אַלע ניט ווייט פון מעמפיס, אויפן לינקן ברעג פונם נילוס. די גרעסטע פּיראַמידע האָט אויסגעבויט דער קיניג כעאָפּס, ארום יאָר 2800 פאַר קר.; זי האַלט 70 קלאַפטער די הויך און באַשטייט כמעט פון 2½ מיליאָן גרויסע שטיינער; נעבן איר שטייט די פּיראַמידע פון זיין ברודער כעפרען, כמעט דיזעלביגע גרויס; ניט ווייט פון זיי געפינט זיך אַ גוואַלדיגער ספינקס; אויסגעהאַקט פון אַ פעלז (א ספינקס האָט דעם רומפ פון אַ לייב און אַ קאָפּ פון אַ מענטשן).

דער גריכישער רייזנדער העראָדאָט, וואָס האָט באַזוכט עגיפּטן אין יאָר 450 פאַר קר., העכער 2000 יאָר נאָך דעם, ווי די פּיראַמידעס זיינען אויסגעבויט געוואָרן, דערציילט, ווערליג ער איז דערגאַנגגען ביי די אָרטיגע איינוואוינער, אַט וואָס: 100000 מאַן האָבן געאַרבעט אויף צו בויען כעאָפּסעס פּיראַמידע אין משך פון אַסך יאָר צו דריי חדשים אין יאָר (די צייט פון די אויספלייצונגען, ווען אַלע פויערים זיינען פריי פון פעלד-אַרבעטן). שטיין האָט מען געבראַכן אויף דער רעכטער זייט נילוס און עס אריבערגעפירט מיטן טייך בעת דער אויספלייצונג אויפן רעכטן ברעג; פונם וואַסער האָבן מענשן געשלעפּט די שטיינער מיט שטריק (אין עגיפּטן זיינען נאָך דעמאָלט קיין פערד ניט געווען) צום באַרג אין מערב-זייט, וואו די פּיראַמידע האָט באַדאַרפט געבויט ווערן; אויף אריבערצופירן האָט מען געמוזט פריהער אויסברוקירן א גלאַטן שטיינערנעם וועג. צעהן יאָר האָט מען געבויט דעם וועג, געפירט שטיינער און אויסגעלייגט די אונטערערדישע געוועלבן פאַרן קבר. די פּיראַמידע גופא בויען האָט געדויערט 20 יאָר.

די מייסטערס, וואָס האָבן ארומגעהאַקט די שטיינער, געקנאָטן די סטאַטועס, באַמאָלט מיט בילדער די ווענט פון די קברים-הייזער, האָבן זיך געלערנט זייער מלאכה ביים טעמפּל פונם מעמפישן גאָט פּתּאַ, דעם באַשיצער פון קונסט. ארום דעם קיניגס קבר זיינען געווען אויסגעשטעלט

די קברים פֿון זיינע קרובים און הויפּטלייט, וואָס האָבן, ווי אַ באַזונדער חסד, געקראָגן דאָס רעכט צו ווערן באַגראָבן נאָהענט צום פּרעה.

דער קיניג האָט פֿאַרלאַנגט פֿון זיינע אונטערטאַנען ניט נאָר, אַז זיי זאָלן אַרבעטן פֿאַר אים, נאָר אויך, אַז זיי זאָלן צושטעלן פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן און סחורות. די אײנוואוינער פֿון איטליכער פּראָווינץ האָבן אים געצאָלט אָפּגאָבן (פּאָדאַטקעס) אין תבואה, גאָלד און אַנדערע זאַכן. אויפֿצומאָנען די פּאָדאַטקעס, פֿאַרוואַלטן איבער די לאַגערס, רופֿן צום דינסט זעלנער און אויפֿצופּאַסן אויף דער אָרדענונג פֿלעגט ער איבערגעבן זיינע פֿאַרטרעטערס און באַאַמטע. זיי האָבן געהאַלטן, פּונקט ווי אין די מאַיאָנטקעס פֿונם קיניג אָדער פֿון די געטער, אסך שרייבערס, וואָס האָבן געפֿירט אַ גענויעם חשבון פֿון אַלע איינגעגאַנגענע הכנסות. זיינע הויפּטלייט, באַדינערס און באַאַמטע פֿלעגט דער קיניג באַלוינען מיט לעבנסמיטלען, קליידער, כלים, מעבל, צירונג. גוואַלדיגע סכומים פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן פֿלעגט מען צונויפֿפֿירן אינם קיניגס לאַגערס, מאַגאַזינעס; פֿון דאָרט פֿלעגט מען ארויסגעבן זיינע אונטערגעגעבענע אַלץ, וואָס זיי דאַרפֿן.

די מלכים פֿון טעבן. אין משך פֿון עטליכע יאָרהונדערטער האָבן אַלע געפֿאָלגט די מלכים, וואָס האָבן געקיניגט אין מעמפֿיס. נאָר ארום יאָר 2300 פֿאַר קר. האָבן זיי אָנגעוואָרן די ממשלה איבערן לאַנד. די מושלים און פֿאַרוואַלטערס פֿון די פּראָווינצן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿאָלגן דעם פּרעה און האָבן גענומען קלייבן די אָפּגאָבן פֿאַר זיך, אַנשטאָט זיי אָפּצושיקן דעם קיניג. עגיפּטן איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף איינציגע טיילפֿירשטנטימער.

פֿון די טיילפֿירשטן איז באַזונדערס שטאַרק געוואָרן דער מושל פֿון דער שטאָט טעבן אין דרום אָדער אויבערעגיפּטן, דאָרט, וואו דער נילוס פֿאַרקערעוועט און קומט צו נאָהענט צום אַראַבישן אויסגוס. די טעבאַנער פֿלעגן דורכגיין דעם מדבר, וואָס האָט זיי אָפּגעשיידט פֿון ים, איבער אַ קורצן קאַראַוואַנענוועג, און פֿלעגן זיך דערנאָך לאָזן שווימען אויף שיפֿן אין לאַנד פּונט (איצט אַבעסיניען און סאָמאַלילאַנד). רייך געוואָרן פֿון האַנדל, האָבן די טעבאַנער פֿירשטן צונויפֿגעקליבן אַ גרויסן חיל, אונטערטעניג געמאַכט די איבעריגע פֿירשטן און זייגען געוואָרן די פּרעהס פֿון גאַנץ עגיפּטן פֿון די טייכשוועלן ביזן מיטללענדישן ים.

די פּרעהס פֿון טעבן האָבן אויסגעשפּרייט זייער ממשלה ווייט אריבער די גרעניצן פֿון עגיפּטן. דער קיניג טעסאָסטרים איז עטליכע מאָל

געגאַנגען מלחמה האַלטן קיין דרום, אויף יענער זייט די טייכשוועלן, קיין נוביען, וואו עס האָט געוואוינט אַ פֿאָלק פֿון שוואַרצהויטיגע נעגערס. אינם דאָזיגן לאַנד האָבן די עגיפּטער געפֿונען רייכע גאָלדפֿעלדער און האָבן געצוואונגען די אָרטיגע איינוואוינער אַרבעטן פֿאַר זיי, ארויסגראָבן שטיקער גאָלד און ארויסשווייבקען גאָלדזאַמד. דערזעלביגער קריגערישער קיניג האָט געפֿירט זיינע קריגסלייט איבערן סועצפּאַס קיין אַזיען. זינט קדמונים האָבן די עגיפּטער געהאַט אויסגעבויט אַ לאַנגע מויער דורכן ערדפּאַס צווישן מיטללענדישן ים און צווישן דעם אַראַבישן אויסגוס, ניט ווייט פֿונם איצטיגן סועצקאַנאַל. די דאָזיגע מויער האָט געדינט פֿאַר אַ שוץ קעגן די וואַנדערשבטים, די בעדואינען, ווי מען רופֿט זיי איצט אָן. נאָר די אַזיאַטישע נאָמאַדן פֿלעגן זיך דורכרייסן דורך אָט דער מויער. האָט סעסאָסטרים באַשלאָסן גיין ווייט אריין אין די אַזיאַטישע סטעפּעס, בכדי אין גאַנצן צו פֿאַרטיליגן די אומרוהיגע שבטים. בעת זיינע מלחמות האָט ער איינגענומען דאָס לאַנד כּנען, וואו עס האָט זיך שפּעטער באַזעצט דאָס פֿאָלק ישראל.

אין חומש ווערט דאָס לאַנד כנען באַשריבן, ווי אַ רייך לאַנד, וואָס פֿליסט מיט האָניג און מילך; די מרגלים, וואָס משה האָט געשיקט, האָבן געבראַכט צו באַווייזן אַזאַ היינגל ווייַנטרובן, וואָס מען האָט אים באַדאַרפֿט טראָגן אין צווייען, אזוי שווער איז ער געווען. איין עגיפּטער פֿון סעסאָסטרים' צייטן, וואָס האָט אַ צייט לאַנג געוואוינט אין כּנען, זאָגט וועגן דאָזיגן לאַנד: „דאָרט זיינען געווען פֿייגן און ווייַנטרויבן, און מער ווייַן, איידער וואַסער. רייך איז געווען דער האָניג פֿון דאָזיגן לאַנד און אַסך בוימל, כלערליי פּירות אויף די ביימער . . . איך האָב געהאַט געקאָכטע פֿלייש און געבראָטענע גענז, און אויך געווילד פֿון מדבר, וואָס מען פֿלעגט פֿאַנגען פֿאַר מיר אין פאסטקעס, חוץ דעם, וואָס יעגער־הינט פֿלעגן צו מיר אָנטרייבן“.

סעסאָסטרים' זון, אַמענעמהעט, האָט אויסגעבויט גרויסע בנינים אינם אָאַזיס פֿאַיום, וואָס ליגט אין מערב־זייט פֿון נילוס, ניט ווייט פֿון דעם אָרט, וואו ער פֿליסט אריין אינם דעלטאַ־פּליין. דער דאָזיגער נידעריגער אָרט פֿלעגט פֿאַרפֿלייצט ווערן בעתן געוויסער דורך אַ טייכאָדער פֿונם נילוס (וואָס הייסט איצט יוספס קאַנאַל). אַ מענעמהעט האָט געהייסן פֿאַרצאַמען דורך דאַמבעס דעם שפּאַלט, וואָס איז געווען דורכגעגראָבן פֿון שטראָם דורך די פֿעלזנבערג און האָט געבילדעט דעם אריינגאַנג צום אָאַזיס; די זומפּן, וואָס האָבן פֿאַרפֿולט די נידערניש, זיינען אויסגעטריקנט געוואָרן; דאָס וואַסער האָט מען גענומען אריינלאָזן אין באַסיינען און

גלייכמאָסיג פֿונאַנדערטיילן עס איבער די פֿעלדער פֿון אָאַזיס. אַדאַנק דעם איז פֿאַיום געוואָרן די רייכסטע און פֿרוכפּעריגסטע געגנט פֿון עגיפּטן.

אויף אַ הויכן באַרג ביים אריינגאַנג אין אָאַזיס האָט אמענעמהעט אויסגעבויט זיין פּיראַמידע; ניט ווייט פֿון איר איז געשטאַנען אַ גוואַלדיגער טעמפּל פֿאַר אַלע עגיפּטישע געטער, וואָס די גריכן האָבן אים אָנגערופֿן לאַבירינט. אין דער גאַנצער לייגג פֿון אָט דעם בנין האָט זיך געצויגן איין וואַנט, וואָס צו איר זיינען געווען צוגעבויט פּאָרטיקעס, ד. ה. פּירעקיגע הויפֿן, ארומגערינגלט מיט זיילן. פּאָרטיקעס זיינען געווען אזוי פֿיל, וויפֿיל פּראָווינצן אין עגיפּטן, און מען האָט פֿון איינעם געקאָנט פֿריי אריבערגיין אין צווייטן. איטליכע פּראָווינץ האָט געשטעלט אין פּאָרטיק איר שוץ־גאָט; בעת די ימים־טובים פֿלעגן זיך דאָ צונויפֿקלייבן די עלטסטע פֿון די פּראָווינצן און מתפּלל זיין איטליכער אין זיין פּאָרטיק. נאָר איידער מען איז צוגעקומען צו אָט די היילינגטימער, האָט מען געדאַרפֿט דורכגיין אַ געדעקטע גאַלעריי, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַסך זיילן און גאַנגען צווישן זיי. די גייגג זיינען געווען אַזוי געפּלאָנטערט, אַז אהן אַ וועגווייזער האָט אַ פֿרעמדער ניט געקאָנט ניט אריין און ניט ארויס פֿון דער קאָלאָנאַדע. דעריבער האָבן די גריכן שפּעטער אָנגעהויבן רופֿן מיטן נאָמען „לאַבירינט“ אַ פֿאַרכישופֿטן פּאַלאַץ, וואו מען מוז זיך פֿאַרבלאָנדזשען.

פֿאָרשטעלונג וועגן די געטער. אינם געדאַנק פֿון די עגיפּטער וועגן די געטער זיינען געווען אויסגעמישט און פֿאַראייניגט רעשטן פֿון פֿאַרצייטיגע גלויבונגען און נייע השגות. אין איטליכער שטאָט אָדער אין איטליכן לאַנדקרייז האָט מען געדינט צו אַן אייגענעם שוצגאָט אָדער שוצגעטין, און מען האָט געהאַט אייגענע באַזונדערע צערעמאָניעס, אַן אייגענעם שטייגער, ווי אזוי אויסצומעלן די געטער. איין שטריך פֿון די אַלטע צייטן האָבן די עגיפּטער באַזונדערס איינגעהיט: דאָס איז די פֿאָרשטעלונג, אַז דער גאָט קאָן אָננעמען די געשטאַלט פֿון אַ בעל־חי, אַז זיין נשמה קאָן זיך באַזעצן אין אַ חיה, אַ פֿויגל א. אַז. וו. מחמת דעם האָט מען אין פֿאַרשיידענע פּראָווינצן געהאַלטן פֿאַר הייליגע בעלי־חיים קראָקאָדילן, קעץ, איביסן, שלאַנגען א. אז. וו. דעם גרעסטן כבוד האָט אין עגיפּטן געהאַט דער שוואַרצער אָקס אַפּיס, מיט אַ ווייסן פֿלעק אויפֿן שטערן, וואָס מען פֿלעגט אים האַלטן אין מעמפֿיס אין אַ באַזונדער היילינגטום. די געטער פֿלעגן ווערן אויסגעמעלט על פּי רוב אין דער געשטאַלט פֿון בעלי־חיים אָדער פֿון מענשן מיט קעפּ פֿון בעלי־חיים, אַ האַביכט, אַ קוה, א שאָף, אַ שאַקאַל א. אנד.

איינגע געטער זיינען געווען באַוואוסט אין גאַנץ עגיפּטן. דער גאָט פֿון דרום, האָרוס (אין דער געשטאַלט פֿון אַ האַביכט), האָט אַ צייט לאַנג געפֿירט מלחמה מיטן גאָט פֿון צפון, סעט. דער פֿינסטערער סעט רייסט ארויס ביים ליכטיגן האָרוס אַן אויג (די זון), נאָר האָרוס איז אים פֿאָרט מנצח. אומעטום האָט מען אויך געדינט: צום מעכטיגן וואַסערגייסט, וואָס נעמט אָן די געשטאַלט פֿון אַ קראָקאָדיל; צום לבנה־גאָט טאָט, וואָס האָט איינגעשטעלט די צייטן פֿון יאָר און דעם אלגעמיינעם סדר אויף דער ערד, האָט ערפֿונדן די שפּראַך און די שריפֿט, פֿאַרמאָגט אלע סודות פֿון דער וועלט, ווייזט מיט חכמה אָן אלע געטער און מענשן, וואָס זיי האָבן צו טון; צו אָזיריסן, דעם אונטערערדישן גאָט, וואָס לאָזט ארויסוואַקסן גראָזן און בוימער, וואָס דורך זיי גייט ארויס פֿון אונטער דער ערד זיין אָטעם.

אין פֿאַרשיידענע ערטער האָט מען געוויזן רעשטן פֿון אָזיריס' גוף, וואָס דער בייזער סעט האָט אים דערהרגעט און צעריסן. די געטין איזיס (וואָס פֿלעגט ווערן אויסגעמעלט מיטן קאָפּ פֿון אַ קוה אָדער אין אַ קרוין, באַפּוצט מיט הערנער), אָזיריס' פֿרוי, האָט אים באַגראָבן. אָזיריס' זון, האָרוס, האָט דורך כישוף ווידער לעבעדיג געמאַכט זיין פֿאָטער, נאָר איצט קיניגט ער איבער די טויטע. אויך די איבעריגע געטער ליידן, שטאַרבן, האָבן קברים, נאָר זיי שטייען אויף תחית המתים, לעבן און קיניגן אייביג. די זון ווערט געבאָרן אַלע טאָג אינדערפֿריה, ביי האַלבן טאָג דערגרייכט זי צו דער גרעסטער קראַפֿט, און פֿאַרנאַכט ווערט זי אלט און שטאַרבט אַוועק. אין יאָר זיינען געווען גרויסע ימים־טובים דער טאָג פֿונם גאָטס געבוירן, פֿון זיין בליהונגסצייט און פֿון זיין טויט. בעת די ימים־טובים פלעגן די באַדינערס פֿון טעמפּל און באַזונדערס הייליגע מענשן טראָגן אין פֿייערליכער פּראָצעסיע די בילדער פֿונם גאָט אָדער פֿירן זיי איבערן טייך אין אַן אויסגעפּוצטן שיפֿל. טיילמאָלס פֿלעגן פֿאָרקומען טעאַטערפֿאָרשטעלונגען: כהנים פֿלעגן פֿאָרשטעלן דעם גאָטס קריגסמאַנשאַפֿט, וואָס איז גרייט אָפּצוטרייבן זיינע שונאים, אָדער פֿלעגן בילדן אַכאָר, וואָס באַוויינט זיינע ליידן.

צווישן די כהנים זיינען געווען געלערנטע, וואָס האָבן זיך באַפֿרייט פֿון די אַלטע גראָבע השגות און האָבן געפּרובט שאַפֿן אַן אלגעמיינעם גלויבן פֿאַר אַלע עגיפּטער. זיי האָבן געלערנט, אַז איבער די געטער פֿון די איינציגע שטעט שטייט איין העכסטער גאָט, וואָס טוט גוטס די מענשן. מער פֿון אַלעמען האָבן אָט דעם גלויבן פֿאַרשפּרייט די כהנים פֿונם זונענגאָט רע, אין דער זונענשטאָט, ניט ווייט פֿון מעמפֿיס. זיי

האָבן פֿאַרפֿאַסט אַ לויבליד לכבוד זייער גאָט, וואו עס שטייט געזאָגט: „לעבעדיגע זון, דו גייסט אויף אין דיין גאַנצער שיינקייט אויפֿן הימל־האָריזאָנט. דיינע שטראַלן נעמען ארום אַלע לענדער, וואָס דו האָסט געשאַפֿן. דו, גרויסער רע, מאַכסט זיי אונטערטעניג דורך דיין ליבשאַפֿט. דו האָסט באַשאַפֿן די ערד, לויט דיין פֿאַרלאַנג, מיט מענשן, טשערעדעס און מיט אַלע בעלי־חיים, אלץ, וואָס איז פֿאַראַן אויף דער ערד, וואָס גייט אויף פֿיס, שווימט אין וואַסער און פליהט אויף פֿליגלען. דו האָסט באַשאַפֿן דעם נילוס אין דער טיפֿעניש און געבראַכט אים אהער לויט דיין רצון, בכדי צו שפייזן די מענשן. פֿאַר אלע ווייטע לענדער האָסטו געשאַפֿן שפייזונג און געשטעלט אַ נילוס אויפֿן הימל, בכדי ער זאָל אין רעגן זיך אַראָפּלאָזן צו זיי. ער הויבט אויף אינדן אין די באַרג־שטראָמען, ווי אַן אָקעאַן, און באַוואַסערט זייערע פֿעלדער. ווי שיין זיינען דיינע באַשלוסן, דו האַר פֿון אייביגקייט!“

די איינוואוינער פֿונם נילוסטאָל האָבן געמיינט, אז זייער לאַנד געפֿינט זיך אין מיטלפונקט פֿון דער וועלט; די ערד שווימט ארום אין אַ גרויסן אָקעאַן; דער הימל איז אַ פֿלאַכער דאַך, וואָס רוהט מיט זיינע ראַנדן אויף הויכע בערג און איז איינגעפֿעסטיגט אויף פֿיר סלופעס; פֿון דער סטעליע לאָזן זיך אראָפּ ווי הייגגלייכטערס די שטערן.

גלויבן אין אַ לעבן אויף יענער וועלט. לויט די בילדער און בנינים פֿון די עגיפּטער איז ניכר, אַז באַזונדערס האָט זיי פֿאַרנומען דער געדאַנק וועגן פֿאַרלייגערן דאָס לעבן נאָכן טויט. אַ גאַנצע העלפֿט פֿון טעבן, אלץ, וואָס ליגט אויף דער לינקער מערבדיגער זייט נילוס, באַשטייט פֿון דער „טויטנשטאָט“. דאָס איז אַ צווינטער, וואו די קברים זיינען געראַמע, שטאַרק געבויטע וואוינונגען, אסך האַפֿטיגערע, איידער די הייזער פֿון די לעבעדיגע. זיי זיינען פֿול מיט חפצים, בילדער, אויפֿשריפֿטן און תפלה־בלעטלאַך, וואָס פֿון זיי ווערן אונז באַקאַנט די גלויבונגען פֿון די עגיפּטער. אין די דאָזיגע גלויבונגען זיינען געווען אויסגעמישט שרעק פֿון די לעבעדיגע פֿאַר די טויטע, דאַגה פֿארן אייגענעם סוף און האָפֿענונגען אויף אַ בעסערן חלק אויף יענער וועלט.

די עגיפּטער האָבן געגלויבט, אַז צווישן די גוטע און די בייזע גייסטער גייט כסדר א קאַמף פֿאַרן מענשנס לעבן. קראַנקהייט און טויט זיינען דער נצחון פֿון די בייזע גייסטער. נאָר די דעמאָנען זיינען ניט גובר אויף שטענדיג; נאָך אויף יענער וועלט גייט ווייטער די מלחמה צווישן די גוטע און די בייזע כחות. די גוטע באַהיטן, די שלעכטע זוכן צו פֿאַרטיליגן יענעם

טייל פֿון מענשליכן וועזן, וואָס האָט פֿאַרלאָזן דעם קערפּער ביים שטאַרבן. אינם דאָזיגן קאַמף קאָנען די קרובים און נאָהענטע פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם העלפֿן אים, פּונקט ווי זיי האָבן אים געהאָלפֿן ביים לעבן, ווען ער איז קראַנק געווען, דורך כּישוף־שפּראָכן און תּפילות, וואָס פֿאַרמאָגן אַ סודותדיגן כּח. קמיעות וואו עס זיינען פֿאַרשריבן אזעלכע תּפילות, ליגן לרוב אין עגיפּטישע קברים.

זעהר לעבעדיג האָבן זיי זיך פֿאָרגעשטעלט אויך יענע וועלט, וואו דער פֿערשטאָרבענער וואָגלט ארום. די דאָזיגע הימלוועלט איז ענליך צו דער ערדישער. אין איר מיטן פֿליסט דער גרויסער הימלישער נילוס, און איבערן טייך שווימט אַלע טאָג דורך דער זונענגאָט, זיצנדיג אין אַ גנדעקטן ביידל אויפֿן שיף; אין דער פֿינסטער קערט ער זיך ווידער אום איבערן נאַכטטייך קיין מזרח, פֿונוואַנען עס הויבט זיך פֿונדאָסניי אָן זיין טאָגווענג. די רייזע פֿון דער זון איז, לויט די עגיפּטער, געגליכן צום לעבן פֿון אַ מענשן: אויך אין איר בייט זיך געבוירן ווערן, לעבן און טויט. די זון, וואָס האָט זיך ביינאַכט באַהאַלטן, איז אַ געשטאָרבענער גאָט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער אונטערערדישער וועלט. זיין שיף שווימט צווישן פֿינסטערע ברעגעס, וואו עס לאָקערן בייזע גייסטער; שרעקליכער פֿאַר אלע איז אַ גוואַלדיגער שלאַנג, וואָס וויל פֿאַרצוקן די זון; נאָר אין דער לעצטער רגע באַווייזן זיך די פֿריינט פֿון דער זון, וואַרפֿן זיך ארויף אויפֿן שונא און שמידן אים אין קייטן.

אַ געשטאָרבענער מענש קאָן מיט דער הילף פֿון תּפילות און צערעמאָ־ניעס, וואָס די לעבעדיגע ריכטן אָפּ, האָבן דעמזעלביגן סוף, וואָס די זון. זיין נשמה קאָן גליקליך זיך דורכגנבנען אינאיינעם מיט דער זונען־שיף דורך דער נאַכט און ווידער אויפֿלעבן צום נייעם פֿריהמאָרגן; זי קאָן אויך אוועקפֿליהען אין געשטאַלט פֿון אַ פֿויגל אין הימלסלאַנד. בכדי צו פֿאַרגרינגערן אָט דעם אריבערגאַנג פֿלעגט מען די פֿאַרשטאָרבענע באַגראָבן אויפֿן מערבדיגן ברעג פֿון נילוס און לייגן מיטן פּנים צום זונ־אונטערגאַנג: אזוי האָבן זיי באַדאַרפֿט גיכער דערזעהן יענע וועלט. דער וויטער מערב, וואָס אהין גייט די זון אַוועק, האָט זיך גערעכנט פֿאַרן גליקליכן לאַנד פֿון די נשמות, וואָס זיינען אַריבערגעגאַנגען צום אַנדערן לעבן. אַ סך האָבן געזוכט צו באַזאָרגן זיך מיט אַ קבר אין דער הייליגער שטאָט אַבידאָס, וואו עס האָט זיך געפֿונען דער הויפּט־קבר פֿונם אונטער־ערדישן גאָט אָזירים: די דאָזיגע מענשן האָבן געגלויבט, אַז אויף דער הייליגער ערד וועלן זייערע גופים זיין אונטערן שוץ פֿון גאָט און מיט אים אינאיינעם וועלן זיי אויפֿשטיין צו אַ נייעם לעבן.

אינם וועזן פֿון אַ מענשן האָבן די עגיפּטער אונטערשיידט דריי חלקים: 1) דעם קערפּער, 2) דעם גייסט אָדער „בן־גיל‟, וואָס איז אָפּ־געמעלט ווי אַן איבערחזרונג פֿון אַ מענשליכער פֿיגור נעבן דעם לעבעדיגן מענשן, און 3) די נשמה, וואָס ווערט אויסגעמעלט אין דער געשטאַלט פֿון אַ פֿויגל. דעם מענשנס גוף לייגט מען אריין אין דער ערד און ניט ווייט פֿון אים דאַרף בלייבן שטיין דעם מענשנס „בן־גיל‟. דאָס לעבן פֿונם בן־גיל וועט גיין ווייטער אויף יענעם זעלביגן אָרט. מען דאַרף אים פֿאַרזאָרגן מיט אַ פֿעסט, שטאַרק הויז מיט חדרים, מיט קליידער און כלים, מיט פֿרישער שפּייז און באַזונדערס מיט געטראַנק; אויב ניט, וועט ער ליידן הונגער און דאָרשט און וועט אָנהויבן פּייניגן די לעבעדיגע מענשן. דעריבער פֿלעגט איטליכער, ווער עס האָט געקאָנט, בויען פֿאַרן בן־גיל פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם קרוב אַ גרויסן פֿירעקיגן בנין, אַן „אייביג הויז‟. וואָס רייכער דער פֿאַרשטאָרבענער איז געווען, וואָס מיוחסדיגער, אַלץ גרעסער, אַלץ בעסער איז געווען זיין פּאַלאַץ; פֿאַרן קעניג פֿלעגט מען אויסלייגן אַ גאַנצן שטיינערנעם באַרג, אַ פּיראַמידע.

בכדי צוצוציהען דעם בן־גיל, פֿלעגט מען אַוועקשטעלן אַ שטיינבילד פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם; מיט אַ באַזונדער קונסט פֿלעגט מען אויף דעם מאַכן דעם פּאָרטרעט פֿון פּנים. אין דערזעלביגער צייט האָט מען זיך געפֿלייסט אויפֿצוהיטן גאַנץ דעם גוף, וואָס אין אים האָט דער פֿאַר־שטאָרבענער באַדאַרפֿט געפֿינען זיין פֿריהערדיגע וואוינונג. דאָס האָט געבראַכט צום מנהג צו באַלזאַמירן די טויטע קערפּערס, צו מאַכן פֿון זיי מומיעס, ד. ה. מען פֿלעגט ארויסנעמען פֿונם קערפּער די געדערים, פֿאַרגיסן מיט אַספֿאַלט, ארומבינדן מיט געוואַנט און אריינלייגן אין באַ־מאָלטן הילצערנעם קאַסטן, וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט אַן איינגעוויקלטן מענשן. די מומיעס פֿלעגן אין גאַנצן אויסטריקענען; אזוי זיינען צו אונז געקומען די גופים פֿון עטליכע עגיפּטישע מלכים. אויף די ווענט פֿון די קברים פֿלעגט מען אויסקנעטן רעליעף און אויסמאָלן עסנוואַרגזאַכן, פּירות, בלומען, קליידער, פֿאַרשיידענע חפצים פֿון בעל־הבתישקייט. ביי אַ רייכן פּריץ אין קבר פֿלעגט מען אריינשטעלן קליינע שטיינפֿיגורן פֿון אַרבעטער און קנעכט מיט געצייג אין די הענט: זיי האָבן געמוזט פֿאַר אים אַקערן, פֿירן זעק, קאָכן עסן וכדומה. צוליב דער הנאה פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם פֿלעגט מען אויסמאָלן בילדער פֿון געוויינליכן לעבן, אַ שטייגער, אַ געיעג אין די נילוסראָרן, מאָלצייטן און טענץ.

אַ געמיינער מענש, וואָס האָט ניט געהאַט קיין מיטלען דאָס אַלץ צו טון פֿלעגט באַשיטן דעם קערפּער פֿון פֿאַרשטאָרבענעם מיט זאַלץ און

באַגראָבן אים אין דער ערד. ס׳האָט אויסגעדוכט, אז אויך אויף יענער וועלט מוזן די געשטאָרבענע אָרימעלייט אָפּשטיין בנוגע צום וואוילזיין פֿון די רייכע, פונקט ווי דאָס איז געווען אין ערדישן לעבן. איבעריגנס, האָבן די כהנים געטרייסט די אָרימע לייט מיט צוזאָגן פֿון אַ כישוף־תפילה: „זאָל דעם גאָט אָזירים געבראכט ווערן אַ קיניגליכער קרבן, אַז ער זאָל שיינקען דעם פֿאַרשטאָרבענעם 1000 אָקסן, 1000 גענז, 1000 ברויטן א. אַז. וו.„ אין די קברים פֿלעגט מען אריינלייגן לאַנגע רשימות מיט געַנויע וואונשן פֿון דעמזעלבינגן מין.

דאָס וואוילזיין פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם איז געווען געווענדט פֿון דער ותרנות פֿון זיינע קרובים אָדער פֿון דער קונסט פֿונם כהן, וואָס האָט געלייענט די תפילה. נאָר נעבן דעם האָט ביי די עגיפּטער אָנגעהויבן זיך דורכשלאָגן אַ העכערער געדאנק: דעם פֿאַרשטאָרבענעם ווערט אויף יענער וועלט אָפּגעצאָלט לויט זיינע מעשים. גייענדיג נאָך דער זון, קומט די נשמה אריין אין אונטערערדישן קיניגרייך און דאָרט דאַרף זי שטיין פֿאַר אַ משפט. דאָרט זיצט דער גערעכטער שופט אָזירים, דער גאָט, וואָס האָט אליין געליטן און איז געשטאָרבן. ער באטראַכט דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער נשמה, וואָס שטייט פֿאַר אים, און טראָגט ארויס דעם פסק־דין. דעריבער פֿלעגט מען אין קבר אריינלייגן אַ באַזונדער תפלה־בוך, וואו עס איז געווען פֿאַרשריבן, וואָס דאַרף די נשמה ענטפֿערן אויפֿן משפט: „איך האָב קיינעם ניט אָפּגענאַרט, בין ניט געווען קיין ליידיגגייער, האָב ניט אָפּגענומען קיין שקלאַוו ביי זיין האַר, האָב ניט געפּייניגט קיין אלמנות, ניט באַרויבט קיין קברים, ניט געגאַנגען אויף גזיעג אויף הייליגע בעלי־חיים, איך בין ריין, האָב געגעבן ברויט און וואַסער דעם אָרימאַן, קליידער דעם נאַקעטן, איך האָב געבראַכט קרבנות פֿאַר די געטער און געשפּייזט די געשטאָרבענע“. פֿון אָט די ענטפֿערס איז צו זעהן, וואָסערע עברות און מצוות האָבן ביי די עגיפּטער זיך גערעכנט פֿאַר די וויכטיגסטע.

די שריפֿט. ביי די געמעלן אויף די ווענט זיינען על פּי רוב געשטאַנען אויפֿשריפֿטן. שפּעטער האָבן די גריכן, וואָס האָבן באַזוכט עגיפּטן, אָגערופֿן זיי ה י ע ר אָ ג ל י פֿ ן, ד. ה. הייליגע שריפֿט, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס זיינען אַזעלכע סודות־פֿולע צייכנס, אַ מין רעטענישן, וואָס באַהאַלטן דעם געדאַנק. נאָר אין דער אמתן איז דאָס געווען דער געוויינליכער אלף־בית פֿון די עגיפּטער, מער ניט אַ סך אַ האַרבערער און מער פֿאַרפּלאָנטערטער, ווי אונזערע. מיט דער שריפֿט זיינען פֿאַרשריבן אָהן אַ שיעור פּ אַ פּ י ר ו ס בלעטלאַך

(דאָס איז אַ מין פּאַפּיר, צונויפֿגעפֿלאָכטן פֿון די פֿאַזערן פֿון אַן עגיפּטישן ראָרקוסט).

די שריפֿט האָט זיך אָנגעהויבן דערפֿון, וואָס מענטשן האָבן זיך געפֿלייסט אָנצומאָלן יענע זאַכן, וואָס וועגן זיי האָבן זיי גערעדט. ביי ווילדע מענטשן טרעפֿט אָפֿטמאָלס, אַז אַ געמעל גיט איבער אַ גאַנצן אָפּמאַך: אַ שטייגער, עס איז אויסגעמעלט אַן אָזערע מיט פֿיש, וואָס שווימען אין איר, און פֿון אירע ביידע זייטן שטייען מענטשן — דאָס באַטייט, אַז צוויי דערפֿער האָבן זיך צונויפֿגערעדט, אַז ביידע מעגן כאַפּן פֿיש אין דעם און דעם אָרט. מען קאָן מיט עטליכע שטריכן אָנצייכענען בילדער פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן און באַשעפֿענישן, אַ שטייגער, אַ מענטש, אַ פֿויגל, אַ לייב, אַ רידל, אַ שטערן. די ווערטער „טאָג", „תפילה", „כּח" קאָן מען שוין ניט אויסמעלן; זיי וועט אויסקומען בלויז דערמאָנען דורכן געמעל: דעם טאָג — דורך אַ קרייזל, וואָס באַטייט די זון, די תפילה — דורך אויסמאָלן אַ מענטשן מיט די הענט אויפֿגעהויבן צו די געטער, כּח דורך דער פֿיגור פֿון אַן אָקס א. אז. וו. פֿון אַזאַ ווערטער־אלף־בית האָבן טאקע די עגיפּטער אָנגעהויבן. גיין האָבן זיי אויסגעמאָלט דורך שפּרייזנדיגע פֿיס; דער האַביכט, וואָס איז געווען געהייליגט דעם גאָט האָרוס, האָט באַטייט אַ גאָט אָדער אַ קיניג; פֿרוכפּעריגע ערד איז געוואָרן אויסגעמעלט ווי אַ פּאַס, און אונטער אים פּינטעלאַך (די ערדקאָרע און זאָמען), אומפֿרוכפּעריגע ערד — ווי אַ געצייכנדלט ווענטל (שטייניגע בערגלאַך). דאָס איז געווען זעהר ניט קיין גוטער אופֿן שרייבן. מען האָט געמוזט אויסקלערן אַ סך צייכנס — אַזויפֿיל, וויפֿיל ס'זיינען געווען ווערטער. דערצו נאָך, ווען מען פֿלעגט אָט די פֿיגורן און צייכנס שטעלן נעבנאַנאַנד, בכדי אויסצודריקן אַ גאַנצן געדאַנק, איז דער צונויפֿבונד צווישן זיי געבליבן ניט קלאָר; מען האָט ניט געקאָנט אויסדריקן דאָס, וואָס מיר דריקן אויס דורך פֿאַרשיידענע וואָרטענדונגען, בויגונגען און קאָנגרוענץ.

די צייכנס קאָן מען אויך אַנדערש אויסנוצן. מען קאָן ניט נאָר זעהן אין דער פֿיגור אַ זאַך אָדער דעם צייכן פֿאַר אַ באַגריף, מען קאָן אויך, ביים ארויסזאָגן דאָס וואָרט, וואָס איז אויסגעמאָלט דורכן צייכן, הערן אין דעם אַ געוויסן קלאַנג. ווען מען זאָל זיך צוגעוויינען פֿאַרבינדן מיט דעם אָדער יענעם צייכן דעם אָדער יענעם קלאַנג, וועט מען קאָנען געברויכן דעמזעלביגן צייכן אומעטום, וואו עס באַגעגנט זיך דערזעלביגער קלאַנג, זאָל זיין אפילו, אז דער טייטש פֿונם וואָרט איז אַן אַנדערער. אשטייגער, דאָס בילד פֿון אַ בין קאָן דינען אויף צו באַצייכענען דעם ערשטן טראַף פֿונם וואָרט בינטל; דער צייכן פֿאַרן וואָרט „דער" און

דער צייכן פֿאַרן וואָרט „מאָן“ קאָנען דינען פֿאַר די ערשטע טראַפֿן פֿונם וואָרט דערמאָנען וכדומה. ביים אויסרעדן פֿאַרשיידענע ווערטער לאָזן זיך גרינג באַמערקן גלייכע טראַפֿן: ווען מען זאָל געבן איטליכן טראַף אַ באַזונדער צייכן, דעמאָלט קאָן מען אויסדריקן אַלע ריידווענדונגען. די עגיפּטער פֿלעגן שטעלן „גאַנז“ אָנשטאָט „דער זון“, וואָרום ביידע ווערטער האָבן געקלונגען גלייך סע; דאָס וואָרט „צימבל“ (גאָפּרע) האָט געקאָנט דינען פֿאַרן וואָרט „גוט“ א. אז. וו. אויף דעם סמך איז געבויט אונזער רעבוס. נאָר דאָס, וואָס ביי אונז איז אַ שפּיל, איז פֿריהער בכלל אָנגעווענדט געוואָרן ביים שרייבן. דעם דאָזיגן טראַפּן־אלף־בית האָבן די עגיפּטער אָנגעהויבן באַנוצן, חוץ דעם אַלטן ווערטער־אלף־בית. די צאָל צייכנס איז אין אים געווען אסך קלענער, איידער אין ערשטן. נאָך שפּעטער האָבן זיי אויך די טראַפּן צעטיילט אויף קלאַנגען און האָבן גענומען באַצייכענען איטליכן קלאַנג דורך אַ באַזונדער צייכן.

נאָר די צרה איז געווען, וואָס ביי זיי זיינען געבליבן צייכנס פֿון אלע דריי אלף־ביתן; נעבן דעם לעצטן אלף־בית, וואָס איז ענליך צו אונזערן, האָבן זיי אָנגעווענדט אויך די פֿריהערדיגע שריפטמיטלען. די שריפט־קונסט איז ביי זיי געווען און געבליבן שטאַרק פֿאַרפּלאָנטערט.

אינם גורל פֿון אָט דער קונסט איז בולט אויסגעדריקט איין שטריך פֿון עגיפּטישן פֿאָלק. צוגלייך מיט די נייע ערפֿינדונגען, מיט דער מערקווירדיגער קונסט אין בויען, אין מאָלעריי און סקולפּטור, צוגלייך מיט געהויבענע השגות זיינען ביי די עגיפּטער געבליבן גילטיג אַלטע אָפּגעשטאַנענע מנהגים און מיינונגען: זיי פֿלעגן זיך טאַטואירן, געברויכן צום טייל שטיינערנע געצייג, אָפּהיטן די קערפּערס פֿון פֿאַרשטאָרבענע און זיי געבן צו עסן, פֿאָרשטעלן זיך די געטער אין געשטאַלט פֿון בעלי־חיים, באַנוצן אַ קינדישן אלף־בית. דאָס אַלץ פֿלעגט איבערגעחזרט ווערן פּינקטליך און געגוי אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, הגם דער זין פֿון אַסך אלטע מנהגים איז פֿאַרשוואונדן און פֿאַרגעסן געוואָרן.

פֿאָדער־אַזיע. אין אַן אַנדער מצב, ווי די עגיפּטער, האָבן זיך געפֿונען די געבילדעטע פֿעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אינם צווייטייכן־לאַנד, ד. ה. ביי דער שטרעמונג פֿון די טייכן פרת און חידקל.

דאָס לאַנד, וואָס ליגט צווישן מיטללענדישן ים און צווישן אָט די טייכן, גייט אין דרום איבער אומבאַמערקט צום אַראַבישן האַלבאינזל. דעם מיטן פֿון אָט דעם גרויסן פֿירעק, פֿונם אזוי אָנגערופֿענעם פֿאָדער־אַזיען, פֿאַרנעמט דער גרויסער אַראַבישער סטעפּ. ביי זיינע ראַנדן ליגט


שוואַרצער ים
קאַספּישער ים
קאַוו קאַז
קליינאַזיע
מיטללענדישער ים
קיפּר
סוריע
פֿנֿיקיע
ירושלים
3
מדי
נינוה
2
פּרת
חידקל
בבל
1
שושן
אירען
פּרס
פּערסישער איינגום
אַראַבישער מדבר
סיני
מעמפיס
פֿאַיומע
ליבישער מדבר
מעבן
נילוס
נילוסוויגן
אַראַבישער איינגום
צו דעם גליקלעכער אַראַביע
1. בבל
2. אשור
3. כנען (קיניגרייך ישראל)

אין דרום־זייט דאָס גליקליכע אַראַביען (יעמען אָדער תימן), אין מערב־זייט סיריען (סוריא וואָס זיין דרום־טייל איז דאָס לאַנד כּנען), אין מזרח־זייט — שנעָר אָדער בבל, דאָס געביט פֿון אונטערשטן פּרת און חידקל. די דאָזיגע דריי לענדער זיינען פֿון קדמונים באַזעצט געווען מיט ערדאַרבעטער און גערטעניערס. איבערן סטעפּ פלעגן ארומוואַנדערן קריגערישע נאָמאַדן, וואָס מען רופֿט זיי איצט אָן סעמיטן אָדער שמיים (נאָך שם, נחס עלטסטן זון; צו די סעמיטן געהערן די יידן און די אַראַבער). די נאָמאַדן פֿלעגן אָפּט באַראַבעווען די פֿאַרמעגליכע און פֿרידליכע שכנים, וואָס האָבן געוואוינט ביים ראַנד פֿונם סטעפּ, און צייטנווייז, צונויפֿגעקליבן זיך אין גרויסע מאַסן, פֿלעגן זיי זיי אינגאַנצן אונטערטעניג מאכן.

שנער איז אָרימער פֿאַר עגיפּטן מיט געוויקסן־מינים. קיין וויינשטאָק און קיין איילבירטנבוים זיינען דאָרט ניטאָ; בוימאַרטן זיינען גאָר ווינציג פֿאַראַן. גאָר תבואה איז אין שנער געוואַקסן גאָר אַסך. אַ גרויסן נוצן האָט מען געצויגן פֿון טייטלבוים: פֿון זיינע פּירות האָט מען געמאכט מעל, וויין, צוקער, עסיג; די פֿאַזעריגע טיילן האָבן געדינט אויף צו מאכן געוואַנט; די ביינדלאַך פֿלעגט מען געברויכן אָנשטאָט קוילן אין שמידערייען אָדער מען פֿלעגט זיי צעמאָלן אויף פֿיטערונג פֿאַר בהמות. אין אַן אַלטן ליד האָט מען געזונגען, אַז דעם טייטלבוים קאָן מען אויסנוצן אויף 360-ערליי אופנים.

דער פליין פאַזע די צוויי גרויסע טייכן איז בעצם א המשך פֿונם גרויסן אינעווייניגסטן סטעפּ; אין משך פֿון עטליכע חדשים שטייט דאָרט א היץ ניט אויסצוהאַלטן, און אַלצדינג טריקנט אויס. צום סוף פֿריהיאָר ווערט ער אַ לאַנד פֿון מבול: די וואַסערן פֿונם פּרת און חידקל צעפֿלייצן זיך ברייט און גיסן זיך ערטערווייז אפילו צונויף. פונקט ווי אין עגיפּטן, האָט דאָ אויך געמוזט אָפּגעטאָן ווערן אַ גוואַלדיגע אַרבעט, אויף צו מאַכן די זומפּן, וואָס די אויספלייצונגען האָבן איבערגעלאָזט, און דעם סטעפּ, וואָס טריקנט אויס נאָכן געוויסער, פֿאַר בליהענדיגע סעדער און תבואה־פֿעלדער. אָהן אַ צאָל קאַנאַלן, אָזערעס אויף אָפּצוציהען דאָס וואַסער, דאַמבעס און פּלומפּן זיינען דאָ געמאַכט געווען פונקט אזוי קונציג, ווי אין עגיפּטן. די אויפֿשיטן פאַזע די קאַנאַלן פֿלעגן אויסגעליינט ווערן מיט פֿעסטע ווענט, און פֿון אויבן האָט מען אויף זיי איינגעפלאַנצט פּאַלמעס, וואָס האָבן געגעבן שאָטן, וואָס איז אזוי זעלטן אינם דאָזיגן לאַנד. דאָרט, וואו דער קאַנאַל האָט באַדאַרפֿט דורכגיין דורך א זומפּיגער געגנט, אָדער וואו צוויי קאַנאַלן האָבן זיך געקרייצט, פֿלעגט מען דאָס

בעט ארײנלאָזן אין געמויערטע טרויבן אָדער אין געװעלבן, װאָס זײנען געװען אונטערגעשפּאַרט דורך הויכע סלופּעס. די קאַנאַלן האָבן געאַרבעט אין משך פֿון גאַנצן יאָר: זײ האָבן געדינט צוליב באַװאַסערונג און פֿאַר־אײנס זײנען זײ געװען אויסגעצײכנטע װעגן פֿאַר גרויסע און קלײנע שיפֿן.

בײ הײנטיגן טאָג, נאָך אַסך מלחמות, נאָכדעם װי נאָמאַדן האָבן אַ לאַנגע צײט געװעלטיגט אין יענעם קאַנט, איז קײן סימן ניט געבליבן פֿון אָט די גרויסע װאַסערװערק, דאָס לאַנד זעהט אויס װי אַ הוילער פֿאַראומערטער סטעפּ, דורכגעבראָכן ערטערװײז פֿון זומפּן. ס׳זײנען אויך דאָרט ניט צו זעהן קײן חורבות פֿון שטעט, טעמפּלען און קברים־הײזער. אינם פּרת־פּלײן איז ניטאָ יענער מערקװירדיגער בוימאַטעריאַל, װאָס איז אַזוי פֿיל פֿאַראַן אין עגיפּטן: מירמלשטײן, גראַניט און אַנדערע שטאַרקע געשטײן־מינים. די אײנװאױנער פֿון לאַנד האָבן געמוזט מאַכן מאַטעריאַל פֿאַר הײזער, טעמפּלען, דאַמבעס פֿון לײם: זײערע בנינים זײנען געװען געבויט פֿון ציגל. דערפֿאַר האָבן זײ ניט אויסגעהאַלטן די װירקונג פֿון דער צײט, אַזוי װי אין עגיפּטן, און זײנען גיך צעשטערט געװאָרן. אָפּטמאָלם איז פֿון אַ גװאַלדיגן בנין געבליבן אַ זכר נאָר אין דער געשטאַלט פֿון אַ בערגל ערד אָדער אַ הויפֿן לײמענע בראָכשטיקער.

אין יענער צײט, בעת אין עגיפּטן איז געװאָרן אַ גרויסע מלוכה, ארום יאָר 3000 פֿאַר קר., האָבן אין שנער געװאױנט די שומערער אָדער סומערער, װאָס האָבן שוין פֿאַרמאָגט די קונסט צו שרײבן. די סומערער האָבן געהאַט עטליכע שטעט, צװישן זײ ניפּור, װאו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער טעמפּל, ענליך צו אַ פּיראַמידע, אין דער געשטאַלט פֿון אַ גרויסן טורעם, װאָס האָט זיך דערהויבן אין זיבן שטאַפּלען אָדער טעראַסעס. די נאָמאַדען, די סעמיטן, װאָס זײנען אָנגעקומען פֿון סטעפּ, האָבן אָפּגענומען בײ די סומערער די באַאַרבעטע ערד און די אָנגעקליבענע אוצרות. בעת דער דאָזיגער באַצװינגונג זײנען אונטערגעגאַנגען אַסך זאַכן װאָס די געבילדעטע אײנהײמישע האָבן באַװיזן אויפצוטון צוליב אויסבעסערן זײער לעבן. אבער אַסך זאַכן האָבן די נײ אָנגעקומענע איבערגענומען. די באַצװינגונג האָט געהאַט נאָך אַ פּועל־יוצא: די קולטור, ד. ה. די ערפֿינדונגען, מנהגים און השגות פֿון די געבילדעטע פֿעלקער, איז אריבער װײטער און האָט זיך פֿאַרשפּרײט פֿון אײן לאַנד אין אַנדערן.

האַמוראַבי, קיניג פֿון בבל. די סעמיטן האָבן חרוב געמאַכט די אלטע ישובים פֿון די סומערער, אָבער זײ זײנען אלײן געװאָרן אײנגע־זעסענע און האָבן אויסגעבויט נײע שטעט העכער שטראָמאַרויף בײם פּרת

און חידקל. צווישן אָט די שטעט איז די גרעסטע געווען די שטאָט בבל (דער נאָמען באַשטייט פון צוויי ווערטער: באַב־אילן, און באַטייט „גאָט־ליכער טויער") אין יענעם אָרט, וואו דער חידקל דערנעהענטערט זיך צום פּרת. בבל איז גרויס געוואָרן אין איין צייט מיט טעבן אין עגיפּטן. ארום יאָר 2000 פאַר קר. האָט דאָרט געקיניגט האַמוראַבי, אַן אור־אייניקל פון אַמאָליגע סטעפּנפירשטן.

האַמוראַבי איז מיט זיינע קריגסלייט דורכגעגאַנגען שטראָמאַרויף ביים פּרת און פונם מערבדיגן פאַרבויג פון אָט דעם גרויסן טייך ביז צום מיטללענדישן ים. אים זיינען אונטערטעניג געוואָרן אַלע לענדער, וואָס ליגן אין צפון־זייט און מזרח־זייט פון אַראַבישן מדבר צווישן מיטל־לענדישן ים און צווישן פּערסישן אויסגוס. בכדי צו האָבן שטענדיג גרייט אַ חיל, האָט האַמוראַבי צעטיילט זיינע זעלנער חלקים ערד מיט פויערשע שטיבלאַך; זיי האָבן געמוזט זיך אליין מפרנס זיין דורך באַאַרבעטן די פעלדער און זיינען געווען מחויב צו קומען, ווען דער קיניג האָט זיי גערופן. די קריגסלייט האָבן ניט געטאָרט פאַרקויפן זייער ערד; ווען אַ זעלנער איז געשטאָרבן, פלעגט מען דער פרוי זיינער איבערלאָזן אַ דריטל פון זיין נחלה, בכדי זי זאָל קאָנען אויסהאָדעווען אַ זון, וואָס האָט אויך באַדאַרפט דינען שפּעטער פאַר אַ זעלנער. האַמוראַבי האָט געהייסן פאַר־שרייבן, אַז „נאָך די מהומות, וואָס האָבן בדלות געשטעלט דאָס פאָלק, האָט ער געבראַכט אין אָרדענונג די בעטן פון די טייכן און קאַנאַלן, צונויפגעקליבן די צעלאָפענע און פאַראָרימטע איינוואוינער און געגעבן זיי ווידער פּרנסה, באַשיצט זיי קעגן שונאים". דער גרעסטער קאַנאַל, וואָס מען האָט אין זיינע צייטן אויסגעגראָבן, האָט געקראָגן אַ נאָמען „האַמוראַבי איז אַ ברכה פאַרן פאָלק".

דער האַנדל פון בבל. אינם אונטערשטן טייל פונם צווייטייכנלאַנד האָט די ערד געגעבן אויסגעצייכנטע גערעטעניש, און אַ סך מענשן זיינען געווען פאַרנומען מיט באַאַרבעטן די ערד. נאָר נעבן ערדאַרבעט איז געווען נאָך אַ וויכטיגע פּרנסה. בעת דער נילוסטאָל איז אַ געשלאָסענער פלאַץ, איז דער פליין ביים פּרת און חידקל אָפן אין אַלע זייטן. פון אומעטום האָבן די שכנים געקאָנט קומען צופאָרן נאָך סחורות אָדער ברייננגען צופירן זייערע פּראָדוקטן. די איינוואוינער פון פליין האָבן ניט געהאַט קיין מעטאַלן, קיין שטיין, קיין בויגעהילץ; די דאָזיגע מאַטעריאַלן פלעגט מען ברייננגען צופירן פון די בערגלענדער אין מזרח און אין צפון. פון סטעפּ פלעגן די נאָמאַדן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין תבואה, קיין

געצייג און קיין געוואַנט, געוועבט פֿון געוויקסנפֿאַזערן, קומען צופֿאָרן נאָך די אַלע זאַכן און פֿלעגן ברייננגען צום אויסבייטן בהמות, וואָל, פֿעלן. פֿון די לענדער פֿון דרום־אַראַביען, וואָס ליגן אויף יענער זייט מדבר, פֿלעגן דיזעלביגע נאָמאַדן ברייננגען צופֿירן גאָלד, טייערע שטיינער, ווייראַך צום רויכערן אין די טעמפּלען. פֿון ים־זייט פֿלעגן קומען צופֿאָרן שיפֿן פֿון די לענדער פֿון דרום־אַזיען, באַזונדערס פֿון אינדיען, מיט העלפֿאַנד־ביין, בשמים און אַנד. זאַכן. חוץ די פּראָדוקטן פֿון זייערע פֿעלדער און סעדער, האָבן די איינוואוינער פֿון פליין געקאָנט צאָלן פֿאַר די נויטיגע מאַטעריאַלן מיט אַ סך אויסאַרבעטונגען פֿון זייער מלאכה: זיי פֿלעגן מאַכן קאָבריצעס און אויסגעהאַפּטע געוואַנטן, פֿיין געווער פֿון מעטאַל און באַזונדערס ליימענע כלים, פֿאַרשיידנאַרטיג און קינסטלעריש באַמאָלט.

איבערן לאַנד האָבן אין אַלע זייטן זיך געצויגן באַקוועמע וועגן. צו די שטעט, וואָס האָבן געהאַט ביי די טייכן און גרויסע קאַנאַלן האַוונס, זיינען צוגעגאַנגען פֿון איינזייט קאַראַוואַנעוועגן פֿון מדבר, פֿון דער אַנדערזייט וועגן צו די בערגדורכגיינג. דער הויפּטקרייצפּונקט פֿון אַלע די וואַסער־ און יבשה־וועגן איז טאַקע געווען די שטאָט בבל.

געלט. אין בבל און אין אַנדערע שטעט פֿונם צווייטייכנלאַנד פֿלעגן אַ סך סוחרים אָפּזועצן די פּראָדוקטן פֿון זייער לאַנד, איינקויפֿן און פֿאַרקויפֿן פֿרעמדע פּראָדוקטן, אריבערפֿירן סחורות. דער גרויסער אויס־בייט האָט געבראַכט דערצו, אַז מען האָט געמוזט איינפֿירן געלט.

אין האַנדל איז נויטיג אַ מאָס אויף צו באַשטימען דעם פּרייז פֿון אַ זאַך. דעריבער קלייבט מען אויס אַזאַ סחורה, וואָס אויף איר איז באַקוועם צו מעסטן און צו שאַצן אַלע איבעריגע סחורות; די דאָזיגע סחורה דינט פֿאַר געלט. יעצט געברויכט מען געלט פֿון מעטאַל. אין אַלטע צייטן אָדער אין יענע לענדער, וואו עס איז געווען ווינציג מעטאַל אָדער וואו מען האָט נאָך ניט פֿאַרשטאַנען אים ארויסצובאַקומען, האָט פֿאַר געלט געדינט פֿעל פֿון פעלץ־חיות, אַ שטייגער, מאַרדער, פֿיי (אזוי איז געווען אַמאָל אין רוסלאַנד, און נאָך איצט האַנדלען די סיבירער שבטים אויף „הונדערט ווערקעס“). ביי איינוואוינער פֿון די אינזלען אין שטילן אָקעאַן גייען אָנשטאָט געלט מייערקעפלאַך. ביי בהמות־האָדעווער האָבן געדינט פֿאַר געלט אָקסן, שאָף וכדומה; מען פֿלעגט זאָגן: אַ שקלאַווין קאָסט 4 אָקסן, אַ גאָלדענער פּאַנצער 100 אָקסן, אַ קופּערנער — 9 אָקסן; אַ קיניגס אַ זון פֿלעגט געבן 100 אָקסן, בכדי זיך אויסצולייזן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט.

אבער אז מענשן האָבן אָנגעהויבן באַארבעטן מעטאַלן אָדער זיי האָבן זיי באַקומען אויסגעביטן פאַר סחורות, וואָס זיי האָבן געבראַכט, האָבן זיי גערנער פאַר אלץ געמאַכט פאַר געלט דוקא שטיקער מעטאַל. דערפאַר זיינען פאַראַן אַ סך סיבות. דער שטאַרקער שיינער מעטאַל קומט שטענדיג צוניץ אַלעמען צוליב געווער, אינסטרומענטן, צוליב צירונג. ווייטער, ווערט ער ניט פאַרדאָרבן, ער איז אזוווי אייביג. צולעצט איז מעטאַל באַקוועם צו טיילן אויף קליינע טיילן: איטליכס שטיקל פון אים האָט אַ ווערט, און דעריבער איז באַקוועם צו שאצן אויף מעטאַל סיי טייערע סיי וואָלוועלע זאַכן.

אין זייער גרויסן האַנדל האָבן די בבלים גענוצט זעהר אַסך מעטאַל־געלט. זיי פלעגן מאַכן פון מעטאַל שטיקער פון אַ גלייכער וואָג, ד. ה. מ ט ב ע ו ת. טיילמאָלס פלעגן זיי אָט די שטיקער מאַכן אין דער גע־שטאַלט פון אָקסן אָדער אָקסנקעפּ צום אָנדיינק אָן דעם פריהערדינן געלט. אין האַנדל זיינען אויך געגאַנגען גאָלדענע, זילבערנע, קופּערנע, בלייערנע ציגעלאַך, שטעקעלאַך, רינגען, רעדעלאַך.

ביים קויפן אַ הויז, ערד, שקלאַוון, קליידער, תבואה א. אז. וו. האָט מען געצאָלט מיט מזומן. דעריבער האָט איטליכער, ווער עס האָט געקאָנט, זיך געפליסט אָנצוקלייבן וואָס מער מעטאַלגעלט. אמאָליגע צייטן פלעגן ווערן צונויפגעקליבן אוצרות גאָלד און זילבער ביי די טעמפלען פון די געטער. זיי האָבן זיך גענומען פון איינלאָגן און מתנות, נאָר, חוץ דעם, פלעגן אַ סך מענשן אָפּגעבן געלט אין טעמפּלען אויף צו היטן, ווייל די לאַגערס פון די געטער זיינען געווען גוט פאַרשלאָסן. שפּעטער האָבן די מלכים לויטן מוסטער פון די טעמפּללאַגערס גענומען מאַכן זייערע אייגענע מאַגאַזינעס, שפּייכלערס, און שאַצקאַמערן.

אויב עס ווערט געצאָלט מיט געלט, דעמאָלט קאָן אַ פאַרמעגן גיך אריבערגיין פון האַנט צו האַנט. דערביי קאָן מען אָפּטמאָלס נאָך פאַר־דינען קויפן און פאַרקויפן סחורה. צוליב איטליכער אונטערנעמונג דאַרף מען האָבן פריי געלט, וואָס פאַר דעם זאָל מען קאָנען איינקויפן מאַטעריאַל, דינגען אַרבעטער וכדומה. דערפון קאָנען פאַרדינען די, וואָס פאַרמאָגן מעטאַל, ווען זיי וועלן אָפּגעבן זייער געלט אויף ציגזן, ד. ה. זיי וועלן אויסלייען דאָס געלט, בתנאי אַז מען זאָל זיי דערפאַר אומקערן מיט ריוח. אין בבל פלעגן די פאַרוואַלטערס פונם קיניגס זילבערלאַגערס (תּ אַ מ כּ אַ ר אַ) אַנטלייען סוחרים געלט; ביי זיי האָט מען אויך געקאָנט קויפן און אויסבייטן מטבעות.

אָט די אַלע חשבונות האָבן פֿאַרלאַנגט גענויקייט. ביי איטליכן געשעפֿט פֿלעגט מען שליסן אַ געשריבענעם אָפּמאַך. אינם פּליין פֿון פּרת און חידקל האָט מען געפֿונען אין דער ערד אַ סך טויזנטער אַ זעלכע אָפּמאַכן און קוויטונגען: וועגן אַרויסגעגעבענע הלוואות און אָפּגעצאָלטע ראַטעס, וועגן געצאָלט פֿאַר דינגען, וועגן פֿאַרקויפֿן אייגנס וכדומה; זיי אַלע זיינען אָנגעשריבן מיט אויסגעקריצטע צייכנס אויף ליימענע טאָוועלאַך.

שרייבערס האָבן דאָ געהאַט צו טון אַסך, פּונקט ווי אין עגיפּטן. בכדי עס זאָלן ניט זיין קיין נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן און קיין פֿעלשונגען, פֿלעגט מען איטליך באַשריבן טאָוועלע אריינלייגן אין אַ ליימענעם קאָנווערט און אויף אים איבערחזרן די זעלבינע אויפֿשריפֿט. ווען עס פֿלעגט שפּעטער אַרויסקומען אַ מחלוקת צווישן די, וואָס האָבן געשלאָסן דעם אָפּמאַך, אָדער עס פֿלעגט זיין אַ ספק, צי די אויפֿשריפֿט איז ריכטיג, פֿלעגט מען דעם קאָנווערט צעברעכן און צוגלייכן דאָס פֿאַרשריבענע אויף אים מיט דעם אינהאַלט פֿון דעם אינעווייניגסטן טאָוועלע. געשעפֿטסאויפֿטראָגן זיינען געווען אַזוי פֿיל, אַז כמעט איטליכער מענש האָט געהאַט אַן אייגענעם זיגל, אויסגעשניצט אויף אַ האַרטן שטיין, וואָס האָט געדינט אָנשטאָט אַן אונטערשריפֿט; בלויז די אָרימסטע האָבן ניט געהאַט קיין זיגל און פֿלעגן זיך, אָנשטאָט דעם, חתמען דורך אריינדריקן אין ליימענעם טאָוועלע זייערע נעגל.

דער רייכטום פֿון בבל. די רעגירער פֿון לאַנד, דער קיניג, זיינע שרים און באַאַמטע, פֿלעגן באַקומען גרויסע הכנסות פֿון דער האַנדלס־באַפֿעלקערונג; דעריבער האָבן זיי אויפֿגעפּאַסט, אַז אין האַנדל זאָל ניט זיין קיין אָפּנאַרעריי און באַדריקונג. דער קיניג האַמוראַבי האָט באַפֿוילן צונויפֿצושטעלן אַ גרויסע זאַמלונג פֿון געזעצן. דאָרט איז גענוי באַשטימט, וואָס דאַרף אַן אַרענדאַר באַצאָלן פֿאַר דער ערד, וויפֿיל קנס דאַרף מען אויפֿמאָנען ביי אַ מענשן, וואָס האָט צעבראָכן אַ דאַמבע און דורכדעם איבערגעפֿירט די זריעה ביי די שכנים, וויפֿיל דאַרף מען צאָלן אַרבעטער אין פֿאַרשיידענע מלאכות, וואָס קומט אַ דאָקטאָר פֿאַר זיין דינסט, וויפֿיל באַקומען בויערס פֿון הייזער און איבערפֿירערס פֿון סחורות אויפֿן טייך. דער געזעצגעבער פֿאָדערט שטרייננג, אַז די דינגערס און געדונגענע, די בעלי־חובות און די אַנטלייער זאָלן ערליך און ריכטיג האַלטן די תנאים און גענומענע התחייבותן; פֿאַר עובר זיין די דאָזיגע כללים קומט אַ שטראָף. דער קיניג דערמאָנט, אַז דער גרויסער גאָט „האָט אים געהייסן געבן דעם לאַנד דעם שוץ פֿון געזעץ, בכדי דער שטאַרקער זאָל ניט קאָנען שאָדן דעם שוואַכן“.

אין עגיפּטן זיינען די רייכטימער באַשטאַנען על פּי רוב אין אומבאַוועגליכע נחלאות; דאָס זיינען געווען גרויסע מאַיאָנטקעס, וואו מען פֿלעגט צונויפֿקלייבן און פֿאַרלעבן פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן. אין בבל איז דער גרעסטער טייל פֿון די רייכטימער באַשטאַנען אין מטלטלים, באַוועגליכע זאַכן און געלט, וואָס האָט ערלויבט אָנצושאַפֿן זיך זעלטענע זאַכן, געבראַכט פֿון דער פֿרעמד. אינם לעבן פֿון די בבלים איז געווען מער לוקסוס און פֿאַרשיידנאַרטיגקייט. רייכע מענשן פֿלעגן צוליב זייער באַקוועמליכקייט ווענן קויפֿן און האלטן אין שטוב אַ סך שקלאַוון פֿון דער פֿרעמד. שפּעטער האָט העראָדאָטן, וואָס האָט באַזוכט בבל, אויסגעדוכט, אַז עס זיינען ניטאָ אויף דער וועלט נאָך אַ זעלכע מענשן, וואָס זאָלן אַזויפֿיל האַלטן פֿון שיינע קליידער און צירונג. אַ רייכער מאַן אין בבל פֿלעגט ארויסגיין אין גאַס אין אַ הויכן געגרייזלטן פּאַרוק, אין אַ לאַנגן אויבער־בגד, אויסגעלייגט אין ברייטע פֿאַלבן און אויסגעהאַפּט מיט פֿאַרצירונגען, אין געשטיקטע שיך, מיט אַ זיגלרינג אויפֿן פֿינגער און מיט אַ קינסטלעריש אויסגעשניצט שטעקן אין האַנט. די גריכן, וואָס זיינען געווען געוויינט צו אַ פּשוטערן לעבן, זיינען אויך נתפּעל געוואָרן איבער דער גרויס פֿון שטאָט און פֿון אירע באַפֿעסטיגונגען: די אויסווייניגסטע מויערן פֿון בבל האָבן געהאַלטן 8 מייל די לייגג; זייער הייך איז געווען ביז 200 איילן, און די ברייט ביז 50, ד. ה. דער אויבן פֿון דער וואַנט איז געווען ענליך צו אַ ברייטער ברוקירטער גאַס, וואָס אויף איר האָבן געקאָנט פֿאָרן נעבנאַנאַנד עטליכע קריגסרייטוועגן. אין די ווענט זיינען געווען געמאַכט ביז 100 קופּערנע טויערן. אויף יענער זייט מויער האָט זיך געפֿונען אַ ברייטער און טיפֿער גראָבן, אָנגעפֿילט מיט וואַסער.

די שטאָט איז געווען אויסגעבויט לויט אַ רעגלמאָסיגן פּלאַן: גראָדע גאַסן זיינען געגאַנגען פּאַראַלעל דעם טייך פּרת, אַנדערע האָבן זיי דורכגעשניטן אין אַ גראָדן ווינקל און זיינען ארויסגעגאַנגען צום ברעג טייך; אויך די דאָזיגע גאַסן פֿלעגן זיך פֿאַרשליסן מיט שווערע קופּערנע טויערן. אַ געמישטער המון מענשן פֿון אלערליי גראַדן און פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער האָבן ארומגעשמייעט איבער די גאַסן, פֿאַרפֿולט די מאַרקפּלעצער. איבער די הייזער פֿון שטאָט האָבן זיך דערהויבן די געוואַלדיגע געמויערטע טעמפּלען פֿון די געטער. זיי זיינען געווען אויסגעבויט אויף אַ ברייטן אויפשיט אין קוואַדראַטפֿאָרם און האָבן זיך געהויבן אין דער הייך שטאַפּלענוויז. וואָס העכער אַ גאָרן איז געווען, אלץ אַ שמעלערן קוואַדראַט האָט ער פֿאַרנומען. איטליכער גאָרן איז געווען געפֿאָרבן אין אַ באַזונדערן קאָליר און האָט געגלאַנצט אין פֿאַרגאָלדונג. ביי די אריינגאַנגען פֿון די

טעמפלען און פּאַלאַצן זיינען געשטאַנען, אַזוי ווי שומרים ביי די טויערן, גוואַלדיגע, פון שטיין אויסגעהאַקטע פיגורן פון געפליגלטע אָקסן מיט מענשנקעפּ.

מעשיות וועגן דער וועלטבאַשאַפונג און וועגן מבול. די אויפשריפטן און געמעלן, וואָס מען געפינט אינם פרת־פליין, שילדערן אונז ניט נאָר דאָס געשעפטסלעבן פון די בבלים. מיר באַקענען זיך אויך דורך זיי מיט זייערע השגות וועגן וועלט־סדר, וועגן די געטער, וועגן יענער וועלט.

אַ זאַגע וועגן דער וועלטבאַשאַפונג דערציילט, אַז די תיהאַמאַת (תהום), וואָס האָט געוועלטיגט אין כאַאָס־ים האָט געבאָרן צוערשט די עלטערע געטער, דערנאָך די יינגערע געטער, וואָס האָבן גענומען איינגמאַכן די עלטערע. דעמאָלט האָט תיהאַמאַת, וואָס די עלטערע געטער האָבן זיך פאַר איר באַקלאָגט, געבאָרן ריזן, לינדוווערים, שלאַנגען, פלעקהינט און האָט געוואָלט מיט זייער הילף פאַרלענדן די יינגערע געטער. האָט דער גאָט אַנו צונויפגערופן זיינע שוועסטער און ברידער אויף אַ גרויסער סעודה, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אַן עצה, וואָס צו טון. מאַרדוך, דער גאָט פון דער פריהיאָרזון, רופט זיך ארויס צו קעמפן מיט דער באַהערשערין פונם כאַאָס. ער פאַרפלאָנטערט די תיהאַמאַת אין א גוואַלדיגער נעץ, וואַרפט אויף איר בליצן און צעשניידט זי אויף צוויי העלפטן: דעם הימלשן ים און דעם ערדישן ים; אויף ביידע באַפעסטיגט ער די אויסשפּרייטונג פון הימל. דערנאָך פאַרזייט ער לעבנסזאָמען אויף דער ערד, באַשאַפט געוויקסן, בעלי־חיים און מענשן פון אַ שטיק ערד.

דער געדאַנק, אַז צוערשט איז אַלץ געווען באַדעקט מיט וואַסער און אַז אַלץ איז געוואָרן פון וואַסער, איז, קענטיג, איינגעגעבן געוואָרן דורכן בילד פון די יערליכע פריהיאָרדיגע אויספלייצונגען, וואָס נאָך זיי ווערט אַלץ אין דער נאַטור ווידער לעבעדיג: לויטן בילד פונם אליערליכן פריהיאָר האָט מען זיך פאָרגעשטעלט אויך דעם ערשטן פריהיאָר פון דער וועלט; דערפאַר טאַקע איז דער שאַפונגסגאָט טאַקע אַ פריהיאָרגאָט. נאָך אַ שטריך איז מערקווירדיג אין די השגות פון די בבלים; די הימלשע וועלט איז ענליך צו דער ערדישער, איר קאַרטע פונקט דיזעלביגע, ווי די ערדקאַרטע: דאָרט איז פאַראַן אַ גרויסער אָקעאַן, און דאָס נעמליכע האַלט זיך אויך די ערד אויף אַ גוואַלדיגן ים; אויפן הימל זיינען פאַראַן די זעלביגע גרויסע טייכן, פרת און חידקל; דאָרט איז אויך פאַראַן אַ שטאָט בבל, אַ מאַרדוכטעמפל א. אז. וו.

די אויספֿלייצונגען האָבן געשאַפֿן נאָך אַ מסורה — וועגן מ ב ו ל. איין מאָל זיינען די געטער אין כעס געוואָרן אויף די מענשן און האָבן באַשלאָסן אַלעמען צו פֿאַרטיליגן דורך אַ מוראדיגן שלאַקסרעגן. נאָר דער ים־גאָט עאַ האָט רחמנות געקראָגן אויף זיין ליבלינג אותנאַפּישתים און האָט אים געגעבן אַן עצה אויסצובויען אַ שיף, אריינצונעמען אַהין אַלע זיינע קרובים, אַלע מינים בעלי חיים און זאָמען פֿון געוויקסן. זיבן טעג איז די שיף ארומגעשוואומען איבער די וואַסערן; מען האָט ארויסגעשיקט, איינס נאָכן אנדערן, אַ טויב, אַ שוואַלב, אַ ראָב, בכדי געוואָר צו ווערן, צי איז שוין דאָס וואַסער אַוועק. נאָכן מבול האָט זיך דאָס לעבן אויף דער ערד באַנייט.

טויט, גיהנם און גן־עדן לויט די השגות פֿון די בבלים. די בבלים האָבן געהאַט עטוואָס אַנדערע השגות וועגן טויט און יענער וועלט, ווי די עגיפּטער. דער טויט האָט זיך זיי אויסגעוויזן פֿאַרן ערגסטן בייז און שרעק. ער „לאָזט קיינעם ניט פֿריי“, „ווי אַ גרעזל“ שניידט ער איבער דאָס לעבן, „שמידט אין שווערע קייטן“, „שטעכט דורך מיט אַ מעסער“. די גאַנצע גדולה און קראַפֿט פֿון דער וועלט פֿאַרשווינדט מיטן טויט. אין דער זאַגע וועגן דער געטין אישתאַר, דער געבערין פֿון אַל־דאָס גוטס און פֿרייד אויף דער ערד, ווערט געשילדערט, וויאַזוי די געטין גופֿא האָט געמוזט זיך אראָפּלאָזן אין גיהנום און איבערליידן אלע זיינע פּיין און יסורים; מען האָט פֿון איר אַראָפּגעריסן איר קרוין, די גאַנצע צירונג, געשמידט זי אין קייטן; איר שיינער פּנים און קערפּער זיינען באַדעקט געוואָרן מיט וואונדן, איר האַרץ און איר קאָפּ זיינען געוואָרן געשלאָגן מיט אָהנמאַכט. פּונקט אַזוי ווערט דערשלאָגן דער מענש.

מיאוסע, עקלדיגע רוחות־מחבלים פֿילן אָן דעם גיהנם אונטער דער ערד. זיי פּייניגן די נשמות פֿון די פֿאַרשטאָרבענע. נאָר זיי גייען אויך ארוים אויף דער ערד; זיי קומען צופֿליהען פֿונם שרעקליכן מדבר אין מערב־זייט, זיי מזיקן ביינאַכט. דאָס זיינען בייזע מחבלים, וואָס דאָרשטן נאָך בלוט, זיי פֿאַרטיליגן אלץ און פֿאַרשוינען אַפֿילו ניט די געטערבילדער. „פּונקט ווי שלאַנגען, פּויזען זיי אריין אין מענשנס שטיבער. זיי רויבן אַוועק אַ פֿרוי פֿון אַ מאַן, רייסן ארוים אַ קינד פֿון פֿאָטערס האַנט, טרייבן אַוועק אַ בעל־הבית פֿון זיין הויזגעזינד. זיי גייען אריבער פֿון דאָרף צו דאָרף, כאַפּן קינדער, טרייבן ארוים פֿויגלען פֿון די נעסטן, הרגען אָקסן און שעפּעלאַך; די דאָזיגע בייזע דעמאָנען זיינען ווילדע יענערס“. זיי ברייגגען טריקעניש, שיקן אָן קריינק: איינער — קדחת, אַ צווייטער — פּעסט, אַ דריטער כאַפּט דעם מענשן פֿאַרן גאָרגל.

ארומגערינגלט פֿון בייזע שדים און רוחות, זוכט דער מענש זיך צו באַשיצן קענען זיי. דער זיכערסטער מיטל איז צו מאַכן אַ בילד פֿונם בייזן גייסט, וואָס מער ענליך צו אים, און אויפֿהייננען אָט די ליאַלקע פֿאַרן הויז, בכדי דורך דעם אָנבליק אָפּצוטרייבן דעם שד גופֿא, אָדער, נאָך בעסער, פֿייערליך און מיט קללות פֿאַרברענען דאָס בילד. די בבלים פֿלעגן מאַכן אָט די פֿיגורן פֿון די שדים זעהר מיאוסע: מיט אויסגעשצירעטע ציין, מיט הערנער און אויפֿגעשטעלטע האָר, ווי ביי אַ חזיר, מיט עקן און נעגל א. אז. וו. דערפֿון האָט זיך גענומען די פֿיגור פֿון טייוול, וואָס איז שפּעטער אריבער צו די אייראָפּעער.

נאָר דורך אָט די חושכדיגע געדאַנקען האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ געוויסע האָפֿענונג אויף אויסלייזונג. אַלע יאָר ווערט אָפּגעריכט דער יום־טוב לכבוד דעם, וואָס עס האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אונטערוועלט דער פֿאַרשטאָרבענער יונגער גאָט, וואָס מען האָט אים פֿריהער מיט גרויס געוויין געהאַט ארויסבאַלייט צום קבר. אַזוי קאָן אויך דער מענש אויס־געלייזט ווערן פֿון אייביגן טויט. דער גאָט פֿון פֿריהיאָר און פֿון דער פֿריהיאָרסזון, מאַרדוך, איז „באַרימהאַרציג“, „האָט ליב אויפֿצוועקן די געשטאָרבענע“. פֿאַראַן „לעבנסוואַסער“ אין אַ פֿאַרבאָרגענעם אָרט; ווער עס טרינקט דאָס וואַסער אָדער באַשפּריצט זיך מיט דעם, שטייט אויף תחית המתים און לעבט אייביג. ווייט אין מערב, וואו די זון גייט אונטער, געפֿינען זיך די „גליקליכע אינזלען“, וואו ס'איז ניטאָ קיין טרויער און טויט. די זאַגע דערציילט, וויאַזוי דער מעכטיגער קיניג גילגאַמעש האָט געזוכט דעם וועג צו זיי. זיין גוטער פֿריינט עאַבאַני, וואָס מיט אים איג־איינעם האָט ער אָפּגעטאָן גבורות, איז געשטאָרבן, און גילגאַמעשן האָט דאָס הארץ פֿאַרקלעמט און אַ שרעק פֿאַרן טויט האָט אים ארומגעכאַפּט, נאָר ער וויל ניט שטאַרבן; ער קלייבט זיך ארויסצורייסן דעם פֿריינט פֿונם טויט און דערגיין דעם סוד פֿון אייביגן לעבן. געלאָזט זיך גיין קיין מערב, האָפֿט גילגאַמעש אָפּצוזוכן זיין עלטער־עלטערזיידן, דעם ליב־לינג פֿון די געטער אותנאַפּישתים, וואָס זיי האָבן אים לעבעדיגערהייט אריינגענומען אין ערדישן גן־עדן אריין. ער גייט דורך שרעקליכע בערג־שפּאַלטן, באַגעגנט ביים אריינגאַנג צום באַרג מענשן סקאָרפּיאָנען, גייט אינעווייניג אין באַרג דורך שטאָקפֿינסטערניש, און ביים ארויסגאַנג אַנט־פּלעקט זיך אים אַ הפלאדיגער גאָרטן, וואָס אין מיטן פֿון אים שטייט אַ געטליכער בוים מיט פּירות, וואָס גלאַנצן ווי טייערע שטיינער. צולעצט דערגייט ער ביזן גרויסן ים פֿון טויט, וואָס איבער אים גייט אַריבער נאָר די זון, און קיין אַריבערפֿאָר איז ניטאָ. נאָר גילגאַמעש זוכט אויף אַ

שיפּער און נאָך שווערער מיה דערגרייכט ער דעם קעגנאיבערדיגן ברעג. דאָ דערציילט ער זיין אומשטאַרבליכן עלטערזיידן זיינעליידן. יענער שלעפּערט גילגאַמעשן אייַן אין אַ כישוף־שלאָף און הייסט אים אָפּפירן צום לעבנסקוואַל: גילגאַמעש נעמט ארויס פון גרונט ים דאָס וואונדעליכע לעבענסגעוויקס, וואָס גיט דעם מענשן אייביג לעבן. צוריק צוועגס נעמט גילגאַמעש דאָס געוויקס מיט זיך, נאָר אַ שלאַנג גנבעט דאָס ביי אים אוועק. גילגאַמעשן גיט זיך נאָך איין ארויסצורופן זיין פריינטס שאָטן, נאָר יענער דערציילט אים בלויז וועגן אומגליקליכן גורל פון די געשטאָרבענע.

די הייליגע וויסנשאַפט פון די בבלים. דעם בעסטן שוץ קעגן די בייזע רוחות, וואָס דרייען זיך אַרום אַרום מענשן, האָבן די בבלים געמיינט צו געפינען אין די גרויסע ליכטיגע געטער, וואָס קינינגן אין הימל און באַווייזן זיך אין די מאורות פון הימל: אין דער זון, אין דער לבנה און אין די פינף ליכטיגע פלאַנעטן, וואָס זיינען צו זעהן מיטן בלויזן אויג (זייערע לאַטיינישע נעמען זיינען: מערקור, ווענוס, מאַרס, יופיטער און סאַטורנוס). צו אָט די זיבן העכסטע כחות פלעגט מען זיך ווענדן מיט תפלות און געבעטן; זייער רצון, זייערע אָנווייזונגען די מענשן האָט מען זיך געפלייסט איבערצוליינען אין דער באַוועגונג פון די מאורות.

די בבלישע כהנים האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסשטודירן גענוי די הימלערשיינונגען, און ביי זיי איז ארויסגעקומען זעהר אַ פאַרוויקלטע און האַרבע וויסנשאַפט. זיי האָבן צונויפגעשטעלט דעם לוח, וואָס די אייראָפּעאישע פעלקער האָבן שפּעטער אים איבערגענומען. אינם בבלישן לוח איז פאַרבונדן די ציטרעכענונג לויט דער אָנזעהנליכער באַוועגונג פון דער זון און לויט דער באַוועגונג פון דער לבנה. פאַר אַ יאָר האָט מען אָנגענומען יענעם משך צייט, וואָס די זון גייט דורך איבער דעם גרויסן קרייז פון הימל (די עקליפּטיק). דאָס יאָר האָט מען איינגעטיילט אין צוועלף טיילן, צו 30 טעג אין איטליכן, לויט דער צייט, וואָס די לבנה מאַכט דורך א פולן קרייזגאַנג. אויפן יאָריגן הימלסקרייז האָט מען אָט די 12 טיילן באַצייכנט דורך גרויסע שטערנבילדער אָדער מזלות (שור־אָקס, תאומים־צווילינג, סרטן־קרעפּס, אריה־לייב א. אז. וו.). ווייטער איז איטליכן פון די זיבן גרויסע געטער געווען געהייליגט אַ באַזונדער טאָג, און אַזוי איז דער חודש געוואָרן איינגעטיילט אין פיר וואָכן. די בבלישע זיבנ־טעגיגע וואָך איז איבערגעגאַנגען צו די אייראָפּעאישע פעלקער, און איניגע פון זיי רופן אָן די טעג נאָך מיט זייערע אַמאָליגע נעמען (אַשטייגער זונטאָג — זונענטאָג, דאָס נעמליכע ענגליש sunday, מאָנטאָג — לבנהטאָג,

פֿראַנצויזיש lundi, מיטוואָך — פֿראַנצויזיש mercredi, ד. ה. מערקורס טאָג א. אז. וו.).

צווישן אַלע הימלסערשיינונגען מאַכן אויפֿן מענשן דעם גרעסטן רושם די ליקויים. ווען אינמיטן העלן טאָג האָט דער ליכטיגער פּנים פֿונם זונענגאָט זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שאָטן, זיינען די מענשן געווען זיכער, אַז עס מוז קומען עפּעס שרעקליכס אָדער וויכטיגס. דעריבער האָבן די בבלים געזוכט צו באַמערקן די צייטן, ווען עס חזרן זיך איבער די ליקויים פֿון דער זון און פֿון דער לבנה און האָבן זיך אויסגעלערנט זיי פֿאָראויסצוזאָגן.

זיי האָבן גענוי אויסגעמאָסטן מיט די אויגן דעם אָנזעהנליכן טייל הימל און האָבן אויסגעחשבונט, אַז אין דער צייט פֿון דער גלייכנאכט שטעלט די זון זיך אוים 180 מאָל (3×60) מיטן דורכמאָס פֿון איר קרייז אויפֿן הימלסהאַלבקרייז פֿון זונאויפֿגאַנג ביזן זונאונטערגאַנג. האָבן זיי גענומען בכלל איטליכן האַלבקרייז טיילן אויף 180 טיילן, און איטליכן גאַנצן קרייז אויף 360 טיילן (2×180 אָדער 6×60). די צאָל 60 איז געוואָרן איינע פֿון די הייליגע כישוף־צאָלן: זי איז געוואָרן אָנגענומען ביי די בבלים פֿאַרן יסוד פֿון ציילן, פּונקט ווי ביי אונז 100. אַ שעה האָבן זיי צעטיילט אויף 60 מינוטן, אַ מינוט אויף 60 סעקונדעס. דיזאָזיגע טיילונג פֿון קרייז און פֿון שעה זיינען אויך איבערגעגאַנגען צו אונז.

ווי גענוי די חשבונות פֿון די בבלישע כהנים זיינען אויך געווען, זיינען דאָך זייערע פֿאָרשטעלונגען וועגן וועלטגעביי געווען פֿאַלשע; זיי האָבן געמיינט, אַז מיט אַן אמת גייט די זון דורך איטליכן טאָג איבערן גאַנצן הימל און ביינאַכט — אונטער דער ערד, אַז אַלע מאורות פֿון הימל דרייען זיך ארום דער ערד, וואָס שטייט אומבאַוועגליך אין מיטלפּונקט פֿון דער וועלט. צאָלן און מאָסן האָבן פֿאַר זיי ניט געדינט ווי געוויינליכע אָנצייכענישן: אינם וועלט־סדר און אין ערדישן לעבן מוזן זיך איבערחזרן די כישוף־צאָלן דריי, זיבן, צוועלף, זעכציג. די וועלט באַשטייט פֿון צוויי גרויסע טיילן: פֿונם הימלסקיניגרייך און פֿון זיין געטרייער קאָפּיע, דעם ערדישן קיניגרייך. איטליכס בילדעט דריי שיכטן, איינער איבערן אַנדערן: וואַסער, אויסשפּרייטונג (רקיע) און לופֿט. איבערן האַרטן פּאַס פֿון הימל אָדער איבער דער הימלסדאַמבע באַוועגן זיך די זון און אַנדערע מאורות.

ווייטער האָבן די בבלים געגלויבט, אַז דער הימל איז אַן אויפֿגעעפֿנט בוך, וואָס דער געלערנטער קאָן אין דעם לייענען אַלצדינג, וואָס עס איז פֿאַראַן און וועט זיין אויף דער ערד. וויבאַלד אז די הימלס־וועלט איז גענוי אַזוי געבויט און איינגעטיילט, ווי די ערדישע וועלט,

בכן מוזן די געשעהעניש, וואָס קומען פֿאָר אין הימל, זיך פינקטליך איבערחזורן אויף דער ערד. מען דאַרף נאָר אויפֿמערקזאַם זיך אָנמערקן אַלץ, וואָס עס גייט צו אויפֿן הימל, און ארויסגעפֿינען אין אַלע הימלס־צייכנס זייער אמתן באַטייט. ווען איבערן האָריזאָנט באַווייזט זיך איין פלאַנעט, קאָן דאָס באַטייטן גערעטעניש, ווען עס גייט אויף אַן אַנדערע — קאָן דאָס באַטייטן מלחמה. פֿאַראַן גליקליכע און פֿאַראַן אומגליקליכע שטערן, פֿאַראַן אַ צייט, ווען זיי זיינען גוט געניינט און פֿאַראַן ווידער אַ צייט, ווען זיי גרייטן פּורעניות. מאַרס — דער רויטער שטערן (מאדים) — ברענגט על פּי רוב אומגליק, יופיטער — דער ווייסער שטערן — זאָגט אָן גליק. דער אויסגאַנג פֿון אַ מלחמה, וואָס אַ קיניג וויל פירן, איז געווענדט אָן דעם, וואָס ווען די שטערן זאָגן. איטליכן מענשנס מזל איז פֿון פֿריהער באַשטימט אויפֿן הימל; אשטייגער, ווען ביים קיניג ווערט געבאָרן אַ זון, פֿלעגט מען קוקן אויף דער לאַגע פֿון די שטערן און פֿאָראויסזאָגן זיין לעבן. די בבלישע וואָרזאָגער אָדער שטערנזעהער פֿלעגן אַלע טעג ארויפֿגיין אויף די הויכע געטערטורעמס, קוקן אויפֿן הימל, פֿאַרשרייבן די צייכנס און זאָגן נביאות.

די בבלים האָבן אָנגעווענדט אַ וויסנשאַפֿט, וואָס ניט זיי גופֿא האָבן זי געשאַפֿן. אַ גרויסער טייל פֿון די ידיעות און באַאָבאַכטונגען איז אריבער צו זיי פֿון אַן עלטערן פֿאָלק, די ס ו מ ע ר ע ר, וואָס האָבן געוואוינט ביי דעם אונטערשטן פרת. די סומערער האָבן צונעקלערט אַן אַלף־בית; אויף זייער שפּראַך זיינען צוערשט פֿאַרשריבן געוואָרן די טרעפֿונגען, דער סדר פֿון די הימלסערשיינונגען און דער לוח; בכדי צו באַקומען אָט די אַלע ידיעות, האָבן די בבלים געמוזט אויסלערנען זיך אַ פֿרעמדע אַלטע שפּראַך, מאַכן דערצו אויסטייטשונגען, גראַמאַטיקעס, ווערטערביכער. אַזויאַרום איז דער עצם וועג צו דער וויסנשאַפֿט געווען אַ שווערער און פֿאַרוויקלטער.

דער בבלישער אופֿן שרייבן איז געווען אַן אַנדערער, ווי דער עגיפּטישער; שרייבן פֿלעגט מען ניט אויף פּאַפּיר, נאָר אויף דינע ליימענע טאָוועלאַך אויף אַזא אופן: אויפֿן נאַסן ליים פֿלעגט מען אויסקריצן שטריכעלאַך און פּאַסיקלאַך מיט אַ פֿאַרשפּיצטן פֿלעקעלע; די פּאַסיקלאַך פֿלעגן אויסקומען אויבן ברייטער און פֿון אונטן צוגעשפּיצט, אַן ערך ווי טשוועקעלאַך אָדער קלינעלאַך, דעריבער רופט מען איצט די דאָזיגע שריפֿט אָן קלינעסשריפֿט (אויך פֿלעקלשריפֿט). די שריפֿט פֿון די בבלים האָט זיך אָנגעהויבן, מסתמא, פּונקט ווי ביי די עגיפּטער, פֿון געמעלן; אין איינינע צייכנס קאָן מען נאָך איצט ארויסגעפֿינען אַ שטערן,

אַ בין א. אז. וו. נאָר ביי זייער שטייגער געשווינד צו קריצן און ווייכן ליים, זיינען די שטריכן פֿון געמעל אויסגעקומען ניט קלאָר; באַלד זיינען די לכתחילהדיגע פֿיגורן פֿאַרגעסן געוואָרן, און עס זיינען געבליבן פשוטע אָפּגערעדטע צייכנס פֿאַר ווערטער, טראַפֿן און קלאַנגען.

די אויסגעטריקנטע באַשריבענע טאָוועלאַך האָט מען געקאָנט לאַנג האַלטן. אַ גאַנץ בוך האָט געהאַט דאָס אויסזעהן פֿון אַ הייפֿל אויסגעלייגטע ציגעלאַך. אייראָפּעער האָבן צעגראָבן די אָנגעשאָטענע בערגלאַך זאַמד און ערד, וואָס געפֿינען זיך איצט אויפֿן אָרט פֿון די אַמאָליגע שטעט אינם צווייטייכנלאַנד, און האָבן געפֿונען אַ גאַנצע גרויסע ביבליאָטעק פֿון אַזעלכע ציגעלאַך. די ביבליאָטעק האָט צונויפֿגעקליבן אַ קיניג פֿון אַשור, וואָס האָט זיך געפֿונען בשכנות פֿון בבל: די אַשורים האָבן איבערגענומען קונסט און וויסנשאַפֿט ביי די בבלים. אַשורבניפּל קיניג פֿון אַשור, וואָס האָט געלעבט כמעט 1500 יאָר נאָך האַמוראַבי, האָט אַוועקגעלייגט אַ סך מיה אויף צונויפֿצוקלייבן אַלטע און נייע ביכער, וואו עס זיינען געווען פֿאַרשריבן מעשיות, תּפֿלות, פֿאַרצייכענישן וועגן די הימעלסערשיינונגען, טרעפֿונגען.

די אַזיאַטישע מלוכה פֿון די עגיפּטער 1500—1200. אַן ערך 200 יאָר נאָך האַמוראַבי האָט זיך צווישן די סטעפּן־שבטים אין אַראַבישן מדבר אָנגעהויבן אַ שטאַרקע באַוועגונג. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די היקסאָס (פּאַסטיכער) זיינען גרויסע מחנות זייערע אַריבער איבערן סועצפּאַס אין דער רייכער פֿרוכפּעריגער נילוס־דעלטאַ. די היקסאָס האָבן אונטערטעניג געמאַכט די ערדארבעטער פֿון עגיפּטן, אָבער זיי גופֿא זיינען ניט געוואָרן איינגעזעסענע אין לאַנד: זייער סולטאַן איז אינאיינעם מיט די הויפּטאָנפֿירערס געבליבן אין דער דעלטאַ אין אַ גרויסן לאַגער אַוואַריס, וואו זיי האָבן געהאַלטן די אָנגערויבטע אוצרות; אויף צו מאָנען צינז פֿלעגן די היקסאָס שיקן צינזמאָנערס, וואָס האָבן ביי זיך געהאַט דעם מלוכה־זיגל. בלויז די טעבאַנער אין דרום־עגיפּטן זיינען געבליבן אומאָפּהענגיג.

אַן ערך 150 יאָר האָט געדויערט די ממשלה פֿון די היקסאָס איבערן נילוסטאָל. אין יאָר 1580 פֿאַר קר. האָט דער פּרעה פֿון טעבן צונויפֿגעקליבן כחות, איינגענומען דעם לאַגער פֿון די היקסאָס אין אַוואַריס און צעשטערט זייער מלוכה. אַ טייל סטעפּן־שבטים האָט דער פּרעה אריבערגענומען צו זיך אין דינסט. די עגיפּטער האָבן זיך אויסגעלערנט ביי די נאָמאַדן שלאָגן זיך רייטנדיג אויף פֿערד און באַנוצן אין שלאַכט רייט־

וועגן באַשפּאַנט מיט אַ פּאָר פֿערד. מען האָט אויך אָנגעהויבן דינגען אין חיל ליביער (פֿון מערבֿ־זייט) און טונקלהויטיגע נוביער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נייע טעבאַנישע קיניגרייך. די פּרעהס, וואָס האָבן איצט געהאַט אין זייער רשות אַ גרויסן גוט באַוואָפֿנטן חיל, האָבן זיך געלאָזט קיין אַזיען, האָבן צום צווייטן מאָל אונטערטעניג געמאכט כּנען און איינגענומען גאַנץ סיריען.

דער קריגערישער טוטמאָס III (אַרום יאָר 1500) איז דערגאַנגען ביז צו די טאַוורוסבערג אין קליינאַזיען און ביז צום טייך פּרת. אין טעבן האָט מען צו זיין צוריקקומען אויסגעבויט אַ טריאומפֿטויער: אונטער דעם הויכן טויערבויגן איז דורכגעפֿאָרן דער פּרעה אויף זיין קריגס־רייטוואָגן, און הינטער אים איז דורכגעגאַנגען זיין גאַנצער חיל. וועגן טוטמאָס׳ גבֿורות דערציילן אויפֿשריפֿטן אויף 4 גוואַלדיגע אָבעליסקן (דאָס זיינען שטיינערנע אויף אויבן צוגעשפּיצטע, פֿירקאַנטיגע, הויכע סלופּעס), וואָס ער האָט געהייסן אַוועקשטעלן: צוויי פֿון זיי זיינען געשטעלט געוואָרן אין דרום־זייט אין טעבן און צוויי אין צפֿון־עגיפּטן אין העליאָפּאָליס. אין אונזער צייט האָט זיך אַלעמען פֿאַרוואָלט האָבן ביי זיך די גרויסאַרטיגע דענקמעלער פֿונם עגיפּטישן באַצווינגער. האָבן איינעם פֿון טוטמאָס׳ אָבעליסקן צוגענומען די טערקן פֿאַר קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דעם צווייטן האָט איינגעקויפֿט דער פּויפּסט פֿאַר רוים, דעם דריטן האָבן די ענגלענדער אַוועקגעפֿירט קיין לאָנדאָן, און דעם פֿערטן — די אַמעריקאַנער קיין ניו־יאָרק.

איטליכער פֿון די קריגערישע פּרעהס האָט זיך געפֿלייסט איבערצולאָזן אַן אָנדיינק נאָך זיך דורך אַ גרויסן בנין אין דער הויפּטשטאָט טעבן; איטליכער האָט צוגעבויט זיין אייגענעם הייליגטום צום טעמפּל פֿונם טעבאַנישן הויפּטגאָט אַמאָן, וואָס האָט זיך איצט גערעכנט פֿאַרן באַצווינגער פֿון דער גאַנצער וועלט. ביי היינטיגן טאָג פֿאַרנעמט דאָס אַראַבישע דאָרף לוקסאָר איין ווינקל פֿונם גרויסן טעמפּלהויף אין טעבן. אַ לאַנגע אַלייע, כּמעט 2 ווערסט די לייננ, האָט געפֿירט צו אַ צווייטן טעמפּל, וואו עס שטייט איצט אַן אַנדער דאָרף קאַרנאַק; אויף ביידע זייטן פֿון אָט דער אַלייע זיינען געלעגן גרויסע ספֿינקסן, געגליכן צו שטייגערנע שומרים, וואָס היטן דעם וועג. אין לוקסאָר שטייט נאָך עד היום דער גרויסער ארייננאַנגסטויער, די פּילאָנען, אין דער געשטאַלט פֿון צוויי טורעמס, וואָס זיינען ענליך צו משופּעדיגע אָפּגעשניטענע פּיראַמידעס; געבליבן זיינען אויך די חורבֿות פֿון אַ גוואַלדיגן קאָלאָנעזאַל 50 קלאַפֿטער די לייננ; די זיילן (ביי 150), וואָס שפּאַרן אונטער זיין דאַך, זיינען געווען בונט באַמאָלט, ווי שטייגלען, מיט אויבן געעפֿנטע בלומענבעכערלאַך.

דער האַנדל און די געזאַנדשאַפטן פֿון די עגיפּטער. אין דער צייט פֿון נייעם קיניגרייך האָבן די עגיפּטער ווייט אויסגעשפּרייט זייערע נסיעות און זייער פֿאַרקער. מיטן ים זיינען זיי געפֿאָרן קיין צפֿון־זייט צום אינזל קיפּראָס, וואָס איז געווען רייך מיט קופּער. ווייטער זיינען זיי געפֿאָרן צום אינזל קרעטאַ, וואָס געהער שוין צו אייראָפּע. די מושלים פֿון קרעטאַ האָבן פֿאַרמאָגט אַ גרויסן פֿלאָט; אין קנאָסאָס אויפֿן צפֿונדיגן ברעג פֿון אינזל האָבן זיי אויסגעבויט א גוואַלדיגן באַפֿעסטיגטן פּאַלאַץ און געהאַלטן אַ גלענצנדן הויף. די קרעטער האָבן מייסטערהאַפֿט געמאַכט גרויסע ליימענע וואַזעס, אויסגעגלייכט זיי אויפֿן טעפּעררעדל און באַ־מאָלט מיט העלע פֿאַרבן. אַסך שיינע כּלים האָבן זיי געשיקט קיין עגיפּטן, און פֿון דאָרט ווידער האָבן זיי באַקומען לוקסוזאַכן.

עגיפּטישע סחורות האָבן אויך געפֿירט איבער דער יבשה קאַראַוואַנען, וואָס זיינען געגאַנגען פּאַזע ברעג פֿון מיטללענדישן ים איבער די טאָלן פֿון סיריען קיין פּרת און דערנאָך ווייטער איבערן טייך ביז בבל. די פּרעהס האָבן אָנגעהויבן זיך מתחתן זיין מיט די מלכים פֿון בבל. הגם עגיפּטן איז געווען אַסך שטאַרקער פֿאַר בבל, פֿונדעסטוועגן האָבן די עגיפּטער געמוזט זיך צונויפֿרעדן מיט די אַזיאַטן אין דער בבלישער שפּראַך. אפֿילו די פֿירשטן פֿון פּאַלעסטינע און סיריען, וואָס זיינען געווען אונטערטעניג דעם פּרעה, האָבן צו אים געשריבן בבליש. די דאָזיגע שפּראַך האָט אין פֿאָדעראַזיען צווישן יאָר 2000 און 1000 פֿאַר קר. געהאַט די זעלביגע גילטיגקייט, וואָס די פֿראַנצויזישע שפּראַך אין אייראָפּע מיט 200 יאָר צוריק, און וואָס ביי הייַנטיגן טאָג די ענגלישע שפּראַך אין גרעסטן טייל פֿון דער וועלט.

אין דער געגנט אַמאַרנאַ ביים נילוס, כּמעט אויף דער העלפֿט צווישן מעמפֿיס און טעבן, האָט מען געפֿונען אין די חורבות פֿון אַ קיניג־ליכן פּאַלאַץ טאָוועלאַך, אויסגעטריקנט פֿון נילוסליים און באַשריבן מיט קלינעסשריפֿט. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז דאָס זיינען בריוו, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין דער צייט פֿונם פּרעה אַמענאָפֿיס, אַן אור־אייניקל פֿון דעם גרויסן באַצווינגער טוטמאָס. דער פּרעה פֿאָדערט די טאָכטער פֿונם קיניג פֿון בבל פֿאַר זיך פֿאַר אַ ווייב. ביידע מושלים פֿאַרזיכערן איינער דעם אַנדערן געטריישאַפֿט און איבערגעגעבנקייט, שיקן גרוסן און ווינשן כּל־טוב „דעם הויז, די ווייבער, די זין, די שׂרים, די פֿערד, די רייטוועגן, דעם חיל און דעם גאַנצן לאַנד". זיי דערמאָנען וועגן צושיקן סחורות: דער עגיפּטער דאַרף האָבן בלוישטיין, דער בבלי גאָלד. צווישן אָט די געפֿונענע בריוו איז אויך פֿאַראַן אַ בריוו צום פּרעה

פונם כנעננישן פירשט פון אורשלם (ירושלים). זיבן מאָל פּאַלט ער דעם קיניג צו די פיס און נאָך זיבן מאָל; ער בעט, ניט צו גלויבן די קלאַנגען וועגן דעם, אַז ער האָט געפעלשט; „ניט פון פאָטער און מוטער האָב איך געקראָגן דאָס לאַנד, נאָר פונם קיניגס מעכטיגע הענט“. עס באַדריקן אים די חאַבירי, וואָס פאַרוויסטן אַלע לענדער דעם קיניגס; זאָל דער קיניג שיקן חיל צוהילף.

צווישן אָט די חאַבירי, וואָס דער כנענישער פירשט דערמאָנט, זיינען געווען די יידן, אין יענער צייט נאָך סטעפּן־שבטים, וואָס האָבן זיך גערוקט פון מדבר איבער די ים־געגנטן.

ירידה פון דער עגיפּטישער מלוכה און אָנהויב פון פאָלק ישראל. די הצלחה פון די עגיפּטער, וואָס האָבן געקליבן רייכטימער פון לענדער, וואָס זיינען געלעגן אין דריי ערדטיילן, האָט ארויסגערופן קנאה ביי אַנדערע פעלקער. פון דריי זייטן האָט מען גענומען אָנפאַלן אויף עגיפּטן: פון מזרח־זייט די מדבר־שבטים, פון צפון־זייט אַ בארגפאָלק מיטן נאָמען חתים און פון ים־זייט אייראָפּעאישע שבטים.

די חתים, וואָס האָבן זיך געהאַט איינגעפעסטיגט אויפן הויכלאַנד פון קליינאזיען, זיינען געקומען פון טורקעסטאַן און לויט זייערע מנהגים, קליידונג און אויסווייניגסטן אויסזעהן דערמאָנען זיי די איצטיגע מיטל־אַזיאַטישע פעלקער. זיי פלעגן גאָלן די קעפּ, איבערגעלאָזן מער ניט אַ לאַנגע טשופרינע, וואָס זי פלעגן זי פאַרפלעכטן אין אַ צאָפּ, פלעגן טראָגן הויכע שפּיציגע היטלען, ברייטע, לאַנגע כאַלאַטן און שטיוול מיט פאַרבויגענע שאַרפע שפּיצן. זייער לאַנד איז געווען רייך מיט קופּער, און זיי האָבן שטענדיג געקאָנט זיך אויסשמידן גוט געווער.

פאַראייניגט צו אַ גרויסער מאכט, האָבן די חתים זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טאַווראָסבערג, אָפּגעשטופּט די עגיפּטער פון פרת, איינגענומען צפון־סיריען און זיך געלאָזט גיין קיין דרום אויף צו פאַרכאַפּן כנען. דער פרעה רעמסס II האָט קענגן זיי צונויפגעקליבן זיין גאַנצן חיל. צווישן די לבנונבערג האָבן די חתים ארומגערינגלט די פאָדערשטע אָפּטיילונג, וואו ס'האָט זיך געפונען דער קיניג גופא, און האָבן אים שיער ניט גע־נומען געפאַנגען; געראַטעוועט אים האָט נאָר אַ גרויסער חיל, וואָס איז גיך געקומען צוהילף. דער פרעה האָט געמוזט אָפּטרעטן די חתים אַ גרויסן טייל פון זיינע לענדער; געבליבן ביי אים זיינען נאָר ירושלים אין דרום־כנען און דער ברעג פון מיטללענדישן ים (וואָס האָט שפּעטער גע־הייסן פעניקיען). רעמסס II איז געווען אַ גרויסער באַרימער. ניט

געקוקט אויף דער מפלה, האָט ער געהייסן אויסקריצן אויף אַ ברענגפֿעלז ניט ווייט פֿון דער שטאָט ביירוט אַן אויפֿשריפֿט, וואו עס שטייט געזאָגט, אַז ער איז דער האַר פֿון גאַנץ אַזיען (רעמסס II האָט געקיניגט צווישן די יאָרן 1300 און 1250).

באַלד נאָכן אָנפֿאַל פֿון די חתים האָט זיך פֿון מערב־זייט באַוויזן אַ נייער שונא. די איירָאָפּעאישע שבטים, וואָס האָבן באַוואוינט דעם אַפּענינישן און באַלקאַנישן האַלבאינזל, סאַרדיניער, טירענער און אַכייער, האָבן גענומען זיך צונויפֿקלייבן מתנותווייז און לאָזן זיך שווימען מיטן ים אויף רויב. צוערשט זיינען אָט די ים־רויבער אָנגעפֿאַלן אויף קרעטאַ, האָבן צערויבט דעם פּאַלאַץ אין קנאָסאָס און אים פֿאַרברענט. דערנאָך האָבן זיי זיך געווענדט קעגן עגיפּטן און האָבן זיך אין גרויסע מחנות ארויסגעזעצט אויף די ברעגעס פֿון כּנען און ביי דער נילוס־דעלטאַ. דער פּרעה רעמסס III האָט אָטדעם אָנפֿאַל פֿון די „ים־פֿעלקער" (אזוי האָבן די עגיפּטער אָנגערופֿן זייערע נייע שונאים) אָפּגעשלאָגן, נאָר די איינגענומענע לענדער אין אַזיען האָבן די עגיפּטער פֿאַרט געמוזט לאָזן. איינער פֿון די פֿרעמדע איירָאָפּעאישע שבטים איז געבליבן זיצן אויפֿן ברעג פֿון כּנען; אין תּנך ווערן זיי אָנגערופֿן פּלשתים (נאָך זיי האָבן דאָס די גריכן געגעבן אַ נאָמען דעם לאַנד פּאַלעסטינע).

מיט די פּלשתים האָבן אַ צייט לאַנג געפֿירט מלחמה די בני־ישראל, אָדער די יידן, וואָס זיינען געקומען פֿון מזרח־זייט פֿונם אַראַבישן סטעפּ. צוערשט זיינען די יידן געווען אַ קריגעריש נאָמאַדן־פֿאָלק, וואָס האָט זיך מיט זיינע טשערעדעס באַזעצט צווישן די כּנענים, וואָס האָבן זיך פֿאַרנומען מיט ערדאַרבעט און סעדערײ. ביסלאַכווייז זיינען זיי נעהענטער געוואָרן מיט די איינהיימישע, האָבן אָנגעהויבן זיך מתחתן זיין מיט זיי, וואוינען אין שטעט, און זייערע מדות האָבן זיך אויסגעפֿיינערט.

פֿריהער האָבן יידן געהאַט אויסגעקליבענע אָנפֿירערס, וואָס האָבן זיך גערופֿן שופֿטים. נאָר צוליב דער מלחמה מיט די פּלשתים האָט דאָס פֿאָלק אויסגעקליבן אַ קיניג מיט אַן אומבאַגרעניצטער מאַכט. דער ערשטער קיניג איז געווען שאול. נאָך שאולן, ארום יאָר 1000 פֿאַר קר., האָט געקיניגט דוד, וואָס האָט פֿאַראייניגט אונטער זיין ממשלה גאַנץ כּנען. זיין מלוכה האָט זיך אויסגעשפּרייט אין דרום־זייט ביזן אַראַבישן אויסגוס. דודס זון שלמה, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן עגיפּטישער בת־מלכּה, האָט אויסגעבויט אין ירושלים אַ גרויסן טעמפּל דעם גאָט פֿון ישראל (דעם בית־המקדש), וואָס לויט זיין גרויס און פּראַכט קאָן ער

צוגעגליכן ווערן צו די גרויסע היילינגטימער פֿון טעבן און בבל. אויף צו בויען דעם בית־המקדש האָט שלמה געבעטן דעם קיניג פֿון דער שטאָט צור צו שיקן אים צעדערהאָלץ און קיפּאַריסנהאָלץ פֿון די לבנונבערג, און אויך אַרבעטער; דערפֿאַר האָט שלמה צוגעשטעלט די פֿעניקיער 20000 מעסטלאַך ווייץ און 20000 מעסטלאַך בוימל. ער האָט ערלויבט די פֿעניקיער דורכצופֿירן סחורות דורך כנען, בכדי אָנצולאָדן זיי אויף שיפֿן, וואָס זיינען געגאַנגען איבער דעם אַראַבישן אויסגוס אין לאַנד פּונט און קיין אינדיען.

דאָס קיניגרייך, וואָס דוד האָט געגרינדעט, איז גיך צעפֿאַלן. דאָס פֿאָלק איז געווען אומצופֿרידן מיט די שווערע אָפּצאָלונגען, וואָס דער קיניג פֿון ירושלים האָט געמאָנט צוליב זיינע מלחמות און בנינים. פֿון די 12 שבטים פֿון ישראל האָבן זיך אָפּגעטיילט 10, וואָס האָבן געבילדעט אין צפון־זייט דאָס קיניגרייך ישראל מיט דער הויפּטשטאָט שומרון. ביי שלמהס זון איז געבליבן נאָר דאָס קליינע קיניגרייך יהודה מיט דער אַלטער הויפּטשטאָט ירושלים.

אָנהויב פֿון דער עקזיסטענץ און דערהויכונג פֿון אַשור.

אין דערזעלביגער צייט, וואָס די ים־פֿעלקער זיינען אָנגעפֿאַלן אויף סיריען, כנען און עגיפּטן, איז ביים טייך חידקל גרויס געוואָרן די מלוכה פֿון אַשור.

דאָס לאַנד אַשור, מיט דער הויפּטשטאָט מיטן זעלביגן נאָמען, איז געווען אַ קליינע פּראָווינץ אויפֿן לינקען, באַרגיגן ברעג פֿון חידקל. אירע איינוואוינער, וואָס געהערן צו די סעמיטן, האָבן זיך אַ צייט לאַנג געפֿונען אונטער פּונם לעבעדיגן האַנדל פֿון די בבלים. שטאַרק זיינען זיי גע־וואָרן דעמאָלט, ווען זיי האָבן איינגעפֿירט ביי זיך ניי אייזערן געווער.

אַ לאַנגע צייט האָבן מענשן זיך ניט אומגעקוקט אויפֿן אייזן, וואָרום רויערהייט האָט עס ווינציגער אָנגעזען, איידער קופּער. נאָר דאָרט, וואו קיין קופּער איז ניט געווען, האָט מען געמוזט זיך נעמען פֿאַרן אייזן. און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז געווער פֿון אָט דעם נייעם מאַטעריאַל איז שטאַרקער און שרעקליכער, איידער בראָנזע. אייניגע פֿעלקער האָבן באַוויזן גרויס מייסטערשאַפֿט אין שמידן אייזן: דעם בעסטן שטאָל האָבן אויסגעאַרבעט די בערג־שבטים, וואָס האָבן געוואוינט אינם יעצטיגן אַרמעניען ניט ווייט פֿון דער ביטערגעזאַלצענער אָזערע וואַן און ביי די זייטן פֿונם באַרג אַררט; דער אַלטער נאָמען פֿון די דאָזיגע פֿעלקער־אוראַרטו — איז טאַקע דאָס זעלביגע וואָרט אררט.

ביי אָט דעם פֿאָלק אוראַרטו פֿלעגן דאָס די אַשורים אויסבייטן אייזן און שטאָל, אַמאָל ווידער פֿלעגן זיי מאַכן אָנפֿאַלן אויף דעם, בכדי צו רויבן דעם מעטאַל. אומעטום האָבן זיי צונויפֿגעקליבן חפצים פֿון מעטאַל, אָנגעשטופּט גאַנצע לאַגערם מיט געווער און שטיקער אייזן. איינגענומען האָבן זיי צוערשט דאָס פֿרוכפּעריגע לאַנד מ ע ס אָ פּ אָ ט אַ מ י ע ן אָדער ארם נהרים, דאָס איז די געגנט צווישן דעם חידקל און צווישן דעם גרויסן פֿאַרבויג, וואָס דער פּרת מאַכט, בעת ער דערנעהענטערט זיך צום מיטללענדישן ים. דאָ האָבן די אַשורים צעקלאַפּט די אַמאָל שרעקליכע חתים, פֿאַרטריבן זיי אין די בערג פֿון קליינאזיען, און פֿון די שטעט, וואָס האָבן געהערט צו די חתים, האָבן זיי גענומען אַ גרויסן אויסלייז: גילדענע שאָלן, גילדענע קייטן, גילדענע געצנבילדער, 100 טאַלענטן (אַ טאַלענט איז אַ מין גרויסע וואָג) קופּער, קופּערנע געצן, קופּערנע כלים, 250 טאַלענט אייזן, מעבל פֿון טייערן האָלץ און העלפֿאַנדביין, 200 שקלאַווינס, פֿאַרשיידנקאָלירטע געוואַנטן, שוואַרצע און בלויע קרישטאָלן, טייערע שטיינער.

אין זייער הויפּטשטאָט האָבן די אַשורים געמאַכט פֿונם ציגז, וואָס זיי האָבן אויפֿגעמאָנט ביי די אונטערטעניגע פֿעלקער, אַ גרויסן א י י ז נ־ אַ ר ס ע נ אַ ל. דאָרט זיינען געווען האַמערס, גראַבאייזנס, אַקעראייזנס און אַנקערס אויף קייטן, און אויך אַ סך שטיקלאַך אייזן מיט לעכער ביי איין עק, אויף דורכצוציהען אַ שטריקל; אָט די שטיקער אייזן האָבן זיי געהאַלטן אויף אַ נויטפֿאַל בעת באַלעגערונג, כדי צו האָבן מאַטעריאַל, פֿון וואָס צו מאַכן געווער.

פֿאַרנומען מעסאָפּאָטאַמיען, האָבן די אַשורים ארייגעקראָגן אין זייערע הענט דעם האַנדלסוועג, וואָס איז געגאַנגען פּאַזע די גרויסע טייכן צו די בערגלענדער פֿון קאַווקאַז און צום מיטללענדישן ים. אַלץ, וואָס די אַרבעט און די קונסט פֿון די בבלים האָבן אַרויסגעבראַכט, איז אַריבער צו די אַשורים. בבל גופֿא, וואָס האָט געלעבט פֿון ערדאַרבעט און האַנדל, האָט אָפּגעטראָטן דעם ערשטן אָרט דעם קריגערישן שכן. די מלכים פֿון אַשור האָבן ניט איין מאָל איינגענומען בבל.

די באַצווינגונגען פֿון די אַשורים 900—650 פֿאַר קר.

נאָכדעם ווי אַשור איז געוואָרן די שטאַרקסטע מלוכה אין פֿאָדעראַזיע, האָט ער גענומען גיין, פּונקט ווי בבל אין האַמוראַבים צייט, צום מיטל־ לענדישן ים. דאָ האָבן דעם באַצוויגגער געצויגן די פֿרוכפּעריגע אָאַזיסן און טאָלן פֿון סיריען און כנען, און אויך די רייכע האַנדלסשטעט, וואָס

זיינען געלעגן אויפֿן ברעג פֿון פֿעניקיען. ווי אַ שרעקליכער שטורעם פֿלעגן די אַשורים אָנפֿאַלן אויפֿן געגנער. געשווינט האָבן די קריגסלייט זיך באַוועגט פֿאָראויס: זיי פֿלעגן אַריבערשווימען טייכן אויף אָנגעבלאָזענע פֿעלן אָדער פֿלעגן איבערצאַמען אַ שטראָם מיט אַריינגעוואָרפֿענע בוים־שטאַמען. אויף אַ סך בילדער, וואָס די אַשורים האָבן אויסגעמעלט, זיינען צו זעהן איינאַרטיגע שורות מוסקולעזע, אָנגעברוגזטע, בערדיגע קריגסלייט; זייער קאָפּ איז באַדעקט מיט אַ שפּיציגן קופּערנעם קיווער; אויפֿן לייב איבערן העמד אַ פּאַנצער, ד. ה. אַ לעדערן רעקל, באַשלאָגן מיט מעטאַלענע בלעכלאַך; אין איין האַנט אַ לאַנגער שפּיז מיט אַן אייזערנעם שפּיץ, אין דער אַנדער האַנט — אַ גרויסער שילד, באַשלאָגן מיט בראָנזע; אויך די פֿיס זיינען געשיצט דורך מעטאַלענע בלעכן. אַזאַ קריגסמאַן האָט מען כמעט ניט געקאָנט שעדיגן.

ביים אָנפֿאַל זיינען געווען שרעקליך אויך די קריגסרייטוועגן, באַשלאָגן מיט קופּער און באַשפּאַנט מיט אַ פּאָר פֿערד. אויף זיי זיינען געווויינטליך געשטאַנען דריי מאַן: אַן אָנטרייבער, אַ בויגנשיסער אָדער שפּיזנוואַרפֿער, און אַ וואָפֿנטרעגער, וואָס האָט געשיצט דעם קריגסמאַן מיט אַ שילד. אויסגעשטעלט זיך אין אַ שורה, האָט אָמדי שווערע קאַוואַלעריע געזוכט דורך שטאַרקן דראַנג אומצוואַרפֿן דעם שונא. ווען ער פֿלעגט צעטריבן ווערן און נעמען לויפֿן, פֿלעגן די קריגסלייט אויף די רייטוועגן דערהרגענען און צעטרעטן די אָפּגעשטאַנענע, אַריינוואַרפֿן די אַנטרונענע אין טייך אַריין. נאָך דער אַרמיי איז נאָכגעגאַנגען אַן אָפּטיילונג ערדגראָבער און מעכאַניקער, וואָס האָבן אויסגעגלייכט די וועגן אין בערגלענדער, געמאַכט מאַשינעס אויף איינצוברעכן מויערן א. אז. וו. עס האָט אויסגעוויזן, אַז דעם כח פֿון די אשורישע זעלנער איז ניט איינצוברעכן. ישעיה הנביא, וואָס האָט זיי געזעהן פֿון דער נאָהענט, זאָגט: „זעה, אָט קומט ער (אשור) האַסטיג און געשווינט, און ניטאָ ביי אים קיין מידער און קיין שטרויכלענדיגער, קיינער דרימלט ניט און שלאָפֿט ניט. דער גאַרטל אויף די לענדן האָט זיך ביי אים ניט צעבונדן און ניט אָפּגעריסן געוואָרן קיין שנירל פֿון זיינע שיך; זיינע פֿיילן זיינען אָנגעשאַרפֿט, אַלע בויגנס אָנגעצויגן. די טלאָהען פֿון זיינע פֿערד זיינען ווי פֿון שטיין, און זיינע רעדער ווי אַ שטורעמווינט. זיין געשריי איז געגליכן צו אַ לייבן־ברום, און ער שרייט, ווי יונגע לייבן, און ברומט און כאַפּט רויב און טראָגט אַוועק; קיינער קאָן ניט ראַטעווען!“

האַרט זיינען געווען אויך די אָנפֿירערס פֿון די אַשורים. אויף ווענט פֿון פּאַלאַצן, אויף שטיינערנע טאָוולען און סלופּעס האָבן זיי געלאָזט נאָך

זיך דערציילונגען און באַריכטן וועגן זייערע אונטערנעמונגען, וואו זיי רעדן מיט באַזונדער שטאָלצקייט וועגן די חורבנות, וואָס זיי האָבן אָנגעטאָן, וועגן שטעט און דערפֿער, וואָס זיי האָבן פֿאַרלענדט. איינער פֿון זיי שרייבט: „איך בין דורכגעפֿלויגן, געגליכן צו אַ פֿאַרטיליגנדיגן אוראַגאַן. אויף דער רויטער ערד האָט דאָס געווער זיך געטרונקען אינם שונאס בלוט, ווי אין אַ טייך. איך האָב אָנגעוואָרפֿן טויטע גופים פֿון זעלנער אין דער געשטאַלט פֿון נצחון־בערגלאַך און אָפּגעהאַקט זייערע גלידער. ביי די געפֿאַנגענע האָב איך די הענט אָפּגעהאַקט; איך האָב זיי צעריבן, ווי שטרוי". אָפֿטמאָלס פֿלעגן די אַשורים אויסהרגענען די גאַנצע מאַנס־בילשע באַפֿעלקערונג פֿונם איינגענומענעם לאַנד, און די פֿרויען און קינדער צונעמען פֿאַר שקלאַוון און פֿאַרקויפֿן. טיילמאָלס אָבער פֿלעגן זיי אַ טייל פֿון די באַזיגטע לאָזן לעבן, אָבער נאָר צוליב דעם, בכדי איבער געוואַלד זיי אַריבערצופֿירן וואוינען אין אַן אַנדער איינגענומענעם און פֿאַרוויסטן לאַנד; דאָרט האָבן די ניי באַזעצטע ניט געקאָנט זיין געפֿערליך, נאָר זיי האָבן געמוזט אַרבעטן און צאָלן צינז.

אויף בילדער איז צו זעהן, ווי אַזוי מלכים און זייערע שרים שטייען אין אַ גדלותדיגער פּאָזע שטאָלץ אויסגעגלייכט, אָדער גאַלאָפּירן ווילד אויף פֿערד אין געיעג נאָך לייבן. אָדער נאָך אַ בילד: דער קיניג רוהט אויס אין ביידל פֿון זיין פּאַרק; ער רוהט האלבליגנדיג אויף אַ הויכן דיוואַן; נידעריגער זיצט אויף אַ לענשטול איינע פֿון זיינע פֿרויען, ביידע מיט בעכערס אין די הענט, אַרום שטייען הויפֿסלייט און קילן אָפּ מיט פֿאָכערס דאָס קיניגליכע פּאָר; אויף אַ נאָהענטן בוים הייגגט און וויגט זיך אויפֿן ווינט דער קאָפּ פֿון אַ באַזיגטן שכנישן קיניג.

באַזונדערס שטאַרק איז געווען די מלוכה פֿון די אַשורים צווישן די יאָרן 750 און 650 פֿאַר קר. דער קיניג סרגון האָט פֿאַרנומען שומרון, די הויפּטשטאָט פֿון קיניגרייך ישראל, האָט דאָס לאַנד פֿאַרוויסט און אַוועקגעטריבן דעם גרעסטן טייל פֿאָלק אין די באַרגעגנטן אויף יענער זייט חידקל (אין יאָר 722). זיין זון סנחריב איז צוגעטראָטן צו ירושלים. חזקיהו דער קיניג פֿון יהודה האָט זיך געראַטעוועט נאָר דורכדעם, וואָס ער האָט זיך אונטערגעגעבן: ער האָט אַוועקגעשיקט אין דער נייער הויפּט־שטאָט פֿון אַשור, קיין נינוה, 300 טאַלענט זילבער, 30 טאַלענט גאָלד, טייערע שטיינער, זיינע טעכטער און הויפֿסדינסטן. יידישע נביאים רופֿן אָן די שטאָט נינוה: „אַ לייבן־גרוב, אַ בלוטיגע שטאָט, אָנזאַמלונג פֿון רויב". סרגונס איייניקל, דער קיניג אסר־חדון איז אַוועק קיין עגיפּטן, האָט פֿאַר־כאַפּט מעמפֿיס און טעבן; דער בּילוסטאָל האָט גענומען צושטעלן די

אַשורים זיינע גערעטעניש. אין דער צייט פֿונם קיניג אַשורבניפּל, וואָס ער האָט דאָס צונויפֿגעקליבן די בבלישע הייליגע ביכער (ז. ז. 54), האָט די מלוכה פֿון אַשור זיך אויסגעשפּרייט פֿון די אַרמעניש בערג און איראַן ביז צו סאַהאַראַ.

אונטערגאַנג פֿון אַשור און פֿון ירושלים. די גרויסע מלוכה פֿון די סרגונידן (ד. ה. סרגונס אוראייניקלאַך) האָט זיך געהאַלטן ניט לאַנג. אין עגיפּטן האָט פּסאַמעטיך, אַ פֿירשט פֿון שכנישן ליביען, גע־דונגען גריכישע קריגסלייט, וואָס זיינען געקומען מיטן ים, און האָט פֿאַרטריבן די אַשורים פֿונם נילוס. בבל האָט פֿאַרכאַפּט דער סטעפּן־שבט כשדים, און פֿון די בערג פֿון איראַן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַשור די מעדיער (מדי), וואָס געהערן צום גרויסן אַרישן פֿעלקער־צווייג. די מעדיער האָבן באַלעגערט נינוה און האָבן חרוב געמאַכט די שטאָט ביזן גרונט (אין יאָר 607 פֿאַר קר.). דער נביא צפניה זאָגט: „גאָט וועט פֿאַרטיליגן אַשור און מאַכן נינוה צו אַ וויסטעניש, אויסגעטריקנט, ווי אַ מדבר“.

דער קיניג פֿון די כּשדים נבוכדנצר האָט דורכגעמאַכט פֿון זיין הויפּטשטאָט בבל דעמזועלבינן וועג צום מיטללענדישן ים, ווי די אַשורים. ער האָט געפֿאָדערט פֿון די יידן, זיי זאָלן זיך אונטערגעבן און איז צור־געטראָטן צו ירושלים. דער קיניג פֿון יהודה האָט אויסגעקוקט אויף הילף מצד דעם עגיפּטישן פּרעה און האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן. אומ־זיסט האָט ירמיהו הנביא מתרה געווען ניט אָפּצונאַרן זיך און ניט צו וואַרטן אויף אויסלייזונג. „אַפֿילו אויב איר וועט צעשלאָגן דעם גאַנצן חיל פֿון די כשדים און איבערלאָזן בלויז עטליכע פֿאַרוואונדעטע, וועלן זיי אויפֿ־שטיין, איטליכער פֿון זיין געצעלט, און וועלן פֿאַרברענען די דאָזיגע שטאָט אין פֿייער“. מען האָט דעם נביא ניט געפֿאָלגט און, פֿאַרקערט, אריינ־געוואָרפֿן אים אין תפיסה. נבוכדנצר האָט איינגענומען ירושלים און איז זיך באַגאַנגען, פּונקט ווי פֿריהער סרגון מיטן קיניגרייך ישראל: ער האָט חרוב געמאַכט די שטאָט און דעם בית־המקדש, גענומען דעם קיניג געפֿאַנגען און פֿאַרטריבן אַ טייל פֿון יידישן פֿאָלק קיין בבל (אין יאָר 588 פֿאַר קר.). דאָס איז דער אָנהויב פֿון גלות־בבל.

די פֿעניקיער. די איינוואוינער פֿונם נילוס־ און פּרת־טאָל, די עגיפּטער און סומערער, האָבן פֿון קדמונים אָן אַליין געשאַפֿט זייער קולטור (ד. ה. די רייכטימער, ערפֿינדונגען, וויסנשאַפֿט). שפּעטער האָבן פֿעלקער פֿון סעמיטישער אָפּשטאַמונג, די בבלים, אַשורים, יידן, פֿעניקיער,

איבערגענומען בײַ די עלטערע אײַנהײמישע פֿעלקער זײער קונסט און װיסן. פֿון אָט די אַלע סעמיטן זײַנען די פֿעניקיער געװען דאָס רירעװדיגסטע פֿאָלק: אין זײערע האַנדלס־נסיעות האָבן זײ װײַט פֿאַרשפּרײט אין אַלע עקן די קולטור פֿון עגיפּטן און בבל.

פֿעניקיען פֿאַרנעמט דעם ברעגפּאַס פֿון סיריען, װאָס איז אָפּגעשײדט פֿונם איבעריגן לאַנד דורכן לבנונרוקן. זינט די עגיפּטער האָבן אײַנגענומען סיריען, האָבן די ברעגאײַנװאױנער גענומען אױף זיך אַריבערצופֿירן סחורות פֿון אַזיען קײן עגיפּטן און אָפּצוזעצן עגיפּטישע פּראָדוקטן אין אױסלאַנד. זײ האָבן גענומען גײן מיט קאַראַװאַנען פּאַזע סיריען צום פּרת און קײן דרום פּאַזע דעם אַראַבישן אױסגוס צום אַזױ אָנגערופֿענעם גליקליכן אַראַביען. אַנדערע האָבן זיך געלאָזט פֿאָרן איבער די ים־װעגן, װאָס פֿריהער זײַנען איבער זײ געפֿאָרן די עגיפּטער אַלײן: צום אינזל קיפּראָס, װאָס ליגט גראָד קעגנאיבער פֿעניקיען, צו קלײנאַזיען און נאָך װײַטער קײן מערב.

באַלד זײַנען די ערטער, װאָס מען האָט דאָרט צוגענומען און פֿון דאָרט אָפּגעשיקט סחורות, געװאָרן באַלעבטע האַנדלסשטעט. פֿון זײ האָבן זיך באַזונדערס אױסגעצײכנט די שטעט צור און צידון (װעגן דעם אונטערנעמונגסגײסט פֿון די פֿעניקיער פֿון צור און װעגן זײער פֿרײַנטשאַפֿט מיט שלמה המלך ז. ז. 59). די פֿעניקישע שטעט האָבן זיך אַרומגערינגעלט מיט שטאַרקע מױערן; אונטער זײער שוץ פֿלעגן זיך באַהאַלטן אַנטרונענע, װען אױף סיריען האָבן גענומען אָנפֿאַלן די שרעקליכע אַשורים. פֿעניקיען איז מחמת דעם איבערפֿולט געװאָרן מיט אײַנװאױנער; האָבן אַ סך פֿון זײ גענומען בױען שיפֿן, בכדי צו זוכן זיך אַ נײַע הײם. פֿאַר זײ האָט זיך געעפֿנט אַ ברײטער ים־װעג צו די מערב־לענדער.

דער מיטללענדישער ים און די קאָלאָניעס פֿון די פֿעניקיער.

אַמאָליגע צײַטן איז דאָס פֿאָרן אױפֿן ים ניט געװען אַזױ גרינג, װי הײַנטיגן טאָג. אַרױספֿאָרן פֿלעגן די שיפֿסלײַט נאָר זומערצײַט; װײַט פֿון ברעג האָבן זײ זיך ניט אײַנגעשטעלט אָפּצופֿאָרן, דעריבער פֿלעגן זײ אַמאָל מאַכן גרױסע אומװעגן פּאַזע די ברעגעס, אָנשטאָט צו פֿאָרן גלײַך אין אָפֿענעם ים אַרײַן, אָדער זײ פֿלעגן זיך אַריבערשיפֿן פֿון אינזל צו אינזל, אַזױ אַז זײ האָבן שױן בײַ אַרױספֿאָרן געהאַלטן אין אױג דעם נאָהענטסטן פּונקט, װאו זיך אָפּצושטעלן. דער מיטללענדישער ים איז גראָד אַזױ אױסגעשניטן, אַז מען קאָן אױף אים פֿאָרן אין קורצע שטרעקעס פֿון אײן יבשה־פּונקט צום אַנדערן. װײַט זײַנען אױסגעשטרעקט פֿון צפֿון־זײַט פֿיר

האַלבאינזלען: דער פּירענייאישער, אַפּענינישער, באַלקאַנישער און קליין־אַזישער. אַנטקעגן די ערשטע צוויי רוקן זיך אַרוים די שפּיצן פֿון צפונית־מערבית־אַפֿריקע, מאַראָקאָ און טוניס. ווי דער המשך פֿון די פּאָרבערג, וואָס פֿון זיי קאָנען די ים־פֿאָרערס זיך לאָזן אין ים אַריין, דערהויבן זיך די אינזלען: קיפּראָס, ראָדאָס, קרעטאַ, סיציליען, סאַרדיניען, קאָרסיקאַ, די באַלעאַרן. דאָס זיינען אַלץ צווישנסטאַנציעס, וואָס פֿון זיי קאָן מען אָפּט זעהן פֿונווייטנס דעם ווייטערדיגן צילפּונקט.

די ערשטע ישובים אויף יענער זייט ים האָבן די פֿעניקיער געגרינדעט אויפֿן אינזל קיפּראָס. זיי האָבן געמוזט אויספֿעלן דעם אינזל קרעטאַ און די ברעגעס פֿון באַלקאַנהאַלבאינזל, ווייל דאָרט האָבן געוואוינט פֿעלקער, וואָס זיינען אַליין געווען געשיקט אין שיפֿעריי. ווייטער צו מערב־צו האָבן די פֿעניקיער זיך איינגעפֿעסטיגט אויפֿן אינזל סיציליען, און קעגנאיבער סיציליען אויפֿן אַרויסגערוקטן האַלבאינזל פֿון צפונית־מערבית־אַפֿריקע, וואו עס געפֿינט זיך איצט טוניס, האָבן זיי אַרום יאָר 700 פֿאַר קר. געגרינדעט די שטאָט קאַרטאַגאָ (אַזוי האָבן זי גערופֿן די רוימער; אויף פֿעניקיש האָט זי געהייסן קרת חדשת, ד. ה. „נייע שטאָט"). שוין פֿון קאַרטאַגאָ אויס, האָבן די פֿעניקיער פֿאַרנומען די דרום־ברעגעס פֿון שפּאַניען, וואָס זיינען געווען רייך מיט זילבער. ישעיה הנביא גלייכט־צו די פֿעניקישע שיפֿן, אָנגעלאָדן מיט שפּאַנישן גאָלד און זילבער, צו גע־שווינט פֿליהענדיגע וואָלקנס, צו טויבן, וואָס פֿליהען צו זיך אַהיים.

די פֿעניקישע שטעט, וואָס זיינען געלעגן אין דריי ערדטיילן, זיינען ניט געווען פֿאַראייניגט צו איין מלוכה. נאָר צווישן דער מעטראָפּאָליע, דער מוטערשטאָט, דער היימשטאָט, און צווישן די קאָלאָניעס, ד. ה. די נייע ישובים, איז געווען אַ פֿריינטשאַפֿטליכער פֿאַרבונד; אומעטום האָט מען געדינט צום זונענגאָט מלקרת (מעלקאַרט), וואָס וואַנדערט אינאיינעם מיט די רייזנדער, באַווייזט זיי דעם וועג; זיין בילד פֿלעגט מען אַוועק־שטעלן אין האַוון; פֿאַרן אָפּפֿאָרן און ביים קומען אהיים פֿלעגט מען צו אים ברייגנען אַ קרבן.

געקומען ביז צום גיבראַלטאַרפֿעלז, וואָס אים קעגנאיבער דערהויבט זיך דער הויכער ברעג פֿון אַפֿריקע, זיינען די פֿעניקיער צוערשט געקומען צום הסכם, אַז מעלקאַרט האָט דאָ אַוועקגעשטעלט פֿאַר די מענשן גרעניץ־סלופּעס: ווייטער טאָר מען ניט פֿאָרן, ווייל דער גאָט אַליין גייט אַוועק דאָרט זיך אָפּרוהען. נאָר שפּעטער האָבן זיי זיך איינגעשטעלט ארויסצופֿאָרן אויך אויף יענער זייט פֿון די סלופּעס. אויפֿן ברעג פֿון שפּאַניען ביים אַטלאַנטישן ים האָבן זיי אויסגעבויט אויף אַן אַרויסגערוקטן פֿעלז די

שטאָט גאַדיר (היינט הייסט זי קאַדיקס). באַזונדערס ווייט זיינען די פֿעניקישע ים־לייט געפֿאָרן קיין דרום־זייט פּאַזע די ברעגעס פֿון אַפֿריקע: זיי האָבן געקענט די קאַנאַריענאינזלען און גווינעאַ. איינמאָל האָבן פֿעניקיער, וואָס האָבן געדינט ביים עגיפּטישן פרעה, געמאַכט אַ רייזע אַרום גאַנץ אַפֿריקע, אַרויסגעפֿאָרן איבערן אַראַבישן אויסגוס קיין דרום און אומגעקערט זיך דורכן גיבראַלטאַרדורכגוס איבערן מיטללענדישן ים צו דער לעפֿצונג פֿונם נילוס.

קיין איין פֿאָלק איז אין יענע אַלטע צייטן ניט אַרומגעפֿאָרן איבער אַזויפֿיל לענדער, ווי די פֿעניקיער. זיי האָבן גוט געוואוסט אלע אויסבויגן און איינשניטן פֿון די ברעגעס פֿונם מיטללענדישן ים, זיינע דורכגוסן, די אָפּשטעלפּלעצער אויף די אינזלען, די באַקוועמע האַוונס און די געפֿערליכע פֿעלזן אָדער זאַמדביינק. פֿון די צוויי נעמען, וואָס זיי האָבן געגעבן זייער היים אין די ניי אַנטדעקטע לענדער, אַסו (מזרח) און ערב (מערב), שטאַמען די נעמען פֿון די צוויי ערדטיילן, אַזיע און אייראָפּע.

די פֿעניקיער האָבן געפֿירט קיין מערב על פּי רוב די אויסאַרבעטונגען פֿון דער בבלישער און עגיפּטישער מלאכה: געוואַנט, געווער, כלים, לוקסוס־אַרטיקלען, צווישן דעם גלאָזזאַכן; פֿאַרקערט, פֿון מערב קיין אַזיע פֿלעגן זיי ברייגנען צופֿירן רויע מאַטעריאַלן: מעטאַלן, רויטע פּאַרב, וואָס מען פֿלעגט אַרויסבאַקומען פֿונם פּורפּורשנעק. פֿונם ברעג פֿון באַלטישן ים פֿלעגן זיי באַקומען בורשטין, וואָס פֿון אים פֿלעגט מען מאכן צירונג, פֿונם איצטיגן ענגלאַנד צין, וואָס איז נויטיג צוליב אויסאַרבעטן בראָנזע. ביידע אַרטיקלען פֿלעגט מען צופֿירן דורך מיטל־אייראָפּע איבער די טייכטאָלן צו די ברעגעס פֿון מיטללענדישן ים.

די פֿעניקיער האָבן אויסגענוצט ניט נאָר די סחורות, נאָר אויך די ערפֿינדונגען פֿון בבל און עגיפּטן. זיי האָבן פֿון דאָרט גענומען מאָס און וואָג און אויך דעם אלף־בית. ביים האַנדל האָבן זיי באַדאַרפֿט האָבן פּשוטע צייכנס, וואָס מען זאָל זיי קאָנען גיך פֿאַרשרייבן. זיי האָבן דעריבער איבערגענומען נאָר די קלאַנגצייכנס; און זייער אלף־בית איז, פּונקט ווי אין העברעאישן, וואָס שטאַמט פֿון אים אַרויס, געווען נאָר 22 אותיות. אויך אלע שפּעטערדיגע אייראָפּעאישע אלף־ביתן (דער גריכישער, לאַטיינישער, דייטשער, סלאַווישער) שטאמען פֿון אָטדעם פֿעניקישן אַלף־בית.

אין דער צייט פֿון סרגון, אַרום יאָר 700 פֿאַר קר., האָבן די פֿעניקיער באַגעגנט זיך אויפֿן ים מיט שטאַרקע קאָנקורענטן; דאָס זיינען געווען די גריכן.

III.

דאָס אלטע גריכנלאַנד.

דאָס לאַנד, וואָס די גריכן באַוואוינען עס שוין אַן ערך 3000 יאָר, פֿאַרנעמט דעם דרום־טייל פֿון באַלקאַנהאַלבאינזעל. דאָס איז זעהר אַ באַרגיג לאַנד; אין אַלע זייטן גייען זיך פֿונאַנדער בערגקייטן און צווייגן פֿון זיי. פֿונם ברייטן טייל פֿונם האַלבאינזעל איז זעהר שווער אריינצודרינגען קיין דרום; איין שורה בערג נאָך דער אַנדערער פֿאַרצאַמען דעם וועג. דער הויכער באַרג אָ ל י מ פּ, וואָס איז באַדעקט מיט שניי, פֿאַרשטעלט דעם צוטריט צו דער גרעסטער גריכישער פּראָווינץ ט ע ס אַ ל י ע ן. צווישן אָטדער געגענט און צווישן דעם מ י ט ל ס ט ן טייל פֿון גריכנלאַנד ציהען זיך ווידער בערגקייטן, וואָס איבער זיי פֿירן ניט קיין וועגן, נאָר מער ניט שווערע בערגדורכגייענג. דער מזרח־ברעג פֿון מיטלגריכנלאַנד שניידט זיך אריין מיט אַ שאַרפֿן ווינקל אין ים אריין; דאָס איז אַ ט י ק אַ (דאָס איז טייטש „פֿאָרבאַרג"). דער שמאָלער ערדפּאַס א י ס ט מ אָ ס פֿאַרבינדט מיטלגריכנלאַנד מיטן עקסטן דרומלאַנד, מיטן פּ ע ל אָ פּ אָ־נ ע ס אָ ס, ד. ה. פּעלאָפּס׳ (איינעמס פֿון די פֿאַרצייטיגע מלכים) „אינזל"; און מיט אַן אמת, איז טאַקע אָט דער טייל שטאַרק ענליך צו אַן אינזל, וואָרום פֿון אַלע זייטן ווערט ער באַשווינקט פֿון ים. דער מזרחדיגער ברעג פֿון פּעלאָפּאָנעס, וואָס שניידט זיך אריין אין ים, אַזוי ווי אַטיקאַ, ווערט אָנגערופֿען אַרגאָלים. אין דרום־זייט ענדיגט זיך דער פּעלאָפּאָנעס מיט דריי פֿאָרבערג; צווישן זיי ליגן צוויי פֿעטע טאָלן, לאַ ק אָ נ י ע ן און מ ע ס ע נ י ע ן. גאַנץ גריכנלאַנד איז דורך בערג צעטיילט אויף קליינע פּראָווינצן, און אין איטליכער פֿון זיי האָט געקאָנט זיך באַזעצן אַן אומאָפּהייִנגיג קליין פֿאָלק.

אויף דער שטיינערדיגער קרקע פֿון גריכנלאַנד וואַקסט תבואה שלעכט; בעסער האָבן זיך אָנגענומען איילבירטנבוימער און וויינשטאָקן. מען קאָן דאָרט אויך האָדעווען דקות, ציגן און שעפּסן, וואָס צופּן גראָז

אויף די זייטן בערג. זיס וואַסער איז אין לאַנד ווינציג פֿאַראַן; פֿון די בערג פֿליסן אַראָפּ אין וואַסערפֿאַלן טייכלאַך, וואָס פֿאַלן אריין אין ים נאָך אַ קורצער שטרעמונג; זומערצייט טריקענען אסך פֿון זיי אויס. דערפֿאַר פֿלעגן כסדר ארויסקומען מחלוקתן צווישן שכנים פֿון וועגן וואַסער.

פֿאַר מענשן, וואָס זיי איז אויסגעקומען צו לעבן אין אַזאַ אָרימען לאַנד, איז גרינג געווען זיך אויפֿצוהויבן פֿון אָרט, אַוועקלאָזן זיך אין דער פֿרעמד צו זוכן רויב, אָדער באַזעצן זיך, ווען עס מאַכט זיך, אין נייע ערטער. און זיי האָבן טאַקע געפֿונען פֿאַר זיך זעהר אַ באַקוועמען וועג אין אַלע זייטן — דאָס איז דער ים. באַזונדערע מעלות האָט אין דעם פרט דער מזרחדיגער, דער ע ג י י א י ש ע ר ים. ער איז שטאַרק ענליך צו אַן אָזערע. פֿון צוויי זייטן, פֿון צפון און פֿון מערב, איז ער פֿאַרשלאָסן דורכ׳ן באַלקאַנישן האַלבאינזל, און פֿון דער דריטער זייט, פֿון מזרח — פֿון קליינאַזישן; פֿון דרום־זייט איז ער אָפּגעצאַמט, אזוווי מיט אַ פֿאַר־רוקער, דורכן לאַנגען אינזל ק ר ע ט אַ. אין אַסך ערטער שנײַדט זיך דער עגייאישער ים אריין אין דער יבשה מיט טיפֿע בוכטעס, וואָס אין זיי זיינען קיין שטורעמס ניטאָ, און די שיפֿן קאָנען דאָרט רוהיג שטיין. אומעטום איז צו זעהן ניט ווייט פֿון ברעג אַן אינזעלע אָדער עטליכע אינזעלאַך, וואָס בילדן אזוווי אַ המשך פֿון די פֿאָרבערג, וואָס שטאַרצן ארויס אין ים. הינטער די קלענערע ק י ק ל אַ ד ן־אינזלען (ד. ה. וואָס ליגן אין אַ קרייז) ליגן ווייטער קיין מזרח־צו די גרעסערע אינזלען כ י אָ ס, ס אַ מ אָ ס, ר אָ ד אָ ס, וואָס דערגייען נאָהענט צום ברעג פֿון קליינאַזיען.

דער עגייאישער ים איז אומרוהיג נאָר אַ קורצע צייט אום ווינטער. די איבעריגע חדשים פֿון יאָר האָבן די ים־לייט געהאַט רעגלמאָסיגע ווינטן און ים־שטרעמונגען. בייטאָג הויבט זיך אויף אַ שטאַרקער צפון־ווינט, וואָס לייגט זיך קעגן אָוונט. אין מיטן ים גייט דורך אַ שטרעמונג פֿון צפון־זייט; אין ביידע זייטן פֿאַזע די ברעגעס גייען כנגדיגע שטרעמונגען. דער גרעסטער טייל פֿון די פראָווינצן האָבן אַ גלייכן צוטריט צום ים. אין גריכנלאַנד איז ניטאָ קיין אָרט, וואָס דער ברעג פֿון ים זאָל אָפּשטיין פֿון אים מער ווי אויף 60 ווערסט; פֿון איטליכן בערגל קאָן מען דעם ים זעהן.

קרעטאַ, מיקען, טראָיאַ פֿון 2000—1000 פֿאַר קר. געב.

די גריכן אָדער ה ע ל ע נ ע ן, ווי זיי אליין פֿלעגן זיך אָנרופֿן, זיינען ניט געווען די לכתחילהדיגע איינוואוינער פֿון די ברעגלענדער פֿון עגייאישן

ים זיי זיינען געקומען פֿון צפֿון־זייט, פֿון יענער זייט באַלקאַנבערג און האָבן אָנגעטראָפֿן אויף די ברעגעס און אינזלען פֿון פֿריהער איינגעזעסענע פֿעלקער.

אָט די גאָר פֿאַרצייטיגע באַפֿעלקערונג פֿון גריכנלאַנד איז לויט איר לעבנסשטייגער, לויט איר קליידונג און אירע מנהגים ניט געווען ענליך צו די שפּעטערדיגע גריכן. זיי זיינען געווען גוטע ים־לייט; זייערע אָנפֿירערס האָבן פֿאַר זיך אויסגעבויט פּאַלאַצן ניט ווייט פֿון די ארויספֿאָרן אין ים. דער גרעסטער פֿון די דאָזיגע פּאַלאַצן איז געשטאַנען אין קנאָסאָס אויפֿן צפֿון־ברעג פֿון אינזל קרעטאַ. שפּעטער פֿלעגן די גריכן דערציילן וועגן אים חידושים און האָבן אים אָנגערופֿן לאַבירינט, ער זאָל האָבן געהאַט אזוי פֿיל חדרים, און די גיינג אין אים זיינען געווען אזוי שטאַרק געדרייט און פֿאַרפּלאָנטערט, אז ווער עס איז אין אים אריינגעגאַנגען, האָט זיך געמוזט פֿאַרבלאָנדזשען און האָט ניט געקאָנט געפֿינען דעם וועג אויף צוריק, פּונקט ווי אין עגיפּטישן לאַבירינט.

דאָ גאָר ניט לאַנג האָט מען אויפֿגעגראָבן דאָס בערגל, וואָס האָט געהאַט פֿאַרשאָטן די חורבות פֿונם פּאַלאַץ פֿון קנאָסאָס. האָט מען געפֿונען טאַקע ווענט פֿון אַ גרויסן דרייגאָרנדיגן בנין, אויסגעבויט אין אַ קוואַדראַט, וואָס זעהט אויס ווי אַ גאַנצע גרויסע פֿעסטונג. פֿון אויס־וויניג זיינען צו זעהן נאָר איינע ווענט; אריינגיין אין די חדרים פֿון שלאָס האָט מען געקאָנט נאָר פֿון אַן אינעווייניגסטן הויף. ביי די ראַנדן פֿון בנין זיינען געווען צעשטעלט פּאַזע לאַנגע קאָרידאָרן שפּייכלערס, וואו עס זיינען אָפּגעלייגט צוגעגרייטע לעבנסמיטלען, קליידער, כלים, געווער; נעהענטער צום הויף האָבן זיך געפֿונען געראַמע זאַלן, וואו דער קיניג פֿלעגט אויפֿנעמען זיינע שרים אָדער געסט פֿון דער פֿרעמד, און וואו מען פֿלעגט אָפּריכטן דעם גאָטסדינסט.

אין איינעם פֿון די זאַלן, וואָס איז געווען צעטיילט דורך זיילן, האָט דער קיניג פֿון קנאָסאָס געקאָנט, זיצנדיג הויך אויף זיין טרוין, ארומנעמען מיט איין בליק אַלע זיינע פֿיל הויפּסלייט, וואָס זיינען געווען אויסגע־שטעלט אין שורות לויט זייער ווערדע נאָך. אין פֿייערליכע צערעמאָניעס פֿלעגט מען טראָגן איבער אָפֿענע טעראַסעס און געברוקירטע וועגלאַך הייליגע חפצים און געטערבילדער, און דערין פֿלעגט ווידער נעמען אַן אָנטייל דער גאַנצער הויף. דער יום־טוב לכבוד די געטער פֿלעגט ווערן פֿאַרענדיגט מיט קאַראַהאָדן, געזאַנג און לעבעדיגע בילדער; פֿאַר אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען איז געווען אַן אָפֿענע סצענע מיט אַ לאָזשע פֿאַרן קיניג, וואָס אהין האָט מען געקאָנט אריינקומען פֿון פּאַלאַץ גלייך דורך אַן

אינעווייניגסטן גאַנג. ביים הויף האָט מען אויך שטאַרק ליב געהאַט צו קוקן אויף אָקסן־געשלעגן און אויף די דרייסטע שפּרונגען פון קונצנמאַכערס איבער די רוקנס פון צעבושעוועטע אָקסן. די הויפדאַמען פלעגן זיך פאַרבן די פנימער, אָנטון הויכע היט און זיך פוצן אין גרויסאַרטיגע קליידער, שטייף אָנגעצויגן אויף קרינאָלינעס; דעם קיניגס פּאַזשן פלעגן זיך גרייזלען די האָר, איינציהען זיך מיט אַ גאָרסעט אַ שמאָלע טאַליע. ארום די ווענט, וואָס זיינען געווען בונט באַמאָלט, זיינען געשטאַנען קינסטלעריש אויסגעמאָלטע וואַזעס. באַזונדערס האָבן די קרעטער ליב געהאַט אויסצומאָלן בילדער פון די ים־טיפעניש, ווי וואַסערגראָזן, אכט־פיסער א. אז. וו.

חוץ קרעטאַ, זיינען געווען שטאַרקע פירשטן אין מיקען (אין דער געגנט אַרגאָלים), אין אַטען (אַטיקאַ) און אין טראָיאַ (אין צפונית־מערבית־ווינקל פון קליינאַזיע נאָהענט פונם דורכגוס העלעספאָנט, וואָס פירט פון עגייאישן ים אין שוואַרצן ים אריין). די פּאַלאַצן פון דידאָזיגע פירשטן זיינען געווען קלענער פאַרן לאַבירינט פון קנאָסאָס. דאָס הויז, וואו עס האָט געוואוינט דעם קיניגס משפחה, איז געשטאַנען אין מיטן א באַפעסטיגטן שלאָס, וואָס איז געווען אויסגעבויט אויף אַ בערגל מיט זעהר משופּעדיגע זייטן. אין מיקען זיינען די אויסווייניגסטע מויערן פון שלאָס שוין לאַנג צעשטערט, נאָר עד היום איז געבליבן דער אריינגאַנג־טויער, וואָס ווערט אָנגערופן דער לייבנטויער: די ביישטידלאַך און דער אויבערשוועל באַשטייט פון גאַנצע שטיינער, און איבער דעם אויבער־שוועל שטייען אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס צוויי לייבעצינס.

די פאַרצייטיגע פירשטן, סיי פון קרעטאַ און סיי פון מיקען, האָבן ליב געהאַט קלייבן ביי זיך גאָלדענע און זילבערנע שאָלן, באַפּוצט מיט בולטע בילדער, שפּיגעלאַך, מעדאַליאָנען, קינזשאַלן מיט געשניצטע הענטלאַך, טואַלעטזאַכן פון העלפאַנדביין. די טירן און שוועלן זיינען געווען באַשלאָגן מיט גלאַנציגן מעטאַל, די פּאָדלאָגע איז געווען אויס־געלייגט פון קאָלירטע שטיינדלאַך, די געזימסן זיינען געווען באַדעקט מיט העלבלויער גלאַזור. דאָס לעבן אויף יענער וועלט האָבן זיי זיך פאָר־געשטעלט פונקט ווי די פאַרצייטיגע עגיפּטער. דער פירשט פלעגט זיך צוגרייטן ביים לעבן אַ קבר ענליך צו דער עגיפּטישער פּיראַמידע. ער פלעגט ווערן אויסגעבויט אין דער געשטאַלט פון אַ גרויסן שטיינערנעם געוועלב אין מיטן אַ פעלז. דאָס געוועלב אינעווייניג איז געווען באַפּוצט מיט מעטאַלענע ראָזעטן, אזוי ווי דאָס וואָלט פאַרגעשטעלט אַן אויס־געשטערנטן הימל. אויף די פנימער פון די פאַרשטאָרבענע פלעגט מען

ארויפֿלייגן גאָלדענע מאַסקעס. צו דער קבר־הייל האָט געפֿירט אַ לאַנגער שמאָלער קאָרידאָר. איבער דעם אריינגאַנג פֿון איין הייל אזעלכער ליגט אַ שטיין, וואָס וועגט 7 ½ טויזנט פּוד.

אין דערזעלביגער צייט, בעת די חתים האָבן זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט די עגיפּטער, ד. ה. אַן ערך אין יאָר 1400 האָבן אָנגעהויבן זיך צו ווייזן אויף די ברעגעס פֿון עגייאישן ים די קריגערישע גריכן. עס האָבן זיי געצויגן צו זיך די רייכטימער, וואָס עס האָבן אָנגעקליבן די פּירשטן פֿון קרעטאַ, מיקען און אַטען. אַ גרויסע מחנה גריכן זיינען אָנגעפֿאַלן אויפֿן לאַבירינט פֿון קנאָסאָס, האָבן אויסגעהרגעט זיין גאַנצע באַפֿעלקערונג און פֿאַרברענט דעם גרויסאַרטיגן פּאַלאַץ. די אָנגעקומענע זיינען געווען גראָבע מענשן, אָהן געשמאַק; זיי האָבן אָהן רחמנות צעשטערט אַלע קונסטווערק. דער שלאָס פֿון מיקען, וואָס איז געווען קלענער, איז געבליבן גאַנץ; די אָנפֿירערס פֿון די גריכן האָבן אים צוגערעכט געמאַכט אויף צו וואוינען פֿאַר זיך. אינאיינעם מיט אַנדערע אייראָפּעאישע שבטים האָבן די גריכן געמאַכט דעם גרויסן אָנפֿאַל אויף עגיפּטן און סיריען, וואָס מיר ווייסן שוין וועגן אים פֿון דער עגיפּטישער געשיכטע; די עגיפּטער האָבן די דאָזיגע אָנפֿאַלער אָנגערופֿן „ים־פֿעלקער“.

גריכנלאַנד אין די יאָרן 1000—700 פֿאַר קר. (די העראָאישע צייט). נאָכן אָנפֿאַל פֿון די גריכן איז דאָס גאַנצע לעבן אין די ברעגלענדער פֿון עגייאישן ים געוואָרן פּשוטער און אָרימער; עס זיינען ניט געוואָרן די גרויסע קברים־שטיבער, ענליך צו די עגיפּטישע, עס זיינען פֿאַרשוואונדן די קינסטלעריש געאַרבעטע כּלים; עס איז פֿאַרגעסן געוואָרן די קונסט צו בויען גרויסע בנינים מיט אינעווייניג אויסגעמאָלטע און אויסגעפּוצטע ווענט. די שפּעטערדיגע דורות האָבן מיט פֿאַרוואונדערונג געקוקט אויף די רעשטן פֿון די פֿאַרצייטיגע בנינים און האָבן געמיינט, אז געמאַכט האָבן זיי ניטגעווייינטליך גרויסע און שטאַרקע ריזן, וואָס זיינען שוין איצט ניטאָ (קיקלאָפּן).

פֿאַרכאַפּט די רייכטימער פֿון די ברעגאיינוואוינער, האָבן די גריכן זיך ניט באַרוהיגט. זייערע אונטערנעמערישע אָנפֿירערס פֿלעגן פֿון צייט צו צייט צונויפֿקלייבן אַ חיל פֿון חברים און דינערס און אַוועקלאָזן זיך מיטן ים זוכן פֿרישן רויב. אָפּטמאָלס פֿלעגט פֿון אַזעלכע רויבצוגן לעבן אַ גאַנץ פֿאָלק. דעם צוגענומענעם רויב פֿלעגט מען אָפּט פֿאַרקויפֿן און אויסבייטן.ביים טיילן דעם פֿאַרכאַפּטן רייכטום פֿלעגט דער אָנפֿירער באַקומען א באַזונדער חלק מער פֿאַר די איבעריגע קריגסלייט,

די בעסטע געפאַנגענע, וואָס פלעגן ווערן זיינע שקלאַוון, אים פלעגט אָנקומען דער בעסטער חלק ערד אין אַן איינגענומענעם געביט. בעת דער גאַנצער שבט פלעגט זיך צונויפקומען אויף אַ שותּפישער סעודה לכבוד דעם שוצגאָט, פלעגט מען דעם אָנפירער באַזעצן אויבנאָן און געבן אים די בעסטע חלקים פונם קרבן־פלייש.

די גריכישע אָנפירערס האָבן זיך גערעכנט פאַר מענשן פון א העכערן מין, איידער די איבעריגע, זיי האָבן זיך גערופן הערא ען, און געגלויבט, אז זיי שטאַמען אָפּ פון געטער; זיי האָבן זיך געגעבן דעם טיטל קיניג. אָבער מען קאָן זיי אַפילו ניט צוגלייכן צו די מזרחדיגע מלכים פון עגיפטן, בבל און אַשור. דאָס לאַנד, וואָס איבער דעם האָבן זיי געהערשט, איז על פי רוב געווען זעהר קליין, ניט גרעסער ווי אונזער אַ קרייז; זייער גאַנצער חיל איז אָפטמאָלס באַשטאַנען ניט מער ווי פון עטליכע הונדערט מאַן. טיילמאָלס פלעגט פון צווישן די אַלע קליינע מלכים אויפשטיין איינער אַ שטאַרקערער, וואָס פלעגט צווינגען די איבעריגע קלענערע, אים צו העלפן אין זיינע מלחמות. ווענן אַ גרויסער מלחמה, וואָס די אייראָפּעאישע גריכן האָבן געפירט קעגן דער שטאָט טראָיאַ אין קליינאַזיע, דערציילט אַן אַלטע מסורה אָט וואָס.

פאריס, דער זון פונם טראָיאַנישן קיניג פריאַמאָס, האָט אוועק־געראַבט העלענען, די פרוי פון מענעלאַאָס, דעם קיניג פון ספּאַרטאַ אין לאַקאָניען. האָט דער ברודער פונם באַליידיגטן, אַגאַמעמנאָן, דער מעכטיגער קיניג פון מיקען, צונויפגערופן אַלע זיינע אונטערגעבענע און פאַרבינדעטע פון אַרגאָליס, לאַקאָניען, טעסאַליען, אַטיקאַ, פון קרעטאַ און אַנדערע אינזלען. די גריכישע העלדן זיינען אינאיינעם מיט זייערע חילות אריבערגעשוואומען איבערן ים קיין טראָיאַ, האָבן ארויסגעשלעפט די שיפן אויפן ברעג און געמאַכט א באַפעסטיגטן לאַגער מיט אַ וואַל און אַ גראָבן. טאָג טעגליך פלעגן זיי ארויסטרעטן אין שלאַכט מיט די טראָיאַנער, וואָס פלעגן ארויסגיין פון שטאָט זי אַנטקעגן, איבערגעלאָזן אין די מויערן בלויז אַלטע לייט, פרויען און קינדער. איינצונעמען פעסטונגען האָט מען אין יענער צייט נאָך ניט פאַרשטאַנען. ביי די באַלעגערטע און ביי די באַלעגערער האָבן זיך געפאַשעט בהמות אָנאַזייט פון דער שטאָט און פון לאַגער. אַמאָל האָבן די קריגסלייט זיך פאַרנומען דערמיט, וואָס זיי האָבן אוועקגערויבט די בהמות ביים שונא.

די שלאַכטן. די אָנפירערס און זייערע חברים פלעגן ארויספאָרן אין פעלד אויף צווייערעדערדיגע רייטוועגן, באַשפאַנט מיט אַ פאָר פערד: זיי זיינען

געווען אָנגעטאָן אין בראָנזענע פּאַנצערס און קיווערס; אין דער לינקער האַנט האָבן זיי געהאַט אַ שווערן קופּערנעם שילד, באַצויגן מיט לעדער; אַמאָל איז דער שילד געווען קונציג געאַרבעט, באַמאָלט מיט פֿיגורן און באַגילט; אין דער רעכטער האַנט האָבן זיי געהאַלטן אַ לאַנגן שפּיז פֿון אַ שטאַרקן האָלץ מיט אַ מעטאַלענעם שפּיץ. אין רייטוואָגן איז מען געפֿאָרן זאַלבענאַנד, געוויינטליך נאָהענטע גוטע פֿריינט; איינער איז געשטאַנען גרייט צו וואַרפֿן דעם שפּיז, דער צווייטער האָט אָנגעטריבן די פֿערד. די פּשוטע קריגסלייט פֿלעגן גיין אין הייפֿלאַך אַרום די אָנפֿירערס צופֿוס, אָנגעטאָן אין לייוונטענע העמדער און לעדערנע היטלען, מיט קורצע וואָרפֿשפּיזן; געשלאָגן האָבן זיי זיך ניט אויסגעשטעלט אין רייהען, נאָר צעוואָרפֿענערהייט. ווען אַן אָנפֿירער פֿלעגט אָנגעגענען אַזאַ הייפֿל פֿייַנטליכע פֿוסגייער, פֿלעגט ער דורכיאָגן האַסטיג צווישן זיי, אָדער ער פֿלעגט אַ וואָסער צעהנדליג נעמען טרייבן פֿאַר זיך.

די אָנפֿירערס און די גבורים פֿון ביידע חילות פֿלעגן זוכן איינע די אַנדערע, בכדי צו שלאָגן זיך. פֿאַרן צווייקאַמף פֿלעגן זיי איינער ביים אַנדערן פֿרעגן דעם נאָמען, באַרימעריש ארויסרופֿן איינער דעם צווייטן אָדער אָפּרעדן תנאים: אַ שטייגער, אַז דער זיגער זאָל מער ניט אַראָפּנעמען ביים דערהרגעטן זיין געווער, דעם קערפּער אָבער זאָל ער אָפּגעבן די קרובים אויף צו באַגראָבן, און ניט אַרויסוואַרפֿן פֿאַר הינט. אַמאָל, ווען די כחות פֿון די געגנערס זיינען געווען גלייך, פֿלעגן זיי זיך צעשיידן מיט גוטן, אַפֿילו בייטן זיך מיט די געווער. אַמאָל ווידער פֿלעגן די חילות אָפּרעדן אַרויסצולאָזן ביידע זייערע בעסטע קעמפֿערס און פֿלעגן שטעלן דעם תנאי, אַז דער צד, וואָס זיין גבור וועט ווערן באַזיגט, מוז אָפּטרעטן אָדער צאָלן אַן אויסלייז. דעמאָלט פֿלעגן אַלע קריגסלייט זיך אויסזעצן אין שורות און צוקוקן דאָס געשלעג. אינם צווייקאַמף פֿלעגט מען צוערשט וואַרפֿן די שפּיזן, וואָס דער געגנער פֿלעגט זיך פֿון זיי באַשיצן מיטן שילד; אַמאָל פֿלעגט מען וואַרפֿן איינער אויפֿן אַנדערן אַ שווערן שטיין, וואָס מען פֿלעגט געפֿינען אויפֿן פֿעלד; צולעצט, ווען די געגנער פֿלעגן צוגיין נאָהענט צואַנאַנד, פֿלעגן זיי זיך שלאָגן מיט שווערדן.

ראָט פֿון די אָנפֿירערס און אלגעמיינע פֿאַרזאַמלונג פֿון די קריגסלייט. טיילמאָלס פֿלעגט אַגאַמעמנאָן אַרויסגעבן באַפֿעלן אַליין, טיילמאָלס אָבער, ווען ער האָט געדאַרפֿט האָבן די אונטערשטיצונג פֿון אַנדערע אָנפֿירערס, פֿלעגט ער זיי אַלעמען רופֿן אויף אַ ר אָ ט. אין דער פֿאַרזאַמלונג פֿון די אָנפֿירערס אָדער פֿירשטן פֿלעגט איטליכער לויטן סדר

נעמען דעם קיניגליכן צעפּטער אין האַנט און אַרויסזאָגן זיין מיינונג. טייל האָבן גערעדט זעהר שיין, און מען האָט זיי זעהר גערן געהערט. ניט זעלטן פּלעגן די פּירשטן צעהיצט ווערן אין מחלוקת און זידלען דעם עלטסטן קיניג. זיי פּלעגן זיך אויך ערלויבן אַוועקצוגיין פון דער אַלגעמיינער שלאַכט אינאיינעם מיט זייערע חברים און באַדינערס. דער גרעסטער גריכישער העלד אַכילעס האָט זיך צעקריגט מיט אַגאַמעמנאָנען פון וועגן רויב און איז געבליבן זיצן פאַרלייגט די הענט אין זיין געצעלט. צוויי אַנדערע גבורים, דער מוטיגער דיאָמעדעס און דער קלוגער אָדיסויס, מאַכן, ניט געפרעגטערהייט ביי אַגאַמעמנאָנען, אַ דרייסטן אָנפּאַל אויף אַן איינגעשלאָפענער רייטעראָפּטיילונג, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צו הילף די טראָיאַנער, און גנבען אַוועק פערד, בכדי צו באַהאַלטן דעם גאַנצן רויב פאַר זיך.

ווען מען האָט געדאַרפט באַקלערן אַ וויכטיגע החלטה, פלעגט דער עלטסטער קיניג צונויפרופן אַלע קריגסלייט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג. דעם קיניגס אויסרופערס פלעגן גיין איבערן גאַנצן לאַגער און צונויפרופן זיי. דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק פלעגט זיך אויסזעצן אין שורות; אויף אַ העכער געלעגענעם פּלאַץ אָדער אויף אַ בימה פלעגן זיצן די פירשטן. נאָך דעם מחלוקת מיט אַכילעסן האָט אַגאַמעמנאָן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג און גענומען פרעגן, צי ווילן זיי ווייטער פירן די באַלעגערונג אָדער זיי זיינען גרייט צו פאָרן אַהיים. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל, און אַ גרויסער טייל גריכן האָבן זיך געלאָזט לויפן צו די שיפן. מיט מיה האָבן די פירשטן זיי אָפּגעשטעלט. דעמאָלט איז אַרויסגעטראָטן איין פּשוטער קריגסמאַן, טערסיטעס, און האָט גענומען אָנפאַלן אויף די פירשטן, באַזונדערס אויף אַגאַמעמנאָנען: „שטענדיג האָט איר אין זינען נאָר אייער אייגענע טובה, און די קריגסלייט מוזן אַלץ אויסטראָגן, באַקומען וואונדן און קלעפּ". די איבעריגע קריגסלייט האָבן אָנגעהויבן אונטערהאַלטן טערסיטעסן, נאָר אָדיסויס האָט גענומען אַ שטעקן און שטאַרק אָנגעשלאָגן דעם רעדנער. פון דער מעשה איז צו זעהן, אַז אַרויסטרעטן קעגן אַ קיניג איז געווען געפערליך, אָבער פאַר קיין פאַרברעך האָט מען עס ניט גערעכנט. גאָר אַנדערש וואָלט מען אויף אַזאַ זאַך געקוקט ביי אַ מזרחדיגן הויף; דאָרט וואָלט מען פאַר אַזאַ איינשטעלעניש באַצאָלט מיטן לעבן.

דער לעבנסשטייגער פון די פירשטן. צווישן די פירשטן און צווישן פּראָסטן פאָלק איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשייד. ניט

אומזיסט ווערן די פֿירשטן אין די פּאַרצייטיגע גריכישע לידער אָנגערופֿן „איידלגעבוירענע“, „פֿעטע“, „גליקליכע“ מענשן. דער קיניג האָט גע־וואוינט אין פּאַלאַץ מיט זיין גאַנצער משפּחה און פֿלעגט שפּייזן ביי זיין טיש חברים און קלענערע פֿירשטן. לויט ווי דאָס ליד דערציילט, האָבן אין פּריאַמאָס' הויז געוואוינט זיינע 50 חתונה געהאַטע זין און 12 טעכטער מיט זייערע מענער. דאָס איז געווען אַ גאַנצער ב י ת ־ אָ ב אָדער ג ע נ ס. שלאָפֿן פֿלעגט מען אין קליינע געמויערטע אַלקערלאַך, און צוליב אַ סעודה אָדער צוליב אַ שמועס פֿלעגט מען זיך צונויפֿקלייבן אין גרויסן הילצערנעם זאַל, וואָס אין הויז. אינמיטן דעם זאַל האָט געברענט אַ פֿייער. אין לעבן איז געווען אַ סך גראָבקייט: אַרום פֿייערפּלאַץ אין זאַל איז געלעגן אַש און שמוץ; דאָס געווער, וואָס איז געהאַנגען אויף די ווענט, איז געווען פֿאַררויכערט. אין די שטיבער און אויפֿן הויף פֿלעגט מען אָנ־וואַרפֿן אין די ווינקלעןביינער, שאָלאַכץ, כלערליי אָפּפֿאַלן; ביים אַריינ־גאַנג אין טויער האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן אויף אַ מיסטהויפֿן, וואָס אויף אים איז געלעגן אַן אלטער הונט; אַרום הויף האָבן אַרומגעבלאָנקעט אַ סך איבעריגע הויפֿבאַדינערס.

דער בעל־הבית פֿון שלאָס האָט געהאַט ביי זיך אין מאַיאָנטעק אלצ־דינג, וואָס ער האָט נויטיג געהאַט צוליב זיין שפּייזונג. אין סעדער און אויף פֿעלדער האָבן ביי אים געאַרבעט לייבאייגענע און געדונגענע אַרבעטער. אין דער דינסטשטוב זיינען געזעסן אַ סך שקלאַווינס; זיי האָבן געשפּונען און געוועבט קליידער פֿאַרן גאַנצן הויזגעזינד. אָדיסויס, דער קיניג פֿונם אינזל איטאַקאַ, האָט געהאַט אין פּאַלאַץ 50 שקלאַווינס, און ביי זיינע טשערעדעס זיינען געווען געשטעלט פּונקט אַזוי פֿיל שקלאַוון; סך הכל האָט ער געהאַט 72 טשערעדעס, דערפֿון 24 טשערעדעס חזירים פֿון 1200 שטיק. די האַרן האָבן אַליין אויך פֿאַרשטאַנען צו טון אַ סך זאַכן: בעת מלחמה פֿלעגן זיי בראָטן פֿלייש אין געצעלט; קיניג אָדיסויס האָט זיך אַליין געמאַכט אַ בעט און אַ קליינע שיף. די קיניגין איז גע־זעסן אינאיינעם מיט די דינסטן ביים געניי; אַ קיניגס אַ טאָכטער איז געגאַנגען אינאיינעם מיט שקלאַווינס שווינקען גרעט ביים טייך.

די גבורים האָבן פֿאַרשטאַנען גוט צו האַנדלען מיט די געריבטע אוצרות. אַגאַמעמנאָן פֿלעגט שיקן קיין לעמנאָס, בשכנות פֿון טראָיאַ, קופּער, אייזן, אָקסן, פֿעלן, געפֿאַנגענע שקלאַוון און פֿלעגט דערפֿאַר באַ־קומען פֿונם פֿירשט פֿון לעמנאָס ווייַן, זילבערנע און גאָלדענע שאָלן.

מיט גרויס פֿאַראַד פֿלעגט אַ פֿירשט אָפּריכטן די באַגרעבעניש פֿון זיינעם אַ קרוב אָדער אַ גוטען פֿריינט. ביי טראָיאַ האָט אַכילעס פֿאַר־

לאָרן אין שלאַכט זיין גוטן פֿריינט פּאַטראָקלאָסן. ביינאַכט באַווייזט זיך צו אים דעם פֿאַרשטאָרבענעמס נשמה און בעט זיך ביי אים, ער זאָל וואָס גיכער באַגראָבן דעם קערפּער, אַז ניט וועט זי ניט קאָנען אַריינקומען אין דער אונטערערדישער וועלט און וועט מוזן פֿאַרוואָגלט ווערן; אַכילעס וויל אַרומנעמען די נשמה, אַזוי ענליך איז זי צום פֿאַרשטאָרבענעם פֿריינט, נאָר ווי אַ רויך לאָזט זי זיך אַראָפּ אין דער ערד אַריין מיט אַ גרינגן שאָרך. אויפֿן אַנדערן טאָג האַקן די קריגסלייט אוים גוואַלדיגע דעמבעס און מאַכן פֿון די צווייגן אַ גרויסן שייטערהויפֿן. אַכילעס און די איבעריגע שערן אָפּ ביי זיך בינטלאַך האָר און וואַרפֿן דאָס אויפֿן שייטערהויפֿן. אינמיטן לייגט מען אַוועק דעם קערפּער פֿונם מת; מען רינגלט אים אַרום מיט פֿעטס פֿון געשאָכטענע שאָפּבעק און רינדער, און זייער פֿלייש צעוואַרפֿט מען אַרום; ביים קערפּער שטעלט מען נאָך אַוועק קריג מיט ווין און בוימל. אויפֿן שייטערהויפֿן וואַרפֿט מען אַרויף דערהרגעטע פֿערד און הינט, אַכילעס וואַרפֿט נאָך, צולעצט, אַרויף 12 דערהרגעטע יונגע געפֿאַנגענע און צינדט אָן פֿייער. די גאַנצע נאַכט גיסט ער אויף דער ערד ווין פֿון אַ בעכער און רופֿט דעם ווינט, ער זאָל קומען צוהילף דעם פֿייער. אינדערפֿריה פֿאַרגיסט מען דעם אויסגייענדיגן שייטערהויפֿן מיט טונקעלן ווין, מען קלייבט צונויף די ביינער פֿונם טויטן און מען לייגט זיי אַריין אין אַ גילדענער כלי. אָטדי כלי מיט די ביינער פֿאַרשיט מען דערנאָך מיט אַ הויכן בערגל ערד.

זינגערס. די פֿירשטן האָבן ליב געהאַט צו הערן זינגען לידער וועגן זייערע גבורות. ביי די הויפֿן זיינען שטענדיג געזעסן זינגערס, וואָס האָבן פֿאַרפֿאַסט נייע מעשהלידער אָדער איבערגעחזרט די אַלטע, וואָס זיינען באַזונדערס געווען באַליבט. דער זינגער פֿלעגט זאָגן די מעשה מיט אַ באַזונדערן געצויגענעם ניגון, אַ מין טראָפּ, באַגלייט זיין געזאַנג מיט אַ צושפּיל אויף דער לירע. טיילמאָלם פֿלעגט ער זינגען מיט אַ קאַראַהאָד. די בעסטע לידער האָבן שפּעטערדיגע פּאָעטן קונציג פֿאַרבונדן צו צוויי גרויסע פּאָעמעס, דערציילונגען אין פֿערזן, איליאַדע און אָדיסייאַ. די גריכן האָבן געהאַלטן, אַז ביידע פּאָעמעס האָט פֿאַרפֿאַסט איין פּאָעט האָמער.

אין דער איליאַדע ווערט דערציילט וועגן די שלאַכטן ביי טראָיאַ (טראָיאַ האָט אויך געהייסן איליאָן) און באַזונדערס וועגן די גבורות פֿון אַכילעסן, דעם גרעסטען גריכישן העלד, אַ זון פֿון דער ים־געטין. אַכילעס האָט זיך צעקריגט פֿון וועגן רויב מיטן עלטסטן קיניג אַגאַמעמנאָן און האָט

אויפֿגעהערט זיך שלאָגן קעגן די טראָיאַנער; נאָר אַז דער טראָיאַנישער העלד העקטאָר, אַ זון פֿונם קיניג פּריאַמאָס, האָט דערהרגעט זיין גוטן פֿריינט פּאַטראָקלאָסן און האָט אַראָפּגענומען פֿון אים אַכילעס׳ געווער, וואָס דער פֿייערגאָט אליין האָט זיי געשמידט, איז דער דערצאָרנטער אַכילעס אַרויסגעטראָטן צו נעמען נקמה; ער האָט אויסגעהרגעט אַ סך טראָיאַנער און העקטאָרן גופא דערשטאָכן. דער אַלטער פּריאַמאָס זעהט פֿונם מויער אַראָפּ, ווי מען שענדט דעם קערפּער פֿון זיין געליבטן זון, ברייגנט ער צו פֿירן דעם שרעקליכן אַכילעסן מתנות און בעט ביי אים אויס העקטאָרס גוף אויף אים צו באַגראָבן.

אין אָדיסייאַ ווערט דערציילט וועגן דעם, וויאַזוי דער קיניג אָדיסויס איז נאָך דער צעשטערונג פֿון טראָיאַ געפֿאָרן אַהיים, נאָר ער איז פֿאַרטראָגן געוואָרן זעהר ווייט, האָט איבערגעלעבט אַ סך אויסטערלישע טרעפֿענישן, אָנגעוואָרן אַלע זיינע שיפֿן און זיינע חברים און איז געקומען צוריק אַהיים אויפֿן אינזל איטאַקאַ אַ בעטלער. אָדיסויס׳ הויז איז פֿאַר דער צייט אויסגערויבט געוואָרן; דאָרט האָבן געהוליעט און זיך וואויל־געטאָן די יונגע פֿירשטן פֿון לאַנד, וואָס האָבן געוואָלט חתונה האָבן מיט דער קיניגין און פֿאַרכאַפּן דעם פּאַלאַץ; מיט דער הילף פֿון דער געטין אַטענע האָט אָדיסויס זיי אויסגעהרגעט און איז געוואָרן ווידער קיניג.

שפּילן. ווען אַ קיניג פֿלעגט צונעמען ביי זיך אַ חשובן גאַסט אָדער מאַכן אַן אזכרה אַ געשטאָרבענעם, פֿלעגט ער דעמאָלט באַווייזן זיין עשירות און די גבורה פֿון זיינע העלדן. נאָכדעם ווי אַכילעס האָט באַגראָבן פּאַטראָקלאָסן, האָט ער צונויפֿגערופֿן אַלע גריכישע פֿירשטן אויף קריגסשפּילן לכבוד דעם דערהרגעטן. צוערשט זיינען די זעקס בעסטע אָנטרייבערס געפֿאָרן אויף רייטוואָגנס אין אַ גרויסן קרייז איבערן פֿעלד. ווי אַ באַלוינונג פֿאַר די זיגערס האָט אַכילעס אַרויסגעשטעלט אויפֿן ערשטן פּריז אַ שקלאַווין אַ קונציגע אַרבעטערין און אַ גרויסע קופּערנע כלי אויף צו קאָכן עסן, אויפֿן צווייטן פּריז אַ פֿערד, אויף די איבעריגע שטיקער גאָלד און אַ בעכער. בעת די פֿאָרערס האָבן גאַלאָפּירט איבערן פֿעלד, האָבן צווישן די צוקוקערס אַסך זיך געוואָטן, ווער עס וועט גע־ווינען. דערנאָך האָט מען זיך געוועט אין לויפֿן, און דאָ האָט דעם ערשטן פּריז גענומען אָדיסויס, דער בעסטער לויפֿער נאָך אַכילעסן, וואָס האָט אין די שפּילן אַליין קיין אָנטייל ניט גענומען און נאָר געטיילט די פּריזן.

ווען מען האָט גענומען זיך וועטן אין וואַרפֿן אַן אייזערנעם דיסקאָס (אַ ראָד, אַ שיסל), האָט אַכילעס באַשטימט, אַז דער וואָס וועט אים

וואַרפֿן ווייטער פֿאַר אַלעמען, דער באַקומט דעם דיסקאָס גופא. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז אַ באַזונדערס טייערער פּריז; עס וועט קלעקן אייזן אויף גאַנצע פֿינף יאָר צוליב פֿאַרשיידענע זאַכן. ווייטער זיינען אַרויסגעטראָטן דיאָמעדעס און אַיאַקס, די שטאַרקסטע העלדן נאָך אַכילעסן, אין פֿולער באַוואָפֿענונג און האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן איינער אויפֿן אַנדערן מיט שפּיזן; דעם פּריז האָט באַדאַרפֿט קריגן יענער, ווער עס וועט דער ערשטער פֿאַרוואונדן דעם געגנער; נאָר די קעמפֿער האָבן זיך אַזוי צעהיצט, אַז די אַרומיגע האָבן זיי באַלד פֿונאַנ־דערגענומען. דער לעצטער געוועטקאַמף איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען האָט געשאָסן מיט אַ פֿייל פֿון בויגן אויף אַ לעבעדיגע טורקלטויב, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו אַ מאַסטבוים.

געמיינע לייט און שקלאַוון. שווער האָט זיך געלעבט דעם גע־מיינעם מאַן, וואָס האָט געהאַט ווינציג ערד און ווינציג קרובים. אַלע שטרייטן האָט מען געמוזט אויספֿירן מיט קראַפֿט. בעת די אָנפֿאַלן פֿלעגט מען אָהן רחמנות חרוב מאַכן פֿעלדער, פֿאַרברענען הייזער און אַוועקגזלען די בהמות ביי די פּויערים. „געמיינע מענשן זיינען אין די הענט פֿון די גרויסע האַרן אומבאַשיצט, ווי אַ שפּילפֿויגל אין די נעגל פֿון אַ שפּאַרבער‟,— אַזוי זאָגט דער פּויערשער פּאָעט העסיאָד, וואָס האָט געלעבט אין יענער צייט. ווער עס האָט גאָר קיין אייגענע ערד ניט געהאַט, דער איז געווען געצוואונגען צו שטעלן זיך אַרבעטן שווער ביי אַ רייכן מאַן; און קיין ערגערן מצב, ווי דער מצב פֿון אַ געדונגענעם אַרבעטער קאָן מען זיך גאָרניט אויסמאָלן. אָפֿטמאָלם פֿלעגט דער אַרבעטער ווערן פֿאַרשקלאַווט ביים בעל־הבית אויפֿן גאַנצן לעבן. אין שקלאַווערײַ פֿלעגט אויך בלייבן דער געפֿאַנגענער, וואָס האָט קיין אויסלייז ניט געקאָנט באַצאָלן.

איבערן שקלאַוו האָט דער האַר געהאַט די פֿולע דעה. די לאַגע פֿון שקלאַוון האָט געקאָנט זיין פֿאַרשיידן. טייל פֿלעגן אויסוואַקסן ביים בעל־הבית אין שטוב אינאיינעם מיט זיינע קינדער, צו זיי איז דער בעל־הבית געווען צוגעבונדן. אַ זעלכער איז געווען, אַ שטייגער, אָדיסויס' שקלאַוו, דער חזיר־היטער עמומאַיאָס, וואָס האָט זיך געהאַט אויסגעבויט אַן אייגן שטיבל, געהאַלטן אַן אייגענע קליינע טשערעדע און אַפֿילו אַן אייגענעם שקלאַוו; אים דעם ערשטן האָט אָדיסויס זיך געלאָזט דערקענען, בעת ער איז געקומען אַהיים נאָך זיינע וואָגלונגען, פֿריהער נאָך, איידער ער האָט זיך געוויזן פֿאַר זיין פֿרוי און זון. נאָר דערזעלביגער אָדיסויס האָט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעהרגעט זיין ווייבס חתנים, אָהן רחמנות זיך

אָפּגערעכנט מיט די שקלאַווינס, וואָס האָבן זיי באַדינט: ער האָט זיי דערשטיקט ביי זיך אין הויף, און קיינער האָט אים קיין וואָרט ניט געזאָגט אַנטקעגן.

דאָס געריכט. די חתנים, וואָס אָדיסוס האָט אויסגעהרגעט, זיינען געווען רייכע לייט און האָבן געהאַט קרובים. דעם אַנדערן טאָג האָבן די דערצאָרנטע קרובים אַרומגערינגלט דעם פּאַלאַץ, גרייט אָפּצודינען מיט בלוט פאַר בלוט. אָדיסוס האָט געמוזט גיין אויף אַ הנחה און באַצאָלן פאַר די דערהרגעטע אַ גרויסן אויסלייז.

ביי היינטיגן טאָג, ווען עס ווערט אָפּגעטאָן אַ רציחה, אַ גזלה, אַ גנבה, נעמט די רעגירונגסמאַכט דעם זינדיגן און מען שטעלט אים צום געריכט; דאָס געריכט רופט עדות, באַטראַכט דעם ענין און באַשטראָפט דעם שולדיגן. אין יענע אַלטע צייטן איז ניט אַזוי געווען. ווען מען האָט עמיצן באַעוולט, האָט ער אַליין זיך איינגעשטעלט פאַר זיך. פאַר מאָרד האָט מען אָפּגעצאָלט מיט מאָרד; ווען מען האָט ניט געקאָנט כאַפּן דעם רוצח אַליין, פלעגט מען זוכן צו דערהרגען עמיצן פון זיינע קרובים. פאַר גזלה, גנבען בהמות פלעגט מען אָפּטון אויך מיט גזלה. בכדי צו צווינגען עמיצן אָפּצוגעבן אַ זאַך, וואָס ער האָט צוגענומען, פלעגט מען ביי אים אָפּנעמען עפּעס אַ זאַך און ניט אָפּגעבן, ביז וואַנען ער וועט אומקערן דאָס געגזלטע.

בלויז אין אַזעלכע פאַלן, ווען די כחות פוןביידע צדדים זיינען געווען גלייך, ווען די מענשן האָבן ניט געוואָלט זיך שלאָגן, פלעגן זיי זוכן אַ פאַרמיטלער, אַ בורר. דער בורר האָט געקאָנט זיין דער קיניג אָדער זיין חבר אָדער באַזונדערס אָנגעזעהענע זקנים. דעמאָלט פלעגט מען מאַכן אַ געריכט. די שופטים פלעגן זיך אויסזעצן אין אַ האַלבקרייז אויף גלאַטע ביינק און רופן ביידע צדדים, וואָס האָבן געהאַט דעם משפט; אַרום פלעגט זיך צונויפקלייבן דאָס פאָלק, און פון די פאַרזאַמלטע פלעגט מען אָפט מאַכן הויך באַמערקונגען צום פּראָצעס.

אָבער אויך דאָס דאָזיגע געריכט איז ניט געווען גלייך צום אונזעריגן. די צדדים פלעגן ניט אויסלייגן געגנוי זייערע טענות: זיי פלעגן נאָר שווערן איטליכער, אַז ער זאָגט דעם אמת. אויף צו באַשטעטיגן זייער שבועה פלעגן זיי נאָך ברייגגען זייערע קרובים און חברים. די שופטים פלעגן באַקומען באַצאָלט פאַר זייער פּסק. און בכדי מען זאָל זיי ניט אָפּנאַרן, און דער שופט זאָל קיין מורא ניט האָבן, אַז ער טוט זיין אַרבעט אומ־זיסט, פלעגט מען פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסלייגן אויפפריהער דאָס גאָלד.

פֿאָרשטעלונגען וועגן די געטער. האָמער און העסיאָד דערציילן וועגן די געטער ניט איינס און דאָסזעלבע.

ווען לויט האָמער מעלט אויס, זיינען די געטער ענליך צו קריגסלייט. זיי זיינען פֿרייע פֿויגלען, האָבן נטיות צו האַרטקייט, אכזריות, אַמאָל אויך צו גרויסמוטיגקייט און איידלקייט. די געטער פֿירן שטענדיג מלחמה צווישן זיך; אין דעם קאַמף פֿאַר טראָיאַ שטייען איינגע געטער פֿאַר די גריכן, די אַנדערע פֿאַר די טראָיאַנער. דער סדר אויף דער ערד איז געווענדט אָן דעם, וואָס דער שטאַרקערער אָדער דער קליגערער גאָט איז גובר זיין געגנער און שטעלט אלץ איין, לויט ווי אים איז ניחא. נאָר די געטער וויסן ניט, וואָס עס וועט זיין. פֿאַרן לעצטן קאַמף צווישן אַכילעסן און העקטאָרן זוכט דער הויפטגאָט זעווס צו טרעפֿן, וועמען קומט דער נצחון: ער נעמט אַ וואָגשאָל און לייגט אַרויף צוויי גורלות, העקטאָרס גורל לאָזט זיך אַראָפּ אויפֿאונטן, נעהענטער צום אונטערערדישן קיניג־רייך פֿון די טויטע, און זיין סוף איז באַשטימט. איין זאַך פֿאַרלאַנגען די געטער פֿון מענשן: הכנסת אורחים. ווען אַ פֿרעמדער גייט אַריין אין שטוב און זעצט זיך אַוועק אין אַש ביים פֿייערפּלאַץ, שטעלט ער זיך דעמאָלט אונטערן שוץ פֿון גאָט. מען איז אים מכבד, מען גיט אים שוץ און ביים געזעגענען זיך באַשיינקט מען אים מיט מתנות. דאָס מוז מען טון אויך צוליב דעם, אַז דער וואַנדערער זאָל צעטראָגן דעם גוטן שם פֿון בעל־הבית איבער גאָר דער וועלט.

צווישן די געטער איז פֿאַראַן אַ הויפּטגאָט, אַ גאָט איבער אַלע געטער, דער דונערער זעווס. ער איז אַסך שטאַרקער פֿאַר די איבעריגע; איינמאָל האָט ער פֿאָרגעלייגט אַלע געטער צו נעמען זיך פֿאַר אַ שטריק און ציהען זי אויפֿאַראָפּ, און ער איינער וועט איינהאַלטן די שטריק פֿונאויבן. נאָר ניט שטענדיג פֿאָלגט מען אים. אַ שטייגער, ער פֿאַרזאָגט די געטער זיך ניט אַריינצומישן אין די שלאַכטן: מאַכן זיי דאָס בשתיקה, אַז ער זאָל ניט וויסן. בכדי צו באַפֿרידיגן אַכילעסן, האָט זעווס באַשלאָסן לאָזן די טראָיאַנער די אויבערהאַנט. דעמאָלט האָט אים זיין ווייב העראַ, וואָס האָט געהאַלטן דעם צד פֿון די גריכן, אָפּגענאַרט: זי רעדט זיך צונויף מיטן שלאָף און שלעפֿערט איין דעם מאַן; דערווייל שלאָגן די גריכן די טראָיאַנער. אויפֿגעכאַפּט זיך, ווערט זעווס מלא חמה: ער סטראַשעט אַראָפּצוּוואַרפֿן די העראַ אויף דער ערד אַראָפּ, ווי ער האָט דאָס שוין איינמאָל געטאָן.

אויף שפּיצן בערג אונטער די וואָלקנס, באַזונדערס אויפֿן שנייבאַדעקטן אָלימפּ, וואו מענשן קאָנען ניט צוקומען, האָבן די געטער פּאַלאַצן,

אַזוויי פירשטן; די פּאַלאַצן האָט אויסגעבויט דער גאָט דער קינסטלער, דער הינקעדיגער שמיד העפּייסטאָס. אין זאַל ביי זעווס ריכטן די געטער אָפּ זייערע סעודות; זיי האָבן אויך זייער געטליכן זינגער, דאָס איז אַפּאָלאָ.

די געטער זיינען נאָהענט צו די מענשן; זיי זיינען זיך מתחתן מיט מענשן, און וועדליג דער זינגער דערציילט, האָבן זיך ביי טראָיאַ גע־שלאָגן ניט ווינציג געטערקינדער. די געטער לאָזן זיך כסדר אַראָפּ אויף דער ערד, פירן די קריגסלייט אין שלאַכט, ראַטעווען זייערע ליבלינגען און קינדער פון טויט־סכנה; אין דער היץ פון שלאַכט באַקומען זיי אַמאָל אַליין אויך וואונדן פון מענשן. דער כח פון די געטער איז גרויס, אָבער מעסטן ווערט ער פאָרט געמאָסטן מיט מענשליכן כח: די געטין — די קריגפירערין שרייט אין שלאַכט, ווי עס וואָלטן געשריען עטליכע צעהנדליג מאַן; דער ים־גאָט פּאָסיידאָן שפרייזט אַריבער אַ האַלבן ים אין פיר שפרייזן.

אַנדערע פאָרשטעלונגען וועגן די געטער האָט העסיאָד, וואָס אים זיינען דערוויידער די קריגערישע העלדן, און ער איז מיט דער גאַנצער נשמה צוגעטאָן דער פרידליכער, האָרעפּאשנער פּויערשאַפט. העסיאָד גלויבט, אַז דער אויבערשטער גאָט זעווס איז דער איינציגער רעגירער איבער דער וועלט; אהן אַ שיעור אומשטאַרבליכע גייסטער האָט ער באַ־פוילן צו היטן און שיצן די מענשן. דער גאָט איז ווייט פון מענשליכע תאוות. זעווס' טאָכטער, די בתולה אמת, אַנטפּלעקט פאַר אים אַלע עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אויף דער ערד, אַלע פלענער פון די רשעים. העסיאָד ווענדט זיך צו מלכים און שופטים מיט אזעלכע נבואה־רייד: „משפט לויטן יושר; טראָגט ניט אריין קיין אומגערעכטן פסק. זעווס' אויג זעהט אַלץ, ווייס אַלץ: ער קאָן דאָס גאַנצע פאָלק שטראָפן פאַר דער אומזיניגער האָפערדיגקייט פון די מלכים".

די מיטן. די גריכן האָבן זיך אָנדערציילט אהן אַ סוף מעשיות וועגן די געטער און וועגן די טרעפּעניש פון די געטערקינדער. אין די דאָזיגע מעשיות אָדער ז אַ ג ע ס, וואָס אין גריכיש הייסן זיי מ י ט ן, קאָן מען געפינען שטריכן, וואָס דערמאָנען אָן די בבלישע און עגיפּטישע זאַגעס. אָט זיינען אייניגע פון זיי.

אין ווייטן פעניקיען האָבן געלעבט אַ ברודער און אַ שוועסטער, קאַדמאָס און אייראָפּע. זעווס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ ווייסן אָקס; ער טראָגט אוועק די אייראָפּע מיט זיך אויפן רוקן, שווימט מיט איר אריבער

דעם ים צום אינזל קרעטאַ. דאָ ווערט ביי זיי געבאָרן מינאָס, דער קומענדיגער קיניג פֿון קרעטאַ. זיין זון מינאָטאַווראָס איז אַ ווילד באַשעפֿעניש, האַלב אָקס, האַלב מענש. קאַדמאָס לאָזט זיך אַוועק זוכן די שוועסטער, נעמט וואַנדערן קיין מערב, דערגייט ביז גריכנלאַנד און גרינדעט די שטאָט טעבן. ער לערנט די מענשן באַארבעטן די ערד און גיט זיי איבער דעם אלף־בית.

אַ צווייטער פֿרעמדער פֿון די מזרח־לענדער, דאַנאַאָס, איז אָנגעקומען פֿון עגיפּטן קיין פּעלאָפּאָנעס. צווישן זיינע אוראייניקלאַך געפֿינט זיך די בת־מלכה, דאַנאַע; זי איז איינגעשלאָסן אין אַ פֿינסטערער הייל, נאָר זעוס דרינגט אריין אונטערדערערד, ווי אַ גאָלדענער רעגן; ביי זיי ווערט געבאָרן אַ שיינענדיגער זון פּערסוים. די מוטער מיטן זון שליסט מען ווידער איין אין אַן איינגעגן קאַסטן און מען וואַרפֿט זיי אין ים אריין; נאָר די כוואַליעס טראָגן זיי ארוים אויפֿן ברעג. אויסגעוואַקסן, דערהרגעט פּערסוים די שרעקליכע מעדוזע און האַקט אַראָפּ איר קאָפּ, וואָס האָט אָנשטאָט האָר שלאַנגען; דעם דאָזיגן טויט־פּנים שטעלט ער אָן אויף דעם ים־משחית, וואָס איז גרייט איינצושלינגען די בתולה אַנדראָמעדע (פּערסויסן און אַנדראָמעדע האָט מען באַוויזן צווישן די שטערנבילדער).

פּערסוים טוט אָפּ זיינע גבורות רייטנדיג אויפֿן וואונדערפֿערד פּעגאַסאָס, וואָס שוועבט ארום אונטערן הימל אויף גאָלדענע פֿליגלען. דאָסזעלביגע פֿערד דינט דעם העלד בעלאָראָפֿאָן, וואָס איז מנצח דאָס משונהדיגע באַשעפֿעניש כימעראַ, וואָס פֿאַרמאָגט דריי קעפּ, פֿון אַ לייב, פֿון אַ שלאַנג און פֿון אַ באָק. פֿליהען אונטערן הימל האָט זיך נאָך געפּרובט דער גרויסער מייסטער דאַידאַלאָס. ער האָט איסגעבויט אין קנאָסאָס אַ גרויסאַרטיגן פּאַלאַץ, דעם לאַבירינט, פֿאַרן קיניג מינאָס. אָנשטאָט אַ דאַנק האָט דער קיניג איינגעשלאָסן דעם בויער אין אַ הויכן טורעם. מאַכט דאַידאַלאָס פֿאַר זיך און פֿאַר זיין זון איקאַראָס פֿליגלען פֿון וואַקס און זיי פֿליהען אַוועק. נאָר איקאַראָס קומט אומפֿאָרזיכטיג צו צו נאָהענט צו דער זון, זיינע פֿליגלען צעגייען, און ער פֿאַלט אריין אין ים.

אַן אוראייניקל פֿון פּערסויסן און ווידער אַמאָל אַ זון פֿון זעווסן איז העראַקלעס, דער גרעסטער העלד פֿון גריכנלאַנד. ער דינט ביים פּחדנותדיגן קיניג פֿון אַרגאָס און טוט אָפּ 12 גבורות: צווישן זיי איז דער קאַמף מיטן לייב, וואָס אין זיין פֿעל גייט שפּעטער העראַקלעס אָנגעטאָן; דער קאַמף מיט דער הידרע, ד. ה. אַ לינדנוואָרים מיט אַסך

קעפּ; די איינצאַמונג פֿון אַ ווילדן אָקס; די נסיעה אין ווייטן מערב נאָך די גאָלדענע עפּל פֿונם גן־עדן־בוים, וואָס וואַקסט אין אַ פֿאַרכישופטן גאָרטן, דערביי באַגעגנט זיך העראַקלעס אונטערוועגס מיטן ריז אַטלאַס, וואָס האַלט אויף זיינע אַקסלען דעם הימלסגעוועלב; צולעצט דער אַראָפּגאַנג אין דער אונטערוועלט, פֿונוואַנען העראַקלעס ברענגט צו־פֿירן דעם שרעקליכן דרייקעפּיגן הונט קערבעראָס, וואָס היט דעם טויער פֿון גיהנם. אָט די טרעפֿענישן דערמאָנען אָן די וואָגלענישן און ליידן פֿון די בבלישע געטער (מאַרדוך און גילגאַמעש), זייער צייטווייליגן טויט, זייער אַראָפּגאַנג אין גיהנם און זייער נצחון; אין דעם לייב ווידער, אין לינדנוואָרים, אינם אָקס א. אז. וו. קאָן מען דערקענען די נעמען פֿון די 12 מזלות אָדער שטערנבילדער, וואָס דורך זיי גייט דורך די זון.

אַ צווייטער גרויסער העלד איז טעסויס, דער זון פֿונם ים־גאָט אַיגאַיאָס. זיינע ערשטע גבורות באַשטייען דערין, וואָס ער האָט אָפּגערייניגט פֿון רויבערס און גזלנים דעם וועג פֿון פּעלאָפּאָנעס דורכן ערדפּאַס ביז אַטען. דערנאָך, אַז די אַטענער שיקן קיין קרעטאַ צום קיניג מינאָס, ווי אַ לעבעדיגן צינז, זיבן בחורים און זיבן מיידלאַך אויף צו פֿרעסן פֿאַרן מינאָטאַוראָס, פֿאָרט טעסויס מיט זיי מיט. דער מינאָטאַוראָס וואוינט אינם געוואַלדיגן בנין לאַבירינט, וואו מען מוז פֿאַרבלאָנדזשען. נאָר טעסויסן העלפֿט מינאָסעס טאָכטער אַריאַדנע; זי גיט דעם העלד אַ קנויל גאָלדענע פֿאָדים, וואָס דאַרף אים העלפֿן געפֿינען דעם וועג; איר גאָלדענער קרוין (אַ שטערנבילד) לייכט פֿאַר אים אין דער פֿינסטערניש, און ער דערהרגעט דעם מינאָטאַוראָס. לויט איין זאַגע, באַפֿעלט דער גאָט דיאָניסאָס צו דערשיסן אַריאַדנע מיט פֿיילן, און נאָכדעם איז איר שאָטן נע ונד אין דער אונטערוועלט; לויט אַן אַנדער זאַגע — נעמט דיאָניסאָס זי צו ביי טעסויסן און מאַכט זי פֿאַר זיין אומשטאַרבליכער פֿרוי. טעסויס פֿירט נאָך מלחמה מיט די אַמאַזאָנען, דאָס איז אַ חיל פֿון קריגערישע פֿרויען, און נעמט אָנטייל אין קאַמף מיט די קענטאַוורען (דאָס זיינען האַלב מענשן, האַלב פֿערד).

דער מיטאָס וועגן די אַרגאָנאַווטן, ד. ה. די שווימערס אויף דער אַרגאָ, דער כּישוף־שיף, פֿאַראייניגט אַ גרויסן טייל גריכישע העלדן צוליב איין זאַך. זייער אָנפֿירער, יאַסאָנען, איז אויפֿגעגעבן געוואָרן די שליחות צו באַקומען די שיינענדיגע גאָלדענע פֿעל, וואָס ליגט באַהאַלטן אין מזרח־זייט. די העלדן שווימען דורך בשלום צווישן פֿעלזן, וואָס קלאַפּן זיך צונויף, קעמפֿן מיט די האַרפּיעס, ד. ה. מיט די טויט־גייַערס, וואָס

זיינען געשמידט אין פאַנצערס. אינם ווייטן לאַנד, וואו זיי קומען אָן, היט די גאָלדענע פעל אַ לינדנוואָרים. דער קיניג, וואָס צו אים געהערט די גאָלדענע פעל, צווינגט יאַסאָנען צו אַקערן ערד מיט פייערשפייענדיגע אָקסן, פאַרזייען שלאַנגענציינער און קעמפן מיט דעם ריזן־חיל, וואָס איז פון זיי אויסגעוואַקסן. ביי דעם אַלעמען העלפט יאַסאָנען דעם קיניגס טאָכטער, די כּישוף־מאַכערין מעדעאַ; זי שלעפערט אויך איין דעם לינדנוואָרים, און די אַרגאָנאַווטן גנבען ארויס די גאָלדענע פעל און קערן זיך אום אהיים (פרגל. די עגיפּטישע זאַגע וועגן נאַכטשיף און וועגן דער אויסלייזונג פון דער זון, וואָס איז געפאַנגען אונטער דער ערד).

אייניגע מיטן זייער אריינגעשטעלט אין דער איליאַדע און אָדיסייאַ. אָדיסעוס טרעפט אָן אויף אַ ווייטן אינזל גוואַלדיגע איינאויגיגע ריזנ־קיקלאָפּן, וואָס פירן אַ לעבן פוןווילדע הייזלמענטשן. זיין שיף שטייט צו צום אינזל פון דער כּישוף־מאַכערין קירקע, וואָס פאַרוואַנדלט זיינע חברים צו חזירים. נאָר אָדיסעוסן העלפן די געטער, און ער צווינגט די קירקע ווידער אומצוקערן זיינע חברים זייער מענטשליכע געשטאַלט. דער־נאָך פאָרן זיי ווייטער פאַרביי פעלזן, וואו עס זינגען זיס סירענעס, רויבפויגלען מיט פרויען־פּנימער, וואָס צערייסן אַלעמען, ווער עס שווימט צו צום ברעג, צוגעצויגן דורך זייער געזאַנג. צולעצט, מיידט אָדיסעוס' שיף גליקליך אויס אַ דורכגנום, וואו עס איז פון איין זייט פאַראַן אַ שרעק־באַשעפעניש די כאַריבדיס, וואָס ציהט אריין די פאַרבייפאָרער אין אַ קעסל־שטראָם, און פון אַנדער זייט זיצט אויף אַ פעלז די סקילאַ, וואָס כאַפּט די דרייסטע ים־לייט און צעקלאַפּט זיי אויף שטיינער. אָדיסעוס רופט ארויס (פונקט ווי גילגאַמעש) די שאָטנס פון די פאַרשטאָרבענע. צווישן אַנדערע באַווייזט זיך אויך אכילעס, וואָס אַ פיינטליכער פייל האָט אים דערהרגעט ביי טראָיאַ; ער באַקלאָגט זיך אויפן טרויעריגן לעבן אין דער אונטערוועלט: בעסער איז צו זיין דער לעצטער אַרבעטער אויף דער ערד, איידער צו קיניגן איבער די טויטע.

די אונטערוועלט איז חושכדיג און שרעקליך. צוריקקומען פון דאָרט קאָן מען ניט. בלויז איינמאָל האָט זיך איינגעגעבן דעם זינגער אָרפעוס צו באַוועגן דורך זיין זיסן געזאַנג דעם שטרייגנגען האַדעס, דעם גאָט פון דער אונטערוועלט, אים צוריקצוגעבן זיין פאַרשטאָרבענע פרוי עווּרידיקע. נאָר עס איז אים געשטעלט געוואָרן אַ תנאי, ער זאָל זיך ניט אומקוקן, ביז וואַנען זיי וועלן ארויסגיין אויפדערערד. אָרפעוס אָבער האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט אַ קוק געטאָן אויף עווּרידיקע: און תיכּף האָט זי

ווידער אַוועקגעפֿירט אין דער אונטערוועלט דער גאָט הערמעס, דער באַלייטער פֿון די נשמות, וואָס פֿאַרלאָזן די ערד. פונקט ווי אין דער גילגאַמעש־זאַגע, ווערט אין די גריכישע מיטן דערמאָנט דער שיפֿער, וואָס פֿאָרט אריבער די געשטאָרבענע איבער דעם פֿארגעסן־טייך. האַדעס אליין האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיין פֿינסטערע איינזאַמקייט און האָט אַוועקגערויבט פֿון דער ערד פּערסעפֿאָנען, די טאָכטער פֿון דער געטין דעמעטער, בעת זי האָט געקליבן בלומען. די מוטער האַלט איר טאָכטער פֿאַר טויט, טוט אָן אויף זיך טרויער און פֿאַרשילט די ערד, נעמט אָפּ ביי איר גראָזן, גריינס און פּירות. נאָך לאַנגע זוכענישן ווערן די געטער געוואָר, וואו די פּערסעפֿאָנע געפֿינט זיך און פֿאָדערן זי צוריק. נאָר האַדעס איז מרוצה אָפּצולאָזן זיין פֿרוי נאָר אויף אַ האַלב יאָר צו דער מוטער. ווען פּערסעפֿאָנע קערט זיך אום צו דער מוטער, דערגייט די דעמעטער שוין פֿונדערווייטנס ווען איר קומען, וואָרום אומעטום דערוועקט זיך לעבן, הויבן אָן וואַקסן גראָזן און בלעטער צעלאָזן זיך. אין אַ האַלב יאָר ארום מוז פּערסעפֿאָנע זיך ווידער אומקערן אין איר פֿינסטערער געפֿאַנגענשאַפט, און אויף דער ערד מוז ווידער קומען טרויער און חורבן.

די מיטן פֿלעגן פֿאַרשיידן דערציילט ווערן אין פֿאַרשיידענע ערטער, און האָבן אָפּטמאָלס סותר געווען אַנאַנד. העסיאָד האָט געפּרובט זיי צו פֿאַרבינדן אינאייניעם אין דער פּאָעמע „די אָפּשטאַמונג פֿון די געטער“. ער זאָגט, אַז די געטער און די וועלט קומען ארויס פֿונם כאַאָס. די עלטסטע געטער זיינען אוראַנאָס — דער הימל, און גע — די ערד. פֿון זיי שטאַמען אַלע איבעריגע; זעווס, זיינע ברידער און זייערע ווייבער זיינען אַ דריטער דור. אָטדי נייע געטער רעגירן ניט לאַנג, נאָכדעם ווי זיי האָבן מנצח געווען זייערע פֿאָטערס. נאָר די גע האָט נאָך געבוירן די טיטאַנען, וואָס פֿירן מלחמה מיט זעווסן און ווילן נקמה נעמען פֿאַר די אלטע אראָפּגעזעצטע געטער. די טיטאַנען וואַרפֿן ארויף אין צפֿון־גריכנלאַנד איין באַרג אויפֿן צווייטן, בכדי זיך ארויפֿצוכאַפּן אויפֿן הויכן אָלימפּ, וואו עס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די געטער. זעווס וואַרפֿט זיי אַראָפּ מיט זיין בליץ און שמידט זיי צו מיט קייטן אונטער דער ערד, פֿונוואַנען זיי שפּייען ארויס אין אָהנמאַכט פֿייער דורך די וואולקאַנען (פֿרגל. די בבלישע זאַגע וועגן קאַמף פֿונם גאָט מרדוך קעגן דער תיהאַמאַת מיט איר חיל).

אויף צו דערקלערן געאָגראַפֿישע נעמען, פֿלעגן די גריכן גערן באַנוצן מיטן. דער נאָמען העלעספּאָנט פֿאַרן דורכגום צווישן עגייאישן

ים און שוואַרצן ים נעמט זיך דערפֿון, וואָס אין ימוואַסער (פּאָנטאָס) איז אריינגעפֿאלן העלאַ, די טאָכטער פֿון וואָלקן, וואָס איז געפֿלויגן מיט איר ברודער אויף אַ גאָלדפֿעליגן שאָפּבאָק (די גאָלדענע פֿעל באַווייזט זיך דערנאָך ווידער אינם אַרגאָנאַווטן־מיטאָס). וועגן נאָמען עגייאישער ים האָט מען דערציילט אָט וואָס: בעת טעסוים איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קרעטאַ אויף צו קעמפֿן מיטן מינאָטאַווראָס, האָט ער אָפּגערעדט מיט זיין פֿאָטער אַיגייאָס, אַז אויב אים וועט אָפּגליקן, וועט ער אויפֿהייגנען אָנשטאָט די געוויינטליכע שוואַרצע טרויערזעגלען ווייסע זעגלען, נאָר ער האָט פֿאַרגעסן דאָס צו טון. אַיגייאָס, וואָס האָט פֿונדערווייטנס דער־זעהן די שיף, האָט זיך פֿון יאוש אריינגעוואָרפֿן אין ים אריין, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

סוף פֿון דער העראָען־צייט. די גריכישע קריגסלייט, וואָס האָבן זיך געשלאָגן ביי טראָיאַ, האָבן געהערט צום שבט אַ כ י י ע ר. זיי האָבן שוין אויך געברויכט אייזערן געווער, פונקט ווי די אַשורים, וואָס האָבן אין יענער צייט געוועלטיגט אין אַזיע (ניט אומזיסט האָט אַכילעס אזוי הויך געשאַצט דעם אייזערנעם דיסקאָס). די אַכייער האָבן באַוויזן אַ סך גבורות, אבער אין די אָנפֿאַלן האָבן זיי זייערע כחות געפּטרט. לויט ווי די מסורה דערציילט, האָט מען זיי באַגעגנט אינדערהיים, ווען זיי זיינען געקומען צוריק פֿון דער מלחמה גאָר ניט פֿריינטליך: אָדיסוים האָט קויב־קוים גובר געווען זיינע קאָנקורענטן אויף איטאַקע; אַגאַממעמנאָן איז דערהרגעט געוואָרן אין זיין אייגענעם פּאַלאַץ אין מיקען; דיאָמעדעס איז געווען געצוואונגען אַוועקצופֿאָרן פֿונדערהיים, פֿון אַרגאָס, און ווערן נע ונד.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט פֿון צפֿון־זייט נייע חילות פֿונם קריגערישן גריכישן שבט ד אָ ר י ע ר. דורך טעסאַליען און מיטלגריכנלאַנד האָבן די דאָריער זיך דורכגעשלאָגן ביז פּעלאָפּאָנעס; זיי האָבן צום טייל אונטערטעניג געמאכט די פֿריהערדיגע גריכישע באַפֿעלקערונג, צום טייל געצוואונגען זי צו אַנטלויפֿן. דער גרעסטער רוב פֿון די אַנטרונענע האָבן געפֿונען פֿאַר זיך אַ נייע היים אויף די אינזלען כיאָס און סאַמאָס אין אויף יענעם טייל פֿון קליינאַזיאַטישן האַלבאינזל, וואָס ליגט גלייך קעגנאיבער אַטיקאַ. דאָס דאָזיגע לאַנד האָט געקראָגן דעם נאָמען י אָ נ י ע ן [אין תנ"ך יָוָן]. די יאָניער (יונים) האָבן געגרינדעט 12 שטעט; איטליכע פֿון זיי האָט זיך רעגירט אליין פֿאַר זיך, נאָר זיי אַלע האָבן געהאַט איין בשותפֿישן יאָנישן הייליגטום, דעם טעמפּל פֿון ים־גאָט

פּאָסיידאָן, וואָס דאָרט פּלעגן זיי זיך צונויפקלייבן אויף צו ברענגען קרבנות אין גרויסע חגאות.

אויף אַזאַ אופן האָט דורכן קאַמף פון די שבטים די גריכישע וועלט זיך פונאַנדערגערוקט אין ביידע זייטן פון עגייאישן ים. נאָר די גריכן האָבן אויך אין אָטדי נייע ערטער ניט געקאָנט רוהיג איינזיצן. אינ־גיכן האָבן זיי אָנגעהויבן צו גרינדן קאָלאָניעס און ישובים ארום גאַנצן ברעג פון מיטללענדישן ים.

IV.

די גריכן און די פּערסישע גרויס-מלוכה 700—480 פֿאַר קר.

ספּאַרטאַ. די דאָריער, וואָס זיינען געקומען פֿון צפון-זייט, האָבן פֿאַר זיך פֿאַרכאַפּט די בעסטע חלקים ערד אין פּעלאָפּאָנעס. איינער פֿון די דאָרישע חילות האָט זיך באַזעצט אין לאַקאָניען אינם פֿרוכפּעריגן טאָל פֿון טייך עווראָטאַס. די באַצווינגער האָבן געמאַכט די אָרטיגע איינוואוינער פֿאַר זייערע לייבאייגענע קנעכט (ה ע ל אָ ט ן) און געצוואונגען זיי צו אַרבייטן אויף די פֿעלדער; אליין האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ שטענדיגן גרויסן לאַגער אין מיטן דעם איינגענומענעם געביט. זייער ישוב האָט געהייסן ספּאַרטאַ; דאָס איז געווען ניט קיין שטאָט, ארומגערינגלט מיט מויערן, נאָר ניכער אַ גרויס צעוואָרפן דאָרף; אויף עס צו פֿאַרטיידיגן האָט דער חיל זיך פֿאַרלאָזן אויף דער אויסגעשטעלטער וואַך.

די קריגסלייט האָבן זיך ניט פֿאַרנומען מיט קייןווירטשאַפֿט; די העלאָטן האָבן זיי צוגעשטעלט ברויט, וויין, איילבירטן פֿון זייערע מאַיאָנטקעס, און אליין פֿלעגן זיי פֿאַרברענגען די צייט אין געיעג, גימנאַסטישע שפּילן און איבונגען, אין מאַרשירן און לערנען זיך תכסיסי מלחמה. פּונקט ווי די אַשורים, אזוי האָבן אויך די ספּאַרטאַנער געהאַלטן אָנגעגרייט ביי זיך גרויסע לאַגערס מיט געווער; ניט ווייט פֿון ספּאַרטאַ זיינען געווען אייזנגרובן, חוץ דעם, האָבן אלע, וואָס זיינען געווען אונטערטעניג די ספּאַרטאנער, געמוזט צופֿירן זיי שטיקער אייזן. דעריבער פֿלעגט מען אין גריכנלאַנד זאָגן: „אין ספּאַרטאַ וויס מען נאָר אייזערן געלט“.

די מעסענישע מלחמות. ניט אַלע קריגסלייט איז אָנגעקומען ערד אין לאַקאָניען. דאָס האָט דעם ספּאַרטאַנישן קיניג טעאָפּאָמפּאָס איינגע-געבן דעם געדאַנק צו גיין מלחמה האַלטן מיטן שכנישן מעסעניען, בבדי

איינצוטיילן די קריגסלייט, וואָס זיינען געבליבן אָהן ערד, חלקים פֿון די פֿעטע פֿעלדער פֿון מעסעניען. האָבן זיך אָנגעהויבן האַרטנאַקיגע מלחמות מיט די מעסעניער.

ביידע צדדים האָבן זיך געווענדט נאָך אַן עצה צום אָראַקל (וואָרזאָגער). האָט דער אָראַקל געענטפֿערט: „מנצח זיין וועט דער צד, וואָס ביי אים וועט דערהרגעט ווערן אַ מיידל פֿון דער קיניגליכער משפחה“. האָט דער מעסענישער קיניג אַריסטאָדעמאָס געבראַכט א קרבן זיין אייגענע טאָכטער; ער האָט אָפּגעהאַלטן א נצחון איבער די ספּאַרטאַנער, נאָר דערנאָך האָט ער זיך פֿון צער גענומען דאָס לעבן. צום סוף פֿון דער מלחמה האָבן די ספּאַרטאַנער גובר געווען און געצוואונגען די מעסעניער אָפּצוטרעטן אויף די בערג.

אין אַ געוויסער צייט ארום זיינען די מעסעניער אויפֿגעשטאַנען, אויסגעקליבן פֿאַר זייער אָנפֿירער דעם גבור אַריסטאָמענעס. פֿון זייער באַרגפֿעסטונג אירא האָבן זיי געמאַכט אָנפֿאַלן אויף די ספּאַרטאַנער; צונויפֿגעקליבן א חיל, האָט אריסטאָמענעס חרוב געמאַכט דעם טאָל פֿון עווראָטאַס און גענעהנט שוין צו ספּאַרטאַ גופא. האָט ביי די ספּאַרטאַנער אָנגעהויבן פֿאַלן דער מוט; נאָר זיי האָט אויפֿגעמונטערט צום קריג דער פּאָעט און מוזיקער טירטייאָס, וואָס האָט פֿאַרפֿאַסט פּאַטריאָטישע לידער, אויסגעקלערט קלינגעדיגע כאָרגעזאַנגען און מאַרשן. ווידער האָט זיך דער מזל געווענדט קעגען די מעסעניער. שפּעטער האָבן זיי דערקלערט זייער אומגליק דורכדעם, וואָס זיי האָבן זיך ניט צוגעהערט צו די רייד פֿון די וואָרזאָגער. דער אָראַקל האָט געזאָגט: „אונטערגיין וועט יענער צד, וואָס וועט לאָזן א ציגנבאָק טרינקען וואַסער פֿון גרעניץ־טייכל“. האָבן די מעסעניער אויפֿגעהערט טרייבן די ציגן צום טייכל. זיי האָבן אָבער געהאַט פֿאַרגעסן, אז אין גריכיש באַטייט דאָס וואָרט „טראַגאָס“ סיי „ציגנבאָק“ און סיי „פֿייגנבוים“. איז אויפֿן ברעג טייכל געוואַקסן א פֿייגנבוים, וואָס זיינע צווייגן זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער „האָבן געטרונקען וואַסער“. צולעצט האָט די ספּאַרטאַנער אָפּגעגאָלטן איינצו־נעמען אירא. אַריסטאָמענעס האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן, איז ער אַוועק מיט אַ קליינעם חיל אינדערפֿרעמד; די איבעריגע מעסעניער זיינען געוואָרן געמאַכט צו העלאָטן.

נאָך אָטדעם נצחון האָבן אַלע אין פּעלאָפּאָנעס אָנגעהויבן זוכן די פֿריינטשאַפֿט פֿון די ספּאַרטאַנער. די איינוואוינער פֿון ע ל י ס, דער געגנט וואו עס פֿלעגן פֿאָרקומען ד י אָ ל י מ פּ י ש ע ש פּ י ל ן (ז. וו.), האָבן צו־געלאָזט די ספּאַרטאַנער צו זייערע ימים טובים און האָבן זיך מתחייב

געווען צו שיקן זיי הילף אין אַלע זייערע מלחמות; די שטאַרקע און געזונטע באַרגמענשן פֿון אַרקאַדיען האָבן גענומען זיך שטעלן אין דינסט אין ספּאַרטאַנישן חיל. אזוי איז ספּאַרטאַ געוואָרן די ערשטע קריגס־מאַכט אין גריכנלאַנד.

די קריגסשולונג פֿון די ספּאַרטאַנער. אין זייער אייגענעם לאַנד זיינען די ספּאַרטאַנער געווען א מיעוט. בכדי צו באַהאַלטן די הערשאַפֿט איבער די פֿיל לייבאייגענע, האָבן זיי שטענדיג געמוזט לעבן אויפן קריגס־פֿוס, שטענדיג באַוואָפֿנט און גרייט צו מלחמה.

איטליכער ספּאַרטאַנער איז געווען אריינגעטראָגן אין א רשימה ביי דעם קריגסהויפּטמאַן; קיינער האָט ניט געטאָרט אָפּפאָרן אָהן דער ערלויבעניש פֿון די קאָמאַנדירן, בפרט אויסער די גרעניצן פֿון לאַקאָניען. אָנגעקומענע פֿרעמדע האָבן ניט געטאָרט וואוינען א לענגערע צייט אין ספּאַרטאַ, און צייטנווייז פֿלעגן די שררות פֿאַרטרייבן פֿון לאַנד אַלע אויסלענדער. די ספּאַרטאַנער האָבן ניט געטאָרט זיך אינטערעסירן מיט פֿרעמדע פֿאָראָנדקעס. אַלע קריגסלייט האָבן זיך געהאַלטן גלייך, ווי חברים. כבוד אָפּגעבן אין ספּאַרטאַ פֿלעגט מען נאָר אַלטע לייט: פֿון אַלטע לייט איז געווען צונויפֿגעשטעלט דער העכסטער געהיימער ראָט, וואָס פֿלעגט זיצן אינאיינעם מיט די מלכים (אין ספּאַרטאַ זיינען געווען צוויי מלכים, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון צוויי פֿאַרצייטיגע די־נאַסטיעס). בכדי אונטערצוהאַלטן די חברשאַפֿט צווישן די קריגסלייט, האָט מען זיי געצוואונגען זיך צונויפֿצוקלייבן צו מיטאָג אַלע אינאיינעם אין געצעלטן; אויך די מלכים זיינען געזעסן ביי איין טיש מיט די איבעריגע. דער ספּאַרטאַנער האָט ניט געטאָרט פֿאַרזיצן זיך לאַנג אין דער היים און פֿאַרנעמען זיך מיט זיינע משפחה־זאַכן, אַנדערש וואָלטן זיינע חברים אים אויסגעלאַכט.

יינגלאַך פֿון זיבן יאָר פֿלעגט מען צונעמען פֿונדערהיים און אָפּגעבן אין קריגסשולע. דאָרט זיינען די קינדער געווען איינגעטיילט אין ראָטעס אונטער דער קאָמאַנדע פֿון אַלטע געניטע זעלנער, וואָס האָבן זיי שטרענג מושטירט. צו 16 יאָר פֿלעגט דער בחור ארויסגיין פֿון דער שולע צו דינען פֿאַר א זעלנער זיין גאַנץ לעבן. מיט מיידלאַך פֿלעגט מען אויך לערנען גימנאַסטיק און זעהן פֿאַרהאַרטעווען זיי פֿון קינדוויז אָן, בכדי אויסצוהאָדעווען שטאַרקע, געזונטע מענשן.

אין זייערע מלחמות האָבן די ספּאַרטאַנער אויסגעאַרבעט א נייעם שטייגער צו פֿירן די שלאַכט. אַלע קריגסלייט, ווי גלייכע מענשן, זיינען

געווען גלייך באַוואָפֿנט, אין קווערס און פּאַנצערס, אָנגעטאָן איבער רויטע העמדלאַך. צווישן זיי זיינען ניט געווען, ווי אין דער העראָען־צייט, גרויסע העלדן, וואָס פֿלעגן ארויספֿאָרן פֿאָראויס אויף די קריגסרייטוועגן. די געפּאַנצערטע קריגסלייט (גריכיש הייסן זיי האָפּליטן) פֿלעגן זיך גיין ניט געאיילט איבערן שלאַכטפֿעלד אונטער די קלאַנגען פֿון א פֿלייט, וואָס האָט געשפּילט אַ מאַרש. אין קאַמף פֿלעגן זיי אריינטרעטן ווי אַ פֿעסט געשלאָסענע וואַנט (פֿאַלאַנגס) אין צוויי אָדער דריי שורות, צוגערוקט איינער צום אַנדערן די ברייטע שילדן און אויסגעשטעלט אין פֿאָראויס די שפּיזן א קלאַפֿטער די לענג. די גאַנצע באַוואָפֿענונג פֿון א קריגסמאַן האָט געוואויגן העכער 2 פּוד, און אַ טייל דערפֿון פֿלעגט מען אונטערוועגס פֿירן אויף וועגן; דערפֿאַר פֿאַרטייטשט מען אויך האָפּליטעס „שווערבאַוואָפֿנטער“. אין דער שלאַכטרייע פֿלעגן שטיין נעבנאַנאַנד חברים און שכנים, וואָס האָבן זיך געהאַט אַ שבועה געגעבן זיך צו שלאָגן און שטאַרבן אינאיינעם. די ספּאַרטאַנער האָט מען איינגעלערנט, זיי זאָלן אָפּהיטן זייער מיליטערישן כּבוד, שלאָגן זיך ביזן לעצטן אָטעם־ציה דאָרט, וואו עס באַפֿעלט דער חוב און וואו די אָנפֿירערס האָבן געהייסן.

די ספּאַרטאַנער האָבן זיך פֿעסט געהאַלטן פֿאַר זייערע מנהגים, זיי זיינען געווען באַזיכערט, אז די ערציהונג ביי זיי און די געזעצן בכלל האָט איינגעשטעלט דער פֿאַרצייטיגער חכם ליקורג, און זיינע געבאָטן האָט באַשטעטיגט דער גרויסער אָראַקל אין דעלפֿי (וועגן דעם אָראַקל ז. וו.).

די האַנדלסשטעט און די קאָלאָניעס פֿון די גריכן. זעהר ניט ענליך צו די פּאָראָנדקעס פֿון די דאָריער איז געווען דער שטייגער לעבן פֿון די יאָניער, וואָס זיינען געווען באַוועגליך און אונטערנעמעריש. די שטעט מילעט און עפֿעס, די אינזלען כיאָס און סאַמאָס האָבן פֿאַרקניפּט אַ האַנדל מיט די מזרח־לענדער.

גאָר אין נאָהענטער שכנות פֿון זיי האָט זיך געפֿונען לידיען מיט דער הויפּטשטאָט סאַרדעס, אַ לאַנד רייך מיט מעטאַלן. לויט די גריכישע מיטן זאָל דאָרט האָבן געוואוינט דער קיניג מידאָס, וואָס איז געווען באַשאָנקן פֿון די געטער מיט דער מתנה צו מאַכן אַלצדינג צו גאָלד, צו וואָס ער האָט זיך נאָר צוגערירט. די גריכן, להוט נאָך איידל־מעטאַלן, פֿלעגן גערן דינען ביי די מושלים פֿון לידיען; בפרט האָט זיך ביי זיי איינגעלעבט אין זכרון דער פֿרייגעביגער קיניג קראָיסאָס אָדער קרעזוס,

וואָס פֿלעגט ניט איין מאָל זיך ווענדן צום דעלפֿישן אָראַקל נאָך עצות און שיקן קיין גריכנלאַנד רייכע מתּנות. ביי די לידיער האָבן די גריכן זיך אויסגעלערנט מאַכן מטבעות; מען פֿלעגט באַנוצן דערצו דאָס ווייס גאָלד, וואָס מען גראָבט ארויס אין לידיען (עלעקטראָן).

פֿון דער ווייטער בבל פֿלעגט מען ברענגען צופֿירן די יאָניער לוקסוסזאַכן, פּורפּורנע און בונט געפֿאָרבענע געוואַנטן, ווייראַך און שמעקעדיגע זאַלבן צום שמירן דעם קערפּער. די יאָניער גופֿא האָבן אָנגענומען די אָריענטאַלישע מאָדעס, אָנגעהויבן טראָגן ברייטע קליידער, פֿאַרפֿלעכטן לאַנגע האָר און פֿאַרשטעקן זיי מיט גאָלדענע האָרנאָדלען. זיי האָבן זיך אויך באַקענט מיט דער בבלישער וויסנשאַפֿט: דער געלערנטער טאַלעס פֿון מילעט האָט פֿאַרשטאַנען פֿאָראויסצוזאָגן ליקויים.

קיין יאָניען הויבט מען אָן אריינצופֿירן שקלאַוון; נאָר די דאָזיגע שקלאַוון זיינען גאָר אַנדערע, ווי אין דער צייט פֿון די האָמערישע העלדן. אַמאָל זיינען געווען שקלאַוון גריכן, געפֿאַנגענע, וואָס מען האָט זיי גענומען אין דער מלחמה, אָדער מענשן, וואָס זיינען פֿאַרקויפֿט געוואָרן אין שקלאַפֿעריי פֿאַר זייערע חובֿות. איצט אָבער קויפֿט מען איין שקלאַוון פֿון די ווילדע פֿעלקער פֿון ווייטע לענדער: פֿון קאַווקאַז, פֿון די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים, פֿון דאָנוי, פֿון אַפֿריקע. חוץ דער אַרבעט אין פֿעלד און אין וויינגאָרטן, נוצט מען אוים די שקלאַוון פֿאַר מלאָכות, מען לערנט זיי שפּינעריי, וועבעריי, שוסטעריי, זאָטלעריי, וואָפֿן־שמידעריי. די בעלי־בתּים פֿון די שקלאַוון האָבן זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן געמאַכט גרויסע וואַרשטאַטן און פֿאַבריקן, נאָר מיט די פּרטים פֿון דער אַרבעט האָבן זיי זיך ניט אָפּגעגעבן. זיי פֿלעגן איינקויפֿן פֿאַר זייערע אַרבעטסשקלאַוון מאַטעריאַל און אָפּנעמען ביי זיי אויס־געאַרבעטע זאַכן, אָדער זיי פֿלעגן לאָזן די שקלאַוון ארבייטן אויף זייער אייגענעם חשבון און צונעמען פֿאַר זיך נאָר אַ טייל פֿונם פּדיון.

די נייע רייכטימער האָבן צוגעצויגן קיין יאָניען אונטערנעמערישע מענשן פֿון אַלע עקן גריכנלאַנד. אין די שטעט איז געוואָרן ענג, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָסזעלביגע, וואָס עס איז געווען אין פֿעניקיען: מילעט און סאַמאָס האָבן זיך גענומען בויען פֿלאָטן אויף צו שיקן וואַנדערער אין אַנדערע לענדער.

צוערשט האָבן די יאָנישע קאָלאָניסטן פֿאַרנומען די ברעגעס פֿון טראַקיען, וואָס פֿאַרשליסט פֿון צפֿון־זייט דעם עגייאישן ים. די דאָזיגע געגנט האָט צוגעצויגן גאָלדזוכער מיט אירע גאָלדגרובן. חוץ דעם, האָבן די גריכן געפֿונען אין טראַקיען אַן אויסגעצייכנטן וואַלד פֿון מאַסטבוימער

אויף צו בויען שיפֿן, בעת גריכנלאַנד גופא איז געווען אָרעם אין געהילץ. ווייטער האָבן זיי זיך געלאָזט אין שוואַרצן ים (פּאָנטאָס) אַריין. אינם איצטיגן דרום־רוסלאַנד האָבן די גריכן געגרינדעט אָלוויאַ (נעבן דעם אויסגוס פֿון דנעפּער) און כערסאָנעסאָס (אין קרים ניט ווייט פֿון סעבאַסטאָפּאָל). די דאָזיגע קאָלאָניעס האָבן פֿאַרקניפּט אַ האַנדל מיט די סקיטן, וואָס האָבן באַזעצט דאָס גרויסע סטעפּנלאַנד צווישן דנעסטער און דאָן. די גריכן פֿלעגן קויפֿן ביי די סקיטן תבואה, פֿעלן און לעדער — אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס אין גריכנלאַנד האָבן זיי אויס־געפֿעלט, און פֿלעגן זיי פֿאַרקויפֿן כּלים, ליימענע און מעטאַלענע, געווער, צירונג.

די יאָניער האָבן זיך אויך געווענדט אין דער אַנדערזייט, צום אַפֿריקאַנער ברעג און האָבן אָנגעהויבן שיקן קאָלאָניסטן קיין עגיפּטן און קירענע (דער איצטיגער באַרקאַ). היות ווי די עגיפּטער האָבן מיט גרויס חשק געקויפֿט גריכישע אויסאַרבעטונגען, דעריבער האָבן זיך אין נאַוקראַטיס, ביי איינעם פֿון די טייכאָדערן פֿון נילוס, באַזעצט אַסך גריכישע בעלי־מלאכות, באַזונדערס מייסטערס אויף אויסצואַרבעטן העל אויסגעמאָלט געפֿעס.

אַסך סחורות פֿון אַזיע, פֿון די ברעגלענדער פֿון שוואַרצן ים און פֿון עגיפּטן האָט מען אָנגעהויבן ברענגען צופֿירן צו די ברעגעס פֿון אייראָפּייאישן גריכנלאַנד. אַסך נוצן האָבן דערפֿון געהאַט די ים־לייט פֿון מעגאַראַ און קאָרינט, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויפֿן איסטמאָס, ד. ה. אויפֿן לאַנדפּאַס, וואָס פֿאַרבינדט מיטלגריכנלאַנד מיטן פּעלאָפּאָנעס. צום איסטמאָס קומט צו פֿון מזרח־זייט פֿון דער זייט פֿון עגייאישן ים דער אויסגוס פֿון סאַראָס, פֿון מערב־זייט — דער אויסגוס פֿון קאָרינט, וואָס האָט זיך טיף איינגעשניטן אין דער יבשה. די מעגאַרער און קאָרינטער פֿלעגן איבערפֿירן די סחורות איבערן קורצן יבשה־וועג צווישן די צוויי אויסגוסן און איבערשיקן זיי ווייטער אויף שיפֿן אין די מערבדיגע וואַסערן.

אין קאָרינט האָבן זיך באַוויזן אייגענע קונסט־מלאכות: מען האָט אָנגעהויבן אויסאַרבעטן געוואַנט לויטן אָריענטאַלישן מוסטער, מען האָט זיך אויסגעלערנט גיסן און לייטן מעטאַלזאַכן. צו אַ באַזונדער מייסטער־שאַפֿט האָבן דערגרייכט די קאָרינטער אַרבייטער פֿון ליימענע כּלים: דאָ האָט מען אויסגעקלערט אַ נייעם — אָפּצופּאַרבן גרויסע שיינע וואַזעס מיט רויטער פֿאַרב און אויסצומאָלן מיט שוואַרצן גלאַנציגן לאַק פֿיגורן, וואָס שטעלן פֿאָר געשלעגן פֿון העלדן, פֿליהען פֿון געטער און אַנדערע

מיטן. באַלד האָט זיך געעפֿנט אַ נייער פּלאַץ אויף אָפּצוזעצן די אויס־אַרבעטונגען פֿון די גריכישע מייסטערס אין מערב־טייל פֿון מיטללענדישן ים, אַהין האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קאָלאָניסטן צו זוכן פֿאַר זיך אַ נייע היים. ארויסגעפֿאָרן מיטן קאָרינטער ים־אויסגוס, האָבן זיי באַזעצט קאָרקיראַ, אַן אינזל, וואָס ליגט אונטערוועגס קיין איטאַליען, אין איטאַליען גופא האָבן זיי געגרינדעט סיבאַריס, אין סיציליען — סיראַקוז.

דאָס גריכישע פֿאָלק האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטח פֿון מיטללענדישן ים. דער לעצטער ישוב אין מזרח־זייט איז געווען טאַנאַאיס (ביים אויסגוס פֿון דאָן), אין מערב־זייט — מאַסיליאַ (איצט מאַרסעל אין דרום־פֿראַנקרייך). בלויז צו די ברעגעס פֿון שפּאַניען און פֿון צפֿונית־מערבית־אַפֿריקא האָבן די גריכן קיין צוטריט ניט געהאַט: עס האָבן זיי ניט געלאָזט אהין די פֿעניקיער, וואָס האָבן זיך געהאַט איינגעפֿעסטיגט אין קאַרטאַגאָ. די גריכן האָבן אינערגעץ ניט פֿאַרקליבן זיך ווייט אין לאַנד אריין: אויסוואַנדערן פֿלעגן על פּי רוב ניט ערדאַרבעטער, נאָר סוחרים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן פֿאַרפֿירט אַ האַנדל מיט די אָרטיגע איינוואוינער. די קאָלאָניסטן פֿלעגן ניט פֿאַרגעסן זייער מעטראָפּאָלים, זייער מוטערשטאָט, פֿונוואַנען זיי קומען ארויס: זיי פֿלעגן שיקן דעם שוצגאָט פֿון דער היימישער שטאָט מתנות; ווען די קאָלאָניסטן פֿלעגן האָבן שוועריגקייטן אויף די נייע ערטער, פֿלעגן זייערע שטאָטלייט שיקן זיי הילף פֿונדערהיים.

סיי אין גריכנלאַנד און סיי אין די קאָלאָניעס האָט איטליכער ישוב זיך געהאַלטן זעלבשטענדיג. אומעטום פֿלעגט אַ קליינער שבט, אָפּטמאָלס פֿון עטליכע טויזנט מאַן, זיך אויסבויען אַ באַפֿעסטיגטע שטאָט, אויסקלייבן זיינע אייגענע שופטים און קריגסהויפּטלייט, פֿירן זיך זיינע ענינים, ווי ער האָט געקאָנט, און ניט געקלערט וועגן אונטערגעבן זיך איין שטאַרקן מושל.

אַריסטאָקראַטיע און טיראַנים אין קאָרינט. דעם קאָרינטישן האַנדל האָט אָנגעפֿירט די אַלטע משפחה פֿון די באַקכיאַדן. וואָס זיינען, פּונקט ווי די האָמערישע העלדן, געווען דרייסטע קריגסלייט און געשיקטע סוחרים. זיי האָבן אויסגעבויט דורכן איסטמאָס צווישן ביידע האַוונס פֿון קאָרינט, דעם מזרחדיגן און מערבדיגן, אַ גלאַטן וועג: די שיפֿן פֿלעגן ארויפֿגעשטעלט ווערן אויף רעדער און אריבערגעפֿירט פֿון איין ים צום אַנדערן, אזוי אז מען האָט זיי ניט געדאַרפֿט אויסלאָדן.

די באַקכיאַדן האָבן זיך געהאַלטן מיט גדלות און האָבן ניט צוגעלאָזט אין זייער משפּחה קיין פֿרעמדע. די קיניגליכע מאַכט האָבן זיי אָפּגעשאַפֿט און האָבן אָנגעהויבן אויסקלייבן פֿון צווישן זיך אַ הויפּטאָנפֿירער אויף איין יאָר. זיי האָבן זיך געהאַלטן, פּונקט ווי די הערצאָגן, פֿאַרן העכסטן סוג מענשן פֿון געבאָרן אָן. דערפֿאַר רופֿט זיך אָן אַזאַ מין אָרדענונג אַ ר י ס ט אָ ק ר אַ ט י ע, ד. ה. די הערשאַפֿט פֿון די בעסטע, פֿון די איידל געבאָרענע.

די עשירות, וואָס איז אָנגעקומען די באַקכיאַדן, האָט אַרויסגערופֿן קנאה ביי אַלע אַנדערע סוחרים, וואָס האָבן ניט געהערט צו דער מיוחסדיגער משפּחה. אין כּעס זיינען אויך געווען די בעלי מלאכות אין קאָרינט: די וואַרשטאַטן מיט די שקלאַוון, וואָס זיינען געוואָרן געבראַכט פֿון אויסלאַנד, האָבן זיי אויסקאָנקורירט און אָפּגענומען ביי זיי די אַרבעט. אָטדי אומצופֿרידנקייט פֿון געמיינע מענשן האָט אויסגענוצט קיפּסעלאָס, וואָס נאָך זיין מוטער האָט ער געשטאַמט פֿון דער משפּוחה פֿון די באַקכיאַדן, נאָר די אַריסטאָקראַטיע האָט אים פֿון זיך אָפּגעטריבן, ווייל זיין פֿאָטער איז געווען ניט פֿון קיין מיוחסדיגער משפּחה. ער האָט באַוואָפֿנט דאָס פֿאָלק, איינינגע פֿון די באַקכיאַדן געלאָזט טויטן אַנדערע פֿאַרטריבן און צעטיילט צווישן זיינע אָנהענגער דאָס גאָלד, וואָס עס האָבן געהאַט אָנגעקליבן די פֿריהערדיגע האַרן פֿון שטאָט.

קיפּסעלאָס האָט רעגירט אומבאַגרעניצט, ווי אַ קיניג, אָבער ער האָט ניט אָנגענומען דעם טיטל קיניג, וואָס זיין באַטייט איז, אַז די ממשלה איז געהייליגט פֿון די געטער; ער האָט זיך אָנגערופֿן ט י ר אַ נ אָ ס, וואָס דער פּשט דערפֿון איז פּשוט „שטאַרקער מושל“. באַליבט ביים פֿאָלק, האָט ער איבערגעגעבן די ממשלה זיין זון פּעריאַנדער און איז רוהיג געשטאָרבן. פּעריאַנדער האָט שפּעטער געהאַט ביי די גריכן אַ שם פֿאַר אַ גרויסן מייסטער צו רעגירן איבער מענשן. די דאָזיגע קונסט זאָל אים האָבן אויסגעלערנט, לויט ווי מען פֿלעגט דערציילן, אַן אַנדער טיראַן, טראַסיבולאָס פֿון מילעט, וואָס ביי אים איז פּעריאַנדער איינמאָל געווען צו גאַסט. אַז עס איז ביי זיי געקומען צו רייד וועגן דעם, וויאַזוי מען דאַרף רעגירן, האָט טראַסיבולאָס אַוועקגעפֿירט זיין יונגן פֿריינט שפּאַצירן אין פֿעלד אַריין און האָט גענומען אַראָפּקלאַפּן מיט אַ שטעקן די זאַנגען, וואָס זיינען אַריבערגעוואַקסן העכער פֿון די איבעריגע. דאָס האָט געדאַרפֿט באַטייטן, אַז דער רעגירער דאַרף אַראָפּקלאַפּן די גדלות פֿון די גרויסע לייט און גלייך מאַכן אַלעמען אונטער זיין ממשלה.

די טיראַנען האָבן נאָך מער פֿאַרברייטערט דעם האַנדל פֿון קאָרינט. זיי האָבען געגומען בויען גרויסע שיפֿן מיט דריי ראַנדן רודערס (טריערעס), וואָס זיינען געגאַנגען גיך און האָבן ניט מורא געהאַט צו מאַכן ווייטע נסיעות איבערן אָפֿענעם ים. אַרום יאָר 600 איז קאָרינט אונטער פּערי־אַנדערס ממשלה געוואָרן די ערשטע האַנדלסשטאָט פֿון גריכנלאַנד.

די פֿאַרצייטיגע אָרדענונג אין אַטען. אין אַטיקע, וואָס געפֿינט זיך אין שכנות פֿון איסטמאָס, האָט די אַריסטאָקראַטיע, פּונקט ווי אין קאָרינט, מבטל געווען די קיניגליכע מאַכט און פֿלעגט אויסקלייבן פֿון צווישן זיך אַרכאָנטן, ד. ה. קריגסהויפּטלייט און שופֿטים. פֿאַר דער הויפּטגאָטהייט פֿון לאַנד האָט זיך גערעכנט די בתולה אַטענע, וואָס איר טעמפּל איז געשטאַנען אויפֿן אַקראָפּאָלים (אַ משופּעדיגן בערגל) אין די מויערן פֿונם אַלטן שלאָס. די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון אַטיקע האָט זיך אָנגערופֿן נאָך דער הויפּטשטאָט אַטענער.

אויף אַן אַנדער בערגל פֿון אַטען, דעם אַרעאָפּאַגאָס, וואָס איז געווען געהייליגט דעם קריגסגאָט, פֿלעגט זיך צונויפֿקלייבן נעבן באַרג־שפּאַלט, וואו עס האָבן געוואוינט די בלוטיגע נקמה־גייסטער, די שופֿטים אויף צו משפּטן פּראָצעסן וועגן מאָרד. דערביי האָבן זיי אָפּגעהיט אַלטע מנהגים. פֿאַר די שופֿטים פֿלעגן זיך שטעלן אויף צוויי שטיינער איינער קעגן אַנדערן דער באַשולדיגטער אין מאָרד און דער באַשולדיגער, דעם דערהרגעטנס נאָהענטסטער קרוב, וואָס איז מחויב נקמה צו נעמען פֿאַר אים. צווישן זיי פֿלעגט מען אַנידערלייגן אַ געשאָכטענעם קרבן, צעשניטן אויף דער העלפֿט, פֿאַר אַ סימן, אַז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן דער־קלערט קריג ביזן טויט. זיי פֿלעגן שווערן, אַז זיי זאָגן אמת, און רופֿן די שטראָף פֿון די געטער איינער אויפֿן אַנדערן. ווען די שופֿטים פּסקענען אָב, אַז דער מאָרד איז אָפּגעטאָן געוואָרן במזיד, דעמאָלט ווערט דער פֿאַרמשפּטער אַרויסגעגעבן די קרובים פֿונם דערהרגעטן, זיי זאָלן נעמען נקמה פֿון אים.

מהומות אין אַטען און סאָלאָנס געזעצן. פּונקט ווי אין קאָרינט, אַזוי האָט אויך אין אַטען דאָס פֿאָלק אָנגעהויבן זיך קלאָגן אויף דער רעגירונג פֿון דער אַריסטאָקראַטיע. מיוחסדיגע משפּחות האָבן זיך צע־טיילט: טייל האָבן זיך געפֿלייסט אַריבערציהען אויף זייער צד די דאָרפֿישע באַפֿעלקערונג, די וויינגערטנערס און אָליוונפֿלאַנצערס, אַנדערע ווידער — די בערגאייננוואוינער, די פֿישערס און בעלי־בתים פֿון שיפֿן. איינער פֿון די אַריסטאָקראַטן, קילאָן, אַ רייכער פֿערדהאָדעווער, וואָס האָט געהאַט

אַ שם אין גאַנץ גריכנלאַנד דורך זיין נצחון אין די אָלימפּישע שפּילן, האָט חשק געהאַט צו ווערן טיראַן פון אַטען און האָט פאַרכאַפּט דעם אַקראָפּאָליס. נאָר עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט מער שונאים, ווי גוטע פריינט: קילאָנס חיל האָט מען באַלעגערט אינם אַקראָפּאָליס און געצוואונגען זיך אונטערצוגעבן. האָבן די באַזיגטע געזוכט אַ באַהעלטעניש ביי די מזבחות פון די געטער, נאָר די מיוחסדיגע משפּחה פון די אַלקמעאָנידן, וואָס זיינען געווען קילאָנס גרעסטע שונאים, האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיי און זיי אויסגעהרגעט. פאַר אַזאַ חילול הקודש זיינען די אַלקמעאָנידן גופא פאַרשאָלטן געוואָרן און פאַרטריבן פון שטאָט.

בכדי אָפּצושטעלן די מהומות, האָט דאָס פאָלק אויסגעקליבן פאַר אַ פ אַ ר מ י ט ל ע ר סאָלאָנען, וואָס האָט געפירט זיין יחוס פון אַמאָליגע מלכים און וואָס אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ קלוגן און גערעכטן מאַן (אין יאָר 594 פאַר קר.).

סאָלאָן האָט צונויפגעשטעלט געזעצן, ד. ה. ער האָט פאַרשריבן די כללים, וואָס לויט זיי דאַרף זיך פירן דאָס פאָלק פון אַטען. ער האָט פאַרלאַנגט פון די מיוחסדיגע משפּחות, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אומזיניגן לוקסוס: ער האָט פאַרבאָטן צו מאַכן די פּראַכטפולע לוויות מיט מחנות געדונגענע קלאָגערינס, וואָס גייען נאָך דער טרומנע, פאַרבאָטן די רייכע דאַמען צו פירן נאָך זיך גרויסע סוויטעס דינסטן. זיינע געזעצן זיינען צוגעפּאַסט צו די השגות פון אַרבעטסמענשן; בעלי־מלאכות, פּויערים, שיפסלייט קאָנען ניט אויסשטעלן אויף רייכע ירושות; זייער חוב איז אויסצולערנען זייערע קינדער אַ נוציגע מלאכה; דעמאָלט האָבן זיי דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פון זייערע קינדער הילף אין דער עלטער. סאָלאָן האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, עס זאָלן ניט באַוועלט ווערן פּויערים פון אַטיקע, וואָס האָבן געפלאַנצט איילבירטן און וויינשטאָקן און האָבן געהאַלטן בינענגערטנער. היות ווי אין לאַנד איז געווען ווינציג וואַסער, האָט ער ערלויבט צו גראָבן ברונימער אויף אַזאַ מהלך פונאַנאַנד, אַז מען זאָל ניט איבערגראָבן דעם שכנס וואַסעררינע; אָרימע לייט האָבן געקראָגן דאָס רעכט צו באַנוצן דאָס וואַסער פון די מער פאַרמעגליכע.

סאָלאָנס געזעצן זיינען פאַרשריבן געוואָרן אויף פירקאַנטיגע הילצערנע סלופּעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט דרייען אויף שטאַנגען; מען האָט זיי אַרויסגעשטעלט אויפן הויפּטפּלאַץ, בכדי איטליכער זאָל קאָנען אַריינקוקן אין געזעץ און פאָדערן פאַר זיך אַ גערעכטן משפּט.

די טיראַנען און דער אָנהויב פֿון אַטענס ים־מאַכט. סאָלאָנס געזעצן האָבן ניט צופֿרידן געשטעלט די ברעגאייננוואוינער פֿון אַטיקע, וואָס האָבן געשטרעבט צו מאַכן ווייטע נסיעות איבערן ים, פּונקט ווי קאָרינט. דער אָנפֿירער פֿון די קריגערישע ים־לייט איז געוואָרן סאָלאָנס אַ קרוב פּייסיסטראַטאָס. אַרומגערינגעלט זיך מיט אַ וואַך, האָט ער פֿאַרכאַפּט דעם אַקראָפּאָלים און איז געוואָרן טיראַן פֿון אַטען.

פּייסיסטראַטאָס האָט זיך אָנגעשאַפֿט גאָלדגרובן אין טראַקיען און האָט פֿאַרנומען די פֿעסטונג סיגייאָן קעגנאיבער טראָיאַ ביים אַריינגאַנג אין העלעספּאָנט, בכדי צו האָבן אַן אייגענעם האַלטפּלאַץ ביים דורכפֿאָרן אין פּאָנטאָס אַריין. ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט פּאָליקראַטעסן דעם טיראַן פֿון אינזעל סאַמאָס, וואָס איז, פֿון זיין זייט, געווען באַפֿריינדעט מיטן עגיפּטישן פּרעה אַמאַזיס. אַטענישע שיפֿן האָבן אָנגעהויבן פֿאָרן צו די ברעגעס פֿון שוואַרצן ים און קיין עגיפּטן. מיט זייערע אויפֿטועון אויפֿן ים האָבן די אַטענער אַריבערגעשטייגט קאָרינט.

דער טיראַן האָט אויך פֿאַרשטאַנען איינצונעמען דאָס פֿאָלק דורך אינטערעסאַנטע שפּעקטאַקלען און מוזיקאַלישע אויספֿירונגען. אויף די גרויסע חגאות פֿלעגן ווערן איינגעלאַדן פֿון יאָניען זינגערס, וואָס פֿלעגן פֿאַר די אַטענער פֿאָרזינגען האָמערס געזאַנגען. בעת דעם יום טוב פֿון דיאָניסאָס, דעם שוצגאָט פֿון וויינגערטנעריי, פֿלעגט מען פֿאָרשטעלן דאָס אָנקומען פֿונם דאָזיגן גאָט פֿון מזרח־לאַנד: אין אַ לייכטענדיגער קליידונג פֿלעגט ער אַריינפֿאָרן אין שטאָט אויף אַ וואָגן, וואָס איז געווען אויס־געפּוצט ווי אַ שיף, און אַרומגערינגעלט פֿון זיינע פֿאַרמאַסקירטע באַלייטער, וואָס זיינען געלאָפֿן און געשפּרונגען אַרום אים אין ווילדע טענץ (רעשטן פֿון אָט־דעם יום־טוב זיינען פֿאַרבליבן אין אייראָפּע כמעט ביז אין דער נייסטער צייט; דאָס איז דער אַזוי אָנגערופֿענער קאַרנעוואַל, וואָס ווערט אָפּגעריכט פֿאַר דער קריסטליכער גרויסער פֿאַסטצייט סוף ווינטער; קאַרנעוואַל באַטייט אַ שיף אויף רעדער).

אונטערגאַנג פֿון דער טיראַניע און אָנהויב פֿון דער דעמאָ־קראַטיע אין אַטען. פּייסיסטראַטאָס האָט שטענדיג געהאַט הצלחה אין זיינע אונטערנעמונגען, אָבער נאָך זיין טויט האָט די טיראַניע אין אַטען זיך אַ שאָקל געטאָן. פּייסיסטראַטאָסעס פֿאַרבינדעטע, פּאָליקראַטעס פֿון סאַמאָס און דער עגיפּטער פּרעה, זיינען אומגעקומען אין קאַמף מיטן שרעקליכן שונא, מיט די פּערסער, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט פֿון מזרח־זייט. ס׳ האָבן אויך אויפֿגעהויבן די קעפּ די שונאים פֿון די אַטענישע

טיראַנען אין גריכנלאַנד גופא. די אַלקמעאָנידן, וואָס האָבן חשק געהאַט זיך אומצוקערן אַהיים, האָבן געגעבן רייכע מתנות דעם טעמפל אין דעלפי און געהאָלפן אים פונדאַסנייַ אויפבויען נאָך אַ שרפה. דערפאַר האָט דער אָראַקל פון דעלפי געגעבן ספּאַרטאַ אַן עצה צו פאַרטרייבן פון אַטען די טיראַנען.

די ספּאַרטאַנער זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם איסטמאָס און האָבן געצוואונגען היפּיאַסן דעם זון פון פּייסיסטראַטאָס צו אַנטלויפן צו די פּערסער. קיין אַטען האָבן זיך אומגעקערט די מיוחסדיגע משפחות, וואָס די טיראַנען האָבן זיי געהאַט פאַרטריבן. צווישן זיי איז ווידער אַרויס אַ מחלוקת. אייסאַגאָראַס האָט געוואָלט ווידער אויפריכטן די אַריסטאָקראַטיע, קלייסטענעס פון דער משפחה פון די אַלקמעאָנידן האָט זיך געשטעלט אין גאַנצן אויפן צד פון פאָלק.

קלייסטענעס האָט פאָרגעלייגט צו דערקלערן די קרובים פונם טיראַן פאַר שונאים פון פאָלק און פאַרטרייבן זיי פון לאַנד. בכדי די געמיינע מענשן זאָלן ניט מורא האָבן אָנרופן מיטן נאָמען וועמען מען באַדאַרף, איז געוואָרן באַשטימט צו שרייבן די נעמען אויף ליימענע טאָוועלאַך (אָסטראַקאָן, דערפון נעמט זיך דאָס וואָרט אָ ס ט ר אַ ק י ז ם, ד. ה. געהיימע אָפּשטימונג). דערנאָך האָט קלייסטענעס פאָרגעלייגט דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אַטיקע אויסצוקלייבן פאַרטרעטער אין גרויסן ר אָ ט פ ו ן די פ י נ ף ה ו נ ד ע ר ט. די אַרכאָנטן, קאָמאַנדירן, שופטים און קאַסירן האָבן געמוזט אָפּגעבן אַ דין וחשבון איבער זייערע מעשים דעמדאָזיגן ראָט. אין וויכטיקע פאַלן פלעגט ווערן צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע בירגער (ע ק ל ע ס י אַ), וואו איטליכער האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן זיין וואָרט.

דער דאָזיגער נייער סדר אין אַטען איז שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן די ספּאַרטאַנער. זיי האָבן נאָך אַמאָל אַריינגעפירט אַ חיל קיין אַטיקע, פאַרטריבן קלייסטענעסן און איבערגעגעבן די ממשלה אייסאַגאָראַסן. נאָר דאָס פאָלק האָט באַלעגערט אייסאַגאָראַסן אינאיינעם מיט די ספּאַרטאַנער אין אַקראָפּאָליס און געפאָדערט, זיי זאָלן אַוועקגיין. אַזוי האָט קלייסטענעס זיך ווידער אומגעקערט (אין יאָר 506).

אַ גרויסער שינוי איז פאָרגעקומען אין אַטען זינט קילאָנס צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן אַדל און צווישן פאָלק. סאָלאָן האָט דער ערשטער אָנגעהויבן העלפן דער פאָלקסמאַסע; נאָר אין זיין צייט האָבן די מיוחסדיגע משפחות נאָך איינגעהיט די ממשלה אין זייערע הענט. פּייסיסטראַטאָס האָט דערוווּיטערט די אַריסטאָקראַטיע פון

דער רעגירונג, אונטערגעהאַלטן די אונטערנעמעווידיגקייט פֿון פֿאָלק, אָבער צו דער פֿאַרוואַלטונג האָט ער די געמיינע מענשן נאָך ניט צוגעלאָזט. קלייסטענעס האָט צו דעם, וואָס זיינע פֿאָרגייער האָבען אויפֿגעטאָן, צו־געגעבן אַ נייע וויכטיגע תקנה: ער האָט געפּרובט איבערצוגעבן אין האַנט פֿון פֿאָלק די גאַנצע ממשלה. אַזאַ רעגירונג האָט געקראָגן אין גריכנ־לאַנד דעם נאָמען דעמאָקראַטיע, דאָס איז טייטש פֿאָלקסהערשאַפֿט (פֿון דעמאָס — פֿאָלק, קראַטיאַ — מאַכט, הערשאַפֿט).

די צעבּרעקעלטקייט פֿון גריכנלאַנד. אינערגעץ האָבן די גריכן ניט געבילדעט קיין גרויסע מלוכה; אין איטליכער, אַפֿילו אין דער קלענסטער פּראָווינץ אָדער שטאָט איז די באַפֿעלקערונג געווען זעלבּ־שטענדיג, ניט אָפּהענגיג פֿון די איבעריגע שטעט, און האָט פֿאָרגעשטעלט אַן אייגענע באַזונדערע שטאָטגעמיינדע. אין אַ סך גריכישע גע־מיינדעס איז, פּונקט ווי אין קאָרינט און אַטען, פֿאָרגעקומען אַ קאַמף צווישן אַדל און פֿאָלק. ערטערווייז פֿלעגט דאָס פֿאָלק פֿאַרטרייבן די אַריסטאָקראַטיע, טויטן די מיוחסדיגע מענשן, אָפּנעמען זייער אייגנס. ערטערווייז פֿלעגן האָבן די אויבערהאַנט די מיוחסים; פֿלעגן זיי זיך פֿאַר־בינדן צווישן זיך מיט אַזאַ שבועה: „איך שווער צו זיין אַ שונא פֿון פֿאָלק און אָנטון דעם שאָדן, וויפֿיל ס'וועלן קלעקן מיינע כחות“. די פֿאַרטריבענע פֿלעגן אַוועקגיין אין אַ פֿיינדליכער געמיינדע און אונטער־העצן זי אָנצופֿאַלן אויף דער געבוירנשטאָט.

חוץ אַלעמען, פֿלעגן צווישן די שכנישע געמיינדעס כמעט אָהן אויפֿהער פֿאָרקומען צוזאַמענשטויסונגען: מען פֿלעגט מלחמה האַלטן איבער אַ שטיקל ערד, איבער אַ לאָנקע, איבערן רעכט צו מאַכן אָפּ־פֿליסן דאָס וואַסער פֿון אַ גרענעצטייכל. די אויפֿגעבראַכטקייט פֿלעגט טיילמאָלס דערגיין צו דער העכסטער מדרגה: די בירגער פֿון אַרגאָס זיינען אָנגעפֿאַלן אויף דער שכנישער מיקען, האָבן איינגעבראָכן די אַלטע מויערן פֿון שטאָט (פֿאַרבליבן איז נאָר דער „לייבנטויער“), אויסגעהרגעט די גאַנצע מאַנסבילשע באַפֿעלקערונג, די פֿרויען און קינדער פֿאַרקויפֿט אין שקלאַוועריי.

די אַלגעמיינע איינריכטונגען פֿון די גריכן. האָבן אַפֿילו די קליינע געמיינדעס, די שטעט און דערפֿער, געפֿירט מלחמות צווישן אַנאַנד, פֿאָרט האָבן די גריכן שטענדיג געפֿילט, אַז זיי געהערן אַלע צו איין פֿאָלק. זיי האָבן אַלע געקאָנט פֿאַרשטיין איינע די אַנדערע, ווייל זיי האָבן גערעדט אויף איין שפּראַך. איטליכע שטאָט האָט געדינט צו

איר אייגענעם שוצגאָט; דאָך האָבן די גריכן אויך געגלויבט, אַז עס זיינען פֿאַראַן געטער, וואָס שטייען איבער גאַנץ גריכנלאַנד — דאָס זיינען די אַזוי אָנגערופֿענע „אָלימפּישע“ געטער. צו די חגאות לכבוד דידאָזיגע געטער פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן גריכן פֿון אַלע עקן און קאַנטן, און דעמאָלט פֿלעגן זיי אויף אַ צייט מוזן אָפּוועקוואַרפֿן אַלע מלחמות.

„דעם פֿאָטער פֿון די געטער און מענשן“, דעם אָלימפּישן זעווס, איז אין דרום־גריכנלאַנד געווען געהייליגט די געגנט אָ ל י מ פּ י אַ, וואו עס פֿלעגט אָפּגעריכט ווערן איין מאָל אין פֿיר יאָר אום זומער אַ גרויסע חגא. עס פֿלעגן געשיקט ווערן באַזונדערע שלוחים, וואָס פֿלעגן דערגייין ביז צו די וווייטסטע גריכישע קאָלאָניעס און ישובים ביים שוואַרצן ים, אין עגיפּטן, אין גאַליען. זיי פֿלעגן מכריז זיין דעם הייליגן שלום און אָנזאָגן אַ קללה אויף איטליכן, ווער עס וועט אָנהייבן אַ מלחמה אין דער צייט פֿון יום־טוב אָדער באַליידיגן אין וועג איינעם, וואָס פֿאָרט צום יום־טוב.

צעהנדליגער טויזנטער פֿרומע רייזנדער און נייגעריגע פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן אין אָלימפּיאַ. עס פֿלעגן קומען צופֿאָרן רייכע לייט און אויסשטעלן געצעלטן ביים הייליגן וועלדל. אָרימע לייט פֿלעגן קומען צו־פֿוס, אָפּטמאָלס פֿון מרחקים, און נעכטיגן אונטערן פֿרייען הימל. הענדלערס פֿלעגן דאָ מאַכן איריד. איטליכע שטאָט פֿלעגט שיקן באַזונדערע ערן־שלוחים. אויפֿן גרויסן אַלטאַר פֿלעגט איטליכער געקומענער ברענגען אַ קרבן, וויפֿיל איינער האָט געקאָנט, אָנגעהויבן פֿון 1000 אָקסן ביז אַ קליין בעקל, אַ הויפֿן קערנער, אַ שאָל וויין וכדומה. די קרבן־ברענגער פֿלעגן צוטרעטן צום מזבח אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער באַצוימט מיט גאָלד און אין רויטע בענדער.

דער הויפּטטייל פֿונם יום־טוב זיינען געווען קריג־ און גימנאַסטיק־שפּילן, וואָס, לויט ווי די מסורה איז געגאַנגען, האָט זיי איינגעשטעלט דער העלד הערקלעס, זעווס׳ זון. צוליב דעם איז געווען באַשטימט אַ גרויסע אָוואַלע אַרענע, וואָס אַרום איר האָבן זיך געקאָנט אויסזעצן אויף לאַנגע שורות בענק אויסגעשטעלט אין טרעפּ איינע איבער די אַנדערע ביז 40 000 מאַן. די וועטשפּילן זיינען געווען דיזעלביגע, וואָס זיינען געשטעלט געווען נאָך פֿאַרצייטן אין דער פֿאַרהיסטאָרישער תקופֿה: וועט־פֿאָר פֿון פֿירגעשפּאַנען, וועטגעלאַף פֿון מענשן נאַקעטע און מיט באַ־וואָפֿענונג, ראַנגלעריי, שפּיזוואַרפֿן. די געבוירנשטאָט פֿון דעם זיגער אויף די שפּילן פֿלעגט זיך זעהר גרייסן מיטן נצחון, פֿלעגט אים אָפּגעבן גרויס כבוד, לאָזן מאַכן זיין סטאַטוע אויף אַוועקצושטעלן זי אין הייליגן וועלדל פֿון אָלימפּיאַ.

פֿאַר דער פּובליקע אין אָלימפּיאַ פֿלעגן אויך אַרויסטרעטן מענשן, וואָס האָבן געוואָלט מאַכן זיך שם אין גאַנץ גריכנלאַנד, לייענען שירים, האַלטן פּאַטריאָטישע רעדעס, דערציילן זייערע וויסנשאַפֿטליכע אויפֿטוען.

געווען נאָך אַן איינריכטונג, וואָס האָט דערנעהנטערט צווישן אַנאַנד אַלע גריכן — דאָס איז דער דעלפֿישער טעמפּל און דער אָראַקל פֿונם גאָט אַפּאָלאָ.

אַפּאָלאָ האָט זיך גערעכנט פֿאַר אַ היילער פֿון קרענק, וואָס לינדערט דעם מענשנס ווייטאָגן. ער טוט אויף אַ גרויסע גבורה — ער הרגעט דעם שרעקליכן לינדנוואָרם, וואָס אין אים זיצט גאָר דאָס בייז פֿון דער וועלט. אַפּאָלאָ לערנט די מענשן איידעלע געדאַנקען. אַלץ, וואָס ברענגט צום מענשן געהויבענע געפֿילן, געהער צו אַפּאָלאָ, בפרט מוזיק און פּאָעזיע. פֿאַראַן ערטער אויף דער ערד, וואו אַפּאָלאָ איז באַזונדערס נאָהענט צו מענשן, פֿאַראַן וואונדערקוואַלן, וואָס גיבן אַ סודותדיגע קראַפֿט. פֿאַר אַזאַ אָרט האָבן זיך גערעכנט די ווילדע בערגשפּאַלטן ביים פֿוס פֿון בארג פּאַרנאַסאָס, אין מיטלגריכנלאַנד, וואו עס איז געלעגן דעלפֿי.

קיין דעלפֿי פֿלעגן שטענדיג גיין אַ סך מענשן, בכדי אויסצובעטן כפרה און לייטערונג פֿון דער נשמה ביים גאָט אַפּאָלאָ, צו באַקומען היילונג פֿון קראַנקהייטן אָדער פֿרעגן ביי אים אַן עצה און אָנזאָג אויף דער צוקונפֿט. פֿאַר אַ דאַנק פֿלעגט מען ברענגען דעם גאָט טייערע מתנות, קינסטלעריש געאַרבעטע זאַכן פֿון גאָלד און זילבער, און אין דעלפֿי האָט זיך אָנגעקליבן אַ רייכער אוצר פֿון עשירות. פֿרעגן פֿלעגט מען וועגן די פֿאַרשיידנסטע זאַכן: צי וועט אַ נײַ געשעפֿט טראָגן ריוח, צי זאָל מען זיך לאָזן אין אַ נסיעה, צי זאָל מען שלום מאַכן מיט אַ שונא, ווי אַזוי זאָל מען האָדעווען אַ קינד; מען פֿלעגט אויך פֿרעגן אין נאָמען פֿונם שטאָטישן ראָט אָדער פֿון דער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג וועגן די ענינים, וואָס זיינען נוגע אַ גאַנצע שטאָט אָדער געגנט.

אויף די דאָזיגע פֿראַגן פֿלעגן ענטפֿערן פֿונם גאָטס נאָמען באַזונדערע כהנים־וואָרזאָגערס. אין וויכטיגערע פֿאַלן פֿלעגן זיי, לויט אַ פֿאַרצייטיגן מנהג, פּרובן טרעפֿן לויט די רייד פֿון אַ מענשן, וואָס איז געווען אַריינגעבראַכט אין אַ צושטאַנד פֿון באַטויבונג. מען פֿלעגט אַרויסרופֿן אַ בתולה אַ וואָרזאָגערין, געהייליגט דעם גאָט, וואָס מען האָט זי גערופֿן די פּ י ט י אַ; זי פֿלעגט זיך אַנידערזעצן ביי אַ שפּאַלט פֿון באַרג, פֿונוואַנען עס איז אַרויסגעגאַנגען אַ שטיקנדיגער גאַז; דערפֿון פֿלעגט זי באַלד ווערן באַטויבט און אָנהויבן מורמלען עפּעס אומפֿאַרשטענדליכע ווערטער; אַן אויסטייטשער, וואָס איז געשטאַנען דערביי, פֿלעגט די ווערטער צונויפֿבינדן אין פֿערזן און איבערגעבן די פֿרעגערס.

ניט געקוקט אויפֿן דאָזיגן גראָבן מנהג, זייַנען די כהנים פֿון דעלפֿי געווען קלוגע און אויסגערעכנטע מענשן. זיי פֿלעגן זיך סטאַרען צו דער־גיין די לאַגע אין יענער שטאָט אָדער אין יענער משפּחה, פֿונוואַנען עס פֿלעגן אָנקומען די אָנפֿראַגעס; טיילמאָל פֿלעגן זיי אויסמיידן צו געבן אַ גלייַכן ענטפֿער און פֿלעגן אַזוי ענטפֿערן, אַז מען האָט עס געקאָנט טייטשן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים (אַזוי, אַ שטייגער, איז געווען דער ענטפֿער בעת די מעסעניִשע מלחמות, ווי עס איז אויבן אָנגעוויזן).

דער אָנהויב פֿון דער פּערסישער גרויס־מלוכה. בעת זייערע ווייטע האַנדלס־נסיעות און וואַנדערונגען פֿלעגן די גריכן דערגיין אויך ביז די מזרח־לענדער, ביז פֿאָדעראַזיע און צפֿון־אַפֿריקע. זיי האָבן געדינט פֿאַר זעלנער אינם חיל פֿון אשור, זיי פֿלעגן זיך פֿאַרדינגען ביי די פּרעהס פֿון עגיפּטן, זיי האָבן געפֿירט מסחר מיט די מושלים פֿון לידיען. אָנגעהויבן פֿון יאָר 550 איז די לאַגע פֿון די גריכן אין פֿאָדעראַזיע איבערגעביטן געוואָרן צום שלעכטן. עס איז ארויסגעטראָטן אַ ניי קריגעריש פֿאָלק, די פּ ע ר ס ע ר, וואָס האָט דורך זיין קראַפֿט אונטער־טעניג געמאַכט אַלע פֿריהערדיגע באַצווינגער.

די פּערסער האָבן געהערט צו דער גרויסער פֿעלקער־משפּחה פֿון די אַריער. די אַריער (דאָס וואָרט באַטייט אויף זייער אַמאָליגער שפּראַך די „איידל־געבוירענע") האָבן צוערשט ארומגעוואַנדערט איבער די הויכלענדער פֿון מיטלאַזיע. דערנאָך האָבן זיי זיך צעטיילט אויף צוויי פֿעלקער־גרופּעס. איינע האָבן זיך אראָפּגעלאָזט קיין דרום אינם טאָל פֿון אינדוס: פֿון זיי שטאַמען אָפּ די איצטיגע א י נ ד ע ר. אַנדערע, צווישן זיי די מדיים און פּערסער (פּרסים), האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין מערב און האָבן פֿאַרנומען די טאָלן און בערגזייטן פֿון איראַן; די איצטיגע פּערסער וואוינען ביזן היינטיגן טאָג אין דיזעלביגע ערטער, וואו עס האָבן זיך באַזעצט זייערע פֿאָרעלטערן. לויט דער שפּראַך זייַנען די אַריער אָפּ־געשיידט פֿון זייערע שכנים אין אַזיע, די סעמיטן, זיי האָבן גערעדט אַ שפּראַך, וואָס איז נאָהענט צו די שפּראַכן פֿון די אייראָפּעאישע פֿעלקער: די גריכן, רוימער, סלאַוון, גערמאַנען. דערפֿאַר טאַקע ווערן אויך אַלע די דאָזיגע פֿעלקער, אָנגעהויבן פֿון אינדאָסטאַן אין מזרח־זייט און ביזן אַטלאַנטישן אָקעאַן אין מערב־זייט, אָנגערופֿן אינדאָ־אייראָפּעער.

פֿון די אַריער, וואָס האָבן באַזעצט איראַן, זייַנען צוערשט געווען די שטאַרקסטע די מדיים (מעדיער): אין יאָר 607 האָבן זיי חרוב גע־מאַכט די הויפּטשטאָט פֿון דער גרויסער אשורישער מלוכה נינוה און

פֿאַרנומען אַלע רייכטימער פֿון די אַשורים. אין 50 יאָר ארום האבן געקראָגן די אויבערהאַנט איבער די מדיים די פערסער. זייער אָנפירער כּורוש, וואָס די יידן רופן אים כּורֶש און די גריכן קיראָס, האָט אונטערטעניג געמאַכט גאַנץ איראַן און מיטן פֿאראייניגטן חיל פֿון פרס און מדי איז ער אַוועק אַנטקעגן דער אַלטער הויפטשטאָט בבל. די יידן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין יענער צייט אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביי די בבלים, האָבן זיך געפֿרייט אויף דער מפלה פֿון זייערע שונאים, און די נביאים צווישן זיי האָבן נביאות געזאָגט, אַז כורש וועט צעשטערן די מלוכה פֿון די כּשדים. אין תנ"ך ווערט דערציילט אַ מסורה, אַז דער נביא דניאל זאָל האָבן פֿאראויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פֿונם קיניגרייך בבל פֿארן לעצטן בבלישן קיניג אין די אויגן לויט די פֿייערדיגע ווערטער: „מְנֵי מְנֵי, תקיל וּפַרסין" (דאָס איז טייטש: „געציילט, געוואויגן און גע־מאָסטן"), וואָס האָבן זיך איינמאָל באַוויזן אויפן וואַנט פֿון זאַל, וואו דער לעצטער קיניג פֿון בבל (אין תנ"ך הייסט ער בלשצר; אין דער אמתן האָט ער געהייסן נבונאַהיד, אדער לויט דער גריכישער אויסשפּראַך נאַבאָניד) האָט אָפּגעריכט אַ מאָלצייט. און כּורש האָט טאַקע צעשטערט די ממשלה פֿון די כּשדים, צוגענומען די לענדער סיריען, פֿעניקיען און פּאַלעסטינע און געמאַכט בבל פֿאַר דער הויפטשטאָט פֿון דער גרויסער פערסישער מלוכה (אין יאָר 539). זיין טיטל פֿלעגט כּורש שרייבן לויטן פֿאַרצייטיגן בבלישן מנהג: „איך כורש דער קיניג פֿון פֿעלקער, דער גרויסער קיניג, דער מעכטיגער קיניג, דער קיניג פֿון בבל, דער קיניג פֿון די פֿיר זייטן פֿון דער ערד".

וויטער האָבן די פערסער זיך געלאָזט פֿירן מלחמה מיטן קיניגרייך לידיען אין קליינאַזיע, וואָס איז געווען רייך מיט מעטאַלן. כורש האָט איינגענומען די הויפטשטאָט סאַרדעס, גענומען געפֿאַנגען דעם קיניג קרעזוס, וואָס האָט געלעבט בשלום מיט די גריכן (אויבן ז. 91) און אונטערטעניג געמאַכט די גריכישע שטעט ביים ברעג פֿון עגייאישן ים. אין מילעט און אין אַנדערע גריכישע געמיינדעס האָבן די פערסער מבטל געווען די רעגירונג פֿון דער אַריסטאָקראַטיע און אוועקגעזעצט אומעטום טיראַנען, וואָס זיי זיינען געווען ערב פֿאַר דער אונטערטעניגקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג.

כורשס זון כּנבוזו אָדער קאַמביזעס האָט זיך געלאָזט גיין קעגן עגיפּטן. די עגיפּטער האָבן שוין לאַנג ניט געהאַט קיין אייגענעם חיל; באַשיצט האָבן זיי זיך מיט די כחות פֿון געדונגענע גריכישע זעלנער. איינער פֿון די גריכישע קאָמאַנדירן, פֿאַנעס, האָט געפֿעלשט אינם פרעה,

געוויזן די פערסער דעם וועג דורכן טרוקענעם מדבר צווישן אַזיע און עגיפּטן און האָט געגעבן זיי אַן עצה צו שליסן א בונד מיט די סטעפּן־אַראַבער, וואָס פלעגן צושטעלן וואַסער פאַרן פערסישן חיל. קאַמביזעס האָט צעקלאַפּט דעם פרעהס חיל און איז אריינגעטראָטן אין מעמפיס. אזוי האָבן די פערסער פאַרכאַפּט דעם גאַנצן פרוכפעריגן נילוסטאָל ביז די וואַסערשוועלן.

דער סדר פון דער פערסישער מלוכה. דער דריטער פערסישער קיניג ד ר י ו ש, אַ בן־דור פון קליסטענעס, האָט באַקומען אין זיין רשות אַ מלוכה, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פון מדבר סאַהאַראַ ביז אינדיען און פונם שוואַרצן און קאַספּישן ים ביזן אַראַבישן און פערסישן אויסגוס. דער קיניג האָט געגלויבט, אַז „אהוראַמאַזדאַ (הורמיז), דער העכסטער גאָט, האָט אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דער גאַנצער גרויסער ערד, איבער אַסך לענדער און לשונות, איבער בערג און טאָלן אויף דער און אויף יענער זייט מדבר“.

אַזאַ גרויסע מלוכה איז ביז אהער נאָך ניט געווען. זי איז געווען גלייך כמעט אַ העלפט פון אייראָפּע און אַסך מאָל גרעסער פאַר גריכנ־לאַנד. די פערסער פלעגן אָנקלייבן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון עגיפּטן, בבל, סיריען און אַנדערע מדינות צינז אין סחורות און געלט. פון אַפריקע פלעגט מען שיקן צום קיניגליכן הויף קלעצער פון שוואַרצן האָלץ און העלפאַנדביין, פון די אַראַבער פלעגן אָנקומען אלע יאָר 1000 ככר (טאַלאַנטן) ווייראַך, פון קליינאזיען פלעגט מען שיקן ווייסע פערד, פון דאָלכים (דער איצטיגער גרוזיען) יונגע שקלאַפן און שקלאַפינס.

די רעליגיע פון די פערסער האָט פאַרחידושט די גריכן דורך אירע באַזונדערהייטן. דער גריכישער היסטאָריקער העראָדאָט, וואָס האָט ארומגערייזט אין לאַנד פון די פערסער, שרייבט: „זיי האַלטן ניט, אזוי־ווי די גריכן, די געטער פאַר ענליך צו מענשן; זיי זיינען מתפּלל צום העכסטן גאָט אויף שפּיצן בערג און קוקן דערביי אויפן גאַנצן הימלס־געוועלב: דאָס גופא איז פאַר זיי דער גאָט; ווען זיי ברענגען קרבנות, איז ניטאָ ניט קיין פייער, ניט קיין גיסונגען (נסכים), ניט קיין מוזיק, ניט קיין בלומענקרענץ, ניט זיי שיטן קיין הייליגע קערנער“. אין דער פּשוטער און געהויבענער פאָרשטעלונג וועגן דער גאָטהייט זיינען די פערסער זיך צונויפגעגאַנגען מיט די יידן. דאָס קאָן זיין איינע פון די סיבות, פאַרוואָס כורש האָט באַפרייט די יידן פון גלות־בבל און אָפּגעגעבן זיי די הייליגע כלים, וואָס די כשדים האָבן אוועקגערויבט פון בית־המקדש. פאַרקערט

מיטן גרויבן פֿון די עגיפּטער האָבן די פערסער ניט געלעבט בשלום. קאַמביזעס האָט באַפֿוילן צו פֿאַרברענען די מומיע פֿונם קיניג אַמאַזיס, וואָס איז געשטאָרבן קורץ פֿאַרן אָנקומען פֿון די פערסער, און האָט מיט די אייגענע הענט דערקוילעט דעם הייליגן אָקס אַפּיס אין מעמפֿיס. דערפֿאַר האָט מען אויך אין עגיפּטן די פערסער פֿיינט געהאַט, און כסדר זיינען קענן זיי דאָרט אויפֿגעשטאַנען מרידות.

אין דער פֿאַרוואַלטונג האָבן די פערסער געהאַלטן יענע מנהגים, וואָס עס ווענדן אָן נאָמאַדן, ווען זיי פֿאַרנעמען גרויסע לענדער פֿון ערד־אַרבעטער. דריוש האָט איינגעטיילט די גאַנצע מלוכה אין 20 גרויסע מדינות. אין איטליכער מדינה האָט דער קיניג געשיקט זיינעם אַ פֿאָרשטייער, דעם סאַטראַפּ, וואָס צו אים האָט געהערט די גאַנצע מאַכט, און ער איז געווען דער בעל־הבית איבער לעבן און טויט פֿון די אונטערטאַנען. ביים סאַטראַפּ האָט זיך געפֿונען אַחיל און אונטערגעגעבענע באַאַמטע. צו זאָרגן וועגן דעם אינעווייניגסטן וואוילשטאַנד און אָרדענונג אין די איינציגע שטעט און דערפֿער האָבן געהאַט די עלטסטע און די כהנים. אויף איבערצוגעבן די סאַטראַפּן דעם קיניגס באַפֿעלן און אויף איבערצושיקן דעם קיניג באַריכטן איז געווען איינגעשטעלט אַ באַזונדערע פּאָסט, וואָס איז געפֿאָרן איבער גרויסע שליאַכן, וואָס האָבן פֿאַרבונדן די גרעניצלענדער פֿון דער מלוכה מיטן צענטער. דער הויפּטליכער „קיניגסוועג‟ (דרך־המלך) איז געגאַנגען פֿון ש ו ש ן (אין די בערג אין מזרח־זייט פֿון בבל) איבער דעם חידקל און פרת ביז ס אַ ר ד ע ס, דער הויפּטשטאָט פֿון לידיען, ניט ווייט פֿון מילעט. פּריוואַטע מענשן האָבן ניט געטאָרט פֿאָרן אויף דעם וועג; איבער דעם פֿלעגן רייטן נאָר דעם קיניגס קוריערן, וואָס זיי פֿלעגן בייטן די פֿערד אויף די סטאַנציעס אונטערוועגס אָדער איבערגעבן די געשריפֿטס פֿון האַנט צו האַנט. היות ווי דער קיניג האָט ניט געטרויט די סאַטראַפּן און שטענדיג מורא געהאַט פֿאַר אַ בגידה פֿון זייער זייט, דעריבער האָט אויך די פּאָסט געדינט אויף אַכטונג צו געבן איבער די קיניגליכע פֿאַרוואַלטערס. טיילמאָלס פֿלעגט אין אַ פּראָווינץ פּלוצים קומען אָנצופֿאָרן אַ וויכטיגער שר, וואָס פֿלעגט הייסן „דעם קיניגס אויג‟, אויף צו משפּטן דעם סאַטראַפּ. אָפֿטמאָלס פֿלעגט מען דעם פֿאַרוואַלטער, מחמת אַ מסירה, אַרויסרופֿן פּלוצים צום הויף, אַריינזעצן אין תפיסה אָדער באַשטראָפֿן מיט טויט.

די פערסישע מלכים האָבן אָנגענומען די מנהגים פֿונם בבלישן און עגיפּטישן הויף, איינגעפֿירט גרויסאַרטיגע צערעמאָניעס, אַ סך שרים מיט הויכע טיטלען און אַ גרויסע סוויטע. צוגלייך האָבן זיי ווייטער געפֿירט

דאָס וואַנדערלעבן פֿון אַמאָל: דער גאַנצער הויף פֿלעגט אַרומפֿאָרן פֿון שושן קיין בבל (אויף ווינטער), פֿון בבל אין דער הויך געלעגענער עקבאַטאַנאַ (אַחמתא) אויף זומער. ביי אַלע גרויסע הוצאות האָט דער קיניג ניט געקאָנט פֿאַרלעבן די רייכטימער, וואָס ער האָט געקראָגן פֿון זיין גרויסער מלוכה. דאָס גאָלד אין מטבעות, כלים און צירונג, וואָס מען פֿלעגט צונויפֿפֿירן פֿון אַלע זייטן, האָט ער געהייסן צונויפֿשמעלצן און אַריינגיסן אין גרויסע ליימענע טעפּ; די טעפּ פֿלעגט מען דערנאָך צעברעכן און די קיילאכיגע גאָלדענע גאָסשטיקער פֿלעגט מען אַוועקשטעלן אין דעם קיניגס אוצרות. ווען מען פֿלעגט דאַרפֿן מאַכן אַ הוצאה, פֿלעגט דער קיניג הייסן נעמען גאָלד, וויפֿיל מען דאַרף, פֿונם אוצר.

דער „גרויסער קיניג“, ווי די גריכן פֿלעגן אים רופֿן, האָט געהאַט אַ גרויסע מיליטערמאַכט. רייטער און בויגנשיסערס פֿלעגן צושטעלן די פּערסער, מדיים און אַנדערע קריגערישע איינוואוינער פֿון איראַן. אַ גוטן פֿלאָט האָבן צוגעשטעלט די פֿעניקיער, די קאָנקורענטן פֿון די גריכן אינם האַנדל אויפֿן מיטללענדישן ים. נאָר אויך די גריכן פֿון די קליינאַזיִשע שטעט האָבן געמוזט דינען דעם קיניג. בעת דריוש האָט גענומען פֿירן די מלחמה קעגן די סקיטן און געלאָזט זיך גיין פֿון קליינאַזיִע איבערן באָספּאָרוס, דעם צפֿונית־מזרחית־ווינקל פֿון באַלקאַנהאַלבאינזל און אונטערשטן דאָנוי אין די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים, האָט ער גענומען מיט זיך היסטיאַיאָסן, דעם טיראַן פֿון דער שטאָט מילעט, און דעם אַטענער מילטיאַדעס, וואָס איז געווען אַ פֿירשט אין די לענדער, וואָס פּייסיסטראַטאָס האָט געהאַט פֿאַרנומען ביים העלעספּאָנט. די גריכן האָבן געהאַט די עובדא צו היטן דעם בריק איבערן דאָנוי, און דריוש האָט זיך געלאָזט גיין צו די לאַגערן פֿון די סקיטן. מילטיאַדעס האָט פֿאָרגעלייגט צו צעברעכן דעם בריק און אָפּשניידן די פּערסער דעם וועג אויף צוריק, נאָר היסטיאַיאָס איז געווען קעגן דעם און האָט אַרויסגעראַטעוועט דריושן און זיין חיל. מילטיאַדעס איז דערנאָך אַוועקגעפֿאָרן קיין אַטען.

דער אָנהויב פֿון די גריכיש־פּערסישע מלחמות אין יאָר 500.

די גריכן האָבן בכלל ניט גערן אַריבערגעטראָגן די הערשאַפֿט פֿונם פּערסישן קיניג. באַלד נאָך דער מלחמה מיט די סקיטן זיינען די יאָנישע שטעט אויפֿגעשטאַנען און האָבן געבעטן הילף ביי זייערע פֿאָלקסברידער אין גריכנלאַנד. די ספּאַרטאַנער האָבן זיי ניט געענטפֿערט, די אַטענער האָבן געשיקט אַ ביסל הילף. דריוש האָט געשיקט דעם פֿעניקישן פֿלאָט

און דערשטיקט דעם אויפשטאַנד; די פּערסער האָבן איינגענומען מילעט און פאַרברענט די שטאָט. מען דערציילט, אַז דער קיניג איז געווען שטאַרק אין כעס אויף די אַטענער; ער זאָל האָבן ארויפגעשאָסן אַ פייל צום הימל און אויסגערופן: „גאָט, העלף מיר נעמען נקמה פון זיי!“ באַלד זיינען די פּערסער אריבער דעם העלעספּאָנט, האָבן איינגענומען טראַקיען און מאַקעדאָניען, ד. ה. דעם גאַנצן צפון־ברעג פון עגייאישן ים הארט ביזן באַרג אָלימפּ, אויך די אינזלען, וואָס ליגן אין מיטן ים, און האָבן אפילו פאַרכאַפּט אַ ווינקל פונם אינזל עוובייאַ, גאָר נאָהענט ביי אַטען. פון אָט די נייע לענדער האָט דריוש געבילדעט די איין און צוואַנציגסטע סאַטראַפּיע און האָט גענומען גרייטן זיך צו אַ מלחמה מיט יענע אייראָפּעאישע גריכן, וואָס זיינען נאָך געבליבן זעלבשטענדיג.

צוערשט האָט ער געשיקט אַ גרויסן פלאָט פון העלעספּאָנט פאַזע דעם צפונדיגן ברעג פון ים. ביים ים־שפּיץ פונם באַרג אַטאָס זיינען די שיפן אין אַ שטורעם אונטערגעגאַנגען, און די גאַנצע עקספּעדיציע האָט זיך געענדיגט. דעמאָלט האָבן די פּערסער געשיקט אַן אַנדער פלאָט פון יאָניען קווער איבערן ים און האָבן זיך צוגעשיפט צו אַטיקאַ; מיט זיי איז געווען דער טיראַן היפּיאַס. די אַטענער האָבן זיך אין יענער צייט אָנגעטרויט מילטיאַדעסן, וואָס האָט גוט געקענט די פּערסער. מילטיאַדעס האָט געפירט זיין חיל אַנטקעגן דעם שונא. ביי מ אַ ר אַ ט אָ ן ביים אריינגאַנג אינם ברעגפליין האָט די געשלאָסענע פאַלאַנגע פון די אַטענישע שפּיזנטרעגערס צעשלאָגן די פּערסישע בויגנשיסערס און אָפּגעוואָרפן די אָנפאַלער צו די שיפן (אין יאָר 490). אונטערגעהיצט דורך מילטיאַדעס' נצחון, האָבן די אַטענער אים אויפגעגעבן אָנצופאַלן אויפן רייכן אינזל פאַראָס, וואָס האָט זיך געהאַט איבערגעגעבן די פּערסער, און צונויפצוקלייבן דאָרט גאָלד. נאָר דאָס מאָל האָט מילטיאַדעס קיין הצלחה ניט געהאַט און איז געקומען צוריק אַ פאַר־וואונדעטער. דאָס אַטענישע פאָלק האָט פאַרגעסן זיינע נצחונות און פאַר־לאַנגט, אַז דער באַרימטער העלד זאָל געטויט ווערן. אַ גוסס האָט מען מילטיאַדעסן געבראַכט צוטראָגן אין געריכט און צוגעמשפּט צו אַ האַרבן שטראָף.

דריוש איז אינגיכן געשטאָרבן, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז די פּערסער וועלן זיך פאָרט ניט אָפּזאָגן פון זייער פּלאַן איינצונעמען גריכנ־לאַנד. אין אַטען האָבן אַסך געדופעט אויף דער קראַפט פון דער פאַלאַנגע, וואָס האָט אזוי גוט געדינט ביי מאַראַטאָן. נאָר דער

וויטזיכטיגערער טעמיסטאָקלעס האָט געראָטן אויסצובויען אַ שטאַרקן קריגספלאָט, ווייל, לויט זיין מיינונג, וועט די הויפּט־מלחמה זיין אויפן ים; אין ערגסטן פאַל, ווען די פערסער וועלן פאַרנעמען די גאַנצע יבשה פון גריכנלאַנד, וועלן דעמאָלט די אַטענער מיט זייער גאַנצן האָב און גוטס קאָנען אָפּפאָרן אין אַ ווייטע קאָלאָניע.

דער אָנפאַל פון די פערסער אין יאָר 480. דערווייל האָט דריושס זון קסערקסעס זיך אליין געשטעלט בראש פון אַ גרויסן חיל, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבן אין קליינאַזיע. די זעלנער האָט ער אריבער־געפירט דעם העלעספאָנט איבער אַ צייטווייליגן בריק, אויסגעבויט אויף שיפן, און האָט זיך געלאָזט גיין קיין גריכנלאַנד פון צפון־זייט. נאָכן חיל האָט זיך געצויגן אַן אומגעהייער גרויסע מחנה פורן, באַלאָדן מיט כל דאָס גוטס; די פערסער האָבן אויך אין אַ מלחמה־צייט ניט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון באַקוועמליכקייטן, און דער קיניג האָט מיט זיך געפירט זיין גאַנצן הויף. פאַרן קיניגס וואָגן איז געפאָרן אַ גרויסער רייטוואָגן, באַ־שפּאַנט מיט אַכט פערד; אויף אים האָט מען געפירט דאָס בילד פונם הויפּטגאָט. פאַזע די ברעגעס האָט געשוואומען אַ גרויסער פלאָט, וואָס האָט באַדאַרפט צושטעלן אויף דער יבשה פּראָוויאַנט. בכדי ניט צו דאַרפן פאָרן פאַזע דעם געפערליכן ברעגשפּיץ פון אַטאָס, האָבן די פּערסער דורכגעגראָבן אַ קאַנאַל אין דעם ערדפאַס, וואָס פאַרבינדט דאָס בערגלאַנד מיטן קאָנטינענט.

דער דעלפישער אָראַקל האָט געראָטן זיך אונטערצוגעבן דער שרעקליכער מאַכט. טעסאַליען און די שטאָט טעבן אין בעאָטיען (בשכנות מיט אַטיקא), וואו עס האָבן געוועלטיגט די מיוחסדיגע משפּחות, האָבן געוואַרט אויף די פערסער, בכדי צוצושטיין צו זיי. מער ניט אַטען, קאָרינט און ספּאַרטאַ מיט די פעלאָפּאָנעסער האָבן באַשלאָסן זיך אַנטקעגנצושטעלן.

אין די אַזיאַטישע פליינען וואָלט מען די פערסער ניט געקאָנט מנצח זיין. אָבער אין גריכנלאַנד האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף די שווערקייטן פון דער באַרגלאַנדשאַפט. זיי האָבן געמוזט פּאַמעליך זיך דורכרייסן איבער די בערגשפּאַלטן און שמאָלע שטעגלאַך און איינגעמען איינציגווייז איטליכע קליינע פּראָווינץ, וואָס איז געווען באַשיצט דורך בערג, ווי דורך פעסטונגסמויערן. דערצונאָך האָט מען אין אָרימען גריכנלאַנד געקאָנט באַקומען זעהר ווינציג רויב, און פאַר אַ גרויסן חיל איז זעהר שווער געווען צו שפּייזן זיך. פאָרט אָבער איז די לאַגע פון יענע גריכן, וואָס

האָבן זיך איינגעשטעלט זיך צו פֿאַרטיידיגן, געווען זעהר געפֿערליך. איין קליינע אָפּטיילונג, אונטער דער אָנפֿירונג פֿונם ספּאַרטאַנישן קיניג לעאָנידאַס, האָט אין משך פֿון עטליכע טעג פֿאַרטיידיגט קעגן די פּערסער דעם טערמאָפּילן־דורכגאַנג צווישן צפון און מיטלגריכנלאַנד, נאָר ער איז ארומגערינגלט געוואָרן און איז אומגעקומען. דערנאָך האָט ספּאַרטאַ אוועקגעשטעלט אין די טערמאָפּילן אַ דענקמאָל די דאָזיגע מוטיגע קריגסלייט אין דער געשטאַלט פֿון אַ לייב מיט דער אויפֿשריפֿט: „דאָ זיינען מיר געפֿאַלן אַלע דרייהונדערט ספּאַרטאַנער, געטריי די געזעצן פֿון אונזער פֿאָטערלאַנד“.

די פּערסער האָבן זיך אַזוי דערשלאָגן ביז מיטלגריכנלאַנד און האָבן אומעטום חרוב געמאַכט דאָס לאַנד. די איינוואוינער פֿון אַטיקאַ און אַטען האָבן געמוזט אַנטלויפֿן. אויף שיפֿן האָט מען אריבערגעפֿירט די משפּחות פֿון די בירגער און אלץ, וואָס מען האָט געקאָנט פֿאַרנעמען פֿון זייער אייגנס, אויפֿן שכנישן אינזל סאַלאַמיס און אין די נאָהענטע שטעט אין דרום־זייט. און אַלע אַטענער, וואָס זיינען פֿעהיג צו געווער און צו אַרבעט, האָבן זיך געזעצט אויף שיפֿן און זיינען צוגעשטאַנען צו די איבעריגע גריכישע עסקאַדרעס.

די גריכן, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן, זיינען געקומען פֿון פֿאַר־שיידענע אומאָפּהענגיגע שטעט; ניט זיי האָבן געהאַט קיין אַלגעמיינעם פּלאַן, וואָס צו טון, ניט אפילו קיין אחדות איז צווישן זיי געווען. האָט מען געמוזט איבערגעבן די הויפּטאָנפֿירונג (די העגעמאָניע) די ספּאַרטאַנישע אָנפֿירערס, ווייל ספּאַרטאַ האָט זיך גערעכנט פֿאַר דער שטאַרקסטער גריכישער געמיינדע. נאָר די ספּאַרטאַנער האָבן קיין ידיעה ניט געהאַט אין ים־קריג, זיי האָבן אפילו כמעט קיין שיפֿן ניט געהאַט. די אַטענער, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון טעמיסטאָקלעס, האָבן געוואָלט שלאָגן זיך אויפֿן ים נעבן זייער היים; די ספּאַרטאַנער האָבן געוואָלט אָפּטרעטן קיין דרום צו זייערע ברעגעס און באַפֿעסטיגן דעם ערדפּאַס אין שמאָלן אָרט ביי קאָרינט, בכדי ניט צו לאָזן די פּערסער ווייטער איבער דער יבשה.

דערווייל איז דער פּערסישער פֿלאָט ארומגעשוואומען ארום אַטיקאַ און האָט איינגעשלאָסן די גריכישע שיפֿן אין דורכגוס ביים אינזל סאַלאַמיס: האָבן שוין די גריכן געמוזט אָננעמען דאָס געשלעג. אין מיטן די אומבאַקאַנטע פֿעלזן זיינען די שווערוואָגיגע אַזיאַטישע שיפֿן צוקלאַפּט געוואָרן דורך די גרינגע און גיכע גריכישע טריערעס; מער פֿון אַלעמען האָבן געהאָלפֿן דעם נצחון די אַטענער, וואָס האָבן איינגעשטעלט אין

דער דאָזיגער שלאַכט זייערע לעצטע כּחות. די פֿעניקישע ים־פֿאָרערס, וואָס זיינען באַזיגט געוואָרן ביי סאַלאַמיס, האָבן מורא געהאַט פֿאַר שטראָף מצד דעם גרויסן קיניג און זיינען באַלד אויף דער נאַכט אין איילעניש אָפּגעשוואומען אהיים. קסערקסעס האָט געגעבן אַ באַפֿעל אָפּצושווימען צום העלעספּאָנט, בכדי, צו היטן דעם אריבערגאַנג איבערן ים, און אליין, ניט צופֿרידן, וואָס די מלחמה פֿאַרציהט זיך אַזוי, איז ער אָפּגעפֿאָרן אהיים, חוץ דעם, האָט אים אויך באַאומרוהיגט דער גע־פֿערליכער אויפשטאַנד פֿון די כשדים אין בבל, אינם צענטער פֿון דער פערסישער מלוכה.

אין גריכנלאַנד איז געבליבן דער פערסישער יבשה־חיל אונטער דער קאָמאַנדע פֿון מאַרדאָניאָס. דער פערסישער קאָמאַנדיר האָט פֿאָרגעלייגט די אַטענער פֿריינטשאַפֿט און בונד. דעמאָלט זיינען די ספּאַרטאַנער, מחמת מורא, אַז די אַטענער זאָלן ניט אָפּשטיין, ארויסגעטראָטן איבערן איסטמאָס מיט אַ גרויסן חיל פֿון די פעלאָפּאָנעסער; די אַטענער האָבן זיך אויך פֿאַראייניגט מיט זיי, און ביים שטעטל פּ ל אַ ט י י אַ אין בעאָטיען האָט דער ספּאַרטאַנישער קיניג פּאַוסאַניאָס געגעבן אַן אַנטשיידנדיגע שלאַכט מאַרדאָניאָסן. פֿון ביידע זייטן האָט מען זיך געשלאָגן לאַנג און איינגעשפּאַרט, און ווידער האָט די גריכישע פֿאַלאַנגע מנצח געווען, אַזוי־ווי ביי מאַראַטאָן. מאַרדאָניאָס איז אומגעקומען אין שלאַכט, און די רעשטן פֿון פערסישן חיל זיינען אַנטלאָפֿן קיין צפֿון. איצטער האָבן די גריכישע שיפֿן זיך געלאָזט שווימען צו די ברעגעס פֿון יאָניען און העלעספּאָנט; צו זיי האָבן גענומען צושטיין די קליינ־אַזישע גריכן.

דער אָנפֿאַל פֿון די פערסער איז אינגאַנצן צעקלאַפּט געוואָרן. די סיבה דערפֿון איז געווען, ניט מחמת די אַזיאַטישע קריגסלייט האָט גע־פֿעלט גבורה, נאָר מחמת עס איז צו שווער געווען פֿאַר זיי צו קעמפֿן אין אַ בערגלאַנד מיט איינגעשפּאַרטע אומאָפּהענגיגע געמיינדעס. די גריכן האָט דער נצחון איבער די פערסער אויסגעוויזן כמעט ווי א נס, און אָבער־גלויבישע מענשן פֿלעגן זאָגן, אַז די געטער און העלדן פֿון פֿאַרצייטיגן גריכנלאַנד פֿלעגן קומען אָנטיילנעמען אין די שלאַכטן. אין עטליכע יאָר ארום נאָך קסערקסעס' אָנפֿאַל האָט דער אַטענער אַיסכילאָס פֿאָר־געשטעלט אין דער טראַגעדיע „די פערסער" די שלאַכט ביי סאַלאַמיס און די גרויסע מפּלה פֿונם אַזיאַטישן חיל. דער גייסט פֿונם פֿאַר־שטאָרבענעם דריושן באַווייזט זיך צווישן די פערסער און איז זיי מתרה: „קיינמאָל מער זאָלט איר ניט קלערן גיין מלחמה האַלטן געגן העלאַס,

זאָל אפילו אייער חיל זיין אסך גוואַלדיגער אין צאָל; אינאיינעם מיט זיי האַלט דאָך מלחמה זייער היימישע ערד; זי פלאָגט מיט הונגער אַלע די, וואָס זייער האָפֿערדיגקייט אהן אמאָס פֿאַרטראָגט זיי צו הויך.“ חוץ דעם, האָבן די גריכן דערקלערט זייער הצלחה נאָך דורכדעם, וואָס זיי זיינען פֿרייע מענשן, איטליכער אַ האַר איבער זיך, אָנשטאָט וואָס די פּערסער, אַ באַרבאַריש פֿאָלק, זיינען געוויינט שקלאַוויש צו פֿאָלגן, „פֿאַלן צו די פֿיס פֿאַר זייער אָדון“.

V.

אַטען אין די יאָרן 480—400 פֿאַר קר.

די פֿאַרשטאַרקונג פֿון אַטען אויפֿן ים. היות ווי אין דער אַזיאַטישער גרויס־מלוכה האָבן כמעט ניט אויפֿגעהערט קיין אויפשטאַנדן, דעריבער האָבן די פּערסער שוין מער ניט געקאָנט צונויפֿקלייבן זיך צוליב אַ נייער גרויסער מלחמה אין אייראָפּע. נאָך מער: די קליינאַזישע גריכן האָבן זיך באַפֿרייט פֿון דער שרעק פֿאַרן גרויס־קיניג און האָבן אויפֿגע־הערט צו צאָלן אים צינז. נאָר זיי האָבן אויך ניט געוואָלט אונטערגעבן זיך די ספּאַרטאַנער, בפרט נאָכדעם ווי אין העלעספּאָנט איז אָנגעקומען דער זיגער ביי פּלאַטייאַ, דער קיניג פּאַוסאַניאַס. דערצו איז דער ספּאַרטאַנישער קיניג מיט אַמאָל ווי איבערגעביטן געוואָרן, האָט אָנגעהויבן פֿירן זיך גאוהדיג, ווי אַ פּערסישער סאַטראַפּ, און אָנגעהויבן פֿירן סודותפולע אונטערהאַנדלונגען מיט די פּערסער. פֿאַרקערט, די אַטענישע ים־לייט האָבן צוגעצויגן צו זיך די גריכן פֿון יאָניען און פֿון די אינזלען דורך זייער מוט און פֿעסטקייט. דעריבער זיינען אַלע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך געהאַט באַפֿרייט פֿון דער פּערסישער ממשלה, געקומען צו אַ הסכם, צו שטעלן זיך אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די אַטענער און האָבן געשלאָסן מיט זיי אַ פֿעסטן בונד.

די אַטענער מיט זייערע פֿאַרבינדעטע האָבן באַשטימט זיך צונויפֿצו־קלייבן אויף צו באַקלערן די שותּפֿישע ענינים אויפֿן אינזל דעלאָס (וואָס געהער צו דער קיקלאַדן־גרופּע, אין מיטן פֿון עגייאישן ים), וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ טעמפּל פֿון אַפּאָלאָ, וואָס איז געהאַלטן געווען הייליג פֿון אַלע יאָניער. די פֿאַרבינדעטע האָבן זיך מתחייב געווען צו צאָלן געלט אין דער שותּפֿישער קאַסע און צושטעלן שיפֿן, די אַטענער ווידער האָבן אויף זיך גענומען די קאָמאַנדע איבערן פֿלאָט און צו פֿירן ווייטער דעם קאַמף מיט די פּערסער. פֿירנדיג די מלחמה פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון גריכנלאַנד, האָבן די אַטענער אויך זייער אייגענעם נוצן ניט פֿאַרגעסן: זיי

האָבן אריינגענומען אין זייערע הענט די גאָלדפעלדער פון טראַקיען און האָבן זיך פאַרפעסטיגט אין די דורכגוסן העלעספאָנט און באָספאָרוס, בכדי צו האַלטן אין זייערע הענט דעם תבואה־עקספּאָרט פון די ברעגעס פון שוואַרצן ים.

אַטען, וואָס איז אין יאָר 480 געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפּגרונט, איז איצט געוואָרן די גרעסטע ים־מאַכט אין גריכנלאַנד. אין אַטענישן האַוון פּיריי־אָס האָבן גענומען ציהען זיך די סחורות, וואָס זיינען פריהער געגאַנגען קיין קאָרינט פון מזרח און פון מערב. הענדלערס, בעלי־מלאכות, ארבעטער האָבן גענומען זיך אריבערקלייבן פון אַנדערע געגנטן קיין אַטיקאַ, בכדי צו נעמען אַן אָנטייל אין די ברייטע אונטער־נעמונגען פון די אַטענער, דינען ביי זיי אין פלאָט אָדער אַרבעטן ביים בויען די שיפדאָקן, האַוונגאַסן און שפייכלערס פונם גרויסן פּירייאישן האַוון.

דער הויפטבאַשעפער פון אַטענס ים־מאַכט, טעמיסטאָקלעס, האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אַלץ גרעסערע פּלענער. ער האָט פאָרגעלייגט דעם פאָלק ארומצוריגלען די הויפטשטאָט און דעם האַוון מיט פעסטע הויכע מויערן, און חוץ דעם דורכציהען „לאַנגע מויערן" פאַזע דעם גאַנצן וועג צווישן אַטען און פּירייאָס. טאָמער וועט זיך איצט ווידער אמאָל מאַכן אַן אָנפאַל פון דער יבשה, האָט ער געטענהט, וועט מען שוין ניט באַדאַרפן מער פאַרלאָזן אַטען; אין שטאָט וועט מען קאָנען איבערלאָזן אַ קליינעם גאַרניזאָן, און די הויפּטמאַכט פון די בירגער, וואָס זיינען איצט געוואָרן אַ ים־פאָלק, וועט ארויסגיין זיך שלאָגן אויף די שיפן ביים האַוון. כל זמן די אַטענער קאָנען צופירן פון ים־זייט לעבנסמיטלען און אלץ, וואָס איז נויטיג צום קאַמף, קאָן קיינער זיי ניט מנצח זיין.

די ספּאַרטאַנער, באַאומרוהיגט דורך דער פאַרשטאַרקונג פון אַטען, האָבן געפאָדערט, זיי זאָלן איינברעכן די אָנגעהויבענע באַפעסטיגונגען. דעמאָלט האָט טעמיסטאָקלעס זיך ארויסגערופן צו פאָרן קיין ספּאַרטאַ אויף צו פירן אונטערהאַנדלונגען. דאָרט האָט ער מיט אַ כיון פאַרצויגן די באַראָטונגען, איינגערעדט, אַז קיין שום ארבעטן ווערן אין אַטען ניט געטאָן, און האָט, אגב, געעצהט די ספּאַרטאַנער, זיי זאָלן שיקן באַזונדערע שלוחים אַכטונג צו געבן אויף די אַטענער. אין דערזעלבער צייט האָט ער בשתיקה אָנגעזאָגט די אַטענער, זיי זאָלן פאַרהאַלטן די ספּאַרטאַנער פאַר ערבות־לייט. ווען אין אַטען האָט מען שוין געהאַט באַוויזן אויסצובויען די מויערן ביז צו אַ געהעריגער הייך, דעמאָלט האָט טעמיסטאָקלעס פלוצים געמעלדעט די ספּאַרטאַנער, אַז די זאַך איז אָפּגעטאָן, און די אַטענער נויטיגן זיך שוין ניט אין עצות מן הצד.

טעמיסטאָקלעס האָט באַשיינפּערליך געפּלאַנט איינצורייסן מיט ספּאַרטאַ און מבטל צו זיין די פּריינטשאַפט, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן בעת דעם פּערסישן אָנפאַל, בכדי צו קאָנען אונטערטעניג מאַכן דער ממשלה פון אַטען גאַנץ גריכנלאַנד. אָבער אין אַטען זיינען געווען אויך ניט ווייניג אָנהענגער פון ספּאַרטאַ. צווישן זיי האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט קימאָן, דער זון פון מילטיאַדעס, פּונקט אַזאַ טאַלענטפולער קריגסהויפטמאַן, ווי זיין פאָטער. קימאָנען און אַנדערע שונאים פון טעמיסטאָקלעסן האָט זיך איינגעגעבן צו פּועלן, מען זאָל אים פאַרמשפּטן צו פאַרטרייבן פון לאַנד, און חוץ דעם אים צו באַשולדיגן אין פעלשונג און אין אויפטראָגן מיט די פּערסער. אין גריכנלאַנד איז שוין פאַר טעמיסטאָקלעסן מער קיין אָרט ניט געווען; איז ער אַנטלאָפן צום פּערסישן קיניג. אז דער קיניג אַרטאַקסערקסעס (ארתחשסתא) איז געוואָר געוואָרן, אַז דער הויפּטשולדיגער פון דער פּערסישער מפלה בעט איצט ביי אים שוץ, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט און האָט טעמיסטאָקלעסן רייך באַשאָנקען. ער האָט געהאָפט איצט אויסצונוצן זיין טאַלענט קעגן גריכנלאַנד. נאָר טעמיסטאָקלעס איז אינגיכן געשטאָרבן, ניט באַוויזן נאָרנישט אויפצוטון קעגן זיינע פאָלקסברידער.

הגם קימאָן איז געווען טעמיסטאָקלעס' ערגסטער שונא, פונדעסטוועגן האָט ער זיך איצט געשטעלט בראש פון דערוואלביגער ים־מאַכט, וואָס טעמיסטאָקלעס האָט באַשאַפן. ער האָט צוקלאַפּט אַלע פּערסישע עסקאַדרעס, וואָס האָבן זיך נאָר באַוויזן אין עגייאישן ים און האָט פאַר־טריבן דעם שונא אַזש ביז צום אינזל קיפּראָס. קיין איין אַטענער האָט ניט אריינגעבראַכט דער געמיינדע אַזויפיל רויב, ווי קימאָן. אים גופא האָט מען שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיינע רייכע מתנות דעם פאָלק; פון זיין גוואַלדיגן פאַרמעגן, וואָס ער האָט אָנגעלעבט אין די מלחמות, פלעגט ער אויסגעבן אויף צו בויען טעמפּלען און צו פאַרענדיגן די „לאַנגע מויערן", וואָס האָבן, לויט טעמיסטאָקלעס' פּלאַן, געדאַרפט פאַרבינדן אַטען מיטן פּירייאָס צו איין פעסטונג.

דער פולקומענער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע אין אַטען.

די ים־לייט, וואָס אין דער מלחמה זיינען זיי געווען איבערגעגעבן טעמיסטאָקלעסן, האָבן אין שטאָט נערנער געפאָלגט די נייע פאָלקס־פירער (גריכיש דעמאַגאָגן), וואָס צווישן זיי האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט עפיאַלטעס און פּעריקלעס. די ים־לייט האָבן זיך געהאַלטן אויף די פאָלקספאַרזאַמלונגען אַנדערש, ווי די פּויערים. זיי האָבן

פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ גרויסן באַטייט זיי האָבן אין דער געמיינדע, און דעריבער האָבן זיי ניט געוואָלט זיך אונטערגעבן קיין שום העכערער מאַכט. באַזונדערס האָט זיי אויפֿגערייצט דאָס, וואָס די החלטות פֿונם פֿאָלק ווערן פֿאַרהאַלטן אינם ראָט פֿונם אַרעאָפּאַג, דעם עלטסטן מוסד פֿון אַטען. האָבן די דעמאַגאָגן באַשלאָסן מבטל צו מאַכן די ממשלה פֿונם אַרעאָפּאַג, אבער צוליב דעם האָט מען פריהער באַדאַרפֿט אראָפּ־וואַרפֿן קימאָנען, דעם הויפּטפֿאַרטיידיגער פֿון די אַלטפֿרענקישע געזעצן. די געלעגנהייט דערצו האָט זיך באַלד באַוויזן.

אין ספּאַרטאַ איז פֿאָרגעקומען אַן ערדציטערניש, וואָס האָט צעשטערט אַסך הייזער; די מהומה צווישן די האַרן האָבן אויסגענוצט די לייבאייגענע, וואָס האָבן זיך באַוואָפֿנט און שיער ניט געגומען געפֿאַנגען אַלע ספּאַרטאַנער. נאָר דער קיניג אַרכידאַמאָס האָט געפֿונען אין זיך גענוג כח, אויסגעשטעלט אַלע ספּאַרטאַנער אין שלאַכטאָרדענונג און צוקלאַפּט די העלאָטן. זיינען אָבער די לייבאייגענע אַוועק קיין מעסעניען און זיך פֿאַרפֿעסטיגט דאָרט אויפֿן באַרג איטאָמע, וואו די מעסעניער האָבן אַמאָל געקעמפֿט פֿאַר זייער אומאָפּהענגיגקייט. די ספּאַרטאַנער האָבן ניט געוואוסט, וויאזוי איינצונעמען פֿעסטונגען און האָבן געבעטן הילף ביי די אַטענער. האָבן די דעמאַגאָגן געעצהט אָפּצוזאָגן די ספּאַרטאַנער און האָבן אפילו געוואָלט העלפֿן די העלאָטן. פֿאַר ספּאַרטאַ האָט זיך אָבער איינגעשטעלט קימאָן. לויט ווי ער האָט געזאָגט, פֿירן גריכנלאַנד צוויי פֿערד, אַטען און ספּאַרטאַ, און ס'וועט זיין אַ גרויס אומגליק, ווען דאָס שותפֿישע היימלאַנד פֿון אַלע גריכן וועט אָנהויבן הינקען. ער האָט פֿאָרגעלייגט צו שיקן די ספּאַרטאַנער אַ הילפֿס־חיל און האָט זיך אָנגע־נומען אליין אים צו פֿירן.

נאָר די ספּאַרטאַנער, וואָס האָבן די אַטענער ניט געטרויט, האָבן אָפּגעשיקט זייער חיל אהיים. דעמדאָזיגן דורכפֿאַל קימאָנס האָבן עפּיאַלטעס און פעריקלעס אויסגענוצט און האָבן געפועלט ביי די אַטענער אים צו פֿאַרטרייבן פֿאַר זיין פֿיינטשאַפֿט צום פֿאָלק און צוגעטאָנקייט צו ספּאַרטאַ.

צוגלייך האָט עפּיאַלטעס פֿאָרגעלייגט אָפּצונעמען ביים אַרעאָפּאַג די אויבער־השגחה איבער דער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג און אויך דאָס געריכט כמעט אין אַלע פראָצעסן, חוץ שווערן מאָרד (אין יאָר 462). דאָס משפּטן אין פראָצעסן און כלערליי באַשולדיגונגען איז איבערגעגאַנגען צו דער גאַנצער בירגערשאַפֿט, וואָס פֿון איר פֿלעגן אויסגעקליבן ווערן קאָמיטיעס פֿון געשוואָרענע ריכטערס צו 100 אָדער 200 מאַן. די

דעמאגאָגן האָבן געטענעט, אַז דער שכל הישר און דאָס פֿרייע געוויסן פֿון ריכטער, וואָס ווערן אַלע מאָל אויפֿסניי אויסגעקליבן פֿון דער גאַנצער בירגערשאַפֿט, וועלן אונטערזאָגן ריכטיגערע פּסקים, איידער די טיפֿע קלערענישן פֿון איינציגע מענשן, וואָס פֿאַרנעמען זיך שטענדיג מיט דער איין זאַך.

דאָס נייע פֿאָלקסגעריכט אין אַטען איז געווען לחלוטין אַנדערש פֿונם פֿריהערדיגן. די בירגער זיינען געווען פֿולקום זעלבשטענדיג; פֿאַר אַ באַשולדיגער פֿלעגט ארויסטרעטן ניט אַ באַאַמטער פֿון דער רעגירונג (אַ פּראָקוראָר, ווי דאָס איז אָנגענומען אין די איצטיגע געריכטן), נאָר איטליכער בירגער, ווער עס האָט געוואָלט; דער באַשולדיגטער האָט אליין זיך געמוזט פֿאַרטיידיגן. פּונקט ווי דאָס פֿאָלק אויף די פֿאַרזאַמלונגען, אזוי פֿלעגן אויך די ריכטערס אויסהערן לאַנג און בפּרוטרוט ביידע צדדים. בכדי צוצוציהען אויף זיין צד די אָרימע לייט, האָט פּעריקלעס פֿאָרגעלייגט צו באַצאָלן די ריכטערס פֿון דער מלוכה־קאַסע. ווינציג פֿאַרמעגליכע מענשן האָבן איצט ניט געדאַרפֿט מער מורא האָבן אָנצווערן זייער פֿאַרדינסט פֿארן טאָג, וואָס זיי פֿאַרברענגען אויף דער זיצונג; פֿאַרקערט, אלע האָבן געוואָלט נעמען אַן אָנטייל אין די קאָמיסיעס פֿון די געשוואָרענע.

דאָס, וואָס דאָס געריכט איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם פֿאָלק, איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פֿאַר די אָנהענגער פֿון די אַלטע מנהגים. פֿאַר כעס האָבן זיי אונטערגעשיקט מערדערס, וואָס האָבן געטויט עפֿיאַלטעסן. נאָר מיטן טויט פֿון איין פֿירער איז די זאַך ניט געבליבן שטיין; פּעריקלעס האָט זי געפֿירט ווייטער. הגם פֿון דער מוטערס צד האָט ער געהערט צו דער אַריסטאָקראַטישער משפּחה פֿון די אַלקמעאָנידן, נאָר ער איז געווען אַן אייניקל פֿון קלייסטענעסן; פּונקט ווי זיין זיידע האָט פּעריקלעס זיך געשטעלט איגנאַנצן אויפֿן צד פֿון פֿאָלק.

די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג, די עקלעסיאַ, איז איצט געוואָרן די העכסטע מאַכט אין דער געמיינדע. די וויכטיגע ענינים פֿלעגן ווערן באַטראַכט אינם ראָט פֿון די פֿינף הונדערט און דערנאָך פֿאָרגעטראָגן דעם פֿאָלק. אין דער אַלגעמיינער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג האָט איטליכער בירגער געהאַט דאָס רעכט פֿריי אויסצודריקן זיין מיינונג. די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג פֿלעגט אויסקלייבן סטראַטעגן (הויפּטקאָמאַנדירן פֿון פלאָט און חיל, וואָס האָבן אויך געהאַט צו זאָגן איבער דער מלוכה־קאַסע). איטליכס יאָר פֿלעגן פֿאָרקומען נייע וואַלן און נאָכן ענדיגן די דינסט־צייט פֿלעגט דאָס פֿאָלק פֿאָדערן אַ דין וחשבון פֿון אַלע באַאַמטע.

די גרויסע צייט פֿון דער אַטענישער רעפּובליק. די דעמאַגאָגן, וואָס האָבן געזיגט אין יאָר 462, האָבן געפּרובט אויספֿירן טעמיסטאָקלעס' גרויסע פּלענער. קיין עגיפּטן האָבן די אַטענער אַוועקגעשיקט אַ גרויסן פֿלאָט, בכדי דאָרט אונטערצושטיצן דעם אויפֿשטאַנד קעגן די פּערסער. גלייכצייטיג האָבן זיי פֿאַרכאַפּט די אויבערהערשאַפֿט איבער טעבן אין בעאָטיען און האָבן געפּרובט שטערן דעם צופֿיר פֿון לעבנסמיטלען צו קאָרינט און ספּאַרטאַ, בכדי זיך אונטערטעניג צו מאַכן דעם פּעלאָפּאָנעס.

אין דערזעלביגער צייט האָבן די אַטענער אָנגעהויבן פֿאַרבויען זייער הויפּטשטאָט און איר האַוון מיט גרויסאַרטיגע בנינים. אויפֿן אַטענישן אַקראָפּאָלים האָבן זיי אויסגעבויט אַ גרויסן טעמפּל לכבוד דער שוצגעטין פֿון שטאָט, דעם פּ אַ ר ט ע נ אָ ן (פֿונם וואָרט פּאַרטענאָס, וואָס זיין טייטש איז בתולה). דער גרעסטער קינסטלער פֿון יענער צייט, פֿידיאַס, האָט באַפּוצט דעם פּאַרטענאָן מיט סקולפּטורן, וואָס שטעלן פֿאָר אַ פֿייערליכע יום־טובדיגע פּראָצעסיע פֿונם אַטענישן פֿאָלק. אין טעמפּל איז אויך געווען אַוועקגעשטעלט אַ גוואַלדיגע סטאַטוע פֿון דער אַטענע, אויך פֿידיאַס' אַן אַרבעט. די סטאַטוע איז געווען געמאַכט פֿון האָלץ, באַשלאָגן אינגאַנצן מיט גאָלדבלעך און העלפֿאַנדביין; די אויגן זיינען געווען אריינגעשטעלטע רובינען.

די מיטלען אויף די דאָזיגע טייערע געביידעס האָבן די אַטענער גענומען פֿון דער בונדקאַסע, וואָס אין איר האָבן געצאָלט די איבעריגע געמיינדעס פֿונם ים־בונד. פּעריקלעס האָט איבערגעציינגט דאָס פֿאָלק, אַז וויבאַלד די אַטענער היטן אָפּ דעם גריכישן ים, האָבן זיי דאָס רעכט אויסצונוצן די דאָזיגע סומעס און אויסגעבן זיי אויף וואָס זיי דאַרפֿן, ניט געפֿרעגט ביי די פֿאַרבינדעטע. מחמת דעם זיינען די איבעריגע מלוכות פֿון בונד, וואָס זיינען פֿריהער געווען גלייכע חברים, איצט געוואָרן אונטערטאַנען פֿון די אַטענער. דער גרויסער ב ו נ ד פֿון כמעט אַ העלפֿט פֿון אַלע גריכן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַטען איז איצט געוואָרן די גרויס־מלוכה פֿון די אַטענער.

ס' האָט אויסגעוויזן, אַז אָט אָט וועלן די אַטענער זיך אונטערטעניג מאַכן גאַנץ גריכנלאַנד. אין דער אמתן אָבער האָבן די אַטענער זיך גענומען פֿאַר צו פֿיל גרויסע אויפֿטוען מיט אַמאָל און האָבן ניט געקאָנט אין אַלצדינג מצליח זיין. מיט אַ גרויסער מפּלה האָט זיך געענדיגט די מלחמה אין עגיפּטן; די אַטענער האָבן איינגענומען מעמפֿיס, נאָר די פּערסער האָט זיך איינגעגעבן איינצושליסן אין מיטן די טייך־אָדערן פֿונם נילוס דעם גאַנצן אַטענישן פֿלאָט מיטן חיל און זיי פֿאַרטיליגן. דערנאָך

האָבן די ספּאַרטאַנער, פּאַרטיג געוואָרן מיטן אויפשטאַנד פֿון די העלאָטן, אריבערגעשיקט זייער חיל איבערן איסטמאָס און צעשלאָגן די אַטענער אויף די פֿעלדער פֿון בעאָטיען. דורכדעם האָבן זיי געהאָלפֿן די טעבאַנער זיך באַפֿרייען פֿון אַטענס ממשלה. צולעצט האָט דער גרויסע אינזל עוובייאַ, וואָס בשכנות מיט אַטיקאַ, זיך אָפּגעטיילט פֿון דער אַטענישער גרויס-מלוכה.

פּעריקלעס האָט געפֿונען אַן ארויסגאַנג פֿון די שוועריגקייטן. ער האָט פֿאַרגעלייגט דעם פֿאָלק זיך אָפּצוזאָגן פֿון באַצווינגונגען און עקספּעדיציעס און מאַכן שלום מיט די פּערסער און מיט ספּאַרטאַ. דער שלום מיט ספּאַרטאַ איז געשלאָסן געוואָרן אויף 30 יאָר אויף אַזעלכע תנאים: די צוויי הויפּטגעמיינדעס פֿון גריכנלאַנד בלייבן ביי דער ממשלה, אַטען אויפן ים, ספּאַרטאַ איבערן פּעלאָפּאָנעס; אריבערציהען אויפן אייגענעם צד פֿרעמדע פֿאַרבינדעטע איז פֿאַרבאָטן.

אין אַטען גופא האָט פּעריקלעס געקראָגן אַ געפֿערליכן געגנער. דאָס איז געווען טוקידידעס, וואָס האָט אָפּגעשטאַמט פֿון אַן אַלטער מיוחסדיגער משפּחה. ער האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר די פֿאַרבינדעטע. ער פֿלעגט טענהן, אַז אַטען קריגט אַ שלעכטן שם: פֿאַר די אויגן פֿון גאַנץ גריכנ-לאַנד ווערט אויסגעבראַכט דאָס געלט פֿון בונד, וואָס איז באַשטימט פֿאַרן מלוכה-שוץ; אַטען פּוצט זיך אויס, ווי אַ פּוסטע קאָקעטע, וואָס באהענגט זיך מיט גאָלד און טייערע שטיינער, מיט סטאַטועס און טעמפּלען, וואָס קאָסטן מיליאָנען. דער הויפּטשולדיגער אין די דאָזיגע עוולות און באַדריקונגען איז פּעריקלעס.

האָט דאָס אַטענישע פֿאָלק באַדאַרפֿט באַשליסן, נאָך וועמען פֿון די צוויי פֿירערס צו גיין און וועמען צו פֿאַרטרייבן. אין אַ געהיימער אָפּשטימונג האָט דער רוב זיך ארויסגעזאָגט קעגן טוקידידעסן, און ער האָט געמוזט אוועק אין פֿאַרשיקונג (אין יאָר 442).

נאָך דער פֿאַרטרייבונג פֿון טוקידידעסן איז פּעריקלעס געוואָרן אַזוי שטאַרק אין מעמד, אַז קיינער האָט זיך שוין ניט דערוועגט אים אנטקעגנצושטעלן זיך. פֿון יאָר צו יאָר פֿלעגט דאָס פֿאָלק אים אויס-קלייבן פֿאַר אַ סטראַטעג און אים אָנגעטרויען די מלוכה-קאַסע, אין אַ צייט פֿון סכנה פֿלעגט ער ווערן באַשטימט פֿאַרן קאָמאַנדיר פֿון גאַנצן פֿלאָט און חיל. פּעריקלעסן פֿלעגט מען צוגלייכן צום טיראַן פּייסיסטראַ-טאָסן, און אסך האָבן געהאַלטן, אַז אין אַטען איז נאָר לפנים אַ פֿאָלקס-רעגירונג, אין דער אמתן אָבער הערשט דאָ אַ מאָנאַרכיע פֿונם ערשטן בירגער. אסך האָבן ניט ליב געהאַט דעם דאָזיגן שטאָלצן מאַן, וואָס איז

געווען שטענדיג פֿאַרשלאָסן אין זיך, ערנסט און אריינגעטאָן אין די מלוכה־ענינים; אסך האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט. צווישן פֿרומע לייט פֿלעגט מען שמועסן, אַז פעריקלעס גלויבט ניט אין די פֿאָלקסגעטער; מען פֿלעגט אים באַשולדיגן דערפֿאַר, וואָס ער חברט זיך מיט די געלערנטע, וואָס האָבן ארויסגעשטעלט אַ נייעם קוק אויף דער וועלט. צווישן זיינע מקורבים איז, צווישן אַנדערע, געווען אַנאַקסאַגאָראַס, וואָס האָט געלערנט, אַז די זון איז ניט קיין לעבעדיגער גאָט, נאָר אַן אָנגעגליטער גוואַלדיגער שטיין, און אַז די וועלט ווערט געפֿירט דורכן וועלט־שכל.

דאָס אַטענישע פֿאָלק און זיינע חגאות. די צאָל פֿון די אַטענישע בירגער איז געווען ניט גרויס לגבי זייערע אונטערטאַנען: די ערשטע זיינען געווען 20 אָדער 30 מאָל ווינציגער, איידער די לעצטע. אין אַטיקע האָבן זיך גערעכנט פֿאַר עכטע בירגער בלויז מענשן, וואָס זייערע עלטערן זיינען אויך געווען בירגער. אלע איבעריגע, ווי לאַנג זיי זאָלן אויך האָבן געוואוינט אין אַטען, זיינען זיי אַלץ געבליבן נאָר „איינוואוינער“. ביי זיי האָט מען ניט געפֿרעגט קיין דעה אין די ענינים, וואָס זיינען נוגע די גאַנצע שטאָט אָדער די גאַנצע מלוכה; זיי פֿלעגן קיין שום געצאָלט פֿון דער מלוכה־קאַסע ניט באַקומען.

די בירגער פֿאַרקערט האָבן געהאַט גרויסע פֿריווילעגיעס. פֿאַרן אָנטייל אין געריכט, פֿאַר איטליכער אַרבעט אָדער צייטאָנווער פֿלעגן זיי באַקומען געצאָלט. טיילמאָלס פֿלעגט מען צווישן זיי פֿונאַנדערטיילן תבואה, וואָס איז געווען געקויפֿט און געבראַכט צופֿירן אויפֿן כללשן חשבון. אָרימע בירגער פֿלעגן, חוץ דעם, שטענדיג באַקומען אומזיסטע בילעטן אויף טעאַטערפֿאָרשטעלונגען, און דער פרייז פֿון די בילעטן פֿלעגט ווערן אויסגעצאָלט די בעלי־בתים פֿונם טעאַטער פֿון דער מלוכה־קאַסע.

די דאָזיגע חלוקות און בכלל דער טאָגלוין, וואָס מען פֿלעגט אויסצאָלן די בירגער, זיינען, אמת געווען ניט גרויס. אָבער אויך די באַדערפֿענישן פֿונם גרעסטן רוב בירגער זיינען געווען זעהר קליין. דאָס וואַרימע קלימאַ האָט ערלויבט דעם גריך צו טראָגן זעהר א פשוטן קאָסטיום, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ העמדל, אַ פֿירקאַנטיגן שטיק געוואַנט, איבערגעוואָרפֿן איבערן קערפּער, ווי אַ פּלאַכטע, און אונטערגעבונדענע פּאָדעשוועס צו די פֿיס. אָפֿטמאָלס פֿלעגט ער ארויסגיין פֿון שטוב אַ באָרוועסער און אָהן אַ היטל; דעם גרעסטן טייל פֿון טאָג פֿלעגט ער פֿאַרברענגען אין דרויסן. ביים פשוטן מענשן פֿון פֿאָלק איז די שטוב געווען אַן ענגע, אויסגעבויט אבי ווי, כמעט אָהן מעבל. אין עסן און

טרינקען איז דאָס פאָלק געווען זעהר איינגעהאַלטן. געזעלשאַפטליכע בנינים אבער האָט דאָס פאָלק אין אַטען זיך אויסגעבויט זעהר גרויסע און פראַכטפולע: טעמפּלען, טעאַטערס, בעדער, זאַלן פאַר גימנאַסטיק, פאָרטיקעס (געדעקטע זיילנגאַלערייעס פאַר מערק, צום אָפּרוהען און צום שפּאַצירן).

פון די בירגער פלעגט מען קיין אָפּצאָלונגען ניט נעמען. נאָר דאָס פאָלק פלעגט צווינגען די רייכע בירגער מאַכן הוצאות אויף אויסצוריכטן שיפן, אָפּריכטן חגאות; אַזעלכע הוצאות האָבן געהייסן ל י י ט ו ר ג י ע ס. אסך פלעגן דאָס טון פון כבוד־וועגן, זיי האָבן געהאַט א באַזונדערע הנאָה דערפון, ווען מען פלעגט בעתן יום טוב אויסרופן זייער נאָמען, ווי גרויסע מנדבים. אַנדערע אָבער זיינען ניט געווען צופרידן דערמיט, וואָס דאָס פשוטע פאָלק האָט אַזאַ מאַכט אין שטאָט; אינערגעצניט, פלעגן זיי טענען, איז ניטאָ אַזאַ ממשלה פונם „שיף־המון“; דערפאַר טאַקע זיינען אפילו די שקלאַוון געוואָרן אין שטאָט אזוי פאַרשייט; אַ שקלאַוו טוט זיך אָן, אזויווי אַ פרייער, טרעט ניט אָפּ דעם וועג אויפן גאַס, און מען טאָר אים ניט אָנרירן, ווייל ער קאָן נאָך ענטפערן מיט אַ קלאַפּ.

הגם אַטען איז געוואָרן אַ שיפערגעמיינדע, פונדעסטוועגן זיינען די חגאות פון פאָלק געווען געהייליגט מער פון אַלץ די דאָרפישע געטער, די באַשיצער פון ערדאַרבעט און ווייַנשטאָקפלאַנצונג. זומער פלעגט מען אָפּריכטן די פּאַנאַטעניען לכבוד אַטענע דער בתולה און איר אַדאָפּטיוו־זון עריכטאָניאָס (תבואה־זאַנג) וואָס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן דורך אירע דינסטן (די טויען). אין פריהיאָר פלעגט מען פייערן די גרויסע דיאָניסיען, דאָס זיינען געווען טעג פון ווילדער פרייד, צו באַגעגענען דעם ליכטיגן גאָט, וואָס קומט אָן פון מזרח־זייט, אין הערבסט — די קליינע דיאָניסיען, דאָס זיינען די טעג פון אראָפּנעמען די וויינטרויבן.

דער דינסט צו דיאָניסאָס, דעם גאָט פון דער בליהענדיגער נאַטור, וואָס קומט אום פון קעלט און לעבט ווידער אויף, איז געווען פאַרבונדן מיטן דינסט צו צוויי אַנדערע גאָטהייטן, דער געטין דעמעטער און איר טאָכטער קאָרע אָדער פערסעפאָנע. ווען זיי איז ארומגעגאַנגען אַזאַ מיטאָס. דער גאָט פון דער אונטערוועלט האַדעס האָט ניט געקאָנט אריבערטראָגן זיין איינזאַמקייט אין דער פינסטערער אונטערערדישער וועלט און האָט אוועקגערויבט זיך פאַר אַ פרוי דער געטין דעמעטערס טאָכטער פערסעפאָנע, בעת זי האָט איינמאָל געקליבן בלומען אין פעלד. די מוטער קלערט, אז איר קינד איז אומגעקומען, טוט זיך אָן אין טרויער־קליידער און פאַרשילט די ערד, עס זאָל אויף איר קיין גרינס מער ניט

זיין, און די גרעזער און בוימער פֿאַרשווינדן. האָבן די געטער גענומען זוכן די פֿאַרלאָרענע טאָכטער, און אין אַ צייט ארום זיינען זיי געוואָר געוואָרן, אַז זי געפֿינט זיך ביי האַדעסן. האָבן זיי געפֿאָדערט, אַז ער זאָל זי אָפּלאָזן, נאָר האַדעס איז מרוצה געוואָרן צו לאָזן זיין פֿרוי זיין ביי דער מוטער נאָר איין העלפֿט פֿונם יאָר. ווען פערסעפֿאָנע גייט ארויס פֿון דער אונטערוועלט, וועקט זיך אויף אומעטום לעבן, די גראָזן הויבן אָן גרינען און די בוימער בליִהען. אין אַ האַלביאָר ארום, ווען פערסעפֿאָנע מוז ווידער אַראָפּנידערן אין איר פֿינסטערער געפֿאַנגענשאַפֿט, ווערט אויך אויף דער ערד אַלץ פֿאַרדאַרט און חושך. אָט אין דער צייט, אין אָנהויב האַרבסט, ווען די וואוילטועצדיגע שוצגעטער פֿון דער ערדישער פֿרוכפערקייט נידערן אַראָפּ אין דער אונטערוועלט, פֿלעגט מען אין אַטיקאַ אָפּריכטן דעם גרויסן יום־טוב פֿון די דריי געטער. דידאָזיגע געטער ווערן אונטן די מעכטיגע מושלים פֿון דער אונטערערדישער וועלט. מענשן, וואָס האָבן זיך געשראָקן פֿאַר זייער גורל אויף יענער וועלט נאָכן טויט, האָבן געזוכט ביי זיי הילף און האָבן אָנגענומען אַ באַזונדער היילינונג. אזעלכע איינגעהייליגטע זיינען געווען עטליכע צעהנדליג טויזנט. זיי פֿלעגן זיך אַלע צונויפקלייבן אין אַטען, זיך טובל זיין אין ים, בכדי זיך אָפּצורייניגן, און דערנאָך אין אַ לאַנגער פּראָצעסיע זיך לאָזן גיין אין היילינן אָרט ע ל ע ו ז ִ י ס, וואו עס פֿלעגט אָפּגעריכט ווערן דער יום־טוב. דער הויפּט־גאָטדינסט, די מ י ס ט ע ר י ע ן, פֿלעגן אָפּגעריכט ווערן ביינאַכט: אין פֿייערליכער שטילקייט פֿלעגט דאָס פֿאָלק זיך צונויפקלייבן אויף אַ פֿרייען פּלאַץ, וואָס האָט אויסגעזעהן ווי אַ טעאַטער; דאָרט פֿלעגט ווערן פֿאָרגעשטעלט די גאַנצע געשיכטע פֿון די געטער, וויאזוי זיי גייען אַראָפּ אין דער אונטערוועלט און וויאַזוי זיי קומען צוריק. די סודות־פּולע נאַכט ארום. די מוזיק, דער גלאַנץ פֿון די היילינע פֿאָרשטעלונגען האָבן שטאַרק געווירקט אויף די פֿאַרזאַמלטע. זיי פֿלעגן אוועקגיין מיטן גלויבן, אז די אונטערערדישע געטער וועלן זיי אויסלייזן פֿון יסורים, אז זיי וועלן אויף יענער וועלט געניסן אינאיינעם מיט די געטער פֿון דער סעודה, וואָס איז אָנגעגרייט פֿאַר זיי אויף אַ ליכטיגן באַרג, בעת די, וואָס זיינען ניט איינגעהייליגט, וועלן איינגעזונקען ווערן אין אַן עיפּושדיגן זומפּ.

דער אַטענישער טעאַטער. אין אַלע אַטענישע חגאות האָבן געמוזט זיין מוזיק, געזאַנג, קאַראַהאָדן, טענץ און היילינע טואונגען (גריכיש הייסט דאָס ד ר אַ מ אַ). אָט דער לעצטער טייל פֿון די

פֿייערליכקייטן האָט פֿאַרנומען אַ באַזונדערס גרויסן אָרט אין די גרויסע דיאָניסיען.

פֿון קדמונים אָן איז געווען אַ מנהג פֿאָרצושטעלן, ווי אַזוי דיאָניסאָס קומט צופֿאָרן, אַרומגערינגלט מיט אַ פֿריילעכער, באָקפֿיסיגער און באַווײדלטער סוויטע פֿון סילענען. דער פֿריילעכער צוג פֿלעגט זיך אָפּשטעלן אויף אַ קײַלעכדיגן פּלאַץ, וואו עס פֿלעגן טאַנצן און זינגען כאָריסטן אין איבערגעקערטע פֿעלן און מאַסקעס. אין מיטן דעם פּלאַץ (אָרכעסטראַ, דאָס הייסט פּלאַץ פֿונם קאַראַהאָד) איז געווען אַ בימה, דאָרט פֿלעגט זיך שטעלן אַן אַקטיאָר אַ ליבהאָבער, וואָס האָט פֿאָרגעשטעלט דיאָניסאָסן, און דערציילן אין אַ שיר די גאַנצע מעשה פֿון זיינע ליידן און נצחון; די סוויטע פֿלעגט אים צוזינגען אין די פּאַסיגע ערטער, זיך דרייען אין קאַראַהאָד, און אין דערזעלביגער צייט פֿלעגט דיאָניסאָס פֿאַרשווינדן אין אַ געצעלט, וואָס איז געשטאַנען הינטן (דאָס האָט געהייסן סקענע, דערפֿון נעמט זיך דאָס וואָרט סצענע). איבערגעטאָן זיך דאָרט, פֿלעגט דער אַקטיאָר אַרויסגיין אין אַ נייער געשטאַלט, פֿאָרצושטעלן אַן אַנדער פּערזאָן, וואָס איז לויטן מיטאָס פֿאַרבונדן מיט דיאָניסאָסן; ווען ער פֿלעגט פֿאָרשטעלן אַ בייזן שונא דיאָניסאָס׳, פֿלעגט דער כאָר אויסדריקן כעס און טרויער.

היות ווי דאָס פֿאָלק פֿלעגט זעהר ליב האָבן די דאָזיגע פֿאָרשטעלונגען, האָט מען גענומען פֿאַרברייטערן זיי און מאַכן זיי פֿאַר שיידנאַרטיג. חוץ דעם מיטאָס וועגן דיאָניסאָס, פֿלעגט מען פֿאָרשטעלן אויך אַנדערע מיטן. פּאָעטן פֿלעגן שרייבן שירים פֿאַרן הויפּטאַקטיאָר, כאָרלידער און שמועסן צווישן דער הויפּטפּערזאָן און צווישן זיין סוויטע. רייכע לייט, וואָס האָבן געוואָלט געפֿינען חן אין די אויגן פֿון פֿאָלק, פֿלעגן אויסגעבן אַסך געלט אויף צו מאַכן די פֿאָרשטעלונגען, קויפֿן פֿאַר די אָנטיילעמער פֿון דער דראַמע רייכע קאָסטיומען, דינגען קונציגע זינגערס און טענצערס אָדער פּלעגן אויסלערנען צום יום טוב אַ גאַנצן כאָר.

צו דער צייט פֿון די גריכיש־פּערסישע מלחמות איז געוואָרן אַ מנהג צו שטעלן צו דיאָניסאָס׳ יום טוב פֿיר פּיעסעס: דריי פֿון זיי מיט אַ רירנדן און געהויבענעם אינהאַלט (זיי האָבן געהייסן טראַגעדיע, דאָס איז טייטש „דאָס ליד פֿון די בעק“, ד. ה. פֿון דיאָניסאָס׳ כאָר), און אויף צולעצט איינע מיט אַ חוזקדיגן און פֿריילעכן אינהאַלט, די דראַמע פֿון די סאַטירן (סאַטירן זיינען דאָזעלבע, וואָס סילענען). אַסך נייס אויף צו מאַכן לעבעדיגער דעם טעאַטער האָט צוגעקלערט אַיסכילאָס,

דער מחבר פֿון דער טראַגעדיע „די פּערסער‟. צו דעם איין אַקטיאָר פֿון דער פֿאַרצייטיגער דראַמע האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ פּערזאָן. כל זמן פֿון דער סצענע פֿלעגט ארויסגיין נאָר איין מענש, פֿלעגט ער נאָר מיט זײַנע ווערטער קאָנען דערציילן, וואָס עס האָט געטראָפֿן מיטן גאָט אָדער מיטן העלד, וואָס איז געווען פֿאַרגעשטעלט פֿאַר די צוקוקערס. צוויי אַקטיאָרן אָבער, באַזונדערס ווען זיי האָבן פֿאָרגעשטעלט געגנער, האָבן געקאָנט ווייזן די געשעהעניש גופא. בכדי די אַקטיאָרן זאָלן קאָנען זיך פֿריי באַוועגן און פֿאָרט זיין העכער פֿונם כאָר, האָט אַיסכילאָס זיי געגעבן אָנצוטון אויף די פֿיס הויכע קנאַפּל אָדער, ריכטיגער, געלאָזט זיי צובינדן פוסבענקעלאַך (דאָס האָט געהייסן קאָטורנען). אַיסכילאָס האָט אויך דער ערשטער געמאַכט אַ דעקאָראַציע: אויף דער פֿאָדער־שטער וואַנט פֿון דער סצענע האָט מען אָנגעהויבן אויסמאָלן, וועדליג די פּיעסע האָט פֿאַרלאַנגט, ווי אַן אַלטאַר, אַ פֿעלז, אַ פֿאָדערשטן פֿאַסאַד פֿון אַ הויז מיט אַ טיר אין מיטן א. אז. וו. ווען מען האָט אין דער פּיעסע באַדאַרפֿט פֿאָרשטעלן סיי געטער און סיי מענשן, דעמאָלט פֿלעגן די געטער ארויסגיין אויפֿן פֿלאַכן דאַך פֿון דער סצענע, בכדי זיי זאָלן אויסקומען העכער פֿון די מענשן.

פֿון דער פֿאַרצייטיגער יום טוב־פֿאָרשטעלונג זיינען געבליבן דער אָרקעסטער, די סצענע, דער כאָר און די רעדנדיגע פּערזאָנען; צוגעקומען איז אַ גוואַלדיגער אַמפֿיטעאַטער, ד. ה. אַ האַלבקרייז מיט זיצפּלעצער פֿאַר די צוקוקער, וואָס פֿלעגן שטאַפּלווייז זיך הויבן אַלץ העכער.

אין די טראַגעדיעס פֿון אַיסכילאָס איז דער סוזשעט געווען אַן ערנסטער און געהויבענער. די צוקוקער פֿלעגן מיט האַרץ־קלאַפּעניש צו־קוקען, ווי אזוי די נקמה־געטינס יאָגן זיך נאָכן אומגליקליכן אָרעסטעסן, וואָס האָט געטויט זיין מוטער דערפֿאַר, וואָס זי האָט דערהרגעט איר מאַן אַגאַמעמנאָנען, אָרעסטעס׳ פֿאָטער, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אהיים נאָכן איינגעמען טראָיאַ. זיי זיינען געווען טיף גערירט קוקנדיג אויפֿן העלד פּראָמעטעוס, וואָס זעוס האָט אים צוגעשמידט צו אַ פֿעלז דערפֿאַר, וואָס ער, דער מענשנפֿריינט, האָט ארויסגעגנבעט פֿאַר די מענשן דאָס פֿייער פֿון הימל, אויסגעלערנט זיי ארבעטן און אויפֿגעהויבן זיי איבערן גראָבן לעבן פֿון בעלי חיים.

אין פּעריקלעס׳ צייטן איז דער באַליבטסטער דראַמאַטורג אין אַטען געווען סאָפֿאָקלעס (496—406). ווייל די צוקוקער האָבן צו איטליכן יום־טוב פֿאַרלאַנגט צו האָבן אלץ נייע פּיעסעס, דעריבער האָט סאָפֿאָקלעס פֿאַר זיין לאַנגען לעבן באַוויזן אָנצושרייבן ביז 120 טראַגעדיעס. צו אונז

זיינען דערגאַנגען פֿון זיי סך הכל 7, וואָס דריי צווישן זיי האָבן אַ שיכות צום מיטאָס וועגן קיניג עדיפּאָס און וועגן זיין אומגליקליכער משפּחה.

דער בן־מלך עדיפּאָס, וואָס זיינע עלטערן האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אומגעקומען, דערהרגעט צופֿעליג זיין פּאָטער, וואָס ער האָט אים גאָרניט געקענט. ער רעגירט דערנאָך גליקליך אַ לאַנגע צייט, ביז עס שטייט אָן אַ מגפה אויפֿן פֿאָלק. דעמאָלט ווערט מען געוואָר פֿון אַ וואָרזאָגער, אַז דאָס איז אַ שטראָף פֿאַרן קיניגס גרויסער זינד. עדיפּוסן כאַפּט אָן אן אימה דערפֿון, וואָס ער דערוויסט זיך, זאָגט זיך אָפּ פֿון דער מלוכה און שטעכט זיך אויס ביידע אויגן. נאָר דאָס אומגליק לאָזט ניט אָפּ זיין הויזגעזינד: זיינע צוויי זין טויטן איינער דעם אַנדערן אין קאַמף פֿאַר דער מאכט; זיין טאָכטער קומט אום, ווייל זי האָט געוואָלט מקבר זיין דעם דערהרגעטן פֿאַרטריבענעם ברודער. אַלע דידאָזיגע מענשן האָבן קיין חטא ניט באַגאַנגען; אדרבא, זיי זוכן אַ וועג, וויאַזוי אלץ בעסער צו מאַכן; זיי קומען אום נאָר דערפֿאַר, ווייל לכתחילה איז שוין אַזוי באַשערט און פֿאָראויסגעזאָגט. דער געדאַנק פֿון דער דאָזיגער דראַמע איז, אַז ווי אַ מענש זאָל ניט פּרובן בויען זיין לעבן, וואָסערע הויכע שטרעבונגען ער זאָל ניט האָבן, פֿאָרט קאָן ער ניט ביישטיין קעגן גזר־דין פֿון יענעם פֿאַרבאָרגענעם כח, וואָס מען רופֿט מזל.

בעתן האַרבסטיגן יום־טוב פֿון קעלטערן די ווייַנטרויבן (גריכיש הייסט דער יום־טוב די לענייען) זיינען די פֿאָרשטעלונגען געווען דורכאויס פֿרייליכע און חוזקדיגע. דאָס פֿאָלק פֿלעגט זיך צונויפֿקלייבן ארום אַ בימה, וואו עס פֿלעגן זיך באַווייזן דיאָניסאָס׳ באַגלייטער מיט גרויסע בייכער און ווידלען; ארום און ארום פֿלעגן זיך דרייען מאַרשאַלקעס, וואָס זייער ליד האָט געהייסן ק אָ מ ע ד י ע. דער מהות פֿון דער קאָמעדיע איז באַשטאַנען אין איבערקרימען פֿארשיידענע זאַכן. אַלע מיטן פֿלעגן פֿאָרגעשטעלט ווערן פּידרעך, די העלדן און אפילו געטער פֿלעגן ווערן ארויסגעפֿירט אין אַ חוזק־געשטאַלד: אשטייגער דער גרויסער גבור הערַאקלעס, וואָס, לויט דער מסורה, האָט ער באַפֿרייט די מענשן פֿון בייזע מחבלים און איז מיט זיין קאַמפּשטעקן דורכגעגאַנגען די גאַנצע ערד, פֿלעגט ווערן פֿאָרגעשטעלט ווי אַ פֿאַרשלאָפֿענער זולל וסובא און אַ פלוידערזאַק. די שרייבערס פֿון דער קאָמעדיע פֿלעגן אויך אויסלאַכן די טוער פֿון זייער צייט, די פֿאָלקספֿירער, סטראַטעגן און אָראַטאָרס; זיי האָבן אויך ניט מורא געהאַט אָנצופֿאַלן אפילו אויף פּעריקלעסן גופא, בעת ער איז געווען אויף דער שפּיץ פֿון זיין מאַכט.

דאָס אַטענישע לעבן אין פּעריקלעס׳ צייט. מיט איר ברייט צעשפּרייטן האַנדל האָט אַטען אריבערגעשטייגט קאָרינט און מילעט. אַטענישע שיפן פלעגן גיין קיין מערב צו די ברעגעס פון איטאַליען און קיין מזרח צו די ברעגעס פון שוואַרצן ים. בעת פּעריקלעס האָט זיך געקליבן פאָרן בראש פון אַן עקספּעדיציע צו די ברעגעס פונם פּאָנטאָס, האָט ער געזאָגט: „מיר וועלן אונטערהאַלטן די דאָרטיגע גריכן, און די מלכים און פירשטן פון די באַרבאַרן וועלן מיר באַווייזן, אַז די אַטענער שווימען דרייסט, וואו זייער האַרץ גלוסט, און געוועלטיגן איבערן גאַנצן ים“.

פּעריקלעס האָט געוואָלט מאַכן אַטען פאַר דער ערשטער געמיינדע פון גריכנלאַנד ניט בלויז לויטן רייכטום, נאָר אויך לויט איר גייסטיגן באַטייט, אָדער, ווי ער גופא האָט זיך אויסגעדריקט, באַשאַפן פון אַטען „די שולע פון גאַנץ העלאַס“. די הויפּטשטאָט פון דער ים־מלוכה ציהט צו פרעמדע באַזוכער דורכן אינטערעסאַנטן פאַרשיידנאַרטיגן לעבן, דורך דער שיינקייט פון אירע בנינים, דורך דער רייכקייט פון די טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אסך גריכן פון אַנדערע שטעט, וואָס פלעגן קומען צו־פאָרן קיין אַטען, פלעגן נתפּעל ווערן פונם אַטענישן לעבנס־סדר, וואו אַלע בירגער האָבן גלייכע רעכט און די פרייהייט צו דענקען און צו רעדן, ווי זיי ווילן. העראָדאָט (געב. 484, געשט. 425 פאַר קר.), אַ געבירטיגער פון דער קליינאַזישער שטאָט האַליקאַרנאַס, וואָס האָט אָנגעשריבן די געשיכטע פון די גריכיש־פּערסישע מלחמות, האָט אַ היבשע צייט פאַר־בראַכט אין אַטען; אים איז די דעמאָקראַטיע אזוי געפעלן געווען, אַז ער האָט פאַרזיכערט, אַז דאָס וואָרט פאַר זיך, וואָס באַטייט „פאָלקס־הערשאַפט“, קלינגט אָנגענעם פאַר אַ גריכס אויער.

גערן פלעגן באַזוכן אַטען די סאָפיסטן, ד. ה. וואַנדערנדיגע גע־לערנטע און לערערס פון רעדנערקונסט. מיר ווייסן די מעשה וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שטאַרקן איינדרוק עס האָט געמאַכט דאָס אָנקומען פונם סאָפיסט פּראָטאַגאָראַס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער שטוב פונם רייכן אַטענער קאַליאַס. גאַנץ פריה איז דאָס שוין געוואָרן באַוואוסט אין שטאָט. אַ גאַנצן טאָג האָט מען ניט אויפגעהערט גיין צו קאַליאָסן, מענשן פון פאַרשיידענעם עלטער האָבן געוואָלט הערן דעם באַרימטן לערער. אין אַ קילער גאַלעריי, וואָס האָט געפירט אין איבעווייניגסטן הויף ארוים, האָט פּראָטאַגאָראַס זיך ארומגעשפּאַצירט אין דער באַגלייטונג פון די צוהערער און האָט מיט זיי געלערנט; דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעזעצט און געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט.

דער אָנהויב פֿונם גרויסן ברודערקריג צווישן די גריכן. ניט לאַנג האָט געדויערט דאָס רוהיגע לעבן פֿון אַטען. דער היסטאָריקער טוקידידעס (געב. 469, געשט. 400 פֿאַר קר.), האָט קיין שום שיכות ניט צו פּעריקלעס' געגנער) זאָגט אַזוי וועגן זיינע פֿאַלקסברידער: „זיי זיינען אַזוי געשאַפֿן, אַז זיי לאָזן ניט רוהען ניט זיך, ניט אַנדערע".

ווענלדיג פֿאַרזיכערן זיך דעם האַנדלסוועג קיין מערב קיין איטאַליען און סיציליען, האָבן די אַטענער אריינגענומען צו זיך אין בונד דעם אינזל קאָרקיראַ, וואָס ליגט ביי די מערבדיגע ברעגעס פֿון גריכנלאַנד. די איינוואוינער פֿון קאָרקיראַ האָבן אין יענער צייט געפֿירט אַ מלחמה מיט זייער מעטראָפּאָליס קאָרינט, און די אַטענער האָבן זיך גענומען העלפֿן זיי קעגן קאָרינט. חוץ דעם, האָבן די אַטענער פֿאַרנומען וויכטיגע פּלעצער ביים אריינגאַנג אין קאָרינטישן אויסגוס און האָבן אָנגעהויבן באַדריקן מעגאַראַ, די שכנה פֿון קאָרינט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז דער האַנדל פֿון קאָרינט זאָל אינגאַנצן אונטערגיין. קאָרינט פֿון איר צד האָט זיך געפּרובט שעדיגן אַטען: האָט צוגערעדט זיך אָפּצוטיילן פֿון דער אַטענישער מלוכה די שטאָט פּאָטידייאַ, אַ קאָלאָניע פֿון קאָרינט, וואָס איז געלעגן אויפֿן האַלב־אינזל כאַלקידיקע ניט וויט פֿון מאַקעדאָניען. נאָר דאָס האָט אויך ניט אָפּגעגליקט: די אַטענער האָבן איינגעשלאָסן די קאָרינטישע אָפּטיילונג, וואָס האָט געהאַט באַוויזן אריינצודרינגען אין די מויערן פֿון פּאָטידייאַ. דעמאָלט האָט קאָרינט זיך געווענדט מיט אַן אָנקלאָג צו ספּאַרטאַ, וואָס האָט זיך גערעכנט פֿאַר דער פֿירערין און באַשיצערין פֿון גאַנץ פּעלאָפּאָנעס; די קאָרינטער האָבן באַשולדיגט די אַטענער דערין, וואָס זיי ווילן בטל מאַכן די פֿרייהייט פֿון די גריכישע געמיינדעס, און האָבן געפֿאָדערט, מען זאָל אַטען באַשטראָפֿן.

די ספּאַרטאַנער איז שווער געווען אריינצוציהען אין אַ קריג: צוערשט האָבן זיי פֿאָרגעלייגט די אַטענער פֿריי צו לאָזן מעגאַראַ, און דערנאָך, ווען די אַטענער האָבן, לויט פּעריקלעס' עצה, אָפּגעוואָרפֿן דעם דאָזיגן פֿאָרשלאָג, האָבן זיי געפֿאָדערט, עס זאָלן ארויסגעטריבן ווערן פֿון אַטען די אַלקמעאָנידן, וואָס זיינען באַגאַנגען דעם חטא פֿון חילול הקודש (ז. אויבן ז. 97), ד. ה. אַז פּעריקלעס זאָל אראָפּגעזעצט ווערן. כמעט צוויי יאָר האָבן זיך געצויגן די אונטערהאַנדלונגען צווישן די צוויי הויפּט־געמיינדעס פֿון גריכנלאַנד. אַז עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די אַטענער וועלן אין קיין פּרט ניט נאָכגעבן, און אַז זיי גרייטן זיך פֿאַרקערט אונטערטעניג צו מאַכן פּעלאָפּאָנעס, האָבן די ספּאַרטאַנער צונויפֿגעקליבן אַ חיל, בכדי אָנצופֿאַלן דורכן איסטמאָס אויף אַטיקאַ.

פעריקלעס האָט פֿון זיין זייט צוגעגרייט אַ פּלאַן פֿון דער מלחמה. ער האָט צוגערעדט די דאָרפֿישע איינוואוינער פֿון אַטיקאַ, זיי זאָלן לאָזן זייערע הייזער, סעדער, פֿעלדער און ווייַנגערטנער און זיך אריבערקלייבן אונטערן שוץ פֿון די באַפֿעסטיגונגען פֿון אַטען, פֿונם פּירייאָס און פֿון די „לאַנגע מויערן“. ער האָט גערעכנט, אַז היות ווי די ספּאַרטאַנער קאָן מען אויף דער יבשה ניט מנצח זיין, בכן איז ניט כדאי צו קעמפֿן דאָרט מיט זיי. דערפֿאַר אָבער איז ניטאָ קיין קראַפֿט, וואָס זאָל קאָנען בייקומען דעם אַטענישן פֿלאָט. מען מוז פֿון ים אויסהאַלטן באַלעגערט פּעלאָפּאָנעס; אויסגעמאַטערט דורכן הונגער, וועלן די ספּאַרטאַנער זיין געצוואונגען צו בעטן שלום.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער קריג, וואָס די אַטענער האָבן אים אָנגערופֿן דער פּעלאָפּאָנעסישער קריג; ער האָט געדויערט 27 יאָר מיט אַ הפסקה אין מיטן, פֿונם יאָר 431 ביז 404. דער קריג איז אוועק ניט אזוי, ווי די אַטענער האָבן זיך גערעכנט, און האָט געבראַכט דעם אונטערגאַנג פֿאַר דער אַטענישער גרויס־מלוכה.

די ספּאַרטאַנער פֿלעגן יאָר אויס יאָר איין קומען צו גיין קיין אַטיקאַ און זי חרוב מאַכן. באַזונדערס שווער איז געווען פֿאַר די אַטענער דאָס, וואָס זיי האָבן אויסגעהאַקט די איילבירטנבוימער; דער איילבירטנבוים וואַקסט זעהר לאַנג און ערשט אויפֿן 16־טן יאָר נאָכן פֿאַרפֿלאַנצן גיט ער רייכע פּירות. דעריבער זיינען דער גרעסטער רוב פֿון די ווייַנגערטנערס און סעדערס פֿון אַטיקאַ בדלות געוואָרן נאָך די אָנפֿאַלן פֿון די ספּאַרטאַנער. די אַטענער פֿון זייער זייט האָבן קיין באַזונדערס גרויסן שאָדן ניט געקאָנט אָנטון פּעלאָפּאָנעס דורך זייערע אָנפֿאַלן פֿון ים. אויפֿן צווייטן יאָר פֿון דער מלחמה האָט מיט אַטען געטראָפֿן אַ גרויס אומגליק. מחמת אין שטאָט האָבן זיך געהאַט אָנגעקליבן צופֿיל מענשן, האָט זיך גיך דאָרט פֿאַרשפּרייט די פּעסט, וואָס איז געוואָרן פֿאַרטראָגן פֿון די שיפֿן. אסך מענשן זיינען אוועקגעפֿאַלן, און דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ יאוש צווישן די בירגער. פעריקלעס' געגנער האָבן ווידער אויפֿגעהויבן די קעפּ און גערעכנט, אַז די גאַנצע שולד פֿאַר די צרות פֿאַלט אויף אים. עס האָבן זיך געפֿונען פֿרומע לייט, וואָס האָבן איינגערעדט דעם המון, אַז די פּורעניות קומען דערפֿאַר, ווייל די געטער זיינען דערצערנט פֿאַר פעריקלעס' פּרייקייט. אלע די דאָזיגע באַשולדיגונגען האָבן געווירקט אויפֿן אַטענישן פֿאָלק. דער ערשטער בירגער, וואָס מען האָט אים געפֿאָלגט אָהן טענות כמעט אין משך פֿון 30 יאָר, איז געוואָרן אראָפּגעוואָרפֿן; מען האָט אים אראָפּגעזעצט פֿון

זיין אַמט און באַשולדיגט אין געריכט פֿאַר אויסברעכנגען די מלוכה־קאַסע. אין אַ יאָר אַרום האָט דאָס פֿאָלק ווידער אויסגעקליבן פּעריקלעסן אויף דער אַלטער שטעלע, נאָר ער איז אויך געשטאָרבן פֿון דער פּעסט (אין יאָר 429).

אין אַטען האָבן בכלל אויפֿגעהויבן די קעפּ די געגנער פֿון דער פֿאָלקסהערשאַפֿט. זיי האָבן געלאַכט דערפֿון, וואָס קרעמער און בעלי־מלאכות זאָגן אַ דעה אין וויכטיגע פֿראַגען; לויט זייער מיינונג, האָט דאָס געדאַרפֿט זיין אַן עסק פֿון „עטליכע“, פֿון די „בעסטע“, ד. ה. פֿון די פֿאַרמעגליכע, וואָס האָבן אַסך צייט, און פֿון די געבילדעטע. די דעמאַגאָגן, וואָס זיינען געקומען נאָך פּעריקלעסן, האָבן שוין ניט פֿאַרמאָגט די קונסט איינצושטילן דאָס פֿאָלק. דער רייכער לעדערפֿאַבריקאַנט קלעאָן, וואָס האָט פֿאַרטרעטן פּעריקלעס׳ אָרט, האָט געוואָלט פֿירן די מלחמה מיט מער ענערגיע, ניט נאָר פֿאַרטיידיגן זיך, נאָר אויך אָנפֿאַלן. קלעאָן האָט געהאַט אַסך אָנהענגער צווישן פֿאָלק אין אַטען. אויף צו דעקן די קריגס־הוצאות האָט ער פֿאָרגעלייגט צו קלייבן מער געלט צווישן די פֿאַרבינדעטע, הגם דאָס וואָלט געקאָנט אַרויסרופֿן צווישן זיי אַן אומצופֿרידנקייט און אפילו אַ בונט. איין נצחון האָט קלעאָנען געמאַכט שטאַרק האָפֿערדיג ביי זיך. די אַטענער האָבן פֿאַרנומען דעם האַוון פּילאָס אין מעסעניען, מיט דעם מיין אַרויסצורופֿן אַן אויפֿשטאַנד פֿון די העלאָטן קעגן ספּאַרטאַ. האָבן די ספּאַרטאַנער געשיקט אַ חיל פֿון די בעסטע קריגסלייט, זין פֿון זייערע ערשטע משפחות, בכדי אָפּצונעמען צוריק פּילאָס. דעמאָלט האָט קלעאָן געפּועלט, מען זאָל אים אויסקלייבן פֿאַר אַ סטראַטעג און האָט גענומען געפֿאַנגען דעם ספּאַרטאַנישן חיל. ספּאַרטאַ האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן די געפֿאַנגענשאַפֿט פֿון אַזוי־פֿיל בירגער, בפֿרט נאָך אַז די צאָל ספּאַרטאַנער פֿון אַלטע משפחות איז בכלל געווען ניט גרויס. וועלנדיג באַקומען צוריק די געפֿאַנגענע, האָט ספּאַרטאַ תיכף געבעטן שלום. נאָר קלעאָן האָט געפּועלט, אַז דאָס אַטענישע פֿאָלק זאָל אָפּוואַרפֿן דעם שלום־פֿאָרשלאָג.

דערווייל האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן מפּלות ביי די אַטענער. דער ענערגישער ספּאַרטאַנישער קאָמאַנדיר בראַזידאַס איז דורכגעגאַנגען מיט אַ קליינעם חיל קיין צפֿון דורך טעסאַליען און האָט צוגערעדט די שטעט אויפֿן האַלבאינזל כאַלקידיקע זיך אָפּצוטיילן פֿון אַטען. קלעאָן איז ווידער אַמאָל אַרויסגעטראָטן קעגן בראַזידאַסן. נאָר די אַטענער זיינען דאָס מאָל געשלאָגן געוואָרן. ביידע אָנהענגער פֿון דער מלחמה, סיי קלעאָן און סיי בראַזידאַס, זיינען געפֿאַלן אין דער שלאַכט ביי אַמפֿיפּאָליס.

איצטער האָט זיך דעם אַטעניִשן סטראַטעג ניקיאַסן איינגעגעבן צו מאַכן שלום צווישן אַטען און ספּאַרטאַ (אין יאָר 421). דער שלום האָט זיך ניט לאַנג געהאַלטן. די אַטענער וואָלטן געקאָנט איינהאַלטן די הער־שאַפֿט איבערן ים, ווען זיי וואָלטן ניט געוועזן להוט נאָך נייע לענדער. נאָר דאָס פֿאָלק האָט זיך געלאָזט פֿאַרפֿירן דורך פּלענער וועגן נייע באַצווינגונגען.

דער אונטערגאַנג פֿון דער אַטענישער גרויס־מלוכה.

אַלקיביאַדעס, אַ קרוב פֿון פּעריקלעסן, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער דער השגחה פֿון דעם גרויסן דעמאַגאָג, אָבער לחלוטין ניט ענליך צו אים, האָט אויסגעמעלט דעם פֿאָלק אַזאַ פּלאַן: פֿאַרנעמען דאָס רייכע סיציליען, פֿאַרטיליגן די האַנדלסמאַכט פֿון קאַרטאַגאָ אין מזרח־זייט און פֿאַרכאַפּן די הערשאַפֿט איבערן גאַנצן מיטללענדישן ים. האָבן די אַטענער אוועקגעשיקט אַ גרויסן פֿלאָט מיטן בעסטן חיל אונטער דער קאָמאַנדע פֿון אַלקיביאַדעסן גופא קעגן סיציליען (415). אַלקיביאַדעס האָט כמעט גאָרנישט ניט באַוויזן אויפֿצוטון. זיינע שונאים האָבן גע־פֿונען די געלעגנהייט אים צו באַשולדיגן אונטער די אויגן. אין אַטען זיינען קורץ פֿארן אָפּפֿאָרן פֿון פֿלאָט איינמאָל ביינאַכט צעבראָכן געוואָרן די אַלטפֿאַרצייטיגע געטערבילדער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די ווינקלען פֿון די גאַסן. אַלקיביאַדעס איז געווען באַוואוסט פֿאַר ניט קיין פֿרומען; מחמת דעם האָבן די באַשולדיגער דערוויזן, אַז דער חילול הקודש איז דאָס אַלקיביאַדעס' אַרבעט. אַלקיביאַדעס איז צום געריכט ניט געקומען, און אונטער די אויגן האָט מען אים פֿאַרמשפּט צום טויט.

די קאָמאַנדע איבערן פֿלאָט און חיל איז איבערגעגעבן געוואָרן ניקיאַסן, וואָס איז ניט געווען אַזאַ בעל־כשרון, ווי אַלקיביאַדעס. די אַטענער האָבן באַלעגערט די גרויסע סיצילישע שטאָט סיראַקוז פֿון ים און פֿון דער יבשה. דערווייל איז אַלקיביאַדעס געקומען קיין ספּאַרטאַ און האָט געגעבן די ספּאַרטאַנער אַסך עצות, געפֿערליכע פֿאַר די אַטענער. ערשטנס, זיי זאָלן אויסנוצן דאָס, וואָס, דער אַטענישער פֿלאָט איז ניטאָ, און פֿאַרנעמען די פֿעסטונג דעקעלייאַ אין אַטיקאַ. ווייטער, אַז זיי זאָלן שיקן הילף קיין סיראַקוז.

אין דער באַלעגערטער שטאָט, וואָס האָט שוין געוואָלט זיך אונטער־געבן די אַטענער, האָט זיך אריינגעריסן מיט אַ קליינעם חיל דער ספּאַרטאַנער גיליפּאָס. ער האָט אויפֿגעמונטערט די סיראַקוזאַנער, איינ־געשלאָסן דעם אַטענישן פֿלאָט אין האַוון פֿון סיראַקוז און צעשטערט אים

אין אַ האַרטער שלאַכט. האָבן די אַטענער זיך געפּרובט אַרויסראַטעווען אויפֿן ברעג, נאָר גיליפּאָס און די סיראַקוזאַנער האָבן זיי פֿאַרצאַמט דעם וועג אין די בערג און געצוואונגען דעם גאַנצן אַטענישן חיל זיך אונטערצוגעבן. ניקיאַסן און די איבעריקע קאָמאַנדירן האָט מען געטויט, די געפֿאַנגענע זעלנער האָט מען פֿאַרמשפּט צו צוואַנגאַרבעט אין שטיינבראָכן. אַטען האָט אין דער סיציליִשער מלחמה אָנגעוואָרן כמעט אַ העלפֿט כּחות פֿון איר מלוכה.

און אַלקיביאַדעס האָט זיך גענומען פֿאַר נאָך גרעסערע פּלענער. ער איז אַוועקגעפֿאָרן קיין קליינאַזיע, באַפֿריינדעט זיך מיטן פּערסישן סאַטראַפּ און געמאַכט אַ *בונד צווישן די פּערסער און ספּאַרטאַ*. אַלקיביאַדעס האָט געקאָנט זיך צונויפֿגיין מיט מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער: אין אַטען האָט ער געפֿירט שמועסן מיט די סאָפֿיסטן, אין ספּאַרטאַ האָט ער געלעבט פּשוט מעשה קריגסמאַן, ביי די פּערסער פֿלעגט ער פּטרן געלט אויף לוקסוסזאַכן. די פּערסער האָבן געגעבן געלט, וואָס דערפֿאַר האָבן די ספּאַרטאַנער אויסגעבויט אַ שטאַרקן פֿלאָט. אַ גרויסער טייל פֿון די אומצופֿרידענע פֿאַרבינדעטע פֿון אַטען זיינען אַריבער אויף זייער צד. אין אַטען גופֿא האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט געגנער פֿון דער דעמאָקראַטיע, אויפֿגעריכט די אַלטע אָרדענונג, וואָס איז געווען פֿאַר סאָלאָנס צייטן, געבילדעט אַ ראָט פֿון רייכע לייט און אויפֿגעהערט צונויפֿרופֿן די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג. זיי האָבן אויך געוואָלט שלום מאַכן מיט ספּאַרטאַ, בכדי איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אַראָפּצוּוואַרפֿן די דעמאָקראַטיע (אין יאָר 411).

נאָר דער חיל און דער פֿלאָט, וואָס זיינען געשטאַנען ביים אינזל סאַמאָס, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער הערשאַפֿט פֿון די „עטליכע“ (*אָליגאַרכיע*) און האָבן גערופֿן אַלקיביאַדעסן, וואָס האָט שוין געהאַט באַוויזן זיך צו צעקריגן מיט די ספּאַרטאַנער. די גרעסטע סכּנה פֿאַר די אַטענער איז באַשטאַנען דערין, וואָס דער ספּאַרטאַנישער פֿלאָט האָט פֿאַרנומען די דורכגוסן, וואָס פֿירן צום שוואַרצן ים. אַהין האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַלקיביאַדעס; ער האָט צוריק אָפּגענומען די פֿריערדיקע פּראָווינצן פֿון אַטען ביי די דורכגוסן און אָפּגערייניקט דעם האַנדלסוועג, וואָס איבער אים האָט מען געפֿירט תּבֿואה קיין אַטען. נאָך דיזאָזיקע נצחונות האָבן די דעמאַגאָגן אין אַטען אַראָפּגעוואָרפֿן די ממשלה פֿון דער אָליגאַרכיע און אויפֿגעריכט די פֿאָלקסהערשאַפֿט.

נאָך זיבן יאָר האָט אַטען אויסגעהאַלטן דעם קאַמף קעגן די פֿיל שונאים; דאָס מוטיקע פֿאָלק האָט געהאַלטן אין איין אויסריכטן שיפֿן.

נאָר די מיטלען זיינען אויסגעגאַנגען, פֿון די טעמפּלען זיינען געוואָרן ארויסגענומען די לעצטע רעשטלאַך גאָלד, די ענערגיע איז געפֿאַלן. דאָס פֿאָלק איז געווען צערייצט דורך די מפּלות, האָט באַשולדיגט די אָנפֿירער אין בגידה. ווען אלקיביאַדעס האָט איינמאָל געליטן אַ מפּלה, האָט מען אים ווידער אמאָל פֿאַרמשפּט, און ער איז אַנטלאָפֿן געוואָרן אין זיין שלאָס ביים העלעספּאָנט. נאָך איין מאָל האָבן די אַטענער געשלאָגן די ספּאַרטאַנער אין אַ גרויסער ים־שלאכט ביי די אַרגינוזן־איגזלען צווישן לעסבאָס און די ברעגעס פֿון קליינאַזיע. נאָר באַלד נאָך דער שלאַכט האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקליכער שטורעם, וואָס האָט פֿאַרטראָגן עטליכע שיפֿן אין אָפֿענעם ים אריין און ארויסגעשליידערט די ים־לייט אין די כוואַליעס. די שיפֿסקאָמאַנדירן האָבן ניט געקאָנט ראַטעווען די זינקענדיגע און ניט באַגראָבן די קריגסלייט, וואָס זיינען געפֿאַלן אין שלאַכט. באַלד איז פֿון אטען אָנגעקומען אַ באַפֿעל אראָפּצוזעצן די סטראַטעגן און לאָדן זיי צום געריכט: מען האָט זיי באַשולדיגט פֿאַרן אונטערגאַנג פֿון די בירגער און פֿאַר באַליידיגן דעם אָנדענק פֿון די געפֿאַלענע. דאָס שטאַרק אויפֿגערייצטע פֿאָלק האָט ניט געוואָלט גוט אויספֿאָרשן די זאַך און האָט זיי פֿאַרמשפּט צום טויט. באַלד אָבער ווי די טויטשטראָף איז אויסגעפֿירט געוואָרן, האָבן די אַטענער חרטה געקראָגן אויף דער גאַנצער מעשה און האָבן געווענדט זייער כעס קעגן די באַשולדיגער, וואָס האָבן אָפּגענאַרט דאָס פֿאָלק.

נאָר דער סוף איז שוין געווען נאָהענט. דער ספּאַרטאַנישער אַדמיראַל ליסאַנדראָס האָט פֿאַרכאַפּט אָהן אַ שלאכט דעם אַטענישן פֿלאָט, וואָס איז געשטאַנען אין העלעספּאָנט, בעת די מאַטראָסן און זעלנער זיינען געווען ארויסגעגאַנגען אויפֿן ברעג. אַטען איז איצט געווען אָפּגעריסן פֿון דער וועלט און האָט ניט געקאָנט באַקומען קיין לעבנס־מיטלען. די ספּאַרטאַנער האָבן באַלעגערט די שטאָט פֿון ים און פֿון דער יבשה און נאָך אַ באַלעגערונג פֿון פֿינף חדשים האָבן זיי געצוואונגען די אַטענער זיך אונטערצוגעבן. ליסאַנדראָס האָט געפֿאָדערט, זיי זאָלן איינרייסן די „לאַנגע מויערן“; די אַטענער האָבן געמוזט ארויסגעבן אַלע זייערע קריגסשיפֿן און פֿאַרברענען זייערע שיפֿווערפֿן; אַלע זייערע פּראָווינצן אויף יענער זייט ים האָט מען ביי זיי אָפּגענומען. דאָס איז געווען דער סוף פֿון דער אַטענישער גרויס־מלוכה, וואָס האָט זיך געהאַלטן 73 יאָר (פֿון 477 ביז 404).

ליסאַנדראָס האָט אויך געפֿאָדערט, אַז די אַטענער זאָלן אָפּשאַפֿן די דעמאָקראַטיע און ווידער איינפֿירן די אָליגאַרכיע פֿון די רייכע. עס האָט

זיך איינגעשטעלט אַ ראָט פֿון 30, וואָס מען האָט זיי אָנגערופֿן די דרייסיג טיראַנען; בראש פֿון זיי איז געשטאַנען קריטיאַס, זעהר אַ פֿעהיגער מענש, אָבער ניט קיין ערליכער; צוערשט האָט ער אויפֿגערייצט דעם פּראָסטן המון קעגן די רייכע, און דערנאָך איז ער געוואָרן דער ערגסטער שונא פֿון דער דעמאָקראַטיע. די דרייסיג טיראַנען פֿלעגן גאָר ניט צונויפֿרופֿן קיין פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג, האָבן געטויט אַלעמען, ווער עס האָט זיי נאָר אויסגעוויזן חשודיג, און צוגענומען זייער אייגנס. דערווייל האָבן די פֿאַרטיידיגער פֿון דער דעמאָקראַטיע, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן געוואָרן קיין טעבן, זיך אומגעקערט אונטער דער אָנפֿירונג פֿון טראַסיבולאָס, איינעם פֿון אַלקיביאַדעס' חברים, און האָבן פֿאַרנומען פּירייאָס. קריטיאַס איז אומגעקומען אין שלאַכט מיט די דעמאָקראַטן; נאָך דעם האָט זיך איינגעגעבן אראָפּצוואַרפֿן די אָליגאַרכיע און אויפֿריכטן די פֿאָלקס־הערשאַפֿט. נאָר די דעמאָקראַטיע איז געווען שוואַך און האָט שוין ניט געקאָנט מער אויפֿריכטן די ים־מאַכט פֿון אַטען.

פֿירן אַלע ענינים פֿון גריכנלאַנד האָט איצט געפֿירט ספּאַרטאַ. אין קיין זאַך האָט זי ניט געקאָנט פֿאַרטרעטן דעם אָרט פֿון אַטען, ניט אין האַנדל, ניט אין בילדונג, ניט אין קונסט. ספּאַרטאַ האָט אויך ניט איינגעהיט גריכנלאַנד פֿון אונטערטעניגקייט דעם מזרחדיגן מושל. די קליינאַזישע גריכן, וואָס האָבן זיך געהאַט פֿאַרבונדן מיט ספּאַרטאַ, בכדי פּטור צו ווערן פֿון אַטען, האָבן פֿון די זיגער קיין הילף ניט געקראָגן, און די פּערסער האָבן זיי ווידער גענומען אונטער זייער ממשלה.

דאָס גייסטיגע לעבן אין דער צייט פֿון דער אַטענישער דעמאָקראַטיע. אין דער צייט פֿון דער אַטענישער מאַכט איז אסך אויפֿגעטאָן געוואָרן אין דער וויסנשאַפֿט.

די גריכן, געבאָרענע רייזנדער, האָבן פֿריה ארויסגעוויזן ליבע צו וויסן און פֿאָרשונגס־לוסט. זיי האָבן מיט חשק איבערגענומען די חכמה פֿון עלטערע, מער געבילדעטע פֿעלקער, עגיפּטער, בבלים, אינדער; זיי פֿלעגן איבערנעמען פֿרעמדע מנהגים און די אמונה אין נייע געטער. ווייל זיי פֿלעגן פֿאַרגלייכן די אייגענע גלויבונגען מיט די פֿרעמדע, פֿלעגן זיי שטענדיג זיך מער פֿאַרטיפֿן אין דעם זין פֿון זייערע אייגענע מיטן און־תורות וועגן די געטער.

דער היסטאָריקער העקאַטייאָס הויבט אָן די ערציילונג וועגן קאַמף פֿון זיינע פֿאָלקסברידער, די יאָניער, קעגן די פּערסער, מיט די ווערטער: „איך, העקאַטייאָס פֿון מילעט, שרייב נאָר דאָס, וואָס איך האַלט פֿאַר

אמת. פֿון די מעשׂיות, וואָס גייען ארום צווישן די גריכן, ווייזן מיר אסך אוים צו זיין לעכערליך". ער נעמט פֿונאַנדער דעם מיטאָס װעגן דעם גיהנם־הונט קערבעראָס, וואָס הערַאקלעס זאָל זיין אַראָפּגעקראָכן, בכדי אים צו כאַפּן, אונטער דער ערד דורך אַ הייל, און וואונדערט זיך איבער דער לייכטגלויבינקייט און נאַרישקייט פֿונם פֿאָלק: אַ הייל איז שמאָל און ניט טיף, אינערגעץ קאָן מען דורך איר ניט אראָפּקריכן; די שרעקנס פֿון דער אונטערוועלט זיינען אַ פּוסטע פֿאַנטאַזיע. לויט העקאַטייאָס' מיינונג, דאַרף מען דעם מיטאָס באַנעמען, ווי אַ פּשוטע נאַטירליכע מעשׂה; הערַאקלעס האָט אין הייל געכאַפּט אַ גרויסן גיפֿטיגן שלאַנג, וואָס פֿאַר זיין בים האָט מען אים אָנגערופֿן גיהנם־הונט, און דאָס איז גאָר.

קסענאָפֿאַנעס, וואָס האָט געלעבט אין דערזעלבער צייט, וואָס העקאַטייאָס, האָט געטאדלט האָמערס מעשׂיות וועגן די געטער, ווייל דער פּאָעט באַשרייבט זיי מיט מענשליכע תאוות און שוואַכקייטן. לויט זיין מיינונג, „דערהויבט זיך איין גאָט איבער אלע געטער און מענשן; ער איז ניט גליך צו די שטאַרבליכע ניט מיט זיין אויסוויינינגסטן אויסזעהן, ניט מיט זיין גייסט".

אזוי האָבן געקלערט די געבילדעטע גריכן אין דער צייט פֿון די גריכיש־פּערסישע מלחמות. פּעריקלעס' בני־דור האָבן אפּשטא שוין ניט געקאָנט מער האַלטן פֿון דעם אלטפֿרענקישן קוק אויף דער וועלט. זיי האָבן, אשטייגער, ניט געגלויבט אין דער מעשׂה, אַז אלע מענשן שטאַמען אָפּ פֿון די שטיינער, וואָס עס זאָלן האָבן געוואָרפֿן דאָס פּאָרפֿאָלק דעווקאַליאָן און פּירא, וואָס זיינען ניצול געוואָרן פֿון מבול. אסך האָבן אָנגענומען דעמאָקריטס שיטה, וואָס האָט געהאַלטן, אַז די גאַנצע וועלט באַשטייט פֿון אן אומענדליך גרויסער צאָל אַטאָמען, ד. ה. גאָר קליינע שטויבעלאך, טיילכעלאַך; די אַטאָמען פֿאַרבינדן זיך אין רוים צו קערפּערס דורך דער צוזיהונגסקראַפֿט, וואָס הערשט צווישן זיי.

אין הערָאדאָטס ווערק זיינען פֿאַרבונדן אַלטע און נייע מיינונגען. ער וויל באַווייזן, אַז די מלחמה צווישן די גריכן און פּערסער איז אַ גאַנץ נאַטירליכע ערשיינונג: די מזרחדיגע און מערבדיגע פֿעלקער, אַזיע און אייראָפּע, האָבן אייביגע חשבונות צווישן אַנאַנד. נאָר אין דערזעלביגער צייט געפֿינט ער אינם מענשנס גורל אַ סך איבערנאַטירליכס; אומגעריכט קאָן זיך בייטן גליק און אומגליק; די דאָזיגע שינויים נעמען זיך פֿון דער איינמישונג פֿון די געטער. אָט וואָס הערָאדאָט דערציילט וועגן פּאָליקראַטעס פֿון סאַמאָס: דער דאָזיגער טיראַן, וואָס האָט שטענדיג געהאַט הצלחה, האָט מורא פֿאַר דער קנאה פֿון די געטער; דעריבער

וואַרפֿט ער אריין אין ים זיין בעסטע צירונג, אַ גאָלדן פֿינגערל מיט אַ סמאַראַגד איינגעפֿאַסט; נאָר אַ פֿישער ברענגט צו אים צוטראָגן דעם פֿיש, וואָס האָט דאָס פֿינגערל איינגעשלונגען. ס' איז קלאָר געוואָרן, אַז די געטער נעמען דעם קרבן ניט אָן. פּאָליקראַטעס' גוטער פֿריינד, דער פּרעה אַמאַזיס, בעת ער ווערט געוואָר וועגן אָטדעם שלעכטן סימן, זאָגט אים באַלד אָפּ זיין פֿריינטשאַפֿט. און דער טיראַן קומט טאַקע באַלד אום מיט אַ שלעכטן טויט אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביי די פּערסער.

טוקידידעס, וואָס איז סך הכל מיט 15 יאָר יינגער פֿאַר העראָדאָטן, קוקט אַנדערש אויפֿן גאַנג פֿון מענשנס לעבן. ער דערמאָנט גאָרניט וועגן דער אריינמישונג פֿון די געטער; אין נסים גלויבט ער ניט, און פֿאַר איטליכער ערשיינונג פֿלייסט ער זיך אויסצוזוכן די נאַטירליכע סיבה, וואָס שטעקט אין דער טבע פֿון מענשן און אין די ארומיגע אומשטאַנדן. טוקידידעס האַלט, אַז די אַטענישע גרויס־מלוכה איז אונטערגעגאַנגען ניט דערפֿאַר, ווייל די געטער האָבן מקנא געווען די אַטענער אָדער געוואָלט זיי באַשטראָפֿן, נאָר דערפֿאַר, ווייל דאָס פֿאָלק איז געווען אומגעדולדיג, ניט אויסגערעכנט זיינע כחות, פֿונאַנדערגעוואָרפֿן אין זיינע אונטערנעמונגען, אומברחמנותדיג בנוגע צו אַנדערע.

טוקידידעס האָט זיך געלערנט ביי די סאָפֿיסטן. טייל פֿון זיי האָבן ארויסגעזאָגט ספֿקות בנוגע צום אלטן גלויבן: וועגן די געטער לאָזט זיך ניט זאָגן באַשטימטס; ס' איז אפֿילו ניט באַוואוסט, צי זיינען זיי פֿאַראַן צי ניט; דער ענין איז אַ האַרבער, און אַ מענשנס לעבן איז צו קורץ, בכדי צו דערגיין דעם אמת. אַנדערע האָבן גערעדט באַשטימטער: אויף דער ערד געוועלטיגט רשעות און געוואַלד, דערפֿון איז געדרונגען, אַז עס איז ניטאָ קיין העכערע מאַכט, וואָס היט אָפּ יושר.

עוריפּידעס (געב. 480, געשט. 409) האָט אין דער טראַגעדיע בעלעראָפֿאָן פֿאַרגעשטעלט אַ געטער־לייקענער. פֿאַראַן אַן אַלטע מסורה, אַז דער העלד בעלעראָפֿאָן רייט אין שלאַכט אויפֿן באַפֿליגלטן פֿערד פּעגאַסאָס און פֿליהט אויף דעם אין הימל ארויף. עוריפּידעס מאַכט פֿון אים אַ מליץ יושר פֿאַר די אומגליקליכע מענשן פֿאַר די אויבערשטע כחות. בעלעראָפֿאָן וואַרפֿט אויף די געטער מיט ביטערניש, פֿאַרוואָס זיי שענקען גליק און הצלחה די אכזריותדיגע און פֿאַלשע טיראַנען און לאָזן אין דערזלעבער צייט אומקומען פֿון די הענט פֿון רשעים פֿרומע געמיינדעס. סוף כל סוף זאָגט דער העלד: „צי זיינען דען גאָר פֿאַראַן געטער אין הימל? זיי זיינען דאָרט ניטאָ, זיי זיינען ניטאָ, אויב די מענשן ווילן נאָר ניט אהן שכל גלויבן אין אַלטע באָבע־מעשיות“.

סאָקראַטעס. ניט אַלע סאָפֿיסטן אָבער האָבן זיך צופֿרידן געשטעלט מיט אָפּלייקענען דעם אלטן גלויבן: טייל פֿון זיי האָבן געזוכט נייע, העכערע השגות וועגן דער גאָטהייט. אזעלכער איז געווען דער קליינאַזיער אַנאַקסאַגאָראַס, וואָס האָט געלערנט, אז די וועלט פֿירט דער שכל; אזעלכער איז געווען אויך דער אַטענער סאָקראַטעס (געב. אין יאָר 469).

לויט זיין פּרנסה אַ סקולפּטאָר, האָט סאָקראַטעס אָבער זיך אָפּגעגעבן מיט שטודירן די וויסנשאַפֿט און מיט שמועסן וועגן די פֿראַגן פֿון דער וועלטבאַשאַפֿונג. מחמת ער האָט פֿאַרשטאַנען פּשוט און לעבעדיג איבערצוגעבן פֿאַרשיידענע וויסנשאַפֿטליכע ידיעות, דעריבער האָט זיך ארום אים אָנגעקליבן אַ קרייז פֿלייסיגע צוהערער. איינער פֿון זיינע תלמידים פֿלעגט קומען פֿון מעגאַראַ קיין אַטען צופֿוס, וואָס עס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, און ווען אַטען האָט געפֿירט מלחמה מיט מעגאַראַ, פֿלעגט ער זיך איבערטון אין ווייבערשע קליידער, אבי נאָר צוצוקומען צו סאָקראַטעסן. קיינער האָט ניט געקאָנט זיך אויסגלייכן מיט סאָקראַטעסן אין דער קונסט פֿון דיאַלעקטיק, ד. ה. פּלפּול און דיספּוטירן, קיינער האָט אזוי קונציג ניט געקאָנט אָפּשלאָגן דעם געגנער, פֿאַרפּלאָנטערן אים אין סתירות און צווינגען אים זיך מודה צו זיין, אז ער האָט אַ טעות. די גריכן האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דער דיאַלעקטישער קונסט. סאָקראַטעס' תלמיד פּלאַטאָן דערציילט, וויאזוי זיין לערער האָט גובר געווען אין אַ וכוח דעם באַרימטן סאָפֿיסט פּראָטאַגאָראַס, בעת יענער איז איינמאָל געקומען צופֿאָרן קיין אַטען.

סאָקראַטעס איז אויסגעוואַקסן, בעת אין אַטען האָט געהערשט די דעמאָקראַטיע, נאָר ער האָט די פֿאָלקסהערשאַפֿט ניט ליב געהאַט. ער פֿלעגט זאָגן, אז אין דער דעמאָקראַטיע ווערן אויסגעקליבן פֿאַר סטראַטעגן און מלוכה־פֿירער עמי הארצים; בראש פֿון פֿאָלק מוזן, נאָך אים נאָך, שטיין קענערס פֿון דער זאַך, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט רעגירן, פּונקט ווי עס לערנען זיך בעלי־מלאכות, קינסטלער, ים־לייט און געלערנטע. סאָקראַטעס האָט אויך געראָטן זיינע צוהערער זיך צו פֿאַראייניגן אין געזעלשאַפֿטן פֿון פֿריינט, אונטערהאַלטן איינער דעם אַנדערן, און איטליכער איינציגער זאָל מער פֿון אלץ קלערן וועגן דער אויסבעסערונג פֿון זיין איינענעם כאַראַקטער; ער האָט פֿאָרגעלייגט זיך צו נעמען פֿאַר אַ כלל אין לעבן די ווערטער, וואָס זיינען אָנגעשריבן איבערן אריינגאַנג אין דעלפֿישן טעמפּל: „דערקען זיך אליין“. סאָקראַטעס פֿלעגט דערציילן וועגן זיך, אַז אין וויכטיגע פֿאַלן פֿון לעבן פֿלעגט ער

ניט ווילנדיג זיך צוהערן צו אַן אינגעווייניגסטער שטים און פֿלעגט שטענדיג טון אזוי, ווי זי האָט געהייסן. ס'איז אזוווי אַ גאָט וואָלט אין אונז געזעסן, זאָגט סאָקראַטעס: אהן אַ טעות ווייזט ער אָן, וואָס איז גוט און וואָס שלעכט, ער לערנט, וויאזוי צו לעבן.

סאָקראַטעס' רעדעס האָבן צוגעצויגן פֿאַרשיידענע מענשן. זיינע אָנפֿאַלן אויף דער דעמאָקראַטיע האָבן גערן געהערט כבוד־זוכער, ווי אַלקיביאַדעס און קריטיאַס, וואָס האָבן בדעה געהאַט אונטערטעניג צו מאַכן דאָס פֿאָלק צו זייער מאַכט. יענע ווידער, וואָס זיי איז דערעסן געוואָרן די פּ אָ ל י ט י ק, ד. ה. די מחלוקתן אין דער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג, איז געווען געפֿעלן זיין געדאַנק וועגן די געזעלשאַפֿטן פֿון פּריינט. מענשן, וואָס האָבן געזוכט אַ נייעם גלויבן, האָבן זיך אינטערעסירט מיט סאָקראַטעס' שמועסן וועגן רעליגיע. נאָך דער פּעלאָפּאָנעסישער מלחמה, ווען אַטען האָט געהאַט אָנגעוואָרן איר מאַכט, און דאָס פֿאָלק האָט אין זיין יאוש געזוכט די שולדיגע פֿאַרן אומגליק, האָבן איינינע דעמאַגאָגן אָנגעוויזן אויפֿן 70־יאָריגן סאָקראַטעסן און האָבן אים געלאָדן צום געריכט. אלע האָבן געדענקט, אז צווישן זיינע תלמידים זיינען געווען אַלקיביאַדעס און קריטיאַס, וואָס האָבן אָנגעטאָן אַטען אזויפֿיל צרות. נאָר אויפֿן פּראָצעס האָט מען סאָקראַטעסן באַשולדיגט דערין, וואָס ער פּריידיגט נייע געטער און פֿירט אַראָפּ פֿון וועג די יונגע לייט; די באַשולדיגער האָבן זיך דערביי סומך געווען אויף סאָקראַטעס' שיטה וועגן אַ גאָט, וואָס רעדט דורך דער אינעווייניגסטער שטים אין מענשן.

די פּשוטע אַטענער בירגער האָבן גוט געקאָנט זיך פֿונאַנדערקלייבן אין געוויינליכע פּראָצעסן; זיי האָבן אויך געקאָנט ארויסזאָגן אַ ריכטיגע מיינונג וועגן די שטאָטישע ענינים און וועגן די פֿאַרבינדעטע. נאָר זיי זיינען ניט געווען ביכולת צו משפטן וועגן דער וויסנשאַפֿט אָדער וועגן נייעם גלויבן. זיי האָבן זיך געשראָקן פֿאַר די ווערטער „פֿאַרשוועכט דעם אלטן גלויבן“, „פֿאַרוואַרפֿט די געטער, וואָס דאָס גאַנצע פֿאָלק האַלט זיי הויך“. דערביי האָט סאָקראַטעס אפילו ניט געפּרובט זיך פֿאַרענטפֿערן אויפֿן געריכט. לויט זיין מנהג, האָט ער שאַרף און אהן המצאות ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, אז ניט משפּטן דאַרף מען אים, נאָר אויסצייכענען אים צווישן אלע בירגער און באַלוינען אים דערפֿאַר, וואָס ער האָט אַ סך מענשן בעסער געמאַכט. צערייצט דורך אַזאַ רעדע, האָבן די שופטים פֿאַרמשפּט סאָקראַטעסן מיט אַ רוב שטימען צום טויט. רוהיג האָט סאָקראַטעס אויסגעטרונקען דאס גיפֿט־געטראַנק, וואָס מען האָט אים געגעבן (אין יאָר 399).

VI.

די גריכן אין מזרח. אין די יאָרן 400—100 פֿאַר קר.

געדונגענע זעלנער. מחמת די שטענדיגע מלחמות צווישן די שטעט איז גריכנלאַנד חרוב געוואָרן. אַסך שטאַרקע און געזונטע מענשן האָבן שווער געקאָנט קריגן אינדערהיים צו פֿאַרדינען, און דערפֿאַר פֿלעגן זיי אוועקפֿאָרן אין פֿרעמדע לענדער צו זוכן ארבעט און צו באַזעצן זיך דאָרט; אזוי זיינען אַסך גריכן אויסגעוואַנדערט אין די מזרח־לענדער, קיין עגיפּטן, סיריען, אין די פּרת־לענדער. טייל פֿון זיי זיינען אריינגעטראָטן אין דינסט ביי די פּערסישע סאַטראַפּן, ביי די פֿירשטן פֿון קליינאזיע און ביים פּערסישן קיניג גופא. אין גריכנלאַנד האָט מען איצט גרינג געקאָנט דינגען זעלנער, וואָס זיינען געווען גרייט צו דינען איטליכן, ווער עס וועט גוט באַצאָלן; ס׳פֿלעגן זיך פֿאַרדינגען אויך אָפֿיצירן און קאָמאַנדירן. ס׳זיינען געווען באַרימטע קאָמאַנדירן, וואָס ארום זיי פֿלעגן זיך מיט אַ באַזונדערן חשק אָנקלייבן זעלנער פֿון אַלע עקן גריכנלאַנד.

די געדונגענע אָנפֿירערס האָבן געמאַכט פֿון דער קריגפֿירונג אַ באַזונדערע קונסט. דער אַטענער איפֿיקראַטעס האָט פֿאַרשטאַנען זיך צו באַוועגן געשווינד מיט זיינע אָפּטיילונגען און געשווינד זיי איבערצושטעלן אין שלאַכט. ער האָט איינגעפֿירט אַ נייע באַוואָפֿענונג, אויסגעטאָן די קריגסלייט די שווערע פּאַנצערס און פֿיס־שילדן, אָנגעטאָן זיי אין קריגסשיך און געגעבן זיי אין די הענט קליינע שילדן און לאַנגע שפּיזן. די געדונגענע זעלנערס פֿלעגן זיך שטעלן אין לויער, אויסשטעלן דעם חיל מיט אַ שפּיץ פֿאָראויס, בכדי זיך אריינצורייסן אין מיטן פֿונם שונא; זיי האָבן צוגעקלערט גרויסע וואַרף־מאַשינעס, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט צוצופֿירן צו פֿעסטונגען באַוועגליכע באַלעגערונגסטורעמס א. אז. וו.

די צעהנטויזנט גריכן אין אָריענט ארום יאָר 400. די גריכישע געדונגענע זעלנער האָבן באַוויזן דעם וועג אין דער טיף פֿון דער פּערסישער

מלוכה. באַלד נאָכן אונטערגאַנג פֿון דער אַטעניִשער גרויס־מלוכה, האָט דער פּערסישער פּרינץ כּורש, וואָס איז געווען סאַטראַפּ אין קלייןאַזיע, פֿאַרקלערט אַראָפּצוזעצן זיין עלטערן ברודער, דעם קיניג אַרטאַקסערקסעס. האָט ער געדונגען אין אָפּטיילונג גריכן, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ספּאַרטאַנישע אָפֿיצירן און געפֿירט זיי אין מלחמה צוזאַמען מיט זיינע אַזיאַטישע חיילות. אין דער אַנטשיידונגסשלאַכט מיט דעם קיניגס חיל ביי בבל איז כּורש געפֿאַלן, אבער די געדונגענע גריכן האָבן אָפּגעשלאָגן אַלע אָנפֿאַלן פֿון זייערע פֿילצאָליגע געגנער. האָבן דעם קיניגס הויפּטלייט גענומען פֿירן מיט זיי אונטערהאַנדלונגען; די הויפּטקאָמאַנדירן פֿון די גריכן האָבן געטרויט די פּערסער און זיינען אריינגעפֿאַלן צו זיי אין די הענט געפֿאַנגען. נאָר די גריכישע זעלנער זיינען ניט געוואָרן אָפּהענטיג; זיי האָבן זיך אַלע צונויפֿגעקליבן אין אַ פֿאַרזאַמלונג, פּונקט ווי זיי זיינען געווען געוויינט אינדערהיים ארומצוקלערן די וויכטיגע ענינים, האָבן אויסגעהערט פֿאַרשיידענע מיינונגען און אויסגעקליבן זיך נייע אָנפֿירערס. איינער פֿון די אויסגעקליבענע איז געווען דער אַטענער קסענאָפֿאָן, סאָקראַטעס' אַ תלמיד; ער טאַקע האָט דאָס געגוי באַשריבן די געשיכטע פֿון אָמדער מלחמה. האָבן די גריכן זיך געלאָזט גיין אהיים; זיי זיינען געגאַנגען 8 חדשים אַ מהלך פֿון אַן ערך 1200 ווערסט, ניט האָבנדיג קיין קאַרטע פֿונם לאַנד, אָפּטמאָלס איבער ווילדע געגנטן, אין מיטן אַ פֿיינדליכער באַפֿעלקערונג, געיאָגט פֿונם פּערסישן חיל. בלויז מיט אַ קליינעם אָנווער זיינען זיי דערגאַנגען ביז טראַפּעזונט ביים שוואַרצן ים, וואו זיי האָבן זיך אריינגעזעצט אין שיפֿן.

די מיליטערישע מאָנאַרכיע אין סיציליען. דאָרט, וואו מען האָט געמוזט די גאַנצע שוין אָנגעטרויען געדונגענע זעלנער, האָט זייער אָנפֿירער געקאָנט פֿאַרכאַפּן די אויבערשטע מאַכט איבערן גאַנצן לאַנד. צום סוף פֿון דער פּעלאָפּאָנעסישער מלחמה האָבן די קאַרטאַגער געהאַט איינגענומען אַ גרויסן טייל פֿונם אינזל סיציליען; זיי זיינען שוין געשטאַנען ביים לעצטן שטיצפּונקט פֿון די גריכן, ביי סיראַקוז. דעמאָלט האָט דער פֿינפֿאונצוואַנציגיאָריגער קאָמאַנדיר דיאָניסיאָס געפֿאָדערט ביי דער סיראַקוזישער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג איבערצוגעבן אים די אומבאַגרעניצטע מאַכט, בכדי ער זאָל פֿירן די מלחמה. ער האָט אָפּגעשטופּט די קאַרטאַגער צום מערב־ווינקל פֿון אינזל, ארומגערינגלט סיראַקוז מיט פֿעסטע מויערן און געמאַכט די דאָזיגע שטאָט פֿאַר דער הויפּטשטאָט פֿון אַ גרויסער מלוכה, וואָס האָט פֿאַרנומען, חוץ סיציליען, נאָך דרום־איטאַליען. אין

דערזעלביגער צייט האָט ער מבטל געווען די דעמאָקראַטיע, פאַרמאַכט די פאָלקספאַרזאַמלונגען און אָפּגעשאַפט די פרייהייט פון וואָרט. דער נייער טיראַן האָט זיך אויסגעבויט אַ באַפעסטיגטן פּאַלאַץ אויף אַ קליינעם אינזל אין מיטן דעם סיראַקוזישן האַוון, זיך באַזעצט דאָרט מיט זיין גוואַרדיע און ארויסגעשיקט אַסך שפּיאָנעם אויף זיך צוצוקוקן און צו־צוהערן, וואָס דאָס פאָלק קלערט וועגן אים. מענשן, וואָס האָבן אים אויסגעוויזן פאַר געפערליך, פלעגט ער הייסן טויטן אָדער אַוועקשיקן אויף אייביגע צוואַנגסארבעטן אין שטיינהאַקערייען. דיאָניסיאָס האָט זיך גע־האַלטן (פון יאָר 405) 40 יאָר, געשטיצט אויף זיינע געדונגענע זעלנער, וואָס זיינען צום טייל געווען צונויפגעקליבן צווישן די האַלבווילדע איינוואוינער פון דרום־איטאַליען. פאַר זייער דינסט פלעגט ער זיי באַ־לוינען מיט די ערד־נחלאות, וואָס ער פלעגט אָפּנעמען ביי יענע בעלי־בתים, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט קעגן זיין מאַכט.

גריכנלאַנד נאָכן גרויסן בירגערקריג פון יאָר 400—360.

בעת דער פעלאָפּאָנעסישער מלחמה האָבן די ספּאַרטאַנער איינגערעדט אלעמען, אַז זיי קעמפן צו באַפרייען די גריכן פון דער אַטענישער קנעכטשאַפט. נאָר נאָך דער מלחמה האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די ספּאַרטאַנער דאַגען גאָר ווינציג וועגן דער פרייהייט פון די איבעריגע גריכן. זיי האָבן צעשטעלט אין די שטעט, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען ביי די אַטענער, זייערע פאַרוואַלטערס, וואָס האָבן אומעטום אַוועקגעזעצט אנשטאָט דער דעמאָקראַטיע אַ רעגירונג פון עטליכע רייכע לייט. די ספּאַרטאַנער האָבן גובר געווען אין דעם ברודערקריג מיט דער הילף פונם פערסישן גאָלד. זינט יענער צייט זיינען קיין שום מחלוקתן און מלחמות צווישן גריכן ניט פאָרגעקומען אָהן אָנטייל פון די פערסער און אָהן זייער געלט.

ווען אין אַטען האָט זיך איינגעגעבן אראָפּצוואַרפן די רעגירונג פון די 30 טיראַנען און אויפצוריכטן די דעמאָקראַטיע, האָבן אויך די אַטענער אָנגעהויבן צו זוכן הילף ביי די פערסער. דער אַטענישער אַדמיראַל קאָנאָן, וואָס האָט באַוויזן צו אַנטלויפן פון יענער שלאַכט, ווען ליסאַנדראָס האָט צעשלאָגן דעם אַטענישן פלאָט, איז אריינגעטראָטן אין דינסט ביים פערסישן קיניג, האָט בראש פונם פערסישן פלאָט צעשלאָגן די ספּאַרטאַנער און איז צוגעשוואומען צו אַטען. פאַרן פערסישן געלט האָבן די אַטענער ווידער זיך גענומען בויען די „לאַנגע מויערן" און די באַפעסטיגונגען פון פּירייאָס. אָבער צו דער פריהערדיגער מאַכט האָט אַטען ניט געקאָנט

קומען. די יאָנישע שטעט און בכלל דעם גאַנצן ברעג פֿון קליינאַזיען האָבן די פּערסער ווידער פֿאַרכאַפּט, אַזוי ווי אין קיניג דריוש'ס צייטן.

די גריכן האָבן אַזוי ווייט געהאַט אָפּגעשוואַכט איינע די אַנדערע, אַז דער פּערסישער קיניג האָט זיך ממש אַריינגעמישט אין די ענינים פֿון גריכנלאַנד. ער האָט געהייסן די גריכן מאַכן שלום (אין יאָר 387) און געשטעלט אַ תּנאַי, אַז צווישן די גריכישע שטעט זאָלן ניט געבילדעט ווערן קיין שום פֿאַרבאַנדן, און ממילא האָט שוין קיין איינע פֿון זיי ניט געקאָנט באַזונדערס שטאַרק ווערן; די ספּאַרטאַנער האָבן גענומען אויף זיך אַכטונג צו געבן, עס זאָל ווידער אינערגעץ ניט אויפשטיין אַזאַ רירעוודיגע און ענערגישע דעמאָקראַטיע, ווי אין אַטען.

נאָר אין אַכט יאָר אַרום האָבן די אָנהענגער פֿון דער דעמאָקראַטיע אין טעבן געמאַכט אַ פּרוב אויפֿצושטיין. זיי האָבן אַרויסגעטריבן פֿון זייער שטאָט דעם ספּאַרטאַנישן גאַרניזאָן. דער טעבאַנישער סטראַטעג עפּאַמינאָנדאַס האָט צעקלאַפּט די ביז דעמאָלט ניט באַזיגטע ספּאַרטאַנישע קריגסלייט און האָט זיך אַריינגעריסן אין פּעלאָפּאָנעס און גערופֿן אַלע גריכישע שטעט זיך צו באַפֿרייען פֿון ספּאַרטאַ. נאָר די טעבאַנישע דעמאָקראַטיע האָט ניט געוואָלט לעבן בשלום מיט דער אַטענישער, ווייל די טעבאַנער האָבן געהאַט חשק אַרויסצושטופּן די אַטענער אויפֿן ים. ביידע צדדים האָבן, בכדי אָפּצושוואַכן איינער דעם אַנדערן, זיך געווענדט נאָך געלטהילף צו די פּערסער. מחמת אַזעלכע מחלוקתן איז גריכנלאַנד געבליבן צעבראָקלט, און דאָס האָט נאָר געלוינט דער פּערסישער גרויס-מלוכה.

די קיניקער און די פּלאַטאָניקער. פֿון די שטענדיגע מחלוקתן און מלחמות זיינען די גריכישע געמיינדעס חרוב און פֿאַראָרימט געוואָרן. אַסך מענטשן האָט אַרומגענומען אַ יאוש: ס'האָט אויסגעדוכט, אַז עס איז ניט כדאַי צו אַרבעטן און פֿאַרזאָרגן זיך מיט אייגנס, ס'איז ניט כדאַי צו דינען ניט דעם פֿאָלק, ניט דער אָליגאַרכיע. אין די מחלוקתן און קאַמף צווישן די בירגער ווערט פֿאַרלענדט אָהן רחמנות אַלצדינג, וואָס דער מענטש טוט אויף מיט זיין פּראַצע און קונסט, אַלצדינג נעמט צו די גראָבע קראַפֿט. דעריבער האָט זיך אַלץ מער פֿאַרשפּרייט סאָקראַטעס' געדאַנק, אַז דאָס בעסטע איז זיך אַריינצוטון איטליכן אין זיינע פּריוואַטע עסקים, בילדן געזעלשאַפֿטן פֿון פֿריינט און זיך ניט מישן אין פּאָליטיק.

סאָקראַטעס' תּלמידים האָבן נאָך זיין טויט זיך צעטיילט אויף צוויי כתּות.

איינע זיינע געגאַנגען נאָך אַנטיסטענעסן (געשט. אין יאָר 399, כמעט אין איין צייט מיט סאָקראַטעסן). זיין שיטה איז באַשטאַנען דערין, אז מען דאַרף זיך לחלוטין ניט יאָגן נאָך רייכטום, פֿאַרקערט, מען דאַרף איינצאַמען די גלוסטן, אויסארבעטן ביי זיך אַ כח, זיך אליין גובר צו זיין; וואָס ווינציגער באַדערפֿענישן, אלץ גרינגער איז צו דערגרייכן רוה פֿאַרן גייסט, אלץ רייגער איז דעם מענשנס נשמה. מענשן, וואָס גייען צום דאָזיגן ציל, ווילן ניט האָבן קיין פערזענליך אייגנס, אלצדינג דאַרף געהערן דעם כלל (מיר רופֿן איצט אָן אַזאַ שיטה קאָמוניזם). אַנטיסטענעס האָט ניט געהאַלטן פֿון דעם אויסווייניגסטן געטערדינסט, פֿון די קטורת, קרבנות, סטאַטועס וכדומה; דער איינציגער גאָט קאָן ווערן דערקענט ניט פֿון אויסווייניגסטע בילדער . .

אַנטיסטענעס אָנהענגער האָט מען גערופֿן קיניקער, צי דערפֿאַר, ווייל ער האָט געלערנט מיט תלמידים אין דער גימנאַסטיקשול קינאָסאַרגאָס, אָדער ווייל די געגנער האָבן מיט דעם נאָמען געוואָלט חוזק מאַכן פֿון זייער שטייגער לעבן (קיניקער באַטייט „הינטישער“). די קיניקער פֿלעגן זיך אויסצייכענען דורך זייער אויסזעהן: אָנגעטאָן אין גראָבע מאַנטלען, אָהן אונטערשטע קליידער, מיט שטעקנס אין די הענט און מיט אַ בעטלערטאָרבע, מיט לאַנגע האָר און ניטגעשוירענע בערד, פֿלעגן זיי ארומגיין פֿון אָרט צו אָרט, פריידיגן אָרעמקייט און איינגעהאַלטנקייט. דער באַרימטסטער קיניקער איז געווען דיאָגענעס פֿון סינאָפּע, וואָס האָט געלעבט אין אַטען און קאָרינט, אַ שאַרפֿער בעל פלפול און צעדרייטער, וואָס דערפֿאַר האָט פּלאַטאָן אים אָנגערופֿן „דער משוגענער סאָקראַטעס“. דיאָגענעס פֿלעגט אָפּט ניט האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ; מען האָט דערציילט, אַז ער נעכטיגט אין אַ פֿאַס; פֿון אַלע כלים האָט ער געהאַט ביי זיך נאָר אַ הילצערן שאָלכל, נאָר אַז ער האָט געזעהן, ווי אַ ייִנגל טרינקט וואַסער פֿון די הויפנס, האָט ער אויך דאָס שאָלכל צעבראָכן.

סאָקראַטעס' אַ צווייטער תלמיד, פּלאַטאָן, האָט גענומען צונויפֿ־קלייבן ארום זיך רייכע לייט. פּלאַטאָן (געב. אין יאָר 426, געשט. 347) האָט שטרענג געטאַדלט די דעמאָקראַטיע און אירע פֿירער. ער האַלט, אַז דאָס פֿאָלק איז אומוויסנד, פֿול מיט קאַפּריזן און להוט נאָך שוישפּילן: פֿון די רעדעס אין געריכט און אין די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען האָט עס הנאה, ווי פֿון פֿאָרשטעלונגען אין אַ גרויסן טעאַטער. דעריבער לייגט פּלאַטאָן פֿאָר אין זיין ווערק „וועגן דער מלוכה“ אַן אַנדער סדר. גלייכבאַרעכטיגונג טויג ניט; איטליכער דאַרף פֿאַרנעמען אין דער מלוכה דעם אָרט, וואָס אים קומט. לויט זייער טבע טיילן זיך די מענשן אין

אַרבעטער און קריגסלייט; די ערשטע זיינען פֿעהיג צו אַרבעטן, נאָר זיי האָבן ניט ניט קיין פֿאַרשטאַנד ניט קיין ווילן; בלויז די צווייטע אליין האָבן די נויטיגע מעלות פֿון בירגער: מוט, פֿארשטאַנד פֿאַר טובת הכלל. פֿאַר דער ארבעט פֿון די ערשטע מוזן ווערן אויסגעהאַלטן די קריגסלייט, זיי אליין דארפֿן זיין אמתע בירגער. זיי וועלן לעבן אלע בשותפות, זיי מוזן זיך אָפּזאָגן פֿון די ענגע משפחה־אינטערעסן און קיין זאַך ניט האָבן פֿאר קיין אייגנס; זייערע קינדער דאַרפֿן אָפּגענומען ווערן ביי די עלטערן און זיך האָדעווען אין געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן. די קריגסלייט דינען בלויז דעם גאַנצן כלל. צווישן זיי טיילן זיך אויס נאָך די פֿילאָסאָפֿן, דאָס זיינען מענשן מיט אַ באַזונדערן טאַלענט און טיפֿן וויסן: זיי רעגירן איבער דער נייער געמיינדע.

פלאַטאָן האַלט, אַז אין דעם חורבן פֿון די גריכישע שטעט זיינען אויך שולדיג יענע סאָפֿיסטן, וואָס האָבן אָפּגעלייקנט די פֿאָלקסגעטער און האָבן אויף דעם אָרט ניט געגעבן קיין אַנדער אמונה. פֿון זיי אַלעמען שיידט פלאַטאָן אָפּ סאָקראַטעסן, וואָס האָט געגלויבט אין גאָט. ער האָט אָנגעשריבן אַ פֿייערדיגע פֿארטיידיגונגסשריפֿט פֿאַר סאָקראַטעסן, וואו ער שטעלט אים פֿאָר ווי אַ הייליגן מאַן. פלאַטאָן גופא לערנט, אַז די ערדישע וועלט, וואָס דער מענש באַנעמט זי מיט זיינע חושים, איז סך הכל אַ שוואַכע און שלעכטע קאָפּיע פֿון דער אמתער, שיינער און גרויסער הימלישער וועלט. נאָר אויף דער ערד איז פֿאַראַן עפּעס, וואָס שטאַמט פֿון יענער ליכטיגער הימלישער וועלט — דאָס איז דעם מענשנס נשמה. דעם מענשעס גוף איז אַזוווי אַ תפיסה, וואו זיין נשמה איז פֿארשפארט. מענשן זייגען געגליכן צו תפוסים, וואָס זיינען געשמידט אין קייטן און איינגעשלאָסן אין אַ הייל, וואָס אהין דרינגט קוים אריין ליכטיגקייט; זיי וויסן ניט, וואו עס איז זייער אמתע היים; מער ניט אַ שוואַכע שפּירונג פֿון דער נשמה דערמאָנט זיי אָן דעם. די נשמות פֿונם גרעסטן רוב מענשן ווערן פֿאַרטעמפּט אין נישטיגע אינטערעסן און נידעריגע השגות: פֿארן אייבינגן לעבן זיינען זיי פֿאַרפֿאַלן. נאָר פֿאַר די ווייניגע, וואָס זוכן חכמה, פֿאַר זיי עפֿענען דער געדאַנק און די וויסנשאַפֿט אויף אַ וועג צו דער אמתער וועלט, וואָס איז וויט פֿון דער ערד.

פלאַטאָן האָט געהאָפֿט צו געפֿינען אַ שטאַרקן מאָנאַרך, וואָס זאָל אָנגעמען זיין שיטה. צוויי מאָל איז ער געפֿאָרן מיט זיינע תלמידים צום הויף פֿון די סיצילישע טיראַנען, פֿון דיאָניסיאָס און פֿון זיין זון. אַן אַנדער אַטענער, דער לערער פֿון ריידקונסט איסאָקראַטעס, האָט געהאָפֿט, אז גריכנלאַנד וועט געהאָלפֿן ווערן פֿון דער מאַקעדאָנישער מאָנאַרכיע.

מאַקעדאָניען זינט דעם יאָר 360. דאָס דאָזיגע לאַנד איז געלעגן אין צפון־זייט פֿון גריכנלאַנד, צווישן די באַלקאַנבערג און דעם צפונית־מערבית־ווינקל פֿון עגייאישן ים. די מאַקעדאָניער זיינען געווען קרובים פֿון די גריכן, נאָר זיי האָבן שטענדיג געהאַט זיך צו פֿאַרטיידיגן קעגן אָנפֿאַלן מצד די שכנישע ווילדע באַרגפֿעלקער, און דערפֿאַר זיינען זיי אָפּגעשטאַנען פֿון די איבעריגע גריכן אין האַנדל, מלאכה און בילדונג. זיי זיינען געבליבן רויהע יעגערס און קריגסלייט: ביי זיי איז געווען אַ מנהג, אַז אַ בחור, וואָס האָט נאָך ניט באַוויזן צו הרגען כאָטש איין ווילדן חזיר, האָט ניט געטאָרט זיך זעצן צום טיש אויף אַ סעודה; ווער עס האָט נאָך קיין איין שונא ניט געהאַט געטויט, דער האָט געטראָגן אַ שטריק אויף זיך, ווי אַ שאַנדצייכן. דער שטייגער פֿון זייער לעבן און די פֿירונג פֿון די כלל־זאכן איז בכלל געווען ביי זיי אַן אַלטפֿרענקישער: בראש פֿון פּויערים־פֿאָלק זיינען געשטאַנען קריגערישע פֿירשטן. דער מלך האָט געהאַט אַרום זיך אַ חיל, און ער פֿלעגט זיך מיט די זעלנער טיילן דעם קריגסרויב.

דער מאַקעדאָנישער קיניג פֿיליפּ האָט איבערגענומען ביי די גריכישע זעלנער זייער גאַנצע קריגסקונסט, נאָר אַ שטענדיגן חיל האָט ער זיך געמאַכט פֿון זיינע אייגענע אונטערטאַנען. ער פֿלעגט אויסשטעלן זיינע חילות אין שלאַכט אויף אַזאַ אופן: אין מיטן אַ פֿעסטע פֿאַלאַנגע פֿון עטליכע שורות זעלנער, באַוואָפֿנט מיט שפּיזן, און ביי די זייטן פֿלעגט אָנפֿאַלן די רייטעריי. אויסגענוצט די שוואַכקייט און די מחלוקתן פֿון די גריכן, האָט פֿיליפּ פֿאַרכאַפּט דאָס רייכע פֿעטע לאַנד טעסאַליען, דערנאָך די קאָלאָניעס פֿון די אַטענער אין צפון־זייט פֿון עגייאישן ים, וואָס זיינען געווען רייך מיט גאָלדגרובן, און די שטעט ביי די דורכגוסן, וואָס זיינען געווען וויכטיג פֿאַרן האַנדל מיט די ברעגלענדער פֿון שוואַרצן ים און מיט אַזיע. אין דעם אַלטן נעסט פֿון דער דעמאָקראַטיע, אין אַטען, זיינען אַרויסגעטראָטן געגנער פֿונם מאַקעדאָנישן קיניג. דער היציגסטער פֿון זיי, דעמאָסטענעס, האָט געפּרובט אין קונציגע רעדעס אויפֿהייבן דאָס פֿאָלק קעגן פֿיליפּן און בילדן אַ בונד פֿון גריכישע שטעט צום קאַמף קעגן אים. דעמאָסטענעס האָט באַוויזן, אַז די מלכים און טיראַנען זיינען שונאים פֿון פֿרייהייט; אַטען מוז זיך איינשטעלן פֿאַר אמת און געזעץ קעגן ווילדווילן. נאָר אַטען האָט שוין מער ניט געהאַט די אַמאָליגע כחות, ניט קיין פֿלאָט, ניט קיין געלט; ס׳ זיינען געווען אַסך בירגער, וואָס האָבן גאָר קיין מלחמה ניט געוואָלט און זיינען בכלל געווען גלייכגילטיג צו פּאָליטיק.

נאָך ווען דער קיניג פֿון מאַקעדאָניען האָט פֿאַרכאַפּט דעם וויכטיגן טערמאָפּילנדורכגאַנג און האָט אריינגעפֿירט זיין חיל אין מיטלגריכנלאַנד, דעמאָלט איז דאָס גאַנצע פֿאָלק אין אַטען שטארק אומרוהיג געוואָרן. ווי נאָר די ידיעה איז אָנגעקומען, האָט מען איבערן גאַנצן לאַנד ביינאַכט אָנגעצונדן סיגנאַלן; אויפֿן אַנדערן טאָג האָבן אַסך בירגער זיך צונויפֿגעקליבן אויף אַ פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג. אויף דער איינלאַדונג פֿונם אויסרופֿער האָט צוערשט קיינער ניט געוואָלט רעדן. דעמאָלט איז אויפֿגעשטאַנען דעמאָסטענעס און האָט פֿאָרגעלייגט, מען זאָל פֿאַרגעסן אָן אַלע חשבונות און תיכף זיך פֿאַראייניגן מיט די שכנישע געמיינדעס.

ביי כעראָנייאַ זיינען די חילות פֿון אַטען און טעבן צעשלאָגן געוואָרן פֿון פֿיליפּס גרעסערער מאַכט (338). אלע גריכישע שטעט האָבן אָנגענומען די הענעמאָניע פֿונם מאַקעדאָנישן קיניג און זיך מתחייב געווען צוצושיקן אים הילפֿס־חיל פֿאַר דער מלחמה קעגן די פּערסער, וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו פֿירן. אָפּגעזאָגט דערפֿון האָבן זיך נאָר די ספּאַרטאַנער, אויף דעם סמך, וואָס, לויט זייערע רייד, זיינען זיי קיינמאָל נאָך קיינעם ניט געווען אונטערטעניג.

אלכסנדרס מלחמות זינט דעם יאָר 334. נאָך פֿיליפּס טויט האָט זיין זון אלכסנדר געפֿירט די גריכישע און מאַקעדאָנישע חילות קיין אַזיע. אַסך זאַכן האָבן אים געהאָלפֿן אין זיינע נצחונות אין אַזיע. ביי אלכסנדרן האָבן געדינט זיין פֿאָטערס געניטע גענעראַלן. די ווענן אינם אינעווייניגסטן אזיע זיינען איצט געווען באַקאַנט. אין אייניגע פּראָווינצן האָבן רעגירט פֿירשטן, כמעט אומאָפּהענגיגע פֿונם פּערסישן קיניג, אין אַנדערע, אשטיינער, אין עגיפּטן, זיינען כסדר פֿאָרגעקומען אויפֿשטאַנדן קעגן די פּערסער. נאָר אויך ביים פּערסישן קיניג האָבן געדינט גריכישע קאָמאַנדירן, און אין זיין רשות זיינען געווען גריכישע געדונגענע זעלנער. מען קאָן זאָגן, אַז אינאָנהויב פֿון דער דאָזיגער מלחמה האָבן גריכן זיך געשלאָגן קעגן גריכן.

נאָכדעם ווי אלכסנדר האָט זיך געהאַט אריבערגעשיפֿט קיין קליינאַזיע; האָט איינער פֿון די גריכישע אָנפֿירערס, מעמנאָן, פֿאָרגעלייגט דעם פּערסישן קיניג דריוש III צו שיקן אַ פֿלאָט אין עגייאישן ים אריין און אָפּצושניידן אלכסנדרן דעם וועג אויף צוצופֿירן לעבנסמיטלען און הילפֿס־חיל און בכלל דעם וועג אויף אומצוקערן זיך צוריק קיין גריכנלאַנד. מעמנאָן האָט אָנגעהויבן צו פֿירן די מלחמה אויפֿן ים מיט הצלחה, נאָר ער איז אין גיכן געשטאָרבן. אינם ראָט פֿונם פּערסישן קיניג איז געווען

זווינציג אַחדות; די פּערסישע שרים האָבן פֿיינט געהאַט די גריכן. בעת דער אַטענער כאַרידעמאָס האָט, ביים פֿאָרלייגן זיין מלחמה־פּלאַן קעגן אלכסנדרן, זיך שאַרף ארויסגעזאָגט קעגן די אַזיאַטישע חילות, אַז זיי טויגן צו גאָרנישט, האָבן די פּערסער אָנגעהויבן טענען, אז מיט די ווערטער האָט ער באַליידיגט דעם קיניג; האָט דריוש אָנגענומען דעם גריך ביי זיין גאַרטל, און די קנעכט האָבן אים באַלד ארויסגעפֿירט און דערשטיקט.

אלכסנדר איז דורכגעגאַנגען קליינאַזיע און האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג קיין סיריען, וואו עס האָט אים געהאַט פֿאַרצאַמט ביי איסאָס דער קיניג דריוש גופא: דאָרט איז דעם קיניגס גאַנצע משפחה און אַסך רייכטום ארייגעפאַלן אין אלכסנדרס האַנט. דריוש האָט פֿאָרגעלייגט מאַכן שלום און זיך טיילן: אַלע ים־לענדער מיט עגיפּטן האָט ער געוואָלט אָפּגעבן אלכסנדרן, און זיך לאָזן בלויז די לענדער אויף יענער זייט פּרת. אלכסנדר איז דערויף ניט מרוצה געוואָרן. ער האָט זיך געלאָזט גיין ווייטער פּאזע ברעג פֿון מיטללענדישן ים, חרוב געמאַכט די שטעט פֿון די פֿעניקער, און באַזונדערס די רייכע שטאָט צור. אזוי זיינען אונטערגעגאַנגען די אַלטע קאָנקורענטן פֿון די גריכן. אין עגיפּטן האָט מען אלכסנדרן אויפֿגענומען ווי אַן אויסלייזער פֿון פּערסישן יאָך. אינם טעמפּל פֿונם גאָט אַמאָן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין אַ ווייטן אָאַזיס אין מיטן מדבר, וואוהין אלכסנדר איז אריינגעדרונגען, האָבן די כהנים אים אָנגערופֿן דעם גאָטס אַ זון. און אלכסנדר האָט באַפֿוילן שטעלן זיין בילד אויף מטבעות מיט די צייכנס פֿון אַ גאָט.

פֿון עגיפּטן האָט אלכסנדר זיך געלאָזט גיין אויף יענער זייט פּרת אין די אינעווייניגסטע געגנטן פֿון דער פּערסישער מלוכה. נאָך איינמאָל איז דריוש אים ארויס אַנטקעגן מיט אַ גרויסן חיל אויף יענער זייט חידקל נעבן די חורבות פֿון דער שטאָט נינוה. ווידער האָט אלכסנדר דעם חיל צעטריבן און האָט זיך געלאָזט גיין נאָך ווייטער, אין דער איצטיגער פּערסיע, אַפֿגאַניסטאַן און טורקעסטאַן, נאָכגעיאָגט דעם אַנטלאָפֿענעם פּערסישן קיניג. דריושן האָט אונטערוועגס דערהרגעט איינער פֿון די פּערסישע סאַטראַפּן. האָט אלכסנדר זיך אויסגערופֿן פֿאַרן געזעצליכן יורש פֿונם דערהרגעטן און האָט זיך גענומען פֿאַר פֿרויען צוויי פּרינצעסינס פֿונם אלטפּערסישן קיניגליכן הויז.

אין דערזעלביגער צייט האָט דער ספּאַרטאַנישער קיניג אַגיס צונויפֿגעקליבן אין פּעלאָפּאָנעס גריכישע געדונגענע זעלנערס, וואָס האָבן פֿריהער געדינט ביי די פּערסער, און איז ארויסגעטראָטן קעגן אַנטיפּאַטער,

דעם מאַקעדאָנישן פֿאַרוואַלטער פֿון גריכנלאַנד. אין אַרקאַדיען איז פֿאָר־געקומען אַ האַרטע שלאַכט, וואו ס׳ זיינען אומגעקומען די לעצטע רעשטן פֿון די האָפֿערדיגע ספּאַרטאַנישע קריגסלייט. אַגיס, פֿאַרוואונדעט אין פֿוס און אונטערגעשטיצט פֿון די זעלנערס, וואָס האָבן געהאַלטן אין אָפּטרעטן, האָט געהייסן זיי אומקערן זיך צום שונא, און אַראָפּגעלאָזן זיך אויף איין קניה, מיט אַ שילד און שפּיז אין האַנט, האָט ער באַ־געגנט דעם טויט, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ספּאַרטאַנער.

אלכסנדר האָט זיך אלץ מער אריינגעלאָזן אין די מנהגים פֿון אַן אָריענטאַלישן קיניגס־הויף: פֿאַר אַ הויפּטשטאָט האָט ער אויסגעקליבן בבל, ווייט פֿון גריכנלאַנד; ביי פֿייערליכע געלעגנהייטן פֿלעגט ער ארויס־גיין אין א מזרחדיגן פֿאַראַדקאָסטיום און האָט געפֿאָדערט, אַז אַלע, וואָס זעהען אים, זאָלן זיך בוקן פֿאַר אים ביז צו דער ערד; נעבן דער גריכישער גוואַרדיע האָט ער זיך אויך איינגעפֿירט אַ פערסישע. קיין גריכנלאַנד האָט אלכסנדר אוועקגעשיקט אַ באַפֿעל, אז מען זאָל אים צורעכענען צו די אָלימפּישע געטער. אַסך גריכן זיינען ניט געפֿעלן געוואָרן די נייסן, וואָס שיידן זיך אָפּ פֿון דער געווייגטער פראָסטקייט. פֿיליפּס אַלטע גענעראַלן האָבן געפּרובט זיך ארויסזאָגן קעגן זיינע אונטערנעמונגען. אלכסנדר האָט אייניגע פֿון זיי געהייסן טויטן, פונקט ווי דאָס פֿלעגט פֿריהער טון דער פערסישער קיניג מיט זיינע שרים. די מלוכה, וואָס אלכסנדר האָט איינגענומען, האָט זיך געהאַלטן פונקט אזוי שלעכט, ווי די פערסישע; שטענדיג זיינען געווען אויפֿשטאַנדן, עס פֿלעגן זיך באַווייזן קעגן־מלכים.

נאָר אלכסנדר האָט געבויט אלץ נייע פּלענער: ער האָט געוואָלט אריינדרינגען אינם וואונדערלאַנד אינדיען, וואָס וועגן דעם האָבן די גריכן געוואוסט נאָר פֿאַרשיידענע מעשיות; פֿון דאָרט איז געווען אַ האָפֿענונג צוצוקומען צום גרויסן ים, וואָס, ווי די גריכישע געאָגראַפֿן האָבן געמיינט, רינגלט ער ארום די גאַנצע ערד. די דאָזיגע אונטערנעמונג האָט זיך ניט איינגעגעבן. די אינדער האָבן האַרטנאַקיג זיך פֿאַרטיידיגט קעגן אלע אָנפֿאַלן, אלכסנדרס זעלנער האָבן ניט געוואָלט גיין אזוי ווייט און האָבן אים געצוואונגען זיך אומצוקערן. נאָר אלכסנדרס שיפֿן זיינען פֿאָרט דורכגעשוואומען פֿון דער לעפֿצונג פֿונם טייך אינדוס איבערן פערסישן אויסגוס ביז צו דער לעפֿצונג פֿונם פרת און האָבן אַנטדעקט אַ וויכטיגן האַנדלסוועג, וואָס האָט זיך געבונדן מיט די נייע ישובים פֿון די גריכן אין סיריען און בבל. די ווייטסטע געגנטן אין מזרח, וואָס אהין איז אלכסנדר דערגאַנגען, זיינען געווען טורקעסטאַן און דאָס אינדישע פֿינף־טייכן־לאַנד (פּענדזשאַב). עס זיינען געגרינדעט געוואָרן עטליכע שטעט,

וואָס האָבן געקראָגן אלכסנדרס נאָמען; פֿון זיי איז די ווייטסטע אלכסנדריאַ געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו עס שטייט איצט די שטאָט כאָדזשענט אין טורקעסטאַן.

די גריכן אין אייראָפּע און אין די מזרח־לענדער. באַלד נאָך דעם מלחמה־צוג קיין אינדיען איז אלכסנדר יונגערהייט געשטאָרבן (אין יאָר 323). זיין גוואַלדיגע, אויף דער גיך צונויפֿגעקלאַפּטע מלוכה האָט באַלד גענומען פֿונאַנדערפֿאַלן. אין גריכנלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויפשטאַנד. די אַטענער האָבן צוריקגערופן דעם פֿאַרטריבענעם דעמאָסטענעסן, און די גאַנצע שטאָט איז מיט פֿאַראַד ארויס מקבל פּנים זיין דעם גרויסן פּאַטריאָט. די אויפגעשטאַנענע האָבן געפּרובט פֿאַרשפּאַרן אַנטיפּאַטרן דעם וועג קיין מיטלגריכנלאַנד, נאָר ווי דער מנהג פֿון די גריכן איז געווען, האָבן זיי קיין לאַנגע מלחמה ניט אויסגעהאַלטן און האָבן גענומען זיך פֿונאַנדערגיין אהיים. אַנטיפּאַטער האָט זיך דורכגעריסן דורך די טערמאָפּילן און איז אָנגעפֿאַלן אויף אַטען פֿון יבשה און פֿון ים. ווען די שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן, האָט דער מאַקעדאָנישער פֿאַרוואַלטער געפֿאָדערט ארויסצושיקן פֿון שטאָט די אָרימע לייט און אינגאַנצן אָפּשאַפֿן די דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי דאָס איז געווען אין דער צייט פֿון די דרייסיג טיראַנען. דעמאָסטענעס, פֿאַרמשפּט צום טויט, איז אַנטלאָפֿן. אין אַרגאָליס האָבן אים אָנגעיאָגט מאַקעדאָנישע שפּיאָנעס; דעמאָלט האָט ער איינגענומען סם.

אין אַזיע זיינען נאָך בעת אלכסנדרס לויה פֿאָרגעקומען בלוטיגע צוזאַמענשטויסן צווישן די מאַקעדאָנישע גענעראַלן. לאַנג האָבן זיי און זייערע זין זיך געקריגט איבער דער ירושה. די גענעראַלן פּטאָלעמייאָס, סעלעווקאָס און אַנדערע האָבן געלאָזט זיך אָנרופן מלכים און האָבן געבילדעט עטליכע גריכישע מלוכות. די גרעסטע פֿון זיי זיינען געווען מאַקעדאָניע, עגיפּטן און סיריען. יענע גאַנצע העלפֿט פֿון דער פּערסישער מלוכה, וואָס דריוש האָט געוואָלט לאָזן פֿאַר זיך, בעת ער האָט אלכסנדרן פֿאָרגעלייגט די חלוקה, האָבן די גריכן אָנגעוואָרן; עס האָבן זי פֿאַרנומען די פֿאַרטער, אַ האַלב־נאָמאַדיש פֿאָלק, פּונקט אַזעלכע רייטערס און בויגנשיסערס, ווי די פּערסער. ביי די גריכן זיינען געבליבן נאָר די לענדער, וואָס ליגן נאָהענט ביים מיטללענדישן ים — קליינאַזיע, סיריען, מעסאָפּאָטאַמיען, עגיפּטן.

אין אַ יאָר 100 ארום נאָך אלכסנדרס טויט האָבן אין יענע לענדער געוואוינט מער גריכן, איידער אין זייער אלטער היים, אין אייראָפּע. אבער

אויך אין די נייע געגנטן האָבן די גריכן געוואוינט מער אין די שטעט; די איינגעבאָרענע באַפֿעלקערונג איז געבליבן אין די דערפֿער. עס זיינען אויסגעוואַקסן גוואַלדיג גרויסע שטעט, באַוואוינט דער עיקר פֿון גריכן: אלכסנדריא אין עגיפּטן און אַנטיוכיאַ אין סיריען. די באַפֿעלקערונג פֿון די דאָזיגע שטעט האָט דערגרייכט ביז אַ האַלב מיליאָן. די מעטראָפּאָל פֿון די גריכן, די שטעט און געגנטן פֿונם דרום־טייל פֿונם באַלקאַנהאַלבאינזל, זיינען ניט רייכער געוואָרן פֿון דער באַצווינגונג פֿון דער פּערסישער מלוכה. פֿאַרקערט, פֿון לאַנד זיינען אוועק אַסך געזונטע, שטאַרקע מענשן, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין נוציג אינדערהיים. אַ געוויסער וואוילשטאַנד איז נאָך געבליבן אין אַטען פֿונם ים־האַנדל; פֿול מיט קינסטלערישע בנינים און סטאַטועס, באַרימט דורך איר טעאַטער, פֿלעגט די שטאָט צוציהען נאָך אַסך אויסלענדער; געלערנטע פֿלעגן דאָרט גרינדן שולן. געהויבן האָט זיך אויך דער האַנדל פֿונם אינזל ראָדאָס, וואָס ליגט צווישן קרעטאַ און קליינאַזיע. נאָר די דאָזיגע שטעט האָבן זיך געהאַלטן נאָר דורך זייער פֿריינטשאַפֿט מיט די גרויסע מאָנאַרכיעס, עגיפּטן און מאַקעדאָניען.

עגיפּטן. פֿון די גריכישע מלוכות אין מזרח איז געוואָרן די רייכסטע עגיפּטן אונטער דער רעגירונג פֿון די מלכים פֿון דער פּטאָלאָמייער־דינאַסטיע. די גריכישע מלכים האָבן ארויסבאַקומען אַסך הכנסה פֿונם דאָזיגן רייכן און געדיכט באַפֿעלקערטן לאַנד. דורך זייערע באַאַמטע האָבן זיי געפֿירט אַ גענויעם חשבון פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, פֿונם סכום באַאַרבעטע ערד, פֿון דער גרויס פֿון די מלאכה־און האַנדלסאונטערנעמונגען. איטליכער בעל־הבית האָט געמוזט געבן די אויספֿירליכסטע ידיעות וועגן דעם, וויפֿיל מענשן עס וואוינען אין זיין הויז אָדער מאַיאָנטעק, ווי אַלט זיינען זיי און מיט וואָס פֿאַרנעמען זיי זיך, וויפֿיל אַרבעטער האָט ער, וויפֿיל פֿאַרמעגן און הכנסה. די אָפּצאָלונגען פֿלעגן ווערן אריינגעטראָגן אָדער אין געלט אָדער אין פּראָדוקטן: תבואה, גרינסן, הייצונג פֿאַרן חיל; אייזן און לייגעוואַנטן פֿלעגן ווערן אויסגעאַרבעט נאָר אויף דעם קיניגס פֿאַבריקן, און דעם געוויקסן־מאַטעריאַל, וואָס איז נויטיג צוליב אָטדי פּראָדוקטן, האָט געמוזט צושטעלן דאָס גאַנצע לאַנד. די פּטאָלאָמייער זיינען, פּונקט ווי די אַמאָליגע פּרעהס, גערעכנט געוואָרן פֿאַר געטער; אויף דעם סמך האָבן זיי פֿאַר זיך צוגענומען די גרויסע מאַיאָנטקעס פֿון די געטער ביי די טעמפּלען, וואָס האָבן געשפּייזט אַסך מענשן, און האָבן די הכנסות פֿון זיי געהייסן אריינטראָגן אין זייער קאַסע.

פֿאַר די דאָזיגע מיטלען האָבן די פּטאָלאָמייער אויסגעהאַלטן דעם בעסטן פֿלאָט אין מיטללענדישן ים און האָבן אויסגעבויט זייער הויפּט־שטאָט אלכסנדריא. דאָס איז געווען אַ גרויסע שטאָט, איינגעטיילט רעגלמעסיג לויט אַ פּלאַן, גאָר ניט צוצוגלייכן צו די אַלטע גריכישע שטעט מיט זייערע ענגע, אהן אַ סדר געבויטע הייזער. אלכסנדריא איז געווען דורכגעשניטן אין דער גאַנצער לענג דורך אַ גאַס פֿון 14 קלאַפּטער די ברייט, וואָס האָט זיך געצויגן אויף 6 ווערסט. דער האַוון איז געווען אָפּגעשלאָסן דורך אַ שמאָלן לאַנגן אינזל, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן ברעג דורך אַ ברייטער שטיינערנער דאַמבע פֿון העכער אַ ווערסט די לענג. אויפֿן ברעג פֿון אינזל איז געשטאַנען אַ הויכער מירמל־שטיינערנער טורעם, וואָס האָט געדינט פֿאַר אלייכטטורעם: דאָס פֿייער, וואָס האָט דאָרט שטענדיג געברענט, איז געווען צו זעהן אויפֿן ים אויף אַ מהלך פֿון 60 ווערסט.

סיריען און יהודה. גרעסער פֿאַר עגיפּטן, אבער ניט אזוי פֿעסט איז געווען די מלוכה, וואָס סעלעווקוס האָט געגרינדעט אין פֿאָדער־אַזיע. זי האָט ארומגענומען סיריען, אַ גרויסן טייל פֿון קליינאַזיע און די נידערונג פֿון די טייכן פרת און חידקל. איר הויפּטשטאָט איז געווען אנטיוכיא. אַ היפּשן טייל פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון דערדאָזיגער מלוכה האָבן געבילדעט די יידן, וואָס בראש פֿון זיי זיינען געשטאַנען די געלערנטע כהנים פֿון פּאַלעסטינע. אין יאָר 445 האָט עזרא הסופר, אַ בן־דור פֿון פּעריקלעסן, וואָס איז געקומען פֿון בבל קיין ירושלים, צו־נויפֿגעשטעלט פֿאַר דער דאָרטיגער עדה געוויע תקנות, וואָס ער האָט עס פֿאַרבונדן צוזאַמען מיט די אַלטע יידישע געזעצביכער און הייליגע געשיכטסביכער אונטער דעם נאָמען פֿון תורת משה. בשעת אלכסנדר האָט איינגענומען די פּערסישע מלוכה, האָט ער געלאָזט די יידן אין ארץ־ישראל זייער זעלבשטענדיגע אינעווייניגסטע פֿאַרוואַלטונג.

די גריכישע מלכים פֿון סיריען, וואָס האָבן געהייסן אָדער סעלעווקוס אָדער אַנטיוכוס, האָבן זיך אויסגערופֿן פֿאַר געטער אויף דער ערד און צום אָנווייז דערויף פֿלעגן זיי זיך געבן הויכע טיטלען „זיגער" (ניקאַטאָר), „אויסלייזער" (סאָטער) וכדומה. ארום יאָר 170 האָט איינער פֿון זיי, אַנטיוכוס עפּיפֿאַנעס („דער וואָס איז נתגלה געוואָרן"), גענומען פֿאָדערן ביי די יידן, זיי זאָלן איינפֿירן ביי זיך די גריכישע געטער. דערויף זיינען די יידן אויפֿגעשטאַנען אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער משפחה השמונאים אָדער מקבים; היפּשע עטליכע יאָר האָבן געדויערט

די מלחמות צווישן די יידן און די גריכן, און סוף כל סוף האָבן די יידן באַפרייט זייער לאַנד פונם יאָך פון די גריכישע מלכים. שמעון חשמונאי האָט מיט זיין חיל פאַרנומען ירושלים, און דאָס פאָלק האָט אים אָנגענומען פאַר אַ כהן גדול (אין יאָר 142 פאַר קר.). זיינע יורשים האָבן, חוץ דעם טיטל כהן גדול, געטראָגן נאָך דעם טיטל קיניג און האָבן אויף אַזאַ אופן אויפגעריכט דאָס קיניגרייך פון דוד און שלמה.

אין יענער צייט האָט אין פּאַלעסטינע געוואוינט בלויז אַ טייל פון יידישן פאָלק. זינט גלות-בבל האָט דאָס יידישע פאָלק זיך געהאַט שטאַרק פאַרמערט. האַבנדיג ווינציג ערד, פלעגן די יידן זיך פאַרנעמען דער עיקר מיט מלאכה און האַנדל. אַסך יידן האָבן געמוזט זוכן פרנסה אין פרעמדע לענדער און האָבן עמיגרירט אין די ים-שטעט פון עגיפּטן, קליינאַזיע, גריכנלאַנד, איטאַליען. די יידן פון די גלות-לענדער אָדער די אַספּאָראַ זיינען אומעטום, וואו זיי זיינען געקומען, געווען פאַר-איינינט אין געמיינדעס און האָבן אויפגעהיט דעם פאַרבונד מיט זייערע פאָלקסברידער אין ארץ ישראל און געשיקט קרבנות און מתנות אין בית-המקדש אין ירושלים.

די גריכישע וויסנשאַפט. צו דער צייט, ווען גריכן האָבן איינ-גענומען די מזרח-לענדער, האָבן זיך ביי זיי אָנגעקליבן אַסך ידיעות אין געאָגראַפיע, פיזיקע, היסטאָריע. אַריסטאָטעלעס (געב. אין יאָר 383), א תלמיד פון פלאַטאָן, איז געפאַלן אויפן געדאַנק צונויפצוקלייבן די דאָזיגע ידיעות, ברענגען זיי אין אסדר, פאַרגלייכן די ענליכע ערשיינונגען און מאכן דערפון געהעריגע אויספירן. אַריסטאָטעלעס איז געווען אַ געבירטיגער פון דער שטאָט סטאַגיראַ אויפן מאַקעדאָנישן ברעג. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך געפונען ביים מאַקעדאָנישן הויף, ווי אַ לערער פון אלכסנדרן, נאָך דעם גרעסטן טייל לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין אַטען (געשט. אין יאָר 322). ער האָט געהאַט געוואלדיגע ידיעות כמעט אין אַלע וויסנשאַפטן. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע קאָלעקציע זאַכן צוליב נאַטורוויסנשאַפט, וואָס אַסך אינטערעסאַנטע זאַכן דערפון האָט אים צוגעשיקט אלכסנדר פון די געגנטן, וואו ער איז דורכגעגאַנגען. אַריסטאָטעלעס' תלמידים האָבן אונטער זיין אָנפירונג באַשריבן דעם געזעלשאַפטס-סדר פון אַסך גריכישע און ניט-גריכישע געמיינדעס. אַריסטאָטעלעס איז געגאַנגען גאָר מיט אַן אַנדער גאַנג, ווי פלאַטאָן. ער ווענדט זיך ניט צו דער פּאָעטישער פאַנטאַזיע, בכדי צו דערקלערן די לעבנסערשיינונגען אויף דער ערד; ער וויל זיך שטיצן דוקא נאָר אויף

געניוע באַאָבאַכטונגען און פּרובן. אַריסטאָטעלעס האָט גערעדט ניט פֿאַר און ניט קעגן דער דעמאָקראַטיע; ער האָט נאָר רוהיג פֿונאַנדערגעקליבן די חסרונות און מעלות פֿון פֿאַרשיידענע מינים רעגירונגען — מאָנאַרכיע (די הערשאַפֿט פֿון איין מענשן), אַריסטאָקראַטיע און דעמאָקראַטיע.

פֿאַר די וויטערדיגע צוויי יאָרהונדערטער (300—100 פֿאַר קר.) זיינען די ידיעות פֿון די גריכישע געלערנטע נאָך מער פֿאַרברייטערט געוואָרן. די געאָגראַפֿן האָבן פֿאַרפֿאַסט געניוע באַשרייבונגען פֿונם ערד־אויבערפֿלאַך: לכל הפּחות אין פֿינפֿן איז איצט געווען גרעסער דער זעהקרייז פֿון די גריכן, ווי אין דער צייט פֿון די פּערסיש־גריכישע מלחמות: גריכישע ים־לייט פֿלעגן דערפֿאָרן ביז מאַדאַגאַסקאַר, אינדאָכינאַ און אפילו אַזש ביז כינאַ. קיין כינאַ, „דעם לאַנד פֿון זייד", האָט מען געוואוסט סיי דעם ים־וועג ארום אַזיע און סיי דעם יבשה־וועג איבער די מיטלאַזיאַטישע בערג, וואו עס זיינען געווען מאַרקפּלעצער פֿון זיידנס. העלפֿאַנדביין פֿלעגן זיי ברינגען צופֿירן פֿון די גרויסע אָזערעס ביי דער אויבערשטרעמונג פֿונם נילוס. אַ העלפֿט פֿון דער אַלטער וועלט איז די גריכן געווען באַקאַנט.

גריכישע געלערנטע האָבן געדרונגען, אַז די ערד איז אַ קיילאַך, הגם זיי האָבן דאָס ניט געקאָנט אויספּרובן בחוש, אַזוי ווי די שפּעטערדיגע אייראָפּעער, וואָס האָבן ארומגעשוואומען די גאַנצע ערד. די גריכן האַלטן אויך, אַז די גאַנצע וועלט זעהט אויס, ווי אַ קיילאַך. אין איר מיטן האַלט זיך אין גלייכוואָג דער ערדקיילאַך, וואָרום פֿון אַלע עקן הימל שטייט ער אָפּ גלייך ווייט. אַסך האָבן די גריכישע געלערנטע זיך אָפּגעגעבן אויך מיט שטודירן די באַוועגונג פֿון די הימלסליכטער. ארום יאָר 250 האָט אַריסטאַרכאָס, אַ געבירטיגער פֿונם אינזל סאַמאָס, זיך איינגעשטעלט צו זאָגן, אַז ניט די זון און די פּלאַנעטן דרייען זיך ארום דער אומבאַוועגליכער ערד, נאָר, פֿאַרקערט, די ערד און אלע פּלאַנעטן דרייען זיך ארום דער זון. אַריסטאַרך האָט געמאַכט נאָך אַ וויכטיגע אַנטדעקונג: פֿריהער האָט מען געהאַלטן, אַז די זון איז אַסך קלענער פֿאַר דער ערד, אן ערך אַזוי גרויס ווי פּעלאָפּאָנעס; אַריסטאַרך האָט דערקלערט, אַז די זון איז אַסך גרעסער פֿאַר דער ערד, און דערפֿאַר מוז די ערד טאַקע זיך דרייען ארום דער זון.

געלערנטע האָבן געהאַט חשיבות מער ווי אומעטום אין דער גריכיש־עגיפּטישער אלכסנדריא. די דאָזיגע שטאָט איז איצט געוואָרן פֿאַר די גריכן דאָסזעלבע, וואָס פֿריהער אַטען. דער קיניג פּטאָלעמייאָס II

פֿילאַדעלפֿאָס האָט געגרינדעט אין אַלכסנדריא אַ *מוזיי* (מוזייאָן, ד. ה. אַ הויז פֿון די *מוזעס*, די שוצגעטינס פֿון וויסנשאַפֿט און קונסט), וואו עס האָבן זיך געפֿונען זאָאָלאָגישע און באָטאַנישע קאָלעקציעס, אַן אַנאַטאָמישער זאַל, אַ כעמישע לאַבאָראַטאָריע. אין מוזיי איז געווען צונויפֿגעקליבן אַ גוואַלדיגע ביבליאָטעק פֿון אלטע און נייע גריכישע ביכער; צווישן אַנדערע זיינען דאָ געווען איבערגעשריבענע פּאָעמעס פֿון האָמער. איטליך בוך, וואָס מען פֿלעגט ברענגען צופֿירן קיין עגיפּטן, פֿלעגט מען צושטעלן אין מוזיי; דאָרט פֿלעגט מען פֿון דעם אָפּשרייבן אַ קאָפּיע, און דאָס בוך גופא אומקערן צוריק דעם בעל־הבית. אַסך ביכער פֿלעגט מען איבערשרייבן אין אַ גרויסער צאָל עקזעמפּלאַרן און פֿאַרשפּרייטן זיי צווישן דער געזעלשאַפֿט. די גריכישע שפּראַך איז געוואָרן די שפּראַך פֿון אַלע געבילדעטע אין די מזרח־לענדער. אין אלכסנדריא האָבן זיך געהאַט באַזעצט אַסך יידן; היות ווי זיי האָבן אויך אָנגעהויבן רעדן גריכיש, האָבן זיי איבערזעצט די תורה און די איבעריגע הייליגע ספרים אויף גריכיש (די דאָזיגע איבערזעצונג ווערט אָנגערופֿן „די איבערזעצונג פֿון די שבעים זקנים“ אדער די „סעפּטואַגינטאַ“). בבלישע און עגיפּטישע כהנים האָבן געשריבן אויף גריכיש די געשיכטע פֿון זייער פֿאָלק.

די עפּיקורייער און סטאָאיקער. וואָס מער דער זעהקרייז פֿון די גריכן איז פֿאַרברייטערט געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיך איבערגעביטן זייערע השגות וועגן אנדערע פֿעלקער. פֿריהער האָט זיי אויסגעוויזן, אז צווישן זיי גופא און צווישן די איבעריגע פֿעלקער, וואָס זיי פֿלעגן זיי אָנרופֿן באַרבאַרן, ליגט אַ גאַנצער תהום, ווייל זיי זיינען אָפּגעשיידט פֿון זיי לויט דער אָפּשטאַמונג, לויטן בלוט. איצט האָבן זיי זיך כסדר באַגעגנט אויף איטליכן טראָט מיט מענשן פֿון אַן אַנדער אָפּשטאַמונג און זיי האָבן געזעהן, ווי יענע נעמען איבער די גריכישע מנהגים, באַקענען זיך אויך מיט גריכישער וויסנשאַפֿט און ווערן בכלל ענליך צו גריכן; דערפֿון איז געדרונגען, אַז דער אונטערשייד פֿונם בלוט האָט קיין גרויסן באַטייט ניט. מענשן דאַרף מען אונטערשיידן ניט לויט זייער אָפּשטאַמונג, נאָר לויט זייערע מעלות און חסרונות; דער חילוק צווישן אַ באַרבאַר און אַ גריך באַשטייט נאָר אין בילדונג, און בילדונג קאָן איטליכער זיך אָנשאַפֿן. הייסט עס, אז אַלע מענשן אויף דער ערד קאָנען ווערן גלייך צווישן אַנאַנד, קאָנען בילדן איין גרויסע משפּחה.

דאָס איז געווען די שיטה פֿון עפּיקוראָס (אַ געבירטיגער פֿונם אינזל סאַמאָס). ארום יאָר 300 האָט עפּיקוראָס צונויפֿגעקליבן אַסך צוהערער אין זיין גאָרטן אין אַטען; ער פֿלעגט זאָגן, אַז דאָס בעסטע גוט אויף דער וועלט איז פֿריינטשאַפֿט, און מיט פֿריינטשאַפֿט באַדארף מען צוטרעטן צו אַלע ארומיגע מענשן, מיט וועמען עס קומט אוים זיך צו באַגעגענען אין לעבן. ווער איז אונזער פֿריינט? קודם כל דער, ווער עס קלערט דאָסזעלבע, וואָס מיר. נאָר מען טאָר ניט זיך איינשליסן בלויז מיט די נאָהענטע, הילף מוז מען געבן אַסך מענשן. איך האָב אַ פֿריינט אומעטום, וואו איך קאָן אויסשטרעקן מיין האַנט אַ מענשן, וואו איך קאָן זאָגן כאָטש איין גוט וואָרט. זאָל דער מענש געדענקען, אז מער גליק איז צו טון אַ טובה, איידער אָנצונעמען אַ טובה פֿון יענעם. אין פֿריינטשאַפֿט איז מיינס דיינס און דיינס מיינס. ווען אַ בעל־הבית לאָזט פֿריי אַ קנעכט, איז עס אזויווי ער וואָלט אליין איבערגעלעבט אַ באַפֿרייאונג.

ס׳ האָט זיך אויך איבערגעביטן דער קוק אויף דער שקלאַווערייַ. פֿריהער פֿלעגט מען מיינען, אז שקלאַוון זיינען אַ באַזונדער מין, אַ נידעריגערער סאָרט מענשן; צווישן די פֿרייע און די שקלאַוון ליגט אַ תהום; שקלאַוון זיינען מענשן, וואָס פֿון געבוירן אָן האָבן זיי ניט ניט קיין פֿאַרשטאַנד און ניט קיין ווילן: זייער עובדא איז נאָר דינען און אונטערטעניג זיין. ס׳ טרעפֿט אודאי, אז אַן איידלגעבאָרענער פֿרייער מענש ווערט אַ שקלאַוו; אבער דער גרעסטער רוב שקלאַוון מוזן זיין און בלייבן שקלאַוון; טאָמער וועט מען זיי פֿריי לאָזן, וועלן זיי באַלד אליין סיי ווי סיי זיך אָפּגעבן אין שקלאַווערייַ. איצט אָבער זיינען די געבילדעטע גריכן געקומען צום איינזעהן, אַז לויט זייער נאַטור אונטער־שיידן זיך די שקלאַוון מיט גאָרנישט ניט פֿון אלע איבעריגע מענשן. אַ גאַנצע שיטה דערפֿון, אז פֿון געבוירן זיינען אַלע מענשן גלייך, האָבן געמאַכט די סטאָאיקער; אזוי האָבן זיך אָנגערופֿן די צוהערער און אָנהענגער פֿון זענאָן (געב. אויפֿן אינזל קרעטאַ), וואָס האָט געלערנט, כמעט אין איין צייט מיט עפּיקוראָסן, אין דער אַטענישער גאַלערייַ ס ט אָ אַ. די סטאָאיקער האָבן געהאַלטן, אַז אַלע מענשן זיינען ברידער. גאָט האָט ליב די מענשן, ווי זיינע קינדער. ניטאָ אַזאַ מענש, וואָס וועגן אים זאָלן מיר קאָנען זאָגן, אַז ער איז צו נידעריג און קאָן ניט פֿאַרלאַנגען פֿון אונז ליבשאַפֿט און גערעכטיגקייט בנוגע צו זיך. אויך דער שקלאַוו איז אַ מענש, און ער האָט אויך דאָס נעמליכע רעכט. אין דער גאַנצער וועלט הערשט איין געזעץ, איין נשמה. די נשמה פֿון דער

וועלט איז אַ גרויסער פלאַם פייער אין מיטן אויר; אין איטליכן מענשן ברענט אַ פונק פונם דאָזיגן פייער.

סיי די עפּיקורייער און סיי די סטאָאיקער האָבן געבילדעט קרייזלאַך, געזעלשאַפטן פון פריינט, פונקט ווי סאָקראַטעס' תלמידים, די קיניקער און פלאַטאָניקער. אין אַזעלכע געזעלשאַפטן פלעגן זיך פאַראייניגן בכלל מענשן פון פאַרשיידענע פראָפעסיעס און גראַדן, בעלי מלאכות, קינסטלער, געלערנטע, הענדלער, ים־לייט. די מיטגלידער פון די געזעלשאַפטן פלעגן פון צייט צו צייט זיך צונויפקלייבן אויף שותפישע סעודות; פון די מיטלען פון רייכע חברים פלעגט מען אונטערשטיצן אָרימע חברים פון דער געזעלשאַפט. איטליכע געזעלשאַפט האָט זיך געהאַט איר גייסטיגן באַ־שיצער, אַ גאָט, אן אַמאָליגן העלד אָדער אַ הייליגן.

זינט אלכסנדרס מלחמות אין די מזרח־לענדער איז דאָס גריכישע פאָלק אַזויווי צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי טיילן. טייל האָבן געדינט אין חיל, פאַרפולט די גאַרניזאָנען פון די פעסטונגען, וואָס אלכסנדרס יורשים האָבן געגרינדעט, אָדער האָבן געדינט פאַר באַאַמטע אין די רעגירונגען פון די גרויסע מאָנאַרכיעס אין מזרח. אַנדערע ווידער האָבן אויסגעמיידט יעדן דינסט און זיך ארייגנעטאָן אין גאנצן אין זייער פריוואַט־חברה־לעבן. סיי די און סיי יענע האָבן אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט פאָליטיק. די פאָלקספאַרזאַמלונגען מיט די הייסע וכוחים זיינען בטל געוואָרן. צווישן גריכן זיינען מער ניט געווען קיין אָנהענגער פון פרייהייט און פאָלקסהערשאַפט: טייל זיינען געוואָרן מאָנאַרכיסטן, טייל זיינען געוואָרן גלייכגילטיג צו די ענינים פון דער מלוכה און האָבן געזאָרגט נאָר וועגן זייער שטוב און חברה, אדער געקלערט נאָר וועגן וויסנשאַפט, קונסט, מלאכה אָדער וועגן דער לייטערונג פון דער אייגענער נשמה.

VII.

דער אָנהויב פֿון דער רוימישער מלוכה.

אין ערך אין דער צייט פֿון אלכסנדרס גרויסע מלחמות האָבן די גריכן אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן אַ נייעם קריגערישן פֿאָלק אין מערב: דאָס זיינען געווען די ר ו י מ ע ר אין איטאַליען.

דאָס פֿאַרצייטיגע איטאַליען. פּונקט ווי דער באַלקאַנהאַלבאינזל דורך די באַלקאַנבערג, אַזוי איז אויך איטאַליען אָפּגעשיידט פֿונם קאָנטינענט פֿון אייראָפּע דורך דער אַלפּן-באַרגקייט. זיין צפֿון-טייל איז אַ גרויסער פֿרוכפּעריגער פּליין, וואָס ווערט באַוואָסערט פֿונם טייך פּאָ, און איז לויט זיין לאַגע ענליך צו טעסאַליען. וויי‎טער צו דרום-צו איז דאָס לאַנד אויסגעצויגן צו אַ לאַנגען האַלבאינזעל פֿאַזע דעם באַרגרוקן פֿון די אַפּענינען. די אַפּענינען בילדן אַ שוואַך געקרימטן בויגן, וואָס הויבט זיך אָן ביים ברעג פֿון מערבדיגן, טירענישן ים, שפּאַרט אָן מיטן אָן ברעג פֿונם מזרחדיגן, אַדריאַטישן ים און ווענדט זיך ווידער קיין מערב און פֿילט אָן די געגנט ברוטיום (וואָס הייסט איצט קאַלאַבריען), איינעם פֿון די צוויי שמאָלע הערנער, וואָס אויף זיי צעטיילט זיך דער האַלבאינזל. צווישן דעם הויפּטקאַם פֿון די אַפּענינען און צווישן ים בלייבן פֿרייע פּלעצער, צום טייל ברייטע פּליינען.

אויף אַזאַ אופֿן איז איבער איטאַליען גרינגער זיך צו באַוועגן, איידער איבער גריכנלאַנד, און דאָס לאַנד איז ווייט ניט אַזוי שטאַרק צעשפּאָלטן דורך בערג, ווי גריכנלאַנד. דערפֿאַר האָט אבער איטאַליען ניט אַזאַ גוטן שוץ, ווי דער דרום-טייל פֿון באַלקאַנהאַלבאינזל. די אַלפּן בילדן, אמת, אַ הויכע וואַנט, אָבער צו זיי איז גרינג צוצוגיין פֿון צפֿון-זייט, וואו די אָפּהאַנגען זיינען זאַנפֿט, בעת פֿאַרקערט פֿון דרום-זייט איז שווער צו פֿאַרטיידיגן די משופּעדיגע זייטן. דערפֿאַר טאַקע האָבן זיך ניט איין מאָל אריינגעריסן פֿון הינטער די אַלפּן קריגערישע ווילדע

שבטים, באַזונדערס די גאַליער, וואָס האָבן פאַרנומען דעם פליין פון טייך פאָ. אין איטאַליען איז בעסער זיך צו פאַרנעמען מיט ערדארבעט און גערטנעריי, איידער אין גריכנלאַנד. דאָס לאַנד גופא קאָן שפייזן מער מענשן, איידער גריכנלאַנד, און די באַפעלקערונג פון איטאַליען האָט לאַנג ניט באַדאַרפט זוכן פרנסה אינדערפרעמד. דערפאַר זיינען די איינוואוינער פון איטאַליען געווען מער צוגעבונדן צו די אַלטע מנהגים און ניט געווען אזוי נוטה איבערצונעמען פרעמדס, ווי די גריכן.

ביי היינטיגן טאָג האָט איטאַליען ניט קיין וועלדער; איר קלימא איז אַ טרוקנס; אירע הויפט־געוויקסן זיינען — וויינטרויבן, רייז, קוקורוזע, דרום־פירות; פאַראַן צוקעררראָר, באַוולקוסט, פאַלמען. חוץ וויינטרויבן, זיינען אלע די, דאָזיגע געוויקסן אריינגעפירט אין איטאַליען ניט לאַנג, אן ערך מיט 900 יאָר צוריק. מיט 2000 יאָר צוריק, אין דער צייט פון די רוימער, האָט איטאַליען געהאַט גאָר אן אנדער אויסזעהן. די הויפט־געוויקסן דאָרט זיינען געווען די אייראָפעאישע תבואות; מער פון אַלץ האָט מען געאַרבעט ניט ווייץ, נאָר גערשטן, וואָס איצט זייט מען עס נאָר אין צפון־איטאַליען. וועלדער זיינען געווען זעהר אפולע, און דאָס קלימא איז געווען אַ פייכטערס און אַ קעלטערס, ווי איצט. די טייכן פון איטאַליען זיינען גרעסער, איידער אין גריכנלאַנד, און אין אַמאָליגע צייטן זיינען זיי געווען, אדאַנק די וועלדער, וואַסעררייכער. נאָר זיי זיינען ניט שיפבאַר, פול מיט קעסלשטראָמען און טייכשוועלן. בעתן פריהיאָר־געוויסער פאַרשפאַרט דער טייך זיך אליין דעם גאַנג דורך די הויפנס שלאַם, וואָס ער טראָגט אראָפ ביים האַסטיגן אַראָפפליסן פון די בערג, און פאַרפלייצט ווייט ארום די ברעגעס. דערפון ווערן גרויסע אָזערעס און זומפן, וואו דאס וואַסער ווערט איינגעשטאַנען, פויל און שטעקט אָן די לופט מיט פיבער. דערפאַר זיינען נאהענט ביים ים געווען ווינציג איינוואוינער; דאָס פאָלק פלעגט זיך מוזן פאַרקלייבן אויף די הויך געלעגענע ערטער און בויען זיך דערפער אויף בערגלאַך.

אויך דער ים אין איטאַליען איז ניט אזוי פריינטליך, ווי אין גריכנ־לאַנד. בלויז אין דרום־זייט האָט דער טאַרענטער אויסגוס פון יאָנישן ים אַסך גוטע בוכטעס, וואָס ארום זיי האָבן זיך באַזעצט די אָנגעקומענע גריכישע קאָלאָניסטן. דער מזרחדיגער, אַדריאַטישער ים איז שטורמיש און האָט ניט קיין האַוונס. דאָרט פלעגן קיין פרעמדע שיפן כמעט זיך ניט ווייזן. די שבטים, וואָס האָבן געוואוינט אויף די אַפעניגען נעבן אַדריאַטישן ים, האָבן זיך מיט ים־פאָרעריי ניט פאַרנומען און האָבן זיך מיט אלע כחות געצויגן קיין מערב. דאָס גאַנצע לעבן פון איטאַליען

האָט געזידט אויפן ברעג פונם מערבדיגן, טירעניש ים, וואָס צו אים האָט מען געקאָנט בעסער צוקומען פון ים־זייט. דאָ זיינען אין מיטן דעם בויגן, וואָס עס בילדן די אַפּענינען, געלעגן די פּרוכפּעריגע, געדיכט באַפעלקערטע געגנטן, עטרוריאַ (דאָס לאַנד פון די עטרוסקער) לאַטיום (דאָס לאַנד פון די לאַטינער) און קאַמפּאַניאַ. ביים מערב־גרעניץ פון איטאַליען ליגן אויך די אינזלען קאָרסיקאַ, סאַרדיניען, סיציליען, וואָס זיינען האַלטפּלעצער ביים אריבערפאָרן אין אַנדערע לענדער. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַנדל מיט אויסלענדער, גריכן און קאַרטאַגער. פון־דאַנען האָבן זיך שפּעטער אוועקגעלאָזט איבערן ים אויך די איינוואוינער פון איטאַליען גופא. אויף דערזעלבינער מערב־זייט איז אויך אויפגעקומען די רוימישע געמיינדע, וואָס האָט פאַראייניגט איטאַליען און איינגענומען אַלע לענדער ארום מיטללענדישן ים.

דעריבער קאָן מען זאָגן, אַז איטאַליען איז געווענדט קיין מערב, בעת גריכנלאַנד קוקט קיין מזרח. די גריכן פלעגן באַקומען פון מזרח מער סחורות און ידיעות; גריכן האָבן מער אויסגעוואַנדערט קיין מזרח, איידער קיין מערב פון זייער היים. פאַרקערט, די איינוואוינער פון איטאַליען האָבן אַ לאַנגע צייט מער פאַרנומען די לענדער, וואָס זיינען געלעגן אין מערב־זייט פון זיי: שפּאַניען, פראַנקרייך, צפונית־מערבית־אַפריקע. ערשט נאָך דעם, ווי זיי האָבן אונטערטעניג געמאַכט דעם מערב־טייל פון מיטללענדישן ים, האָבן זיי זיך געווענדט צו די לענדער פון מזרח.

דער אָנהויב פון רוים. פון די מערבדיגע שבטים האָבן פריהער פאַר אַלע זיך ארויסגערוקט דורך ים־האַנדל די עטרוסקער אדער טוסקן (נאָך זיי הייסט נאָך איצט דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן באַוואוינט, טאָסקאַנאַ). אַן ערך אין דער צייט פון פּייסיסטראַטאָס פון אַטען האָבן עטרוסקער, בשותפות מיט די קאַרטאַגער, צעשלאָגן אַ גרויסן פלאָט פון די גריכן און ארויסגעשטופּט די גריכישע סוחרים פון טירענישן ים. די עטרוסקער האָבן פאַרנומען די ברעג־געגנטן אין לאַטיום און קאַמפּאַניאַ; אַ געוויסע צייט איז זיי אויך געווען אונטערטעניג רוים, דער הויפּט־ישוב פונם שבט לאַטינער אין דער אונטערשטער שטרעמונג פונם טיבער (די גרינדונג פון רוים ווערט גערעכנט אין יאָר 754 פאַר קר.). נאָר רוים האָט באַלד ארויפגעוואָרפן די ממשלה פון די עטרוסקער, פאַראייניגט די לאַטינער אין אַ בונד און גענומען זיך אָפּצוהיטן זיי פון ים־זייט. די רוימער האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער מעכטיגער ים־מלוכה פון

מערב, מיט קאַרטאַגאַ: די קאַרטאַגער האָבן זיך מתחייב געווען ניט אָנצופאַלן אויף די ברעגעס פֿון איטאַליען און ניט בויען דאָרט קיין פֿעסטונגן, די רוימער האָבן צוגעזאָגט ניט צו באַאומרוהיגן אַפֿריקע און אַנדערע לענדער, וואָס געהערן די קאַרטאַגער, מער ניט פֿרידליך פֿירן סחורות קיין סיציליען און סאַרדיניען, וואו די קאַרטאַגער האָבן געהאַט לאַגערפּלעצער.

ווען אָנהויב פֿון זייער געמיינדע האָבן די רוימער ניט געוואוסט צו דערציילן עפּעס זיכערס. זיי פֿלעגן איבערגעבן בלויז מיטן, וואָס דריקן אויס דעם קריגערישן כאַראַקטער פֿון פֿאָלק.

פֿאַר די גרינדער פֿון רוים ווערן גערעכנט די צווילינגברידער, קינדער פֿונם קריגסגאָט מאַרס, ראָמולוס און רעמוס, וואָס זייער מוטער האָט זיי אוועקגעוואָרפֿן, און אַ ווילדע חיה, אַ וואָלפֿין האָט זיי אויפֿגעהאָדעוועט. די שטאָט רוים איז געבויט אויף בלוט; די ברידער האָבן זיך צעקריגט, און ראָמולוס האָט דערהרגעט רעמוסן. מערקווירדיג איז נאָך אַ שווידערליכע מעשה, וואָס ווערט דערציילט. איינמאָל האָבן די רוימער באַדאַרפֿט באַשליסן אַ שטרייט מיט דער לאַטיינישער שטאָט אַלבאַ דורך אַ קאַמף צווישן דריי ברידער האָראַציער און דריי קוריאַציער. אין קאַמף איז געבליבן לעבן נאָר איינער פֿון די האָראַציער, וואָס האָט דערהרגעט אַלע דריי קוריאַציער; געקומען אהיים, האָט ער אָנגעגענט זיין שוועסטער, וואָס איז אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין, ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז עס איז דערהרגעט איינער פֿון די קוריאַציער, וואָס איז געווען איר חתן; דעמאָלט האָט דער זיגער זי געטויט מיט זיין שווערד.

דאָס, וואָס מיר ווייסן וועגן די פֿאַרצייטיגע מנהגים פֿון די רוימער, שטימט מיט זייערע מעשיות. מענשליכע קרבנות האָבן זיך ביי זיי לאַנג איינגעהאַלטן: בעת די פֿאַרפֿלייצונגען פֿונם טיבער פֿלעגט מען וואַרפֿן מענשן אין טייך, בכדי אויסצובעטן גענאָד ביי זיין גאָט; ווען עס פֿלעגן טרעפֿן ערדציטערנישן און עס פֿלעגן זיך עפֿענען שפּאַלטן אין דער ערד פֿלעגט מען פֿאַרגראָבן עטליכע מענשן לעבעדיגערהייט פֿאַר אַ קרבן די שרעקליכע אונטערערדישע געטער.

אַ צייט לאַנג האָבן געהערשט אין רוים די אלטע געריכטס־מנהגים, וואָס האָבן געשמעקט מיט גזלה: אַ שונא האָט מען געמעגט איבערגעוואַלד ברענגען צושלעפּן פֿאַרן געריכט אָדער פֿאַרכאַפּן ביי אים עפּעס אַ זאַך, בכדי אים צו צווינגען זיך צו שטעלן פֿאַרן געריכט. אַ מלוה האָט געמעגט כאַפּן אַ בעל־חוב, וואָס האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן, און באַוויזן אים דעם געריכט, דערנאָך האָט ער געמעגט אים אוועקפֿירן

צו זיך פאַר אַ קנעכט אָדער אים הרגען. אַ בעל־חוב פּלעגט מען אוועקשטעלן אויף אַ פּלאַץ און פרעגן, צי וועט עמיצער ניט ערב זיין פאַר אים; אויב קיינער פּלעגט זיך ניט איינשטעלן, האָבן די קרעדיטאָרן געמעגט טויטן דעם בעל־חוב און, לויט דעם פּאַרצייטיגן מנהג, צעטיילן זיין טויטן קערפּער צווישן זיך. דער מאַנער האָט אויפן גערויכט ניט באַדאַרפט באַווייזן זיין רעכט: ווען ער האָט געגעבן געוואוסט אַלע גויטיגע שבועה־ווערטער, איז עס געווען געגוג אויף אים צוצופּסקען די זאַך, וואָס ער האָט געמאָנט. דער פּאָטער האָט געהאַט אין דער פּאַמיליע אַן אומבאַגרעניצטע מאַכט; די פרוי און די קינדער זיינען געווען, באַגלייך מיט די שקלאַוון און בהמות, זיין אייגנס (דאָס אַלץ אינאיינעם, וואָס איז געווען אין זיין רשות, האָט געהייסן פּאַמיליאַ, און דער ראש איז געווען „פּאָטער פון דער פּאַמיליע"). ער האָט געמעגט צונעמען זיין אייגן קינד און ניט צונעמען, ד. ה. הייסן אים ארויסוואַרפן, געמעגט אפּנעמען ביים זון די ירושה. די פרוי איז געווען אינגאַנצן אין רשות פונם מאַן, און נאָכן מאַנס טויט האָט זי געמוזט פּאָלגן איר אייגענעם עלטסטן זון, וואָס האָט אין דער פּאַמיליע פאַרטראָטן דעם פּאָטערס אָרט.

דער גלויבן פון די רוימער. ביי די רוימער האָבן געפּעלט די ליכטיגע געשטאַלטן פון די גריכישע געטער. די נעמען פון אייניגע געטער האָבן זיי גענומען פון מענשליכע טואַכצן; אַ קליין קינד לערנען אוים גיין, שרייען און רעדן באַזונדערע געטער פון גאַנג, געשריי און רייד; די טירן פון די הייזער און די טויערן פון שטאָט היט דער גאָט — דער עפּענער (יאַנוס). פאַראַן אַ געטין געטריישאַפט, אַ גאָט וואָרטהאַלטער וכדומה. די הויפּטמאכט געפינט זיך ביים קריגסגאָט מאַרס און ביים גרויסן פּאָטער יופּיטער. ביי די געטער האָבן געדינט חברות פון כהנים. פאַר כהנים און וואָרזאָגער פּלעגט מען אויסקלייבן מענשן, וואָס האָבן פאַרשטאַנען די רייד פון די געטער; דאָס האָט מען געקאָנט זעהן און הערן אין דעם פליה און אין געשריי פון פויגלען, אין די בליצן, אין באַזונדערע סימנים אויף די אינגעווייד פון בהמות.

די רוימער האָבן געגלויבט, אַז צווישן די געטער און די מענשן איז געשלאָסן אַן אָפּמאַך: אויב די מענשן זיינען געטרי מקיים די קלענסטע צערעמאָניעס, זיינען די געטער זיי מחויב צו העלפן; טאָמער העלפן זיי ניט, איז דאָס אַ סימן, אַז עפּעס וואָס האָט מען אין דער צערעמאָניע פאַרגעסן אָדער ניט ריכטיג געמאכט. מען מוז קוקן שאַרף אויף אַלצדינג: ווען מען זאָל, אשטייגער, ביים גיסן נסך פאַרן גאָט, פאַרגעסן צו זאָגן:

„געם צו דעם ווײַן, וואָס איך ברענג דיר‟, קאָן דער גאָט אַ טעות האָבן און מיינען, אַז מען זאָגט אים צו דעם גאַנצן ווײַן, וואָס געפֿינט זיך אין קעלער, און דעמאָלט וועט מען אים מוזן דאָס אָפּגעבן אין גאַנצן. נאָר אויך די מענטשן מעגן אויסנוצן אַ גרייז אין אָפּמאַך אָדער אויסטײַטשן אים, ווי פֿאַר זיי איז בעסער. אַשטייגער, ווען מען האָט באַדאַרפֿט על פּי דין ברענגען פֿאַר אַ קרבן אַ זעלטענעם בעל־חי, וואָס אים איז שווער צו באַקומען, פֿלעגט מען אויסקנעטן זײַן פֿיגור פֿון טייג אָדער פֿון וואַקס און דאָס אונטערטראָגן דעם גאָט.

מען האָט געקאָנט אַריבערציִען דעם גאָט, וואָס העלפֿט די שונאים, אויפֿן אייגענעם צד: ביי דער באַלעגערונג פֿון אַ שטאָט האָט מען נאָר באַדאַרפֿט דערגיין דעם אמתן נאָמען פֿונם גאָט, וואָס די אָרטיגע מענטשן פֿלעגן באַהאַלטן פֿון פֿרעמדע, און מתפּלל זײַן אין דעם נאָמען. ווען מען האָט אײַנגענומען אַ שטאָט, האָט מען באַדאַרפֿט דעם דאָרטיגן גאָט אַריבערפֿירן צו זיך, מאַכן אים פֿון אַ פֿרעמדן אַן אייגענעם, אַנדערש וועט ער בלײַבן אַ שונא; פֿאַרקערט, אויב ער קלײַבט זיך אַריבער צום זיגער, פֿאַרגרעסערט ער נאָך זײַנע כּחות. אַלע מנהגים האָט מען זיך געפֿלײַסט אָפּריכטן ניט געאײַלט, רוהיג, אין פֿולער שטילקייט: די רוימער האָבן ניט ליב געהאַט קיין התפּעלות, געפֿילן, אויפֿרעגונג; דאָס אַלץ האָבן זיי אָנגערופֿן אָבערגלויבן.

א גרויסן באַטייט האָבן געהאַט די וואָרזאָגונגען, וואָס אָהן דעם פֿלעגט מען קיין איין וויכטיגן ענין ניט אָנהויבן. פֿאַרן אָנהויב פֿון אַ מלחמה, פֿאַרן גרינדן אַ שטאָט, פֿאַרן אויסקלײַבן באַאַמטע פֿלעגן די כּהנים מתפּלל זײַן און מאַכן טרעפֿונגען אין מיטן א הייליגן פּירעק. מיט זײַן פֿאַרבויגענעם שטעקן פֿלעגט דער וואָרזאָגער ציִען צוויי שטריכן פֿון מזרח קיין מערב און פֿון צפֿון קיין דרום, אין דער געשטאַלט פֿון אַ קרייץ, און זיך אַליין אוועקשטעלן אין קרייצפּונקט מיטן פּנים קיין דרום. דעם הימל איבערן קאָפּ פֿלעגט ער אויך טיילן אין געדאַנק מיט דיזעלביגע ליניעס. די צייכנס אין דער לינקער האַנט פֿון זיך האָט ער גערעכנט פֿאַר גוטע סימנים, די צייכנס אין דער רעכטער האַנט פֿאַר שלעכטע. ווען די צייכנס זײַנען געווען שלעכטע, פֿלעגט דער וואָרזאָגער זאָגן דעם צונויפֿגעקליבענעם פֿאָלק אָדער דעם אָנפֿירער: „אויף אַן אַנדער טאָג‟. דאָס האָט באַטײַט, אַז מיטן ענין באַדאַרף מען אָפּוואַרטן אָדער זיך אין גאַנצן אָפּזאָגן דערפֿון. ווען די צייכנס זײַנען געווען גוטע, דעמאָלט פֿלעגט דער וואָרזאָגער הייסן זײַן שטיל; דערנאָך פֿלעגט ער קוקן אויפֿן הימל און וואַרטן אַן ענטפֿער פֿון די געטער אויף די געשטעלטע פֿראַגן.

א קריגסלאַגער אונטערוועגס אָדער אַ נייע שטאָט פֿלעגט מען הייליגן אויפֿן זעלבינן אופן. די וואָרזאָגער פֿלעגן דאָ ווערן ערדמעסטער. איבער די שטריכן, וואָס זיי פֿלעגן ציהען ביי דער גרינדונג, זאָגנדיג דערביי תפלות, פֿלעגן געמאַכט ווערן די הויפטגאַסן פֿונם לאַגער און פֿון דער שטאָט. אינם קרייצפונקט פֿלעגט מען אין לאַגער אוועקשטעלן אַן אַלטאַר און פֿאַר אים דעם געצעלט פֿונם אָנפֿירער, און דערנעבן איז געווען דער פלאַץ, וואו די קריגסלייט פֿלעגן זיך צונויפקלייבן, און אין אַ שטאָט א גרויסער מאַרקפלאַץ, וואָס האָט געהייסן פֿאָרום.

די הויפט־כהנים (פֿ אָ נ ט י פֿ י ק ע ס) פֿלעגן אויך וואָרזאָגן אינאָנהויב פֿון איטליכן נייעם יאָר און פֿלעגן שוין לכתחילה באַשטימען די גוטע און די שלעכטע טעג, ווען מען מעג און ווען מען טאָרניט אָנהויבן אַן ענין. דערין טאַקע איז באַשטאַנען דער לוח פֿון די פּאַרצייטיגע רוימער.

די פּאַרצייטיגע כלל־אָרדענונג ביי די רוימער. צוערשט זיינען אין רוים געווען מלכים, אזוייוי אין גריכנלאַנד אין האמערס צייט. זיי פֿלעגן זיך אַן עצה האַלטן מיטן ס ע נ אַ ט (ד. ה. מיטן ראָט פֿון די עלטסטע). ס' ווערט דערציילט א מעשה, אַז דאָס פֿאָלק זאָל האָבן פֿארטריבן דעם לעצטן קעניג טאַרקוויניוס דעם שטאָלצן פֿאַר זיין אכזריותדיגער רעגירונג (ס' איז צו גלויבן, אז די רוימער האָבן איבערגענומען די גאַנצע מעשה ביי די גריכן, וואָרום אפילו דאָס יאָר, ווען טאַרקוויניוס זאָל זיין אַראָפּגעזעצט געוואָרן — 510 — איז דאָסזעלביגע, ווען היפּיאַס איז פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון אַטען). אָנשטאָט דעם מלך זיינען איצט געוואָרן צ וו יי ק אָ נ ס ו ל ן, וואָס פֿלעגן אויסגעקליבן ווערן אויף איין יאָר. די מאַכט פֿון די קאָנסולן איז געווען גרויס. זיי האָבן קאָמאַנדירט איבערן חיל, ארויסגעגעבן באַפֿעלן, פֿאַרמשפּט די שולדיגע צום טויט אָדער צו לייבשטראָף; דעם פסק פֿלעגן באַלד אויספֿירן זייערע באַדינער, די ליקטאָרן, וואָס האָבן געהאַלטן צוגעגרייט העק, אריינגעשטעקט אין בינטלאַך ריטער. די קאָנסולן פֿלעגן איינטיילן די בירגער אויף ק ל אַ ס ן, צוליבן קריגסדינסט.

די בירגער פֿלעגן זיך באַוואָפֿענען אויפֿן אייגענעם חשבון, איטליכער לויט זיין פֿאַרמעגן. אין ערשטן קלאַס זיינען געווען די רייכע און פֿאַר־מעגליכע: זיי האָבן געדינט, ווי רייטער אָדער שווערבאַוואָפֿנטע, שטענדיג די ערשטע אין שלאַכט; דאָס איז געווען א שווערער, אָבער אויך א בכבודיגער דינסט. ווער עס האָט קיין ערד ניט געהאַט, דער האָט מחמת אָרימקייט ניט געקאָנט דינען אין די שלאַכטרייען, נאָר ער פֿלעגט גיין ווי אמוזי־קאַנט אָדער אַן ארבעטער. ווען מען פֿלעגט כאַפּן אַ בירגער ביי א

מיאוסער מעשה, פֿלעגט ער ווערן אויסגעשלאָסן פֿון די קלאַסן; דעמאָלט האָט ער געמוזט צאָלן קנס און האָט ניט געהאַט קיין שטים אין די פֿאַרזאַמלונגען פֿון די קריגסלייט.

אין די וויכטיגסטע ענינים, ווען מען האָט באַדאַרפֿט באַשליסן אַ מלחמה אדער אויסקלייבן קאָנסולן, פֿלעגן ווערן צונויפֿגערופֿן אלע בירגער קריגסלייט. די דאָזיגע פֿאַרזאַמלונג איז אָבער ניט געווען ענליך צו די גריכישע פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען. צונויפֿקלייבן דאָס פֿאָלק פֿלעגט מען דורך בלאָזן אין אַ קריגסטרומייט הינטערן שטאָט אויפֿן מאַרספֿעלד, ד. ה. אויפֿן פֿלאַץ פֿאַר די קריגסאיבונגען. אויף אַ בערגל פֿלעגט מען אויסהענגען אַ קריגספֿאָנע. די קריגסלייט פֿלעגן קומען באַוואָפֿנט און זיך אויסשטעלן, אַזוי ווי אין דער ארמיי, הונדערטערווייז, איטליכס הונדערט (צענטוריאַ) מיט איר פֿענדל און מיט איר עלטסטן בראש. קיין רעדעס און וכוחים זיינען דאָ ניט געווען. דער קאָנסול פֿלעגט פֿרעגן, צו איז מען מרוצה צו פֿירן מלחמה; ווען מען האָט געדאַרפֿט וועמען אויסקלייבן, פֿלעגט ער אליין אָנרופֿן די קאַנדידאַטן, ד.ה. יענע מענשן, וואָס מען מעג זיי קלייבן (דאָס וואָרט קאַנדידאַט באַטייט „אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער"; אַזוי פֿלעגן גיין אָנגעטאָן די וואָס זיינען געשטאַנען צום קלייבן, בכדי זיי זאָלן זיין קענטיג צווישן די ארומיגע פֿאַרזאַמלטע). צוערשט פֿלעגן ענטפֿערן די הונדערטער פֿון די העכערע קלאַסן, ד. ה. פֿון די רייטערס און שווער־באַוואָפֿנטע פֿוסגייערס; ווען זיי זיינען געווען צווישן זיך איינִיג, דעמאָלט איז די זאַך געווען אַ געענדיגטע, און די איבעריגע קלאַסן האָט מען שוין די פֿראַגע גאָר ניט פֿאָרגעלייגט. אלץ פֿלעגט פֿאָרקומען, ווי אויף אַ פּאַראַד, שטרענג מיליטעריש.

צוערשט האָבן געוועלטיגט איבער אלץ, פּונקט ווי אַמאָל אין גריכנ־לאַנד, די מיוחסדיגע, רייכע משפחות, די פּ אַ ט ר י צ י ע ר; ארום זיי זיינען געווען זייערע קנעכט, לייבאייגענע, בעלי־מלאכות און קליינע הענדלערס, וואָס האָבן זיך געשטעלט אונטער זייער שוץ (די ק ל י ע נ ט ן). די פּאַטריצישע משפחות מיטן פֿאָלק, וואָס איז געווען זיי אונטערטעניג, זיינען באַשטאַנען פֿון זעהר אַסך מענשן. אשטייגער, איינמאָל האָט די משפחה פֿון די פֿאַביער געפֿירט אַ מלחמה אויף דער אייגענער אחריות מיט דער עטרוסקישער שטאָט וועיי; אין שלאַכט זיינען אַלע פֿאַביער אומגעקומען, סך הכל 306 מאַן, חוץ איינעם, וואָס פֿון אים איז ארויס אַ נייער דור פֿאַביער. צווישן די פּאַטריציער זיינען געווען אויך געבירטיגע פֿון אַנדערע געגנטן, וואָס זיי האָט צוגעצויגן די מאַכט און די הצלחה פֿון דער רוימישער געמיינדע; אַזוי האָט זיך אריבערגעקליבן קיין רוים

פֿונם באַרגלאַנד סאַבינאַ ביי דער אויבערשטרעמונג פֿונם טיבער אַפּיוס קלאַוודיוס מיט זיין גאַנצער משפחה און מיט זיינע קליענטן. די עלטסטע פֿון די פּאַטריצישע משפחות זיינען געזעסן אין סענאַט, און נאָר פֿון זיי האָט מען געמענט אויסקלייבן קאָנסולן, כהנים און אַנדערע באַאַמטע.

די איבעריגע מאַסע פֿרייע מענשן, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו רוים, האָבן געהייסן פּ ל ע ב ע י ע ר. דער גרעסטער רוב פֿון זיי זיינען געווען ערדאַרבעטער און בהמות־האָדעווער, איינוואוינער פֿון לאַטינישע און סאַבינישע שטעטלאַך און דערפֿער. די פּלעבעיער האָבן זיך געפֿונען אין אַ שלעכטער לאַגע לגבי די פּאַטריציער. זיי פֿלעגן קומען אין שטאָט אריין אין די חגאות, בעת עס פֿלעגט זיין אַ מאַרקטאָג, בכדי איינצוקויפֿן געצייג, זאַכן פֿון בעליהבתישקייט און צו פֿארקויפֿן זייערע דאָרפֿישע פּראָדוקטן. לאָדן זיך פֿארן געריכט מיט די פּאטריציער איז געווען שווער: די פּאַטריציער פֿלעגן נעמען די אויבערהאַנט, ווייל זיי פֿלעגן מיט זיך ברענגן פֿאַר עדות אַסך קרובים און קליענטן; דערצו איז נאָך פֿאַר אַ פּראָסטן מענש, וואָס איז ניט אזוי בהבנט אין די צערעמאָניעס און תפלות, שווער געווען אויסצולערנען די ווערטער פֿון דער שבועה אויפֿן געריכט, אַזוי אַז ער זאָל זיך ניט פֿאַרפּלאָנטערן. באַזונדערס האָבן די פּלעבעיער געליטן דערפֿון, וואָס די פּאַטריציער פֿלעגן דורך די כהנים בעלהבתעווען איבער די פֿאָלקספֿארזאַמלונגען: פֿון די כהנים איז געווען געווענדט צו באַשטימען אזעלכע טעג, ווען די פּויערים איז שווער צו קומען אין שטאָט אריין; די כהנים האָבן געקאָנט ערקלערן, אז דער מענש, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר אַן אָנפֿירער, איז ניט וואויל געפֿעלן אין די אויגן פֿון די געטער, און דעמאָלט פֿלעגן די וואַלן בטל ווערן.

דעריבער האָבן די פּלעבעיער אָנגעהויבן אויסצוקלייבן פֿון צווישן זיך ט ר י ב ו נ ע ן וואָס פֿלעגן קומען אין געריכט אַריין פֿארטיידיגן די פּלעבעיער, ארויסשטעלן זיך ווי ערבים פֿאַר בעלי־חובות אָדער פֿאַר יענע פּלעבעיער, וואָס דער ליקטאָר האָט געוואָלט כאַפּן לויטן באַפֿעל פֿון קאָנסול. די טריבונען זיינען ניט געשטאַנען אונטערן רשות פֿון די קאָנסולן, ווי די איבעריגע באַאַמטע פֿון רוים. זיי פּלעגן זיך איינשטעלן ארויסצוזאָגן אינם נאָמען פֿון אַלע פּלעבעיער די פֿאַרלאַנגען פֿון פֿאָלק.

די מלחמות פֿון די רוימער און דער איבערבייט פֿון דער אינעווייניגסטער אָרדענונג (400—300 פֿאַר קר). ניט ווייט פֿון רוים אויף יענער זייט טיבער איז געלעגן די עטרוסקישע שטאָט ווייי

א לאַנגאָניגער קאָנקורענט פֿון רוים. אַן ערך אין דער צייט, ווען עס איז געפֿאַלן די מלוכה פֿון די אַטענער, האָבן די רוימער אָנגעהויבן די באַלעגערונג פֿון וועיי, וואָס האָט געדויערט 10 יאָר. ווענן דער דאָזיגער מלחמה האָט מען שפּעטער דערציילט בלויז פֿאַרשיידענע מעשיות. דעם נצחון האָט אָפּגעהאַלטן דער דיקטאַטאָר (ד. ה. דער איינציגער הויפּט־קאָמאַנדיר אָנשטאָט צוויי קאָנסולן) קאַמילוס, וואָרום ער איז אויף אַ וואונדערליכן אופֿן אריינגעדרונגען אין טעמפּל פֿון דער שוצגעטין פֿון וועיי, יונאָ, און האָט זי אריבערגעצויגן אויף זיין צד. וועיי איז פֿאַרברענט געוואָרן, די איינוואוינער פֿאַרקויפֿט אין שקלאַווערײַ, נאָר דאָס בילד פֿון דער יונאָ האָט קאַמילוס אריבערגעטראָגן קיין רוים, בכדי איר ברכה זאָל רוהען אויף דער שטאָט. קאַמילוס איז דער ערשטער אריינגעפֿאָרן אין טריאומף אויפֿן קאַפּיטאָליום (אַ באַפֿעסטיגט בערגל אין רוים, פּונקט ווי דער אַקראָפּאָלים אין אַטען) אויף אַ רייטוואָגן, באַשפּאַנט מיט פֿיר ווייסע פֿערד.

נאָך אָטדעם נצחון האָט רוים געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות. פֿון צפון־זייט פֿון הינטער די אַפּענינען זיינען אריינגעדרונגען גרויסע מאַסן גאַליער, וואָס האָבן צעשלאָגן די רוימישע חילות און פֿאַרנומען רוים, וואָס איז דעמאָלט נאָך ניט געווען באַפֿעסטיגט. ניט אונטערגעגעבן האָט זיך נאָר דער קאַפּיטאָליום, נאָר די רוימער האָבן זיך געמוזט אויס־קויפֿן פֿאַר 1000 פֿונט גאָלד. היות ווי די באַרבאַרן האָבן ניט געקאָנט פֿאַרפֿעסטיגן זיך ביי די ברעגעס פֿון ים, האָט זיך סוף כל סוף איינגעגעבן זיי אָפּצושטופּן צוריק קיין צפון. דער אָנפֿאַל פֿון די גאַליער האָט געצוואונגען די רוימער קודם כל ארומצוזינגלען די שטאָט מיט גרויסע מויערן; רוים איז געוואָרן אַ שטאַרקע פֿעסטונג. צוביסלאכוויז האָבן די רוימער צוריק באקומען די ממשלה איבערן מיטלסטן טייל פֿון האַלבאינזל. אַן ערך אין דער צייט פֿון אלכסנדרס מלחמות אין די מזרח־לענדער האָבן זיך אָנגעהויבן די סאַמניטישע מלחמות, וואָס זיינען געווען זעהר שווערע פֿאַר די רוימער.

די סאַמניטער זיינען געווען אַ קריגערישער באַרג־שבט, וואָס האָט געוואוינט אין דרום־זייט פֿון די לאַטינער בשכנות מיט קאַמפּאַניאַ. ווייל זיי זיינען געווען אויסגעצייכנטע זעלנער, פֿלעגט מען אומעטום זיי וועלן דינגען: סיי די קאַרטאַגער און סיי דיאָניסיאָס פֿון סיראַקוז. די סאַמניטער האָבן געשטרעבט אריינצוכאַפּן די גרויסע האַנדלסשטאָט פֿון קאַמפּאַניאַ קאַפּוּאַ, וואָס איז געלעגן ניט ווייט פֿון נעאַפּעל. אויס מורא פֿאַר די סאַמניטער האָבן די קאַפּוּאַנער געשלאָסן אַ בונד מיט

רוים: די צוויי גרעסטע שטעט פֿון איטאַליען האָבן זיך פֿאַראייניגט צו איין געמיינדע. אין קאַמף מיט די סאַמניטער פֿאַר קאַמפּאַניאַ האָבן די רוימער געמוזט מאַכן גרויסע אָנשטרענגונגען. ניט איין מאָל האָבן זיי געהאַט מפּלות. איין מאָל האָט דער סאַמניטישער אָנפֿירער פּאָנטיוס איינגעשלאָסן דעם רוימישן חיל מיט ביידע קאָנסולן אין קאַודינישן ענג־טאָל; די רוימער האָבן זיך אונטערגעגעבן און האָבן געמוזט דורכגיין „אונטערן יאָך“, ד. ה. האַלבאָנגעטאָן אויפֿן שטייגער פֿון שקלאַוון, דורכפּויזען איינגעבויגן אונטער אַ מין טויער, צוגויפֿגעשטעלט פֿון שפּיזן, אַריינגעשטעקט אין דער ערד.

די מלחמה איז געפֿירט געוואָרן מיט גרויס פֿאַרביטערטקייט. ווען די רוימער האָט זיך איינגעגעבן מנצח צו זיין פּאָנטיוסן און נעמען דעם סאַמניטישן העלד געפֿאַנגען, האָט מען אים דורכגעפֿירט אין קייטן הינטער דעם רייטוואָגן פֿונם טריאומפֿאַטאָר און דערוואָרגן. פֿאַר אַ גרויסער אַנטשיידונגסשלאַכט האָבן די סאַמניטער אָפּגעריכט אַ שרעקליכע צערעמאָניע: אין אַ פֿאַרמאַכטן געצעלט האָט מען אַריינגעפֿירט איינציגוויז די קריגסלייט און געהייסן זיי שווערן, אַז זיי וועלן קעמפֿן אָהן רחמנות ביזן סוף: יענע, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט שווערן, האָט מען דערהרגעט אויפֿן אָרט פֿאַר קרבנות די נקמה־געטער. ביי זייער גאַנצן מוט זיינען אָבער די סאַמניטער געווען צעברעקלט און האָבן ניט פֿאַרמאָגט אַזאַ שטאַרק באַפֿעסטיגטע הויפּטשטאָט, ווי רוים. דעריבער איז קאַמפּאַניאַ געבליבן אין דער ממשלה פֿון די רוימער, און די סאַמניטער זיינען אָפּגעשטופּט געוואָרן אין די בערג.

די לאַנגע שווערע מלחמה האָט געצוואונגען די רעגירער פֿון רוים צו מאַכן היפּש הנחות די קריגסלייט. מען האָט געמוזט איינפֿירן אַ געצאָלט פֿאַר די זעלנער; חוץ דעם, האָט מען אָנגעהויבן נאָך באַגליקטע מלחמות טיילן צווישן זיי דעם רויב. בכדי אויסצוחשבונען דעם חלק פֿון איטליכן קריגסמאַן, האָט מען פֿאַרפֿירט גענויע רייסטערס פֿון אַלע בירגער. אַ באַזונדער באַאמטן דעם צענזאָר, האָט מען באַשטימט אויף צו פֿאַרוואַלטן איבער דער קאַסע און פֿונאַנדערצוטיילן די באַלויכונגען. ביי די באַזיגטע פֿלעגט מען אָפּנעמען אַ טייל ערד און עס צעטיילן צווישן די וועטעראַנען, ד. ה. זעלנער, וואָס האָבן לאַנג געדינט. דער חיל האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ ווערדע ער האָט. די פּלעבעיער האָבן ניט איין מאָל געלאָזט פֿילן די פּאַטריציער זייער באַטייט אין דער געמיינדע. פֿון דער אַנדער זייט פֿלעגן פֿון די פּאַטריציער זיך אָפּטיילן כבוד־זוכער, וואָס האָבן, פּונקט ווי די גריכישע טיראַנען,

געפֿלייסט זיך איינצונעמען פֿאַר זיך דאָס פֿאָלק און שעדיגן דער אַריסטאָקראַטיע. אזעלכער איז געווען אַפּיוס קלאַוודיוס, וואָס איז אין יאָר 312 געוואָרן אַ צענזאָר. ער האָט פֿאַרבונדן רוים מיט קאַפּואַ דורך אַן אויסגעצייכנטן שאָסייוועג און דורכגעצויגן אין רוים אַ גרויסע וואַסערלייטונג. בכדי צו דערגרייכן די פּאַטריציער, האָט אַפּיוס קלאַוודיוס אריינגעשטעלט אין רייסטער פֿון די סענאַטאָרן זין פֿון פֿרייגעלאָזענע (ד. ה. געוועזענע שקלאַוון). איינער פֿון זיינע אייגענע פֿרייגעלאָזענע, פֿלאַוויוס, האָט אַנטפּלעקט פֿאַרן פֿאָלק יענע פֿאַלשע גענג, וואָס דורך זיי פֿלעגן די כהנים בייטן די יום־טובדיגע טעג לרעה די פּלעבעיער, און האָט אויך אויסגעשטעלט אויפֿן פֿאָרום די טעקסטן פֿון די געריכט־שבועות, וואָס די פּאַטריציער האָבן געהאַלטן בסוד.

בראש פֿון די פּלעבעיער האָבן זיך געשטעלט די טריבונען, וואָס האָבן אָנגעהויבן פֿאָדערן, אַז עס זאָלן אויסגעגליכן ווערן די רעכט פֿונם פּשוטן פֿאָלק מיט דער אַריסטאָקראַטיע. ס׳ווערט דערציילט אַ מעשה, אַז צעהן יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די פּלעבעיער אויסגעקליבן פֿאַר טריבונען ליציניוסן און סעקסטיוסן, וואָס האָבן געשוואָרן, אַז זיי וועלן ניט נאָכגעבן, ביז די פּאַטריציער וועלן זיי צולאָזן צום קאָנסולאַט; צולעצט איז סעקסטיוס געוואָרן אַ קאָנסול. דערנאָך האָבן די טריבונען געפּועלט אויך, אַז מען זאָל צולאָזן די פּלעבעיער אויף שטעלעס פֿון כהנים.

די טריבונען האָבן איצט געקראָגן אין דער מלוכה אַ נייע קראַפֿט. זיי האָבן אָנגעהויבן צונויפֿקלייבן דאָס פֿאָלק אויף באַזונדערע פֿאַרזאַמלונגען, וואו די פּלעבעיער פֿלעגן זיך צעשטעלן ניט לויטן מין געווער, נאָר לויט די פֿאַרוואַלטונגסבאַצירקן (טריבען); אין איטליכער אָפּטיילונג האָבן געשטימט אינאיינעם שכנים, וואָס האָבן גוט געקענט איינע די אַנדערע, און דאָ זיינען ניט געווען קיין באַזונדערע בכבודיגע אָפּטיילונגען, וואָס זייער שטים האָט געקאָנט אריבערוועגן אַלע איבעריגע. די רעגירער האָבן אפילו ניט ווילנדיגערהייט געמוזט זיך צוהערן צו די פּלעביסציטן, ד. ה. צו די החלטות פֿון דער פּלעבעיישער פֿאַרזאַמלונג, וואָס די טריבונען פֿלעגן איבערגעבן די קאָנסולן אין דעם סענאַט. נאָך מער: די טריבונען האָט מען צוגעלאָזט אין סענאַט, וואו זיי זיינען געזעסן באַזונדער פֿון די איבעריגע מיטגלידער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג. ווען די טריבונען פֿלעגן איינגעפֿינען, אַז די רעגירער האָבן אָנגענומען אַ החלטה, וואָס איז שעדליך פֿאַרן פֿאָלק, האָבן זיי געקאָנט ארויפֿלייגן אַ פֿאַרבאָט אויף אַלע געשעפֿטן און אפילו פֿאַרחתמען די מלוכה־קאַסע, ביז דער סענאַט האָט געמוזט אָפּשאַפֿן זיין החלטה.

צווישן די פלעבעיער האָבן זיך ארויסגערוקט אייגענע מיוחסים. יענע פלעבעיער, וואָס האָבן געהאַט פאַרנומען הויכע פאָסטנס, זיינען געוואָרן סענאַטאָרן, פונקט ווי די פאַטריציער; זיי פלעגן אויך צונויפקלייבן ארום זיך זייער משפחה און קליענטן, און אויף אַזאַ אופן זיינען די נייע פלעבעיישע משפחות געקומען צום זעלבן גראַד, ווי די אַלטע פאַטריצישע.

די רוימער האָבן איצט געקאָנט זאָגן, אז אלע בירגער האָבן ביי זיי גלייכע רעכט, אַז איטליכער קאָן קומען צו וואָסער מעמד ער שטרעבט. די מלוכה האָט זיך אָנגערופן די רעספובליקאַ, ד. ה. די כלל-זאַך (דערפון שטאַמט דאָס וואָרט רעפובליק) פון די רוימער. נאָר זייער מלוכה-סדר קאָן ניט אָנגערופן ווערן אַ דעמאָקראַטישער. אין די פאָלקס-פאַרזאַמלונגען זיינען ניט געווען קיין וכוחים, ס'זיינען ניט ארויסגעטראָטן קיין רעדנערס פון צווישן די בירגער; די קאָנסולן און טריבונען פלעגן מער ניט פאַרלייענען דעם פאָלק זייערע פאָרשלאָגן, און די פאַרזאַמלטע פלעגן ענטפערן בלויז „יאָ“ אָדער „ניין“.

די באַצווינגונג פון איטאַליען. נאָכן נצחון איבער די סאַמניטער איז רוים געוואָרן די גרעסטע מאכט אין איטאַליען. אריינגענומען אין זייער ממשלה דעם בעסטן טייל פונם מערבדיגן ברעג, האָבן די רוימער אזוי ווי פאַרשפאַרט דעם וועג צום ים פאַר אלע איבעריגע שבטים פון האַלבאינזל. די אלגעמיינע סכנה האָט אלע די באַדריקטע פאַראייניגט: ס'זיינען אויפגעשטאַנען די סאַמניטער, צו זיי זיינען צוגעשטאַנען די עטרוסקער, דערנאָך די אמאָליגע פאַרבינדעטע פון רוים, די סאַבינער, און צולעצט די גאַליער. די דאָזיגע שווערע מלחמה האָט פאַרענדיגט מיט הצלחה קוריוס דענטאַטוס, אַ פלעבעיער, וואָס איז אריינגענומען געוואָרן צווישן די הערשנדיגע משפחות (אין יאָר 290). אלע שבטים פונם האַלבאינזל, חוץ עטליכע גריכישע געמיינדעס זיינען געוואָרן אונטערטעניג צו רוים.

די רוימער האָבן אויף אַ באַזונדערן אופן איינגעשטעלט זייער ממשלה. די ערד, וואָס האָט געהערט צו דער רוימישער געמיינדע (דאָס רוימישע פעלד), האָט פאַרנומען די פליינען און די ברעגעס פונם מערבדיגן ים, און חוץ דעם האָט זיך געצויגן אַ פאַס אין דער קווער איבערן האַלבאינזל פונם טירענישן ים ביזן אַדריאַטישן. דער דאָזיגער קווערפאַס פון רוימישער ערד האָט פונאַנדערגעשיידט צווישן די צפונדיגע און דרומדיגע איטאַליקער און פאַרזיכערט די אויבער־

הערשאַפֿט פֿון רוים איבער זיי. אין די גרעניצן פֿון רוימישן פֿעלד האָבן אַלע פֿרייע מענשן זיך גערעכנט פֿאַר רוימישע בירגער. ניט אַלע בירגער האָבן געהאַט גלייכע רעכט; יענע, וואָס מען האָט שפּעטער אַריינגענומען אין דער געמיינדע, אַשטייגער, די איינוואוינער פֿון קאַפּואַ, האָבן ניט געטאָרט נעמען קיין אָנטייל אין די רוימישע פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונגען.

אַלע איבעריגע פֿעלקער פֿון איטאַליען זיינען געוואָרן די פֿאַרבינדעטע פֿון רוימישן פֿאָלק. די רוימער האָבן זיך אין זייערע אינעווייניגסטע ענינים ניט געמישט. די שטעט און געגנטן פֿון די פֿאַרבינדעטע פֿלעגן ווערן רעגירט לויט זייערע אַלטע מנהגים, אויסקלייבן זייערע פֿירער און ריכטער, האָבן געהאַט זייערע אייגענע ראָטן פֿון עלטסטע. די רוימער האָבן נאָר געפֿאָדערט פֿון זיי צו דינען אין זייער חיל. די פֿאַרבינדעטע האָבן ניט געטאָרט מאַכן אָפּמאַכן צווישן אַנאַנד: איטליכער באַזונדער האָט געהאַט צו טון נאָר מיט רוים. דער הויפּט־גאַנג פֿון דער רוימישער פֿאַרוואַלטונג איז געווען אויסגעדריקט אין די ווערטער: „צעטייל און געוועלטיג!" בכדי צו האָבן אַן אויג אויף די פֿאַרבינדעטע און צו האַלטן זיי אין מורא, האָבן די רוימער אין גאַנץ איטאַליען געגרינדעט מיליטערישע קאָלאָניעס: דאָס זיינען געווען פֿעסטונגען, וואָס זייערע גאַרניזאָנען האָבן באַקומען צוגעטיילט גוטע ערד־חלקים. פֿון רוים ביז צו די קאָלאָניעס זיינען געווען דורכגעפֿירט מיליטער־וועגן, וואָס איבער זיי האָט דער חיל געקאָנט זיך גע־שווינד באַוועגן, דאָרט האָט מען געפֿירט פֿאַרשיידענע קריגס־מכשירים און די פּאָסט. די דאָזיגע וועגן זיינען נאָך עד היום פֿאַרבליבן מייסטערווערק פֿון דער אינזשענערקונסט. בכדי צו מאַכן זיי וואָס גלייכער, פֿלעגן די רוימער אַריבערוואַרפֿן בריקן איבער טאָלן, איינבויען ברייטע שטיינערנע פֿונדאַמענטן אין זומפּיגע ערטער, באַפֿעסטיגן די זייטן אויף שיפּועים דורך גוואַלדיגע מויערן, דורכשניידן טונעלן דורך בערג. דער וועג גופא פֿלעגט צוליב פֿעסטקייט ווערן געבויט, ווי אַ געמויערטע וואַנט: אין אַ גראָבן פֿון אַ קלאַפֿטער די טיף פֿלעגט מען אַריינזעצן פֿעסט ביינאַנד שטיינער, און פֿונאויבן פֿלעגט מען אויסלייגן מיט גרויסע ברייטע שטיינפּלאַטן.

אין די מלחמות מיט די גאַליער, סאַמניטער און אַנדערע פֿעלקער האָבן די רוימער אויסגעאַרבעט זייער קריגסקונסט. ביי איטליכן פֿון זייערע געגנער האָבן זיי איבערגענומען עפּעס אַ נייעם גאַנג אָדער אַ נייעם מין געווער. באַזונדערס מערקווירדיג איז געווען זייער געוווינהייט צו בויען אַ

באַפֿעסטיגטן לאַגער ארום מיט אַ גראָבן, אַ וואַל, אַ מויער און טורעמס. אינם לאַגער האָבן די זעלנער זיך געקאָנט באַשיצן, ווען זיי זיינען געווען ארומגערינגלט פֿון שונא. די זעלנער גופא האָבן געמוזט אויספֿירן די אינזשענער און גראָבאַרבעטן; דערפֿאַר פֿלעגן זיי פֿירן מיט זיך, חוץ געווער, אויך אינסטרומענטן און פֿלעקער.

די שטאַרקסטע צווישן די אומאָפּהענגיגע גריכישע געמיינדעס אין דרום איז געווען די רייכע האַנדלסשטאָט טאַרענט. איינמאָל האָבן די טאַרענטינער, זיצנדיג אין זייער טעאַטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט צום ים, דערזעהן אַ רוימישן קריגספֿלאָט, וואָס איז העזהדיג ארייגעפֿאָרן אין זייער האַוון. האָבן זיי זיך תיכף געזעצט אויף זייערע טריערעס און האָבן די רוימישע שיפֿן דערטרונקען. נאָר אויף צו פֿירן אַ מלחמה אויף דער יבשה מיט רוים האָבן זיי קיין כחות ניט געהאַט, און דעריבער האָבן זיי גערופֿן צו זיך אין דינסט דעם קיניג פֿון עפּיראָס פּיראָסן, אַ קרוב פֿון אַלכסנדר מוקדון. (עפּיראָס ליגט אין מערב־זייט פֿון טעסאַליען ביים ברעג פֿון אַדריאַטישן ים.) פּיראָס האָט געבראַכט קיין איטאַליען די מאַקעדאָנישע פֿאַלאַנגע, טעסאַלישע רייטעריי און 20 קריגסהעלפֿאַנדן. אין דער ערשטער שלאַכט האָט פּיראָס מנצח געווען די רוימישע לעגיאָנען; איינגע פֿון די רוימישע פֿאַרבינדעטע זיינען אויך צו אים צוגעשטאַנען.

נאָר די רוימער האָבן זיך געשלאָגן מיט אַזאַ עקשנות, אַז פּיראָס גופא האָט זיי פֿאָרגעלייגט שלום מיטן תנאי, זיי זאָלן טאַרענט לאָזן צו רוה. זיין שליח, דער גריכישער רעדנער קינעאַס, האָט שוין געהאַט דאָס אויסגעפּועלט דורך זיין רעדע ביי אַ גרויסן טייל פֿון די סענאַטאָרן. דעמאָלט איז אופֿגעשטאַנען דער באַרימטער צענזאָר אַפּיוס קלאַוודיוס, וואָס איז איצט שוין געווען אַ בלינדער זקן, און האָט ערקלערט: קיין מאָל האָבן די רוימער נאָך ניט געמאַכט קיין שלום מיטן שונא, כל זמן ער שטייט נאָך אויף זייער ערד. די ווערטער האָבן געווירקט, און דער סענאַט האָט אָפּגעזאָגט דעם שלום. שפּעטער האָט שוין פּיראָס מער קיין הצלחה ניט געהאַט. ער האָט געוואָלט איינגעמען סיציליען, נאָר איז געוואָרן צעקלאַפּט פֿון די קאַרטאַגער. דערווייל האָבן די רוימער צוריק צוגענומען זייערע לענדער אין איטאַליען. בראש פֿון זיי איז ווידער געשטאַנען דער אַלטער געניטער אָנפֿירער קוריוס דענטאַטוס. מען דער־ציילט, אַז פּיראָס זאָל האָבן געפּרובט אונטערצוקויפֿן קוריוסן; נאָר דעם קיניגס שלוחים זיינען געבליבן געפּלעפֿט, ווען זיי האָבן דערזעהן פֿאַר זיך אין אַ כאַלופּקע פֿאַרן פֿייערפּלאַץ אַן אלטן מאַן אָנגעטאָן אין אַ

גראָבן היימישן בגד, וואָס איז געזעסן אויף אַ בענקל און געקאָכט זיך ריבן צו וועטשערע. אַז קוריוס האָט דערזעהן די מתנות, האָט ער געזאָגט: „בעסער וועל איך געוועלטיגן איבער רייכע, איידער אַליין זײַן רייך“.

קוריוס האָט צעקלאַפּט פּיראָסן און געצוואונגען אים צוריק אָפּ־צופאָרן קיין גריכנלאַנד. טאַרענט איז געבליבן אומבאַשיצט און האָט זיך אונטערגעגעבן די רוימער (272). איצט איז די רוימישע ממשלה געווען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן האַלבאינזל, פון דער צפונדיגער אויס־קרימונג פונם אַפּענינען־רוקן ביזן יאָנישן ים און מעסינישן דורכגוס, וואָס שיידט אָפּ אים אַליין פון סיציליען. די רוימער זײַנען דערגאַנגען האַרט צו די לענדער פון דער גרויסער קאַרטאַגישער מלוכה.

פרץ שול

VIII.

רוים, קאַרטאַגאָ און גריכנלאַנד.

די קאַרטאַגישע גרויס־מלוכה. די פעניקער, וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין אַפריקע, זיינען פאַרבליבן ביי די פרנסות און ביי די מנהגים פון זייער שבט. צוליב האַנדל זיינען זיי געפאָרן ווייט הינטער דעם גיבראַלטאַראויסגוס, קיין צפון קיין בריטאַניען, קיין דרום צו די קאַנאַריענאינזלען און צו די ברעגעס פון גווינעאַ. דער גאַנצער צפון־ברעג פון אַפריקע, אָנגעהויבן פון דער גריכישער קירענע ביזן גיבראַלטאַר (די איצטיגע טריפּאָלים טונים, אַלזשיר, מאַראָקאָ), איז געווען פאַרזעצט מיט פעניקישע ישובים. אסך פעניקישע קאָלאָניסטן פלעגן חתונה האָבן מיט די טעכטער פון די אָרטיגע איינוואוינער, די ליביער; נאָר די מענשן פון דעם דאָזיגן געמישטן שבט (ליבאָ־פעניקיער) פלעגט מען באַטראַכטן ווי מענשן פון אַ נידעריגן מין; זיי פלעגן ניט צוגעלאָזט ווערן צו דער רעגירונג, און בראש פון דער מלוכה זיינען געשטאַנען די סוחרים און שיף־בעלהבתים פון אַ ריין פעניקישן אָפּשטאַם.

דעם וויכטיגסטן טייל פון די פעניקישע לענדער האָט געבילדעט דאָס איצטיגע טונים, וואָס אין אַלטערטום האָט מען דאָס טאַקע אָנגערופן אַפריקא (דעמאָלט האָט דער גאַנצער קאָנטינענט געהייסן ליביען). דאָ איז געלעגן ביים ראַנד פון פרוכפּעריגן טאָל פון טייך באַגראַד נעבן אַ טיפן איינגעשלאָסענעם ים־אויסגוס די גוואַלדיג גרויסע שטאָט קאַרטאַגאָ, וואָס קיין איין שטאָט אין אלטערטום האָט ניט געהאַט אַזוי־פיל איינוואוינער, ווי זי. דער מלוכה־סדר פון קאַרטאַגאָ איז געווען ענליך צום רוימישן, אבער די אריסטאָקראַטיע האָט נאָך מער געהאַט די אויבערהאַנט איבער דער פאָלקסמאַסע, און די הויפּטשטאָט האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערע ממשלה איבער די איבעריגע שטעט. די העכסטע פאָסטנס האָבן פאַרנומען צוויי סופעטן (דער נאָמען באַטייט דאָסזעלביגע, וואָס די אַלטע שופטים אין ישראל), וואָס פלעגן ווערן

אויסגעקליבן אויף איין יאָר. אַלע ענינים פֿלעגן ווערן אָרומגעקלערט אין געהיימע זיצונגען: פֿון דרייסיג עלטסטע און פֿונם ראָט פֿון די הונדערט. בלויז אין די וויכטיגסטע פֿאַלן פֿלעגט ווערן צונויפֿגערופֿן דאָס גאַנצע פֿאָלק; נאָר פֿרעגן פֿלעגט מען נאָר ביי די איינוואוינער פֿון דער הויפּטשטאָט. די איינוואוינער פֿון די איבעריגע גרויסע פֿעניקישע שטעט, אוטיקאַ, היפּאָן און אַנדערע, האָבן ניט געהאַט קיין שום דעה אין די כלל־ענינים און זיינען אין אלצדינג געווען אונטערטעניג קאַרטאַגאָ. דער גאַנצער האַנדל מיט פֿרעמדע לענדער איז געגאַנגען דורך דער הויפּטשטאָט, און די קאַרטאַגער האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דעם גאַנצן פֿלאָט.

די אָרטיגע איינגעזעסענע ליביער, וואָס האָבן באַארבעט די ערד, זיינען געווען מחויב צוצושטעלן פֿאַר קאַרטאַגאָ דאָס פֿוספֿאָלק. די נאָמאַדישע נומידיער (די איצטיגע בערבערן), וואָס האָבן געוואוינט אין די סטעפּעס אויפֿן גרענעץ פֿון מדבר, פֿלעגן צושיקן הילף מיט רייטערס, און דערפֿאַר פֿלעגן די קאַרטאַגער רייך באַשענקען זייערע אָנפֿירערס. די עשירות פֿון קאַרטאַגאָ איז געווען זעהר גרויס: פֿון איטליכער פֿאַרקויפֿטער סחורה, סיי אין אויסלאַנד סיי אין לאַנד גופא, פֿלעגט מען נעמען אָפּצאָל; חוץ דעם, פֿלעגן געבן גוטע הכנסות די מוסטערמאַיאָנטקעס מיט תבואה־פֿעלדער, פֿרוכטפעלדער און פּאַלמען־וועלדלאַך. די רייכע קאַסע האָט געגעבן די קאַרטאַגער די מעגליכקייט צו דינגען זעלנער פֿון די איבערן (שבטים פֿון שפּאַניען), פֿון די איינוואוינער פֿון סיציליען, סאַרדיניען און באַלעאַרנאינזלען, און אויך גריכן. אין דער אַרמיי האָבן די קאַרטאַגער געדינגט נאָר ווי אָפֿיצערן. די סוחרים, וואָס האָבן רעגירט איבער דער שטאָט, האָבן ניט גערן אריינגעלאָזט זיך אין מלחמות; זיי זיינען גרייט געווען איבערצולאָזן ווייטע אונטערנעמונגען פֿאַר דרייסטע קאָמאַנדירן, זיי זאָלן עס פֿירן אויף דער אייגענער ריזיקע.

קאַרטאַגאָ האָט געהאַט אַסך אַ גרעסערע טעריטאָריע, איידער רוים, און איז אויך געווען רייכער פֿאַר איר, נאָר די מלוכה פֿון די פֿעניקער איז געווען שוואַכער: די הויפּטקראַפֿט, וואָס זי האָט זיך געשטיצט אויף איר, זיינען געווען געדונגענע זעלנער, על פי רוב פֿרעמדע, וואָס האָבן ניט געקאָנט זיין איבערגעגעבן דער מלוכה, ווי צו אַן אייגענער זאַך.

די ערשטע פּונישע מלחמה און אירע רעזולטאַטן. איידער די רוימער האָבן איינגענומען טאַרענט, איז געווען שלום צווישן רוים און

קאַרטאַגאָ. איטליכע פֿון די צוויי מלוכות האָט זיך געהאַלטן אין אייגענעם קרייז און האָט זיך נישט אריינגעמישט אין פֿרעמדן געביט. רוים האָט ניט געלאָזט קיין פֿרעמדער מאַכט זיך האַלטן אין איטאַליען; קאַרטאַגאָ האָט ניט צוגעלאָזט קיין קאָנקורענטן אין מערב־טייל פֿון מיטללענדישן ים, און די קאַרטאַגער פֿלעגן דערטרענקען איטליכע שיף, וואָס פֿלעגט זיך באַווייזן נעבן סאַרדיניען אָדער אויפֿן וועג צו די מעלקאַרטסלופּעס. איצט איז אָנגעשטאַנען די צייט, ווען ביידע מלוכות האָבן זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים.

קאַרטאַגאָ האָט שוין לאַנג געפֿירט אַ קאַמף מיט די גריכן פֿון סיראַקוז וועגן דער הערשאַפֿט איבער סיציליען, און די גריכן האָבן ניט געקאָנט באַשטיין קעגן דעם דראַנג פֿון די אַפֿריקאַנער. אַ גרויסער קאָרפּוס פֿון געוועזענע געדונגענע זעלנער פֿון סיראַקוזישן טיראַן, די אַזוי אָנגערופֿענע מאַמערטינער (ד. ה. קינדער פֿון קריגסגאָט מאַרס) זיינען אָפּגעטראָטן פֿאַר די קאַרטאַגער קיין מעסאַנאַ (דער איצטיגער מעסינא) ביים דורכגוס, וואָס שיידט אָפּ סיציליען פֿון איטאַליען. ווען די קאַרטאַגער האָבן אויך דאָ גענומען זיי באַפֿאַלן, האָבן די מאַמערטינער, על פּי רוב איטאַליקער לויט זייער אָפּשטאַם, זיך געווענדט נאָך הילף צו רוים. די רוימער האָבן איצט געהאַט צו באַשליסן אַ הארבע שאלה: צי זאָלן זיי זיך לאָזן איבערן ים? ביז אהער זיינען אַלע זייערע מלחמות פֿאָרגעקומען אויף דער יבשה, און די פֿלעבעיער האָבן ווייניג חשק געהאַט צו אַ מלחמה אויף יענער זייט ים. נאָר מען האָט זיי איינגענומען דורך דער האָפֿענונג אויף אַ רייכן רויב. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף, וואָס האָט זיך ניט געענדיגט, ביז איינער פֿון די צוויי כחות, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעשטויסן, איז אין גאַנצן אונטערגעגאַנגען. די דריי גרויסע מלחמות, וואָס האָבן פֿאַרנומען אַ משך פֿון 118 יאָר (264—146 פֿאַר קר.), האָבן די רוימער אָנגערופֿן די פּוּנישע מלחמות (די רוימער האָבן גערופֿן די פֿעניקער — פּוּניער).

די רוימישע לעגיאָנען איז געווען גרינג אריבערצושיקן איבערן דורכגוס קיין סיציליען; אַ גרויסער טייל שטעט איז אריבער אין זייער מאַכט. נאָר היות ווי די קאַרטאַגער האָבן פֿון ים אויס געקאָנט זיך ארויסזעצן אין איטליכן באַליביגן אָרט פֿונם אינזל, דעריבער האָט זיך די רוימער ניט איינגעגעבן זיך צו האַלטן אויפֿן אינזל. האָט שוין רוים געמוזט בויען קריגסשיפֿן. נאָר די רוימער האָבן זיך געפֿלייסט מאַכן, אַז די ים־מלחמה זאָל ווערן געפֿירט כמעט אַזוי ווי אויף דער יבשה. זיי פֿלעגן מיט זייערע שיפֿן זיך צוטשעפּען צו די שיפֿן פֿונם שונא און שלאָגן זיך אויפֿן פּאַרדעק.

סיי רוים און סיי קאַרטאַגאָ האָבן געהאַט גרויסע אָנווערן. דריי פֿלאָטן פֿון די רוימער זיינען אומגעקומען פֿון שטורעמס. פֿאַרן ארויסזעצן זיך אין אַפֿריקע, האָט דער רוימישער טראַנספּאָרטפֿלאָט זיך צונויפֿגעשטויסן מיטן קאַרטאַגישן ביים ברעגשפּיץ עקנאָם אין דרום־זייט פֿון סיציליען; פֿון ביידע זייטן זיינען געווען אַן ערך 700 שיפֿן. די שיפֿן זיינען געווען זעהר גרויסע, און די רודערערס זיינען געזעסן אין פֿינף גאָרנס, איינער איבערן אַנדערן. אויפֿן שיף זיינען די מענשן געזעסן אַזוי ענג, אַז טאָמער פֿלעגט די שיף זינקען, פֿלעגן געוויינטליך אַלע מענשן דערטרונקען ווערן.

דער קאָנסול רעגולוס האָט אונטערגענומען אַ דרייסטן פּלאַן: אריבערצופֿירן אַ חיל קיין אַפֿריקע און גיין אויף קאַרטאַגאָ. באַלד האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז די רוימישע פֿאָראָנדקעס פּאַסן ניט פֿאַר אַזאַ ווייטער אונטערנעמונג. די קריגסלייט, וואָס זיינען געוויינט געווען צו די קורצע מלחמות אין איטאַליען, האָבן ניט געוואָלט בלייבן אין אַפֿריקע; האָט מען געמוזט אַ העלפֿט חיל אָפּלאָזן אהיים. דער קאָנסול גופא האָט זיך באַקלאָגט אין אַ בריוו צום סענאַט, אז זיין קליינער מאַיאָנטעק אין איטאַליען איז געבליבן אָהן השגחה און אינגאַנצן חרוב: דער אויפֿזעהער איז געשטאָרבן, און דער אַרבעטער איז אַוועק און האָט מיטגענומען די אינסטרומענטן. פֿון די רוימער זיינען געבליבן זעהר ווינציג אין אַפֿריקע; זיי זיינען צעקלאַפּט געוואָרן דורך די גריכישע געדונגענע זעלנער פֿון קאַרטאַגאָ אונטער דער קאָמאַנדע פֿונם ספּאַרטאַנער קסאַנטיפּאָס, און רעגולוס איז גענומען געוואָרן געפֿאַנגען.

פֿיר און צוואַנציג יאָר (264—241) האָט געדויערט די מלחמה פֿאַר דער הערשאַפֿט איבער סיציליען. די זעלנער וואָס האָבן זיך געשלאָגן ביי איר סוף, זיינען ביי איר אָנהויב נאָך ניט געווען געבאָרן. ביידע צדדים האָבן אויפֿגעהערט צו בויען שיפֿן, מחמת זיי האָט שוין אויסגעפֿעלט געלט. צום סוף האָט זיך ביי די קאַרטאַגער באַוויזן אַ טאַלענטפֿולער אָנפֿירער האַמילקאַר (חמל קרת), וואָס האָט באַקומען דעם צונאָמען באַרקאַ (ברק, דאָס איז טייטש אַ בליץ). ער האָט זיך פֿאַרפֿעסטיגט אויף אַ פֿעלזיגן אינזל ביי פּאַנאָרמאָס (די איצטיגע פּאַלערמאָ) און פֿלעגט פֿון דאָרט ארויספֿאָרן אויף גרינגע קאַפּערשיפֿן און זעהן דאָקוטשען די רוימער דורך כסדרדיגע אָנפֿאַלן אויף די ברעגעס פֿון איטאַליען. נאָר האַמילקאַר האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן די זעלנער. בעת אין קאַרטאַגאָ האָט מען זיך געקליבן אים צוצופֿירן הילפס־חיל און געווער, האָט רוים געמאַכט נאָך איין לעצטע

אָנשטרענגונג: פֿון פּריוואַטמיטלען, פֿון נדבות פֿון בירגער האָט מען אויסגעבויט אַ גרויסן פֿלאָט און דער קאָנסול לוטאַציוס קאַטולוס האָט פֿאַרטיליגט די הילפֿסעסקאַדרע פֿון די קאַרטאַגער. האַמילקאַר האָט געמוזט מאַכן שלום און איבערלאָזן די רוימער סיציליען. די קאַרטאַגער סוחרים האָבן שוין מער ניט געוואָלט פֿירן מלחמה, ווייל די מלחמה האָט זיי געפּטרט דעם האַנדל.

נאָכן שלום האָט קאַרטאַגאָ געהאַט גרויסע צרות פֿון די געדונגענע זעלנער. צוריקגעקומען פֿון סיציליען, האָבן די זעלנער געמאָנט שכירות פֿאַר די פֿריהערדיגע יאָרן, און אַז מען האָט זיי דערין אָפּגעזאָגט, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין צו דער הויפּטשטאָט. זיי האָבן שטאַרק געצווּנגן די רייכע גאָלדבאַצירונגען אויף די קופּאָלן פֿונם גרויסן טעמפּל; מען האָט דערציילט נאָך, אַז אינעווייניג שטייט אַ געצנבילד פֿון לויטער גאָלד פֿון 1000 טאַלענטן וואָג. פֿאַר זייערע אָנפֿירער האָבן די זעלנער אויס־געקליבן דעם ליבישן פּויער מאַטאָסן און דעם קאַמפּאַניער ספּענדיוסן. מיט מיה האָט האַמילקאַרן זיך איינגעגעבן צו צעשפּאַלטן די מאַסן פֿון די מורדים און צו דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד. פֿאַר די דריי יאָר, וואָס קאַרטאַגאָ האָט געפֿירט מלחמה מיט די געדונגענע זעלנער, האָט זי אָנגעוואָרן סאַרדיניען: די רוימער האָבן פֿאַרנומען דעם אינזל אָהן אַ מלחמה.

אין רוים האָט די גרויסע מלחמה אויף יענער זייט ים אויך אַרויסגערופֿן אַן אומצופֿרידנקייט ביי די פּויערים. זייער אָנפֿירער, דער טריבון פֿלאַמיניוס, איז אָפֿן אָנגעפֿאַלן אויף דער אַריסטאָקראַטיע, וואָס ווערט נתעשר דורכן ים־האַנדל, וואָס איז אָפּגענומען געוואָרן ביי די קאַרטאַגער. פֿלאַמיניוס האָט געפֿאָדערט, אַז מען זאָל לויטן אַלטן מנהג פֿירן מלחמה אויף דער יבשה און אָנשאַפֿן זיך גוטע חלקים ערד אויף צו צעטיילן צווישן די פּויערים. אַז דאָס פֿאָלק האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר אַ קאָנסול, האָט ער צעקלאַפּט די גאַליער אין טאָל פֿון טייך פּאָ, פֿאַרכאַפּט זייער ערד אויף צו צעטיילן צווישן די פּויערים און האָט דער ערשטער דורכ־געצויגן אַ מיליטערוועג קיין צפֿון. פֿלאַמיניוס איז געווען אַ „נייער מענש“: אַזוי פֿלעגן די אַלטע משפּחות, וואָס האָבן געהאַט אַ חזקה צו פֿאַרנעמען די הויכע פּאָסטנס און צו זיצן אין סענאַט, אָנרופֿן יענע מענשן, וואָס האָבן זיך מיט אייגענע כּחות דורכגעשלאָגן אַ וועג. אין סענאַט האָט מען פֿלאַמיניוסן שטאַרק באַשולדיגט, נאָר דאָס פֿאָלק האָט זיך איינגעשטעלט פֿאַר זיין פֿירער און האָט אים ניט געלאָזט קיין בייז טון.

די צווייטע מלחמה מיט קאַרטאַגאָ. האַמילקאַר האָט פֿאַר זיך געפֿונען אַן אַנדער אַרבעטספּלאַץ אין שפּאַניען. אויף זיין אייגענער אחריות האָט ער איינגענומען העכער העלפֿט פֿון פּירענייאישן האַלב־אינזל און אויסגעבויט אויפֿן ברעג פֿון מיטללענדישן ים די שטאָט נ י י ־ ק אַ ר ט אַ ג אָ (די איצטיגע קאַרטאַגענאַ). שפּאַניען איז געוואָרן אַזוי ווי דאָס אייגענע פֿירשטנטום פֿון דער משפּחה באַרקאַ.

האַמילקאַרס זון האַניבאַל (חניבעל) האָט צונויפֿגעקליבן און איינ־מושטירט אַ גרויסן חיל פֿון שפּאַניער און אַפֿריקאַנישע געדונגענע זעלנער. זיין פּלאַן איז באַשטאַנען דערין צו געבן רוים אַ טויטקלאַפּ פֿון דער יבשה. אַ געפֿערליכערן געגנער האָבן די רוימער קיין מאָל ניט געהאַט, ניט פֿריהער און ניט שפּעטער. האַניבאַל האָט געהאַט אָהן אַ שיעור איינפֿאַלן, האָט געקאָנט געוועלטיגן איבער זיינע האַלבווילדע זעלנער, האָט באַלד דערקענט דעם שונא און אויסגעציכנט אויסגענוצט זיינע שוואַכקייטן. וועגן זיין דורכגעטריבנקייט פֿלעגט מען דערציילן חידושים, אַז ער פֿלעגט אליין אַן איבערגעטאָנער, מיט אַ צוגעקלעפּטער פֿאַלשער באָרד אריינדרינגען אין פֿרעמדן לאַגער. זיינע מרגלים זיינען געווען אומעטום, שיער ניט אין רוים גופא.

אין יאָר 218 האָט האַניבאַל געפֿירט זיין חיל איבער אַ ווייטן אומוועג פֿאַזע מיטללענדישן ים, דורך שפּאַניען, איבער די פּירענייען, דרום־פֿראַנקרייך, אלפּן — קיין צפֿון־איטאַליען. דאָס איבערגיין איבער די בערג איז געווען זעהר שווער, און די קאַרטאַגער האָבן דערביי געהאַט אַ סך אָנווערן; אלע קריגסהעלפֿאַנדן זיינען אומגעקומען אין די אַלפּן. ווייבאַלד אבער האַניבאַל איז אָנגעקומען אין צפֿון־איטאַליען, איז די סכנה פֿאַר רוים געוואָרן מוראדיג גרויס. אין טאָל פֿון טייך פּאָ זיינען אויף זיין צד אריבער די גאַליער, וואָס פֿלאַמיניוס האָט זיי אָקאָרשט געהאַט באַצוואונגען. די רוימישע פּויערים, וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין יענע קאַנטן, זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן. האַניבאַל האָט צעשלאָגן איינע נאָך דער אַנדערער צוויי רוימישע ארמייען. אין רוים האָט דאָס פֿאָלק אָנגעהויבן טומלען: מען האָט געטענעט, אַז די אַריסטאָקראַטן, וואָס זיצן אין סענאַט, פּטרן אוועק די גאַנצע זאַך דורך זייער אָפּציהען און זאַמען; מען מוז זיך נעמען איין מאָל פֿאַר אלע מאָל און מאַכן אַן עק. האָט דאָס פֿאָלק אויסגעקליבן פֿאַר אַ קאָנסול זיין ליבלינג פֿלאַמיניוסן. פֿעסט באזיכערט אין נצחון איז פֿלאַמיניוס ארויס אנטקעגן האַניבאַלן און האָט פֿאַרנומען אַ פֿעסטע פּאָזיציע אויף די אַפּענינענבערג. נאָר האַניבאַל האָט אים ארומגענומען פֿון הינטן. עטליכע טעג איז ער געגאַנגען איבער

שרעקליכע זומפּן; זײַנע זעלנער זײַנען געגאַנגען אין וואַסער און האָבן געקאָנט רוהען נאָר אויף די פּגרים פֿון געפֿאַלענע פֿערד. פּלוצים האָט פֿלאַמיניוס דערזעהן האַניבאלן הינטער זיך אויפֿן וועג קיין רוים. האָט דער קאָנסול אויף דער גיך זיך געלאָזט אויף צוריק. נאָר אינדערפֿריה, ווען זײַן ארמיי האָט אין אן אויסגעצויגענער ליניע אייליג מאַרשירט פּאזע דער טראַזימענער אָזערע, האָבן זיך פֿון די בערג, באַדעקט מיט נעפּל, אראָפּגעלאָזט האַניבאלס זעלנער און האָבן אויסגעהרגעט כמעט אלע רוימער; פֿלאַמיניוסן גופא האָט דערהרגעט אַ גאַליער.

איצט איז דער וועג קיין רוים געווען אָפֿן. דער סענאַט האָט געהאַלטן, אז די איינציגע הצלה איז פֿאָרזיכטיגקייט. האָט מען באַשטימט פֿאַר אַ דיקטאַטאָר א מאַן פֿון אַ מיוחסדיגער משפּחה, פֿאַביוסן. ער האָט זיך געפֿלייסט אויסצומיידן אַ שלאכט אין אָפֿענעם פֿעלד, וואו עס איז ניט געווען מעגליך צו באַזיגן האַניבאַלן, און צו שטערן מער ניט דעם שונא צו באקומען לעבנסמיטלען.

ווידער האָט דאָס פֿאָלק גענומען טומלען קעגן פּאַביוס' פּאַוואָליעקייט, און מען האָט דעם דיקטאַטאָר אראָפּגעזעצט. פֿאַר אַ קאָנסול איז אויסגעקליבן געוואָרן דער פֿאָלקספֿירער וואַראָ, אַ זון פֿון אַ קצב. די קאָנסולן האָבן געגעבן האַניבאַלן אַ שלאַכט ב ײ י ק אַ נ ע; דאָ האָבן די רוימער אויך געליטן אַ שרעקליכע מפּלה. ס'האָט אויסגעוויזן, אז רוים מוז אונטערגיין. אויף האַניבאַלס צד זײַנען אריבער די רוימישע פֿאַרבינדעטע פֿון דרום־איטאַליען און די צווייטע שטאָט פֿון איטאַליען, קאַפּואַ; סיציליען איז אָפּגעפֿאַלן.

אלע נצחונות האָט האַניבאַל אָפּגעהאַלטן אהן הילף מצד קאַרטאַגאָ גופא. דערווייל איז זײַן חיל שטאַרק פֿאַרקלענערט געוואָרן, און וועגן אָנפֿאַלן אויף רוים האָט ער ניט געקאָנט קלערן. האַניבאַל האָט נאָך געהאַט אַ האָפֿענונג אויפֿן הילפֿס־חיל, וואָס עס האָט געפֿירט צו אים פֿון שפּאַניען זײַן ברודער האַזרובאַל (עזרובעל). נאָר די רוימער האָבן ניט דערלאָזט זיי צו פֿאַראייניגן זיך. דער קאָנסול קלאַוודיוס נעראָ, וואָס איז געשטאַנען אין לאַגער קעגן האַניבאַלן אין דרום־איטאַליען, איז אומבאַמערקט אוועק בײַנאַכט קיין צפֿון, אָנגעפֿאַלן אומגעריכט אויף האַזרובאַלן, האָט אים צעקלאַפּט און, צוריקגעקומען, האָט ער געהייסן אריבערוואַרפֿן צו האַניבאַלן איבער די גראָבנס זײַן ברודערס קאָפּ.

איבערגעלאָזן אַ שוץ־חיל קעגן האַניבאַלן, האָבן די רוימער זיך געלאָזט אויסערהאלב פֿון איטאַליען. דער יונגער קאָרנעליוס סציפּיאָ האָט איינגענומען נײַקאַרטאַגאָ אין שפּאַניען מיט זײַנע אַרצגרובן און אַ גאַנצער

מאַסע שטאַרקע מענשן, וואָס האָבן געטויגט פאַר זעלנער. אין רוים האָט דאָס פאָלק געגלויבט אין סציפּיאָנען, ווי אַן אויסלייזער פון דער רעפּובליק. פאַר פּריוואַטע נדבות האָט ער אויסגעריכט אַ פלאָט און איז אריבער־געפאָרן קיין אַפריקע. דאָ האָט ער אריבערגעצויגן אויף זיין זייט די נומידיער און האָט געמאַכט פון זיי אַן אויסגעצייכנטע רייטעריי, וואָס האָט געפעלט די רוימער. סציפּיאָ איז אין אַסך פּרטים ניט געווען ענליך צו אַ פאַרצייטיגן רוימער; ער האָט געהאַט גריכישע בילדונג, איז געווען איידל און פיין אין אויפטראָגן מיט מענשן און האָט געקאָנט איינגעמען פאַר זיך. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, ווי צו באַגיין זיך מיט אומבאַקאַנטע שבטים אין פרעמדן לאַנד. איצטער, פאַרקערט, איז קאַרטאַגאָ געווען אין גרויס סכנה. די פּאַטריאָטן האָבן געקלערט אָפּצור־ראַטעווען די שטאָט, דורך דעם וואָס זיי האָבן ארויסגערופן האַניבאַלן פון איטאַליען. נאָר מען האָט אים געגעבן על פּי רוב יונגע ניט געניטע זעלנער. סציפּיאָ האָט אים צעשלאָגן אין טאָל פון טייך באַגראַדאַ ניט ווייט פון קאַרטאַגאָ (אין יאָר 202). רוים האָט געשטעלט דעם געגנער שווערע תנאים: פאַרברענען דעם גאַנצן קריגספלאָט, אָפּגעבן אַלע לענדער, חוץ אַ קליינעם געביט ארום שטאָט, צאָלן 50 יאָר אַ גוואַלדיגן צינז און זיך ניט אויפטראָגן מיט אַנדערע מלוכות אָהן דעם וויסן און הסכם פון רוים. מיט גרויס טריאומף האָט סציפּיאָ זיך אומגעקערט קין איטאַליען, און ער האָט באַקומען דעם צונאָמען „דער אַפריקאַנישער״.

די מאַכט פון דער רוימישער רעפּובליק נאָכן יאָר 200.

די קראַפט פון קאַרטאַגאָ איז אינגאַנצן געוואָרן צענישטיגט, און צו רוים זיינען איבערגעגאַנגען אַלע אירע רייכטימער און הכנסות, וואָס זי פלעגט ארויסבאַקומען פון שפּאַניען און סיציליען. די רוימישע רעפּובליק איז געוואָרן די מעכטיגסטע מלוכה אין דער דעמאָלטיגער וועלט.
האַניבאַל, וואָס האָט פון קיין רוה ניט געוואוסט, האָט אויך איצט נאָך דער מפּלה געפּרובט אויפצוהייבן קאַרטאַגאָ. אויף צו באַגיטיגן די רוימער, האָט ער זיי געשיקט אַ סך פון אַפריקאַנער תבואה, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער אָנגערייצט קעגן רוים די מלכים פיליפּ פון מאַקעדאָניען און אנטיוכוס III פון סיריען. די רוימער האָבן איצט צום ערשטן מאָל געמוזט שיקן חיל קיין מזרח. דאָס פאָלק, איינגעמידט דורך דער לאַנגער פּונישער מלחמה, איז לאַנג ניט געווען מרוצה אויף אַ נייער אונטערנעמונג; די טריבונען האָבן זיך ארויסגעזאָגט קעגן שיקן די לעגיאָנען אויפן באַלקאַנהאַלבאינזל. נאָר באַשטימט האָט די מיינונג פונם אלמעכטיגן

סציפּיאָ דעם אַפריקאַנישן, וועלכער האָט דורכגעפירט פאַר אַ קאָנסול זיין גוטן פריינד קווינקציוס פלאַמינינוס. די רוימער האָבן קונציג זיך געמאַכט פאַר גוטע פריינט די עגיפּטישע פּטאָלעמייער און דעם גרעסטן רוב פון די גריכישע שטעט. פלאַמינינוס האָט צעשלאָגן די מאַקעדאָנישע פאַלאַנגע אין טעסאַליען צווישן די בערגלאַך, וואָס ווערן אָנגערופן „הונדס־קעפּ". דערנאָך איז ער געקומען צו די אָלימפּישע שפּילן און האָט אויסגערופן, אז גריכנלאַנד איז באַפרייט פון מאַקעדאָנישן יאָך. דערווייל האָט האַניבאַל, וואָס די רוימער האָבן אים געהאַט געצוואונגען צו אנטלויפן פון קאַרטאַגאָ, געעצהט אנטיוכוסן אָנצופאַלן אויף איטאַליען. נאָר דער סירישער קעניג האָט שוין געהאַט פאַרפעלט די צייט, און די רוימער האָבן דערווייל שוין באַוויזן אריבערצוגיין דורכן העלעספּאָנט קיין קליין־אזיע. אויך אין דער דאָזיגער מלחמה האָט גענומען אַן אָנטייל סציפּיאָ דער אַפריקאַנישער, ווי אַ יועץ ביי זיין ברודער, וואָס איז געווען אַ קאָנסול.ביידע באַזיגטע מלכים האָבן באַצאָלט אַ גרויסע קאָנטריבוציע אין גאָלד און האָבן זיך מתחייב געווען ניט אריינצומישן זיך אין די ענינים פון גריכנלאַנד. האַניבאַל, וואָס האָט ניט געהאַט, וואו זיך צו באַהאַלטן פאַר די רוימער, האָט איינגענומען סם (אין יאָר 183).

דאָס נעמליכע האָט געהאַט אַ מפּלה פיליפּס זון פּערסוס, וואָס האָט געפּרובט אָפּצווייסן די גריכן פונם בונד מיט רוים; אים האָט צעשלאָגן דער קאָנסול עמיליוס פּאַוולוס, אויך אַ גוטער פריינט פון דער משפּחה סציפּיאָ. איצט איז באַשלאָסן געוואָרן מבטל צו זיין דאָס קעניגרייך מאַקעדאָניען. מען האָט דאָס לאַנד צעטיילט אויף פיר שוואַכע פּראָווינצן און פאַרמאַכט די אַרצגרובן פונם לאַנד. מיט גריכנלאַנד איז מען זיך באַגאַנגען דאָס מאָל שטרענגער: די גריכישע שטעט האָבן געמוזט ארויס־שיקן קיין איטאַליען עטליכע טויזנט פאַרמעגליכע בירגער פאַר ערבות־לייט.

רוים האָט איצט געקאָנט באַפעלן איבער די מלכים און פעלקער פון די מזרח־לענדער. בעת אנטיוכוס IV עפּיפאַנעס איז אריינגעטראָטן מיט אַ חיל אין עגיפּטן, וואָס איז געווען אַ פאַרבינדעטער פון רוים, האָט דער רוימישער סענאַט געפאָדערט, ער זאָל תיכף אוועקגיין. קיין עגיפּטן זיינען אָנגעקומען שלוחים פון רוים. דער סענאַטאָר פּאָפּיליוס האָט ביי דער באַגעגעניש מיטן קיניג אפילו ניט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג און האָט אים שווייגנדיג איבערגעגעבן דעם בריוו פון סענאַט. אנטיוכוס האָט געבעטן אַ קורצע צייט אויף זיך מישב צו זיין מיט זיינע מקורבים. דעמאָלט האָט פּאָפּיליוס געמאַכט מיט זיין שטעקן אַ קרייז אויפן זאַמד ארום יענעם אָרט, וואו דער קיניג איז געשטאַנען, און האָט געזאָגט:

„דו וועסט ניט ארויסגיין פֿונם קרייז, איידער דו וועסט געבן אַן ענטפֿער!“ די יידן, וואָס זיינען אויפֿגעשטאַנען קעגן סירישן קיניג (ז 151), האָבן אוועקגעשיקט קיין רוים אַ טייערן גאָלדענעם שילד און האָבן געבעטן שוץ. האָט דער סענאַט פֿונאַנדערגעשיקט בריוו צו אַלע רעגירער פֿון דער דעמאָלטיגער באַקאַנטער וועלט און געפֿאָדערט שוץ פֿאַר די יידן.

אויף אַלע ברעגלענדער פֿונם מיטללענדישן ים האָט רוים ארויפֿגעוואָרפֿן אַ שרעק; מען האָט דערציילט, אַז עס איז גענוג פֿאַר עמיצן זיך אָנצורופֿן רוימישער בירגער, בכדי אומעטום זאָל מען אים אַכטן און מורא האָבן פֿאַר אים; רוים וועט ניט דערלאָזן אפֿילו אַ האָר אָנצורירן ביי זיינעם אַ בירגער; אומעטום קאָנען זיך באַווייזן אירע שרעקליכע לעגיאָנען.

פֿאַר דער מלחמה מיט קאַרטאַגאָ איז איטאַליען געווען אַ דאָרפֿיש לאַנד: די אַלטע רוימישע סענאַטאָרן און קאָנסולן האָבן לויט זייער שטייגער לעבן און השגות זיך ווינציג אָפּגעשיידט פֿון די פּויערים. דער האַנדל איז געווען על פּי רוב אין די הענט פֿון אויסלענדער. אין דער רוימישער מלוכה־קאַסע איז געווען ווינציג געלט; די הייזער און זייער גאַנצער אויספּוץ זיינען געווען זעהר פּשוט און פּראָסט. נאָך די גרויסע נצחונות איז אין גאַנצן לעבנסשטייגער פֿון רוים און איטאַליען פֿאָרגעקומען אַ גרויסער שינוי.

אין רוים האָט זיך גענומען אָנקלייבן אַ גוואַלדיגער רויב פֿון כלערליי עשירות, גאָלדענע און זילבערנע מטבעות. דאָס רוימישע פֿאָלק האָט געקראָגן לענדער אויף יענער זייט ים: סיציליען, סאַרדיניען, קאָרסיקאַ, שפּאַניען. די דאָזיגע געגנטן פֿלעגן צאָלן צינז טיילמאָלס מיט סחורות, אשטייגער, דאָס פֿרוכפּעריגע סיציליען פֿלעגט שיקן תבואה. בלויז איינגע שטעט אויסערהאַלב פֿון איטאַליען, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן רוים, זיינען געבליבן ביי זייער זעלבשטענדיגקייט. על פּי רוב פֿלעגט רוים ערקלערן דאָס לאַנד, וואו עס זיינען אריינגעטראָטן די רוימישע חילות, פֿאַר אַ פּ ר אָ ו י נ ץ, פֿאַר אַ געגנט, וואָס שטייט אונטער מיליטערישער קאָמאַנדע. אויף צו פֿאַרוואַלטן איבער דער פּראָווינץ פֿלעגט מען שיקן פֿאַר אַ מיליטערקאָמאַנדיר איינעם פֿון די געוועזענע רוימישע קאָנסולן, אַ פּ ר אָ ק אָ נ ס ו ל. ער האָט געהאַט די פֿולע דעה אין לאַנד. די אָרטיגע איינוואוינער האָבן געמוזט אויסהאַלטן זיין הויף און זיין סוויטע. ער האָט געקאָנט רייסן פֿון זיי אָפּצאָלונגען, וויפֿיל ער האָט געוואָלט. אויספּועלן עפּעס קעגן אים איז געווען שווער: כל זמן ער האָט פֿאַרוואַלטעט איבער דער פּראָווינץ, פֿלעגט מען אין רוים ניט אָננעמען קיין אָנקלאָגעס קעגן אים.

די רוימישע חוכרים. די איינוואוינער פֿון די פּראָווינצן האָבן געמוזט צאָלן פּאָדאַטקעס, ניט אזוי ווי די רוימישע בירגער און איטאַלישע פֿאַרבינדעטע, וואָס זיינען געווען פּטור דערפֿון. אין די איצטיגע אייראָפּעאישע מלוכות ווערן די אָפּצאָלונגען צונויפֿגעקליבן, צונויפֿגערעכנט און קאָנטראָלירט דורך באַאַמטע, וואָס זיינען געשטעלט פֿון דער רעגירונג; צוליב דעם מוז מען האַלטן אַ סך אָנגעשטעלטע און צאָלן זיי שכירות. די רוימישע רעגירער האָבן ניט געוואָלט האָבן צו טון מיט קלייבן די אָפּצאָלונגען און ניט לייגן דערויף הוצאות. זיי האָבן געטאָן דאָס געמליכע, וואָס עס טוט אַ פּריץ, ווען ער וויל ניט פֿירן קיין אייגענע בעל־הבתישקייט: זיי פֿלעגן אָפּגעבן דעם מאַיאָנטעק אין אַרענדע.

עטליכע רייכע לייט פֿלעגן זיך צונויפֿלייגן און מאכן שותפֿות. זיי פֿלעגן ארענדירן ביי דער מלוכה די פּראָווינץ, איינצאָלן אויף פֿריהער די גאַנצע ארענדע און באַקומען דאָס רעכט אויפֿצומאָנען פֿון דער פּראָווינץ די אָפּצאָלונגען מיט ריוח. עס איז אויסגעקומען אזוי ווי זיי וואָלטן קויפֿן די גאַנצע פּראָווינץ אין הורט און דערנאָך לאחדים איינציהען דאָס געלט מיט גרויסע רוחים פֿון די שטעט און ישובים.

די דאָזיגע קאַפּיטאַליסטן, אדער חוכּרים, ווי מען האָט זיי גערופֿן אין רוים, פֿלעגן שוין פֿון זיך דינגען אַ סך שטייערקלייבערס, ציילערס, שרייבערס, איינפֿירן קאַנצעלאַריעס און לאַגערס. פֿון רוים, וואו עס זיינען געזעסן די דירעקטאָרן פֿון דעם עסק, פֿלעגן ווערן געשיקט אסך געשעפּטסבריוו אין אַלע עקן פֿון דער פּראָווינץ, און פֿאַרקערט, פֿון דער פּראָווינץ פֿלעגן אָנקומען מאַסן בריוו אין רוים. עס איז געווען געמאַכט אַ רעגלמאָסיגע פּאָסט, וואָס האָט זיך אויך געפֿונען אין די הענט פֿון קאַפּיטאַליסטן. אָנגעשטעלט זיינען געווען ביי זיי על פּי רוב שקלאַוון אָדער פֿרייגעלאָזענע. די חוכרים פֿלעגן אויך נעמען אין אַרענדע ביי דער מלוכה די אַרצגרובן, וועלדער, וויידפּלעצער, זאַלצזידרייען, דאָס צאָלאויפֿמאָנען אין די האַוונס, דעם צופֿיר פֿון תבואה צו דער הויפּטשטאָט.

פֿאַרמעגליכע מענשן אין רוים פֿלעגן זיך אויך סטאַרען צו באַקומען, דורך די קאַפּיטאַליסטן, זייער נוצן פֿון דער פּראָווינץ; אזוי ווי מען לייגט איצט אריין געלט אין אַ באַנק, אזוי פֿלעגט מען אין רוים עס אָפּגעבן אויף צו היטן אדער אריינלייגן אין געשעפֿט ביי די חוכרים; דער איינלייגער פֿלעגט באַקומען פּראָצענט פֿאַר זיין געלט. איידער מען פֿלעגט אָנהויבן אַ וואָסער עס איז אונטערנעמונג, אשטייגער, די אויסאַרבעטונג פֿון אַ גרויסער אַרצגרוב, פֿלעגן אסך מענשן אויסלייגן זייער געלט אויף

איינצופירן און לאָזן אין גאַנג דעם עסק; פאַר זייער געלט פלעגן זיי באַקומען אַ חלק אָדער עטליכע חלקים אין דער אונטערנעמונג; ווען דאָס געשעפט פלעגט גיין גוט, פלעגט איטליכער שותף באַקומען אויסגעצאָלט אַ טייל פונם ריוח לויט דער גרייס פון זיין חלק. אין רוים האָבן די בירגער אָנגעהויבן ארומקלערן און היצן זיך מכח פאַרשיידענע ריוחדיגע עסקים אין ווייטע לענדער; אויפן פאָרום, דעם גרויסן מאַרקפלאַץ, איז געוואָרן אַ בערזע: ביי טישן זיינען געזעסן חלפנים אָדער באַנקירן, וואָס האָבן געקויפט און פאַרקויפט געשעפט־חלקים, אויסגעביטן מטבעות פון פאַרשיידענע לענדער, וואָס פלעגן זיך אָנקלייבן דאָ, ארויסגעגעבן הלוואות.

געלטמענשן האָבן געהאַט אַסך קרעדיטאָרן און בעלי חובות צווישן די בירגער. אין סענאַט און אויף פאָלקספאַרזאַמלונגען האָבן די קאַפּי־טאַליסטן גרינג געקאָנט באַקומען שטימען פאַר זיך, ווען זיי האָט זיך געוואָלט פאַרכאַפּן אַ ניי לאַנד, וואָס זאָל געבן נייעם ריוח. זייערע קאָנקורענטן אין האַנדל האָבן די רוימישע חוכרים און באַנקירן אָהן רחמנות פאַרטיליגט. זיי צוליב האָט דער סענאַט אין 50 יאָר ארום נאָך דער מלחמה מיט האַניבאַלן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף מיט קאַרטאַגאָ.

דער אונטערגאַנג פון קאַרטאַגאָ און פון גריכנלאַנד. די קאַרטאַגער האָבן עטליכע מאָל זיך אויסגעקויפט פון אומגליק, דורכדעם וואָס זיי האָבן ממלא געווען אַלע פאָדערונגען פון רוים; זיי האָבן אפילו ארויסגעגעבן זייער גאַנץ געווער. נאָר אַז אין אַפריקע האָט זיך ארויס־געוויזן אַ רוימישער חיל, און די קאַרטאַגער האָבן באַקומען דעם באַפעל אליין צו צעשטערן זייער שטאָט און זיך באַזעצן צוויי מייל ווייט פון ים, ד. ה. זיך אָפּזאָגן אינגאַנצן פון ים־האַנדל, זיינען אַלע אין שטאָט אריין אין מוראדיגן כעס. געבראַכט צו יאוש, האָט קאַרטאַגאָ זיך געשווינד באַוואָפנט. די רוימער האָבן פאַר זיך געפונען הויכע דרייענדיגע מויערן מיט פירקאַנטיגע טורעמס, אזעלכע גרעמע, אַז אין זיי האָבן געקאָנט אריין שטאַלן פאַר דער גאַנצער קאַוואַלעריע, פאַר אַסך העלפאַנדן און קאַזאַרמעס פאַר אַ גרויסן חיל. די דריטע פונישע מלחמה איז בעצם די באַלעגערונג פון קאַרטאַגאָ. דריי יאָר האָט זי געדויערט, און נאָר אַדאַנק דער קונסט פונם בעסטן קריגסהויפּטמאַן סציפּיאָ עמיליאַנוס (אַ זון פון עמיליוס פּאַוולוס, וואָס איז צוגענומען געוואָרן אין דער משפחה סציפּיאָ) איז קאַרטאַגאָ איינגענומען געוואָרן. די רוימער האָבן די שטאָט חרוב געמאַכט ביזן יסוד (אין יאָר 146), און פון דער געגנט

ארום געמאַכט די פּראָווינץ אַפֿריקע; די גרויסאַרטיגע מאַיאָנטקעס פֿון די קאַרטאַגער גבירים האָבן צוגענומען די רוימישע סענאַטאָרן.

די שווערע לאַגע פֿון די רוימער ביי קאַרטאַגאָ האָבן געוואָלט אויסנוצן די מאַקעדאָניער און אויך די גריכן פֿון אכייאישן בונד (אַכייאַ געפֿינט זיך אין צפון־פּעלאָפּאָנעס ביים אויסגוס פֿון קאָרינט) און זיך אָפּשפּאַלטן פֿון רוים. נאָר די רוימער זיינען גיך פֿאַרטיג געוואָרן מיטן אויפֿשטאַנד און האָבן דאָס מאָל מבטל געווען די פֿרייהייט פֿון גריכנלאַנד. בלויז אַטען און ספּאַרטאַ, וואָס זיינען געווען שוואַך און ניט געפֿערליך פֿאַר רוים, זיינען געבליבן אומאָפּהענגיג; דאָס איבעריגע גריכנלאַנד איז געוואָרן אַ רוימישע פּראָווינץ. די הויפּטשטאָט פֿון אַכייאישן בונד, קאָרינט, האָבן די רוימער חרוב געמאַכט (אין זעלביגן יאָר, וואָס קאַרטאַגאָ), די איינוואוינער פֿאַרקויפֿט אין שקלאַווערײַ, די רייכטימער, דערין אסך ווערק פֿון גריכישער קונסט, אוועקגעפֿירט קיין איטאַליען. פֿון דיראַכיום (דאָס איצטיגע דוראַצאָ) ביים אַדריאַטישן ים ביז סאַלאָניק ביים עגייאישן ים האָבן די רוימער אויסגעבויט דורכן גאַנצן באַלקאַנהאַלבאינזל, איבער בערג און טאָלן, אַ מיליטערוועג, בכדי גיך און אָהן שטערעניש אריבערצופֿירן זייערע לעגיאָנען קיין מזרח.

אָהן אַ מלחמה איז די רוימער אָנגעקומען דאָס קיניגרייך פּערגאַמאָן, דאָס איז דער מערב־טייל פֿון קליינאַזיע מיט די רייכע גריכישע שטעט ביים עגייאישן ים, וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו דער אַטענישער מלוכה. דער קיניג פֿון פּערגאַמאָן אַטאַלאָס איז בעל־כּרחו געווען אַ פֿאַרבינדעטער פֿון רוים; היות ווי ער האָט געמוזט צאָלן אַ גרויסן צינז, דעריבער איז ער געווען אַ בעל־חוב ביז איבערן קאָפּ די רוימישע באַנקירן, און ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, ווי אָפּצוזאָגן אין זיין צוואה דאָס גאַנצע לאַנד מיט אַלע רייכטימער דעם קרעדיטאָר. נאָכן קיניגס טויט זיינען אָנגעקומען קיין פּערגאַמאָן, וואָס איז געוואָרן די פּראָווינץ אַזיע, רוימישע חוכּרים; דער סענאַט האָט איבערגעגעבן אין זייער רשות דאָס אויפֿמאָנען אלע שטייערן, און זיי האָבן מיט ריוח אָפּגענומען זייער חוב, דורכדעם וואָס זיי האָבן ארויפֿגעלייגט אַ שווערן יאָך פֿון אָפּצאָלונגען אויף דער ארבעטזאַמער און פֿאַרמעגליכער באַפֿעלקערונג.

דאָס גריכישע פֿאָלק, וואָס איז געווען פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן מזרח, האָט כּמעט אָהן ווידערשטאַנד אפּגעטראָטן די רוימער די ממשלה. גריכנלאַנד גופא איז געבליבן אהן באַפֿעלקערונג, ווייל די קריגסגלוסטיגע יוגנט איז אַוועק אין די מזרח־לענדער. אין די שטעט זיינען געבליבן

גאָר ווינציג מענשן, וואָס זיינען געווען גרייט צו פאַרטיידיגן די אומאָפּהענגיגקייט פון זייער לאַנד און די דעמאָקראַטיע. די פאָרשטייער פון פרידליכער ארבעט, סוחרים, בעלי־מלאכות, געלערנטע, לערערס, זיינען געווען מרוצה צו פאָלגן יעדן באַליבינגן האַר. אַסך פון זיי האָבן זיך גאָר אוועקגעלאָזט קיין רוים מיט דער האָפענונג צו געפינען דאָרט פאַר זיך ארבעט צווישן אַ פאָלק, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין פריש און פעהיג צו לערנען. איינער פון אזעלכע גריכן, וואָס האָבן געגלויבט אין רוים, איז געווען דער געלערנטער פאָליביאָס, איינער פון די 1000 ערבות־מענער, וואָס עמיליוס פּאַוולוס האָט אוועקגעפירט פון אַכייאַ קיין רוים. פאָליביוס האָט אין שטוב פון עמיליוס פאַוולוס גופא זיך נאָהענט באַקענט מיט זיין זון, דעם קומענדיגן באַצווינגער פון קאַרטאַגאַ. שפּעטער, בעת דער באַלעגערונג פון קאַרטאַגאָ האָט סציפיאָ אים איגאַיינעם מיט נאָך אַ גריך, דעם סטאָאיקער פּאַנעטיאָס, אויפגעגעבן אויסצופאָרשן דעם גאַנצן אַפריקאַנישן ברעג ביז גיבראַלטאַר. צוגרייטנדיג אַ גרויס ווערק וועגן די פונישע מלחמות, האָט פּאָליביאָס דורכגעמאַכט נאָך עטליכע נסיעות איבער די מערב־לענדער, וואו עס זיינען פאָרגעקומען שלאכטן צווישן די רוימער און קאַרטאַגער. אין זיין בוך שילדערט ער דעם הפלאדיג גיכן וואוקס פון דער רוימישער מאַכט; ער האַלט, אז צו די נצחונות האָט געהאָלפן די רוימער זייער מערקווירדיגער מיליטער־סדר. פּאָליביאָס איז פאַרוואונדערט איבער דעם, וואָס אין רוים איז ניטאָ קיין קאַמף צווישן דער אַריסטאָקראַטיע און צווישן פאָלק, ווי דאָס איז געווען אין די גריכישע שטעט: דער סענאַט און די באַאמטע פאַר־שטייען, סיי וויאזוי צו רעגירן איבערן פאָלק, און סיי וויאזוי עס צו באַגיטיגן.

די נאָבילעס. צום יאָר 130 האָבן זיך אונטער דער ממשלה פון רוים געפונען אַלע האַלבאינזלען פון אייראָפּע, אזיע און אַפריקע, וואָס גייען אריין אין מיטללענדישן ים. חוץ איטאַליען, וואָס זיינע שטעט האָבן געהאַט אן אומאָפּהענגיגע פאַרוואַלטונג, זיינען אלע די דאָזיגע לענדער געווען פּראָווינצן, אָדער מיט אַנדערע ווערטער, זיי זיינען געווען די אימפּעריע פון רוים, ד. ה. איבער זיי האָבן רעגירט אויפן מיליטערישן שטייגער רוימישע פאַרוואַלטערס.

יענע משפחות פון דער רוימישער אַריסטאָקראַטיע, וואָס פון זיי פלעגן ארויסגיין די קאָמאַנדירן אין וויטע מלחמות און די פאַרוואַלטערס פון די פּראָווינצן, האָבן באַקומען אַ גרויסע מאַכט און עשירות. פאַר־

איינס האָט זיך אויך אומגעביטן דער כאַראַקטער פֿון זייער דינסט. אין פֿריהערדיגע מלחמות, וואָס זיינען געפֿירט געוואָרן אין איטאַליען גופא, האָט זיך געפֿאָדערט פֿון די אָנפֿירערס בלויז עקשנות און ערליכקייט; אין מלחמה פֿלעגט מען אויסנוצן אלטפֿרענקישע און איינגעלערנטע גענג, וואָרום די געגנער האָבן זיך ווינציג וואָס אונטערשיידט פֿון די רוימער. אַנדערש איז אָבער געוואָרן איצט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן מלחמות אויפֿן ים, ווען די לעגיאָנען זיינען געשיקט געוואָרן קיין שפּאַניען, אַפֿריקע, גריכנלאַנד, אזיע, קענן פֿעלקער מיט פֿאַרשיידענע מנהגים און פֿאַרשיידענע קריגס־אופנים. דער קאָמאַנדיר האָט באַדאַרפֿט האָבן אַסך געשיקטקייט, פֿאַרשטיין ארומצוגיין מיט פֿרעמדע מענשן; ער האָט געמוזט אויף דער גיך באַקאַנט ווערן מיט נייע געגנטן, צוקלערן אָדער איבערנעמען נייע גענג אין מלחמה־פֿירונג. אַזעלכע מענשן פֿלעגן די רוימער איבערגעבן צו מאַכן אַ סדר אין דער איינגענומענער פּראָווינץ און צו פֿאַרוואַלטן איבער איר די ערשטע צייט. די פֿאַרוואַלטערס האָבן זיך געפֿילט ווי מלכים איבער די אונטערטעניגע איינוואוינער: זיי פֿלעגן ארויס־געבן באַפֿעלן, דורך זייערע הענט פֿלעגן דורכגיין גוואַלדיגע סומעס פֿון רויב און צינז. דער חיל פֿלעגט זיי אויסדריקן זיין איבערגעבנקייט; טיילמאָלס פֿלעגן די זעלנער אויסרופֿן זייער אָנפֿירער פֿאַר אַן א י מ פּ ע ר אַ ט אָ ר: דאָס איז געווען אַ כבוד־טיטל פֿונם זיגער.

ווען ער פֿלעגט קומען צוריק קיין רוים, פֿלעגט מען פֿאַר אים אָפּריכטן אַ ט ר י א ו מ ף. באַגלייט פֿון זיינע זעלנער, וואָס פֿלעגן זינגען נצחון־לידער, פֿלעגט דער אימפּעראַטאָר דורכפֿאָרן איבער דער גאַנצער שטאָט אויף אַ צוגעפּוצטן רייטוואָגן, וואָס איז געווען געמאַכט, ווי אַ קיילאַכיגער טורעם, אָנגעטאָן אין אַ העל רויטן מאַנטל מיט אַ גאָלדענעם זוים, מיט אַ לאָרבערקראַנץ אויפֿן קאָפּ און מיט בראָנזעלעטן אויף די הענט. איבער אים האָט אַ שקלאַוו געהאַלטן אַ גאָלדענע קרוין, באַזעצט מיט טייערע שטיינער, און פֿלעגט כסדר איבערחזרן: „קוק אויף צוריק“, ד. ה. ווער ביי זיך ניט גרויס. פֿון פֿאָרנט פֿלעגט מען טראָגן זיין רויב, גאָלד, זילבער, אַנטיקזאַכן, ניטגעזעהענע געוויקסן און בעלי־חיים פֿון די איינגענומענע לענדער; מען פֿלעגט פֿירן געפֿאַנגענע געשמידט אין קייטן, צווישן זיי אויך אַ מאָל די באַזיגטע מלכים; מען פֿלעגט טראָגן גרויסע בילדער, וואו עס זיינען געווען אויסגעמעלט אַלע זיינע נצחונות, די פֿעסטונגען, וואָס ער האָט איינגענומען, די בערג, טייכן, ימים, שטעט, וואָס ער האָט פֿאַרכאַפּט. דער באַזיגער פֿון מאַקעדאָניען, עמיליוס פּאַוולוס, האָט געפֿירט זיין רויב אין משך פֿון דריי טעג: דעם ערשטן

טאָג זיינען דורכגעגאַנגען אויף 250 גרויסע וואָגנס די סטאַטועס און בילדער, וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן ביי די גריכן; דעם צווייטן טאָג — האָט זיך באַוויזן אַ גאַנצער אַרסענאַל מיט געווער, עטליכע טויזנט מאַן האָט געשלעפּט אויף די אַקסלען קריג מיט זילבערנע מטבעות; דעם דריטן טאָג האָט מען געטראָגן גאָלדגעלט, די גאָלדענע כלים פֿונם באַזיגטן קיניג א. אז. וו. אויף אַלע גאַסן איז געשטאַנען דאָס פֿאָלק אין יום־טובדיגע ווייסע קליידער. די פּראָצעסיע פֿלעגט גיין צום קאַפּיטאָליום, דער אַלטער פֿעסטונג פֿון רוים, צום טעמפּל פֿון יופּיטער, וואו מען האָט געזאָגט תּפֿלות פֿאַרן גאָט און אָפּגעגעבן אים די בעסטע זאַכן.

אַ געוועזענער קריגספֿירער האָט אין רוים פֿאַרנומען אַ חשובֿן אָרט; אָפֿטמאָלס פֿלעגט מען זיך ווענדן צו אים צום צווייטן מאָל. נאָכן נצחון איבער האַניבאַלן האָט סציפּיאָ גרינג דורכגעפֿירט אויף הויכע פּאָסטנס זיינע נאָהענטע פֿריינט און קרובֿים: קווינקציוס פֿלאַמינינוסן אין דער מלחמה מיט מאַקעדאָניען און זיין ברודער אין דער מלחמה מיט אַנטיוכוסן. עמיליוס פּאַוולוס איז אויך געווען נאָהענט צו סציפּיאָ דעם עלטערן; עמיליוס' זון איז נאָכן פֿאָטערס טויט צוגענומען געוואָרן אין די משפּחה פֿון די סציפּיאָס און האָט געקראָגן זייער נאָמען (דער דאָזיגער סציפּיאָ עמיליאַנוס ווערט אויך אָנגערופֿן דער „יונגערער אַפֿריקאַנישער“). די משפּחות פֿון די מענער, וואָס האָבן זיך מיט עפּעס אויסגעצייכנט ,ווי די קלאַוודיער, קאָרנעליער, פֿאַביער, עמיליער, קווינקציער און אַנד. האָבן אין רוים פֿאַרנומען זינט יענער צייט אַ באַזונדער חשובֿן אָרט, מען האָט זיי גערופֿן די נ אָ ב י ל ע ס, ד. ה. מיוחסים, אויסגעצייכנטע.

די נאָבילעס האָבן אין רוים געהאַט אַ באַזונדער רעכט; אין שטוב פֿון אַ נאָביל פֿלעגן ווערן אָפּגעהיט וועקסענע מאַסקעס פֿון די פֿאַר־שטאָרבענע פֿאָרעלטערן, וואָס האָבן פֿאַרנומען אַ וואָסער עס איז פּאָסטן; די מאַסקעס זיינען געשטאַנען אין הויפּטזאַל פֿון הויז אין אַלמערלאַך פּאַזע די ווענט, און צווישן זיינען געווען אויף די ווענט געצויגן ליניעס, וואָס האָבן זיי פֿאַרבונדן צו איין יחוס־בוים; איבער איט־ליכן בילד איז געווען אַן אויפֿשריפֿט, וואָס האָט דערציילט וועגן די גבֿורות און אויסצייכענונגען פֿון פֿאַרשטאָרבענעם; ווען אין דער משפּחה פֿונם נאָביל זיינען געווען אימפּעראַטאָרן, דעמאָלט פֿלעגן לכּבֿוד זיי אין שטוב געשטעלט ווערן סטאַטועס. אין יום־טובֿ־טעג פֿלעגט מען די אַלמערלאַך עפֿענען און די מאַסקעס באַקרוינען מיט לאָרבערקרענץ.

ווען אַ נאָביל פֿלעגט שטאַרבן, פֿלעגט מען אויף דער לויה באַווייזן דעם פֿאָלק די גאַנצע פּראַכט און גלאַנץ פֿון דער משפחה; פֿאַר דער טרונע פֿלעגן פֿאָרן אויף רייטווענגן מענשן, אָנגעטאָן אין די מאַסקעס פֿונם פֿאַרשטאָרבענעמס פֿאָרעלטערן און אָנגעטאָן אין פֿאַרצייטיגע קאָסטיומען פֿון קאָנסולן און טריאומפֿאַטאָרס. אויפֿן פֿאָרום פֿלעגט די פּראָצעסיע בלייבן שטיין; דעם פֿאַרשטאָרבענעם פֿלעגט מען אויפֿהייבן אויף אַ טראָגנברעט; די אַקטיאָרן, וואָס האָבן פֿאָרגעשטעלט די פֿאָר־עלטערן, פֿלעגן זיך צעזעצן אין פֿאָטער־שטולן, און איינער פֿון די קרובים פֿלעגט האַלטן אַ לויב־רעדע לכבוד דעם פֿאַרשטאָרבענעם און פֿון אַלע מיטגלידער פֿון דער באַרימטער משפחה, וואָס זיינען איצט אזויווי אויפֿ־געשטאַנען פֿון טויט.

די נאָבילעס האָבן פֿאַרפֿולט דעם ס ע נ אַ ט. אין סענאַט פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן צווישן 300, שפּעטער 600 מאַן. דער קאָנסול פֿלעגט מעלדן דעם ענין, וואָס מען דאַרף באַשטימען, און פֿלעגט אויסרופֿן די סענאַטאָרן נאָכן סדר ארויסזאָגן זייער מיינונג. איינער נאָכן אַנדערן פֿלעגן זיי אויפֿשטיין, און ווער עס האָט געקאָנט, דער פֿלעגט בפּרטיות ערקלערן זיין קוק. נאָר רעדן האָבן געמעגט נאָר די, וואָס האָבן שוין פֿריהער געהאַט פֿאַרנומען אַ פּאָסטן, אדער ווי די רוימער פֿלעגן זיך אויס־דריקן, שוין געהאַט אַ ק ו ר ו ל־ש ט ו ל (די קאָנסולן, ריכטערס און אַנד. פֿלעגן זיצן פֿאַרן פֿאָלק אין שטולן, באַשלאָגן מיט העלפֿאַנדביין). די איבעריגע פֿלעגן שווייגנדיג צושטיין צו די רעדנער. בכדי צו דערגיין, ווי עס האַלט דער רוב, פֿלעגט דער קאָנסול פֿאָרלייגן זיך פֿונאַנדערצוגיין: דעמאָלט פֿלעגן די סענאַטאָרן, וואָס האַלטן איינס, זיך זעצן רעכטס, און יענע, וואָס האָבן געהאַלטן פֿאַרקערט, — לינקס.

די נאָבילעס האָבן געהאַט איינגעשטעלט צווישן זיך אַ סדר, ווער פֿון זיי זאָל רעגירן איבער די פּראָווינצן. פֿון די פּראָווינצן פֿלעגן זיי ברענגען צופֿירן גוואַלדיגע עשירות. נאָר בכדי צו ווערן אַ פֿאַרוואַלטער, האָט מען פֿריהער געמוזט דורכמאַכן דעם פּאָסטן פֿון אַ קאָנסול אָדער ריכטער (פּ ר ע ט אָ ר) אין רוים, און אויף אָטדי פּאָסטנס פֿלעגט אויס־קלייבן דאָס פֿאָלק. פֿלעגט טאַקע דער נאָביל מיט אַלע כחות זיך פֿלייסן איינצונעמען דאָס פֿאָלק פֿאַר זיך: ער פֿלעגט מאַכן גרויסע מאָלצייטן אויף די גאַסן אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון שטאָט, פֿאַרוויילן דאָס פֿאָלק דורך שפּילן אין צירק און טעאַטער, אָפֿטמאָלס פּשוט טיילן געלט צווישן הונדערטער און טויזנטער מענשן דורך באַזונדערע קאַסירן. אויף אַזאַ אופֿן פֿלעגט דער נאָביל אזויווי קויפֿן זיך אויף להבא אַ פּראָווינץ,

וואָס זאָל אים איינטראָגן די הוצאות מיט ריוח, און דערווייל מיטן אויסקוק אויף דער קומענדיגער עשירות פֿלעגט ער טײלמאָלס זיך אינגאַנצן אויסברענגען. אַ נאָביל האָט ניט געהאַלטן פֿאַר פּאַסיג זיך אַליין צו פֿאַרנעמען מיט האַנדל אָדער שיפֿערײ, אָבער ער פֿלעגט געווײנטליך געבן קאַפּיטאַל זײַנעם אַ שקלאַוו אָדער פֿרײַגעלאָזענעם; יענע פֿלעגן מאַכן עפּעס אַ געשעפֿט, עפֿענען אַ קראָם, אַ לייהקאַסע, אַ טראַנספּאָרט־געשעפֿט צו ברענגען סחורות מיטן ים; אַ גרויסן טייל פֿונם ריוח פֿלעגן זיי אָפּגעבן דעם האַר.

אַסך מענשן פֿלעגן זוכן ביים נאָביל ארבעט, שטיצע אָדער אַ נדבה. אַסך משרתים האָבן אָנגעפֿילט דעם נאָבילס גרויסע שטוב; ער האָט געהאַלטן שקלאַוון, וואָס האָבן גאָרנישט ניט באַדאַרפֿט טון, נישט מער ווי צוליב באַרימערײ און גלאַנץ: איינער פֿלעגט עפֿענען די טירן, אַ צווייטער פֿלעגט אויסרופֿן, וואָס פֿאַר אַ געריכט מען דערלאַנגט צום טיש, אַ דריטער איז געווען אַ וויצנמאַכער א. אז. וו. אַזעלכע משרתים זײַנען געווען אין אַ שטוב ביז עטליכע הונדערט מאַן. אין פֿירהויז ביים נאָביל און ביי די טירן פֿלעגן וואַרטן אויף אים זײַנע קליענטן; ווען ער פֿלעגט ארויסגיין, פֿלעגט מען אים ארומרינגלען, באַגריסן, פֿרעגן, צו האָט ער עפּעס אַ שליחות אויסצופֿירן. ער פֿלעגט אָפֿטמאָלס ניט קענען זײַן גאַנצע סוויטע: אַ באַזונדער שקלאַוו פֿלעגט אים אָנרופֿן די נעמען פֿון די געקומענע. טײלמאָלס פֿלעגט מען זיי טיילן מטבעות, שענקען געטראָגענע קליידער פֿונם בעל־הבית, געבן זיי צו עסן ביי זײַן טיש א. אז. וו.

די גרויסע מאַיאָנטקעס און שקלאַוון. אַ נאָביל האָט געהאַלטן פֿאַר אַ יחוס צו האָבן וואָס מער ערד: פֿלעגט ער אָפֿטמאָלס אויפֿקויפֿן די ערד ביי פֿאַראָרימטע פּויערים און קליינע ערדאיינגנטימער, פֿלעגט זיך אָנקלייבן אַ מאַיאָנטעק פֿון עטליכע צעהנדליג טויזנט דעסיאַטין.

אין אַזאַ מאַיאָנטעק פֿלעגט טײלמאָלס גאָר קיין ווירטשאַפֿט ניט זײַן: דער בעל־הבית פֿלעגט זיך אויסבויען אַ גרויסאַרטיגן זומערשלאָס, פֿאַרלאָזן אַ גרויסן פּלאַץ אויף אַ פּאַרק צוליב געיעג, אָדער אָנשטאָט צו באַאַרבעטן די ערד, פֿלעגט ער איבערלאָזן גרויסע שטרעקעס אויף ווײדפּלעצער. איבער אָטדי גרויסע פּוסטע פּלעצער, וואו עס זײַנען פֿריהער געווען דערפֿער, באַזונדערס, אין דרום־איטאַליען האָבן געגומען ארומבלאָנקען גרויסע טשערעדעס שאָף און רינדער, און זיי האָבן געהיט פּאַסטיכער, האַלבווילדע שקלאַוון, וואָס מען פֿלעגט זיי באַוואָפֿענען אויף צו קאָנען באַשיצן זיך קעגן אָנפֿאַלן פֿון ווילדע חיות. אָטדי

פּאַסטיכער פֿלעגן אמאָל ווערן וועג־גזלנים און אָנפֿאַלן אויף פֿאַרביי־פֿאָרערס. אַסך ערד איז אויף אַזאַ אופֿן געגאַנגען לאיבוד. נאָר ס'פֿלעגט זיך אויך געפֿינען אַ נאָביל, וואָס פֿלעגט איינפֿירן אַ גרויסע ווירטשאַפֿט אין זיין מאַיאָנטעק: פֿלאַנצן וויינשטאָקן און אָליוונבוימער, האָדעווען עופות, סאַזשלקעס מיט פֿיש, בלומענגערטענער א. אז. וו. פֿרייע מענשן פֿלעגט ער זעהן ניט צו נעמען אויף דער אַרבעט, וואָרום זיי האָט מען געמוזט צאָלן; ער האָט זיך געזוכט די וואָלוולסטע ארבעטער, דאָס זיינען שקלאַוון, וואָס זיי האָט מען באַדאַרפֿט בלויז געבן עסן און האַלטן אונטער אַ דאַך.

שקלאַוון האָט מען איצט געקאָנט קויפֿן גרויסע מאַסן. נאָך איטליכער מלחמה פֿלעגט מען אַ סך געפֿאַנגענע פֿארקויפֿן; חוץ דעם, איז אויפֿן מיטללענדישן ים געוואָרן אַ באַזונדערע פּרנסה: ים־רויבער פֿלעגן אוועק־רויבן מענשן פֿון די ישובים ביי די ברעגעס. אַלע די דאָזיגע געפֿאַנגענע, פֿארמשפּטע צו צוואַנגארבעט אדער גערויבטע מענשן פֿלעגט מען מאַסנ־ווייז ברענגען צופֿירן אויף באַזונדערע שקלאַוונמערק. אויפֿן אינזל דעלאָס, וואו עס איז געווען אַזאַ מאַרק, פֿלעגט מען אין אַ טאָג ברענגען צו־פֿירן מיטן שיף, פֿאַרקויפֿן, פֿאַרנאַכט אָנלאָדן אויף נייע שיפֿן אויף אָפּצושיקן זיי ווייטער ביז 10000 מענשן.

די רוימער, וואָס זיינען געווען אַ האַרט פֿאָלק, זיינען זיך באַגאַנגען מיט די שקלאַוון ערגער, ווי די גריכן. פֿאָרציוס קאַטאָ, אַ רוימישער בעל־הבית אַ פּראַקטיקער, פֿלעגט זאָגן, אז קויפֿן אַ שקלאַוו באַדאַרף מען נאָר אַ יונגען, בכדי ער זאָל זיין ווערלוועלער, און אַליין אים אויסלערנען אַרבעטן; ווי נאָר ער הויבט אָן אלט ווערן, דאַרף מען זעהן פֿון אים פּטור צו ווערן, פֿאַרקויפֿן אים, ביז ער ווערט ניט קיין איבעריגע משא. געווען אויך אַן אַנדער עצה: מען דאַרף צווינגען דעם שקלאַוו אַרבעטן אזוי פֿיל, אַז ער זאָל וועגן קיין זאַך ניט קאָנען קלערן, חוץ עסן און שלאָפֿן. אַ שקלאַוו איז דאָך ניט קיין מענש: ער איז דעם בעל־הבית'ס געצייג. פֿאַראַן אַ שטום געצייג, אַ שטייגער, אַן אַקעראייזן; פֿאַראַן אַ האַלבשטום געצייג — אַ בהמה; פֿאַראַן אַ רעדנדיג געצייג — דאָס איז דער שקלאַוו.

די שקלאַוון, וואָס האָבן געהערט צו אַ גרויסן מאַיאָנטעק (ווילאַ), פֿלעגט מען געוויינטליך ניט ערלויבן צו נעמען פֿרויען און האָבן קינדער. געוואוינט האָבן זיי אין אַ קאַזאַרמע. די וואָס האָבן זיך פֿאַרשולדיגט, פֿלעגט מען שמידן אין קייטן און אריינזעצן אין אַ טורמע, וואו מען האָט פֿון דער פֿאָדלאָגע ניט געקאָנט גרייכן מיט דער האַנט ביז די שמאָלע

פֿענסטערלאַך אין וואַנט. די שקלאַוון פֿלעגט מען פֿירן אויף דער אַרבעט מחנותווייז, טיילמאָלס געשמידט אין קייטן; פֿאָראויס איז געגאַנגען אן אויפֿזעהער מיט אַ בייטש אָדער מיט אַן אָנגעשפּיצטן שטעקן, בכדי אונטערצוטרייבן די פֿוילע. זיי פֿלעגן צונויפֿלייגן אינאיינעם די אויבערשטע בגדים, וואָס א באַזונדער שומר האָט זיי געהיט. די בעלי־הבתים פֿלעגן זייער אכזריות פֿאַרענטפֿערן דערמיט, וואָס שקלאַוון האָבן זיי אַ גרויסע מאַסע, און אַז די שקלאַוון זיינען פֿרעמדע מענשן מיט אַ פֿרעמדן גלויבן און אַ פֿרעמדער שפּראַך, מען לעבט אזוי ווי צווישן שונאים: איינצאַמען זיי קאָן מען סיידן נאָר דורך אומרחמנותדיגער שטרענגקייט. ס'פֿלעגט טאַקע גאַנץ אָפֿט טרעפֿן, אַז שקלאַוון פֿלעגן דערהרגען זייער בעל־הבית. דערפֿאַר האָבן די נאָבילעס ארויסגעגעבן אַ באַזונדער געזעץ אויף איינ־צושרעקן די שקלאַוון: ווען מען וועט געפֿינען אַ בעל־הבית דערהרגעט אין זיין שטוב אָדער אויפֿן וועג, דעמאָלט מוזן געפּייניגט און געטויט ווערן אַלע שקלאַוון, וואָס האָבן אין דער שטוב געוואוינט אָדער זיינען געוועזן אין וועג מיטן דערהרגעטן, זאָל זיין אפילו, ווען זיי זאָלן זיין עטליכע צעהנדליג אָדער הונדערט מאַן.

אין אַ גרויסן מאַיאָנטעק האָבן געקאָנט זיין ביז עטליכע טויזנט מאַן שקלאַוון. דער בעל־הבית פֿלעגט זיך סטאַרען אָפּצוזונדערן זיינע שקלאַוון פֿון דער ארומיגער וועלט: קיין פֿרעמדע פֿלעגט ער אין זיין הויף ניט אריינלאָזן; די שקלאַוון האָבן אליין געמוזט זיך מאַכן קליידער, כלים (דעם גרויסן וואַרשטאַט פֿאַר די שקלאַוון אין אַ מאַיאָנטעק האָט מען גערופֿן פֿ אַ ב ר י ק ע). ביים אריינגאַנג אין הויף איז געזעסן אַ טויער־וועכטער און האָט שטרענג אכטונג געגעבן אויף די וואָס קומען און גייען; און איבער די טויערן אין אַ גרויסן הויז איז געוועזן געמאַכט אַ פֿענסטער, פֿונוואַנען דער פֿאַרוואַלטער האָט אויפֿגעפּאַסט אויפֿן טויער־היטער.

אויפֿשטאַנדן פֿון די שקלאַוון. ס' פֿאַר שטייט זיך, אז דאָרט, וואו שקלאַוון פֿלעגן זיך אָנקלייבן אין גרויסע מאַסן, זיינען זיי געווען גרייט צו אַן אויפֿשטאַנד. צווישן זיי זיינען געווען מענשן מיט כח, אשטייגער, די פּאַסטיכער אין דרום־איטאַליען אָדער די ג ל אַ ד י אַ ט אָ ר ן, ד. ה. שקלאַוון, וואָס מען האָט זיי אויסגעלערנט קריגסקונסט פֿאַר די שפּילן אין די רוימישע טעאַטערס.

אין יאָר 140 איז גאַנץ סיציליען, וואו עס זיינען געווען באַזונדערס גרויסע מאַיאָנטקעס, געווען פֿאַרכאַפּט דורך אויפֿגעשטאַנענע שקלאַוון. דאָס זיינען געווען אלץ פֿרעמדע, געבראַכטע פֿון די מזרח־לענדער.

אָנגעהויבן האָט זיך די מרידה פֿון אַ פֿאַרשווערונג צווישן די הויפּשקלאַוון פֿון אַ גרויסן ערדאייגנטימער, וואָס איז געווען באַוואוסט ווי אַ פּייניגער פֿון זיינע שקלאַוון. אַ מאַסע שקלאַוון האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין דער שכנישער שטאָט, וואו עס איז געווען דער בעל־הבית, און האָבן אים דערהרגעט אין טעאַטער. אויפֿן גאַנצן אינזל האָט מען אויסגעהרגעט די בעלי בתים; צו די שקלאַוון זיינען צוגעשטאַנען די פֿאַראָרימטע פּרייע. אַ סירישער שקלאַוו עוונוס, וואָס דער בעל־הבית פֿלעגט אים ארויס־שטעלן באַווייזן ווי אַ קונצנמאַכער און וויצנזאָגער, און די חברים זיינע האָבן אים הויך געהאַלטן ווי אַ וואָרזאָגער, איז געוואָרן אויסגעקליבן פֿאַרן קיניג פֿון די שקלאַוון. דריי יאָר האָט סיציליען זיך געפֿונען אין זייער רשות, און גאַנצע רוימישע אַרמייען מיט קאָנסולן בראש האָבן גאָרנישט ניט געקאָנט אויפֿטון קעגן זיי. צולעצט האָט מען זיי גובר געווען, און די שטראָף איז געווען אַן אוממענשליכע ביז גאָר: 20000 שקלאַוון זיינען געוואָרן אויפֿגעהאַנגען אויף קרייצן.

די שטאָט רוים. נאָך די גרויסע נצחונות האָט דאָס אויסזעהן גופא פֿון רוים זיך אינגאַנצן איבערגעביטן. פֿריהער איז די שטאָט באַשטאַנען פֿון נידעריגע, אָהן אַ סדר צעוואָרפֿענע הייזער, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געצויגן גרויסע וויסטע פּלעצער. מער ניט אין מאַרקטעג, און אויך דעמאָלט, ווען עס איז געווען אַ סכנה מצד אַ שונא, פֿלעגט די שטאָט פֿול ווערן מיטן אָנגעקומענעם פֿאָלק פֿון די דערפֿער, אין אַנדערע צייטן איז אין איר געווען ווינציג אייגענע באַפֿעלקערונג און ווינציג באַוועגונג.

גאָר אַנדערש איז געוואָרן, ווען רוים איז געוואָרן די הויפּטשטאָט פֿון אַלע לענדער ארום דעם מיטללענדישן ים. עס האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט אַ סך אויסלענדער: שלוחים פֿון אַנדערע מלוכות מיט זייערע סוויטעס, סוחרים, קינסטלער, לערערס, דאָקטוירים. די חוכרים פֿלעגן זיך דאָרט מאַכן קאָנצעלאַריעס. ארום די נאָבילעס פֿלעגן זיך צונויפֿ־קלייבן אַסך קליענטן. פֿאַר די אַלע פֿאַרשיידענע אָנגעפֿאָרענע מענשן, אָנגעשטעלטע און משרתים האָט מען געמוזט צוגרייטן און אָנפֿירן עסנוואַרג, קליידונג, כלים, מעבל, לוקסוסאַרטיקלען; אַ סך בעלי־מלאכות, קרעמערס, פֿורמאַנעס און טרעגערס האָבן אין רוים געהאַט פּרנסה.

אָנשטאָט דער פֿריהערדיגער באַפֿעלקערונג פֿון עטליכע צעהנדליג טויזנטער, איז איצט די באַפֿעלקערונג פֿון רוים אויסגעוואַקסן ביז אַ מיליאָן מענשן. די פּוסטע פּלעצער זיינען געוואָרן פֿאַרבויט; מען האָט זיך גענומען בויען ווייט אריבער די אַלטע מויערן, וואָס זיינען געשטעלט

געוואָרן נאָכן אָנפֿאַל פֿון די גאַליער. מען האָט אויך איצט געמוזט בויען אין דער הייך פֿילגאָרנדיגע הייזער. אמת, פֿאַר די פּלעצער, פֿאַר די שיינע בנינים פֿון די טעמפּלען, טעאַטערס, סענאַטסזאַלן פֿלעגט מען לאָזן אַ גערוימען אָרט; אסך אָרט האָבן אויך פֿאַרנומען די פּאַלאַצן פֿון די נאָבילעס מיט גרויסע סעדער ארום זיי. נאָר דערפֿון איז אַלץ ענגער געוואָרן אין די קוואַרטאַלן, וואו די אָרימע לייט האָבן געוואוינט. דאָ זיינען אויסגעוואַקסן זעקס־זיבן־גאָרנדיגע הייזער, פֿון אויסווייניג ענליך צו קאַזאַרמעס, וואָס זיינען אונטן געווען איינגעטיילט אויף קרעמלאַך און וואַרשטאַטן, און אויבן אויף אַ סך קליינע דירות פֿאַר אָרימע לייט. אַן אָרימאַן האָט אָפּטמאָלס געמוזט זיך אויפֿהויבן אויף 200 שטאַפּלען, אדער אויך אַראָפּלאָזן זיך אויף 10—20 שטאַפּלען פֿון דער ערד אין אַ קעלערשטוב.

שמוציג, אומגעזונט און געפֿערליך איז געווען צו וואוינען אין די דאָזיגע „פֿעסטונגען“ (אין רוים פֿלעגט מען אָנרופֿן אזעלכע הייזער „אינזלען“, ווייל זיי פֿלעגן פֿאַרנעמען אַ גאַנצן קוואַרטאַל, אזוי ווי אַן אינזל צווישן דורכגענג); צווישן זיי האָבן געפֿויזעט שמאָלע, קרומע געסלאַך, וואו די זון פֿלעגט קיין מאָל ניט אריינקוקן. די אויבערשטע גאָרנס פֿון די הייזער פֿלעגן ווערן געבויט גרינג פֿון האָלץ; ווען עס פֿלעגט טרעפֿן אַ שרפֿה, פֿלעגט פֿון די פֿיל צונויפֿגעשטופּטע הייזער ווערן אַן אמתער שייטערהויפֿן. שרפֿות פֿלעגן זיין אין רוים אָפֿט: דעמאָלט פֿלעגן אויס־ברענען גאַנצע קוואַרטאַלן, און עס פֿלעגן זיין אַסך מענשליכע קרבנות.

פֿרעמדע מנהגים, גלויבן און בילדונג. די באַפֿעלקערונג פֿון רוים איז געוואָרן זעהר אַ בונטע. חוץ דעם וואָס אין דער הויפּטשטאָט פֿלעגן קומען אַ סך אָנגעפֿאָרענע, איז דער באַשטאַנד פֿון די בירגער גופא איבערגעביטן געוואָרן. די זיגער פֿלעגן ברענגען צופֿירן מאַסן געפֿאַנגענע שקלאַוון. שפּעטער פֿלעגט מען אסך פֿון זיי פֿריילאָזן. אַ פֿרייגעלאָזענער, וואָס האָט געוואוינט אין רוים, האָט געקאָנט ווערן אַ רוימישער בירגער. מחמת דעם האָט זיך אין רוים אָנגעקליבן אַ המון פֿון פֿאַרשיידענעם אָפּשטאַם: שפּאַניער, אַפֿריקאַנער, גאַליער, גריכן, סיריער וכדומה, וואָס אַלע האָבן זיך גערופֿן רוימער. אַנדערע פּנימער האָט מען איצט געזעהן אויף די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען; אַנדערע מנהגים זיינען דאָרט אַריינגעדרונגען: אָנשטאָט די ערנסטע שווייגנדיגע פּלעבעיער פּויערים האָבן איצט געטומלט די לעבעדיגע רירעווודיגע שטאָטלייט; עס האָבן זיך געלאָזט הערן קריגערייען, אויפֿגערעגטע רייד, מען פֿלעגט דעם רעדנער איבעררייסן אין מיטן. איינמאָל, ווען מען האָט דעם בארימטן

באַזיגער פֿון קאַרטאַגאָ, סציפּיאָ דעם יונגערן, גענומען איבעררייסן אין דער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג, האָט ער מיט כעס אויסגעשריען: „שווייגט, איר שקלאַוון, וואָס איך האָב אייך נעכטן געבראַכט צופֿירן אין קייטן קיין רוים!"

צוזאַמען מיט די אויסלענדער איז אין רוים אריינגעדרונגען אויך די פֿרעמדע אמונה. די פֿרעמדע האָבן געבראַכט זייערע אייגענע געטער, און נאָך זיי זיינען געגאַנגען פֿריידיגער און כהנים. מחמת די פֿריהערדיגע אויפֿטראָגן פֿון די גריכן מיט איטאַליען האָט מען צו די גריכישע געטער געדינט אומעטום אויפֿן אַפּענינישן האַלבאינזל; די רוימער פֿלעגן זיי על פּי רוב אין געדאַנק פֿאַרבינדן מיט זייערע אייגענע געטער, למשל, זעווסן מיט יופּיטערן, הערא מיט יונאָ א. אז. וו. גריכישע אַרכיטעקטאָרן פֿלעגן איצט בויען לויט גריכישע מוסטערן טעמפּלען פֿאַר די רוימישע געטער, גריכישע קינסטלער פֿלעגן שטעלן זייערע סטאַטועס.

זינט די רוימער האָבן אָנגעהויבן פֿירן מלחמות אין ווייטע לענדער, האָבן זיך באַוויזן אין איטאַליען אויך געטער פֿון יענע פֿעלקער. אין יאָר 205, ווען די סכנה פֿון קאַרטאַגישן אָנפֿאַל איז נאָך ניט געווען פֿארביי, און האַניבאַל האָט זיך נאָך געהאַלטן אין דרום, אין ברוטיום, איז דאָס רוימישע פֿאָלק געוואָרן איבערגעשראָקן דורך אַ רעגן פֿון שטיינער. האָבן די כהנים זיך געווענדט צו די ביכער פֿון דער סיבילע (דאָס איז א פֿאַרצייטיגע וואָרזאָגערין) און זיינען געוואָר געוואָרן, אז אויף צו ראַטעווען רוים מוז מען ברענגען צופֿירן די „גרויסע געטערמוטער", וואָס צו איר ווערט געדינט אויפֿן באַרג אידאַ אין קליינאזיע (די גריכן האָבן גערופֿן די דאָזיגע געטין קיבעלע). דער קיניג פֿון פּערגאַמאָן, וואָס אין זיין געביט האָט זיך געפֿונען דער שוואַרצער שטיין פֿון דער געטין, איז מרוצה געוואָרן איבערצושיקן דאָס הייליגטום קיין רוים. דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט עם מקבל פּנים געווען מיט גרויס פֿאַראַד און מיט רויכערן קטורת, און רוימישע מאַטראָנעס (פֿרויען פֿון חשובע משפּחות) האָבן עם אוועק געטראָגן אין אַ באַזונדער טעמפּל. די רוימער האָבן זיך געמאַכט דעם סימן, אַז אין זעלביגן יאָר האָט זיך אָנגעהויבן די גליקליכע מלחמה פֿון סציפּיאָ דעם אפֿריקאַנישן, וואָס האָט אויף שטענדיג באַפֿרייט רוים פֿון דער קאַרטאַגישער סכנה. דער דינסט צו דער קיבעלע איז לחלוטין ניט געווען ענליך צו די רוימישע צערעמאָניעס: מען פֿלעגט דערביי מאַכן א גרויסן טומל, קלאַפּן אין טאַצן, קלינגען מיט געווער, ארויסלאָזן ווילדע געשרייען און דרייען זיך אין משוגענע טענץ, בכדי זיך אריינצוברענגען אין אַ צושטאַנד פֿון התלהבות. דאָס נעמליכע איז פֿאַר דער רוימישער רעליגיע געווען פֿרעמד דער דינסט פֿון די עגיפּטישע

געטער, ווען די כהנים, אָנגעטאָן אין ווייסע קליידער, פֿלעגן מיט גראַנערס אין די הענט געוואַלדעווען און וויינען נאָך זייער פֿאַרשטאָרבענעם גאָט אָזיריסן.

זינט די רוימער האָבן איינגענומען די גריכישע שטעט פֿון דרום־איטאַליען, האָט זיך ביי זיי דערוועקט אַ חשק צו דער גריכישער בילדונג. צווישן די נאָבילעס ווערט אַ מאָדע צו רעדן גריכיש. אין די צייטן פֿון דער מלחמה מיט האַניבאַלן האָט איינער פֿון דער מיוחסדיגער משפחה פֿאַביער, מיטן צונאָמען פיקטאָר (מאָלער), אָנגעשריבן אין גריכיש די ערשטע געשיכטע פֿון רוים. ביידע סציפּיאָס, פֿלאַמינינוס, עמיליוס פּאַוולוס זיינען געווען גרויסע ליבהאָבערס פֿון גריכנלאַנד. די נאָבילעס פֿלעגן נעמען פֿאַר לערערס צו זייערע קינדער געבילדעטע גריכישע שקלאַוון. זיי האָבן ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען מיט הערן לייענען גריכישע שירים, פֿלעגן זיך לערנען רייד־קונסט ביי אָנגעפֿאָרענע גריכישע באַרימטע רעדנערס און פֿלעגן אַליין פֿאָרן לערנען זיך אין דער רייד־קונסט־שול, וואָס אויפֿן אינזל ראָדאָס.

אונטער דער השפּעה פֿון די גריכן איז ביי די רוימער גופא אויפֿגעקומען אַ ליטעראַטור. אמאָליגע צייטן האָבן די רוימער געקענט נאָר פּשוטע איינטאָניגע לידלאַך. וואָס אַ האַלבדערוואַקסן אינגל פֿלעגט אַמאָל זינגען אויף אַ סעודה. איצט האָט „דאָס געפֿאַנגענע גריכנלאַנד גענומען געפֿאַנגען דעם ווילדן זיגער און געבראַכט די קונסט אין פּויערשן לאַטיום אריין" (דאָס זיינען די ווערטער פֿונם פּאָעט האָראַציוס). צווישן די געפֿאַנגענע און אָנגעפֿאָרענע גריכן האָבן זיך באַוויזן איבער־זעצערס, וואָס האָבן געפּרובט שרייבן לאַטייניש: דער פֿריינגעלאָזענער ליוויוס אַנדראָניקוס האָט איבערזעצט האָמערס אָדיסייאַ, עניוס האָט אין אַ לאַנגער פּאָעמע באַזונגען די גבורות פֿון סציפּיאָ דעם עלטערן. נאָר אין רוים האָט די פּאָעזיע ניט געקאָנט ווערן אַזאַ דרייסטע און פֿרייע, ווי אין גריכנלאַנד. ווען דער פּאָעט נעוויוס האָט אין אַ קאָמעדיע אָנגערירט סציפּיאָ און אַנדערע מיוחסדיגע לייט, האָט מען זיין פּיעסע פֿאַרבאָטן צו שטעלן און דעם מחבר ארויסגעשיקט פֿון רוים.

די רוימער האָבן געקוקט אויף ליטעראַטור, ווי אויף אַ פֿאַרוויילונג. פּונקט אַזוי האָבן זיי אויך באַטראַכט קונסט און פילאָסאָפֿיע. זיי זיינען געווען גרויסע טעכניקער, אינזשענערן און קריגסלייט, גרויסע מייסטערס אין רעגירן; אָבער זיי האָט ווייניג וואָס פֿאַרנומען די פֿראַגן וועגן בוי פֿון דער וועלט אָדער וועגן דער מענשליכער נשמה, וואָס דערין האָבן די גריכן זיך אַזוי פֿאַרטיפֿט.

IX.

דער סוף פֿון דער רעפּובליק און דער אָנהויב פֿון קיסרטום אין רוים.

די פֿאַראָרימונג פֿון איטאַליען. אין דערזעלבינער צייט, ווען רוים איז רייך געוואָרן, און איר באַפֿעלקערונג האָט זיך געמערט, איז איטאַליען בדלות געוואָרן. שרעקליך האָבן פֿאַרוויסט דאָס לאַנד האַניבאַלס באַרבאַרן פֿאַר די 14 יאָר, וואָס זיי האָבן זיך דאָרט אויפֿגעהאַלטן. אַסך געגנטן זיינען אפילו שפּעטער אויך ניט געקומען צו זיך. די רוימער האָבן דעם חורבן נאָך גרעסער געמאַכט דורך דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען די לענדער ביי די פֿאַרבינדעטע, וואָס זיינען אריבער אויף האַניבאַלס צד. די דאָזיגע לענדער האָבן זיך זינט יענער צייט גערעכנט פֿאַר מלוכה־אייגנס. די רוימער פֿלעגן זיי רופֿן „ד אָ ס ק ה ל ש ע פֿ ע ל ד“. על פּי רוב האָבן זיי צענומען די נאָבילעס פֿאַר אַ קליינעם געצאָלט דער מלוכה.

אומעטום, וואו דער שונא האָט אָנגעמאכט חורבנות, אָדער וואו די ערד איז אָפּגענומען געוואָרן, זיינען די פּויערים פֿאַרשוואונדן. דער קליינער ערדאייגנטימער, וואָס האָט אנגעוואָרן זיין נחלה, איז זיך אוועק קיין רוים אָדער אין אַן אנדער שטאָט זוכן אַרבעט, איז אריינגעטראָטן אין פֿלאָט אדער גאָר אוועקגעפֿאָרן אין אַן אנדער לאַנד. ער איז געוואָרן אַ פּראָלעטאַריער, ד. ה. אַ מענש, וואָס איז ניט באַזאָרגט אויפֿן מאָרגעדיגן טאָג. אַפילו די פּויערים, וואָס זיינען געבליבן אויף זייער ערד, איז אויך געוואָרן שווער צו לעבן. זיי האָבן איצט שוין ניט געקאָנט מער אָפּזעצן זייער תבואה אין רוים און אין די גרויסע שטעט ביים ים, הגם דאָרט האָט מען איצט גראַד באַדאַרפֿט האָבן מער תבואה, ווי אַמאָל. די מעשה דערפֿון איז דאָס, וואָס די רוימער האָבן אליין פֿאַרכאַפּט אין זייערע הענט די ים־וועגן און רייכע לענדער אויף

יענער זייט ים און האָבן געבראַכט צופֿירן צו זיך אומזיסטיגע תבואה: סיציליען, אַפֿריקע און שפּעטער אויך עגיפּטן האָבן געמוזט צאָלן צינז זייער האַר מיט תבואה. קאָסטן האָט געקאָסט נאָר דאָס אריבערפֿירן די תבואה דערפֿאַר איז די פֿרעמדע תבואה, הגם זי איז געווען געבראַכט פֿון ווייטע לענדער, אויסגעקומען וועלוועלער, איידער די היימישע איטאַליענישע. האָט דער איטאַליענישער פּויער ניט געהאַט וואו אהינצוטון דאָס געראָטעניש פֿון זיינע פֿעלדער. מחמת דעם האָבן אַסך פּויערים פֿאַרקויפֿט זייערע נחלאות, און אין די דערפֿער זיינען געוואָרן ווינציגער מענשן.

די פּאָפּולאַרעס און אָפּטימאַטעס. די פֿאַראָרימונג פֿון די איטאַליענישע פּויערים איז געווען אַ סכנה פֿאַר דער גאַנצער מלוכה. אין די דערפֿער מיט ווינציג איינוואוינער איז געווען שווער צו געפֿינען גענוג זעלנער. אין דערזעלביגער צייט האָבן די זעלנער, וואָס זיינען געקומען געוואָרן צווישן די פּראָלעטאַריער, ניט געהאַט קיין גרויסן חשק צו טראָגן דעם שווערן דינסט, וויבאַלד אז אויף דער עלטער האָבן זיי ארויסגעקוקט צו בלייבן אהן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אהן אַ שטיקל ברויט.

צווישן די נאָבילעס גופא האָבן זיך באַוויזן פּ אָ פּ ו ל אַ ר ע ס, ד. ה. פֿאַרטיידיגער פֿון פֿאָלק, וואָס האָבן געהאַלטן פֿאַר נויטיג איינצושטילן די אויפֿגערעגטע זעלנער, באַטיילן די אָרימע לייט מיט ערד און אויפֿריכטן אין איטאַליען דאָס פּויערטום. זיי האָבן קלאָר איינגעזעהן, אז ביים סענאַט קאָן מען גאָרנישט פּועלן; וואָרום דאָרטן זיצן דאָך גראָד די בעלי־הבתים פֿון די גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס האָבן אויפֿגעקויפֿט אָדער צוגענומען ביי די פּויערים די ערד. די פּאָפּולאַרעס האָבן געלייגט זייערע האָפֿענונגען אויף די אַלגעמיינע פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען און האָבן געשטרעבט צו פֿאַרנעמען דעם פּאָסטן פֿון טריבונען, בכדי צו האָבן די מיגליכקייט צו ווירקן אויף דער מאַסע פֿון פֿאָלק. די גרעסטע צווישן די פּאָפּולאַרעס זיינען געווען די ברידער גראַקכן, פֿון זייער מוטערס צד אייניקלאַך פֿון סציפּיאָ דעם עלטערן (134—121 פֿאַר קר.). די גראַקכן זיינען געווען בהבינט אין דער גריכישער וויסנשאַפֿט, האָבן געלייענט די רעדעס פֿון באַרימטע גריכישע רעדנערס און דעמאַגאָגן. זיי זיינען געווען ארומגערינגלט פֿון געבילדעטע גריכן, וואָס האָבן זיי געעצהט איינצופֿירן אין רוים אַזאַ דעמאָקראַטיע, ווי אין אַטען.

דער עלטערער פֿון די גראַקכן, טיבעריוס, בעת ער איז איינמאָל זיך דורכגעפֿאָרן איבער עטרוריע, איז ער נשתומם געוואָרן איבערן שווערן

בילד פֿונם דאָרפֿישן לעבן: אין די גרויסע מאַיאָנטקעס האָבן געאַרבעט קנעכט געשמידט אין קייטן, בעת טויזנטער פֿאַראָרימטע פּויערים זיינען געבליבן אהן פרנסה. „חיות און פֿויגלען — האָט ער שפּעטער געזאָגט אין דער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג — האָבן זייערע ליוגערערטער, און די מענשן, וואָס האָבן איינגענומען די גאַנצע וועלט, האָבן ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן!" געוואָרן אין יאָר 134 אַ טריבון, האָט טיבעריוס גראַקכוס געוואָלט דורכפֿירן דעם אַ ג ר אַ ר ג ע ז ע ץ, ד. ה. פֿונאַנדערטיילן צווישן די אָרימע לייט חלקים ערד. ער האָט געהאַלטן, אז מען דאַרף אויסנוצן צוליב דעם דאָס „קהלשע פֿעלד", וואָס דאָס איז דאָס אייגנס פֿונם גאַנצן פֿאָלק. ער האָט אָבער ניט געוואָלט קריוודען אויך די נאָבילעס, וואָס האָבן שוין געהאַט צעטיילט צווישן זיך די מלוכה־ערד. דעריבער האָט ער פֿאָרגעלייגט איינצושטעלן אַ כּלל, אַז קיינער זאָל ניט טאָרן האַלטן מער פֿון 250 דעסיאַטין פֿון קהלשן פֿעלד און זאָל ניט ארויסטרייבן מער פֿון 1000 שטיק בהמות אויפֿן שותּפישן ווײדפּלאַץ. די איבעריגע ערד האָבן די נאָבילעס געדאַרפֿט אָפּגעבן, און פֿון דער ערד, וואָס מען נעמט אָפּ ביי זיי, האָט מען געדאַרפֿט צעטיילן צווישן די אָרימע פּויערים צו 2 דעסיאַטין איטליכן.

דאָס פֿאָלק האָט אָנגענומען גראַקכוס' אַגראַרגעזעץ, און דער סענאַט האָט זיך ניט דערוועגט ארויסצוזאָגן קעגן דעם. מען האָט באַשטימט אַ קאָמיסיע פֿון דריי מענשן, טיבעריוסן גופא, זיין ברודער קאַיוסן און זיין שווער אַפּיוס קלאַוודיוסן, וואָס האָבן באַדאַרפֿט אָפּנעמען ביי די נאָבילעס די איבעריגע ערד און איינטיילן זיי אין חלקים פֿאַר די פּויערים. דער גרעסטער רוב פֿון די סענאַטאָרן זיינען געווען שטאַרק אומצופֿרידן דערמיט, וואָס מען צעטיילט זייערע גרויסע מאַיאָנטקעס. די אומצופֿרידענע האָבן געבילדעט קעגן די פּאָפּולאַרעס אַ פּאַרטיי פֿון די אָ פּ ט י מ אַ ט ע ס (דאָס וואָרט באַטייט דאָסזעלביגע, וואָס אַריסטאָקראַטיע אין גריכיש). די אָפּטימאַטעס האָבן באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן בשום אופן, אַז טיבעריוס גראַקכוס זאָל ווערן אויסגעקליבן פֿאַר אַ טריבון אויפֿן קומענדיגן יאָר.

אין טאָג פֿון די וואַלן האָבן אייניגע גוטע פֿריינט גראַקכוסעס געפּרובט אים צו פֿאַרהאַלטן אינדערהיים, זיך פֿאַרופֿנדיג אויף שלעכטע צייכנס פֿון הימל און אויף בייזע פֿויגלען, וואָס האָבן זיך באַוויזן. נאָר דער גריך בלאָסיוס, אַ דרייסטער און מוטיגער מאַן, האָט זיך אויסגעלאַכט פֿונם אָבערגלויבן פֿון די רוימער: „ס'פּאַסט ניט פֿאַר אַ פֿאָלקספֿירער מורא צו האָבן פֿאַר עפּעס אַ ראָב, בעת די בירגער רופֿן

אים זיך איינצושטעלן פֿאַר דער טובֿת הכּלל". אין סענאַט האָט איינער פֿון גראַקכוסעס ערגסטע געגנער, סציפּיאָ נאַזיקאַ, געמעלדעט, אַז טיבעריוס פּלאַנט ווענן אַ בונט און וויל ווערן טיראַן פֿון רוים; זאָלן זשע אַלע אָנהעגנער פֿון דער רעפּובליק זיך פֿאַראייניקן קעגן אים. האָבן די אָפּטימאַטעס געכאַפּט שטעקנס און פּיסלאַך פֿון שטולן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אינם זאַל פֿון סענאַט און זיינען אַרויס אויפֿן פֿאָרום; דער המון האָט דורכגעלאָזן די מיוחסדיגע לייט, און זיי האָבן גרינג אויסגעהרגעט דעם אומבאַוואָפֿנטן גראַקכוסן און דאָס קליינע הייפֿל פֿון זיינע פֿריינט. בלאָסיוסן האָט מען געבראַכט צופֿירן אין סענאַט, און סציפּיאָ נאַזיקאַ האָט ביי אים געפֿרעגט, צי איז עס אמת, אַז טיבעריוס גראַקכוס זאָל האָבן געהייסן אונטערצינדן דעם קאַפּיטאָליום. האָט בלאָסיוס געענטפֿערט: „אַזאַ באַפֿעל האָט גראַקכוס ניט געגעבן, נאָר אויב ער וואָלט מיר דאָס געהייסן, וואָלט איך געהאַלטן פֿאַר אַ כּבֿוד אויסצופֿירן זיין באַפֿעל, וואָרום טיבעריוס האָט געקאָנט באַשליסן נאָר דאָס, וואָס וועט ברענגען גוטס דעם פֿאָלק".

ערשט אין צען יאָר אַרום נאָכן טויט פֿונם עלטערן גראַקכוסן האָט די זאַך ווידער געלאָזן אין גאַנג זיין אַנדערער ברודער קאַיוס. בכדי בייצוקומען דעם ווידערשטאַנד פֿון די אָפּטימאַטעס, האָט ער אַריבערגעצויגן אויף זיין צד די חוכרים. לויט קאַיוס גראַקכוסעס פֿאָרשלאָג האָט דאָס פֿאָלק באַשטימט די חוכרים פֿאַר ריכטערס איבער די פֿאַרוואַלטערס פֿון די פּראָווינצן. ביי איטליכן פֿאַרוואַלטער, וואָס פֿלעגט קומען צוריק פֿון דער פּראָווינץ, פֿלעגט מען מאָנען אַ חשבון פֿון זיין רעגירונג. דער גרעסטער רובֿ פֿון זיי פֿלעגן אָפּטון גזלות און רציחות קעגן די אונטערטאַנען, אָנקלייבן ניט אויף אַ כּשרן אופֿן עשירות. אָטדי אַלע שלעכטע מעשׂים פֿון די מיוחסדיגע לייט האָבן איצט געמוזט ווערן באַטראַכט אין געריכט דורך די חוכרים. גראַקכוס האָט, חוץ דעם, זיי איבערגעגעבן דאָס אויפֿמאָנען די שטייערן אין אַזיע און האָט זיי נאָך צוגעזאָגט אויסצובויען דעם האַנדלסהאַוון אין קאַרטאַגאָ. ער האָט זיך אויך געפֿלייסט איינצונעמען פֿאַר זיך די שטאָטישע אָרימע לייט און האָט באַשטימט, אַז מען זאָל פֿאַר וואָלוועלע פּרייזן פֿונאַנדערטיילן די אָנגעפֿירטע תּבֿואה; צוליב דעם האָט ער אויסגעבויט גרויסע שפּייכלערס ביים האַוון.

דאָס פֿאָלק איז געווען אויף גראַקכוסעס צד און האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר אַ טריבון אויפֿן צווייטן יאָר. קאַיוס גראַקכוס האָט זיך געשאַפֿט אין רוים, אין איטאַליען און אין די פּראָווינצן, ווי אַן אומבאַ־

גרעניצטער מושל: שלוחים פֿון פֿרעמדע מלוכות, מענשן מיט שתדלנותן און בקשות פֿון אַלע עקן פֿון דער רוימישער מלוכה פֿלעגן זיך ווענדן צו אים, אויסגעמיידט דעם סענאַט. ס'האָט געקאָנט אויסדוכטן, אַז איצט וועט מען קאָנען אויספֿירן טיבעריוס' פּלאַן וועגן באַטיילן די אָרימע לייט מיט ערד.

נאָר די אָפּטימאַטעס האָבן געפֿונען מיטלען אויף אַראָפּצוואַרפֿן קאַיוס גראַקכוסן. טריבונען זיינען געווען 10; איינאיינעם מיט גראַקכוסן האָט מען אויסגעקליבן ליוויוס דרוזוסן, אַן אָפּטימאַט, וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ פּאָפּולאַר. איטליכן פֿאָרשלאָג גראַקכוסעס פֿלעגט ער זיך סטאַרען אריבערצושטייגן מיט אַן אַנדערן, אַ בעסערן פֿאַרן פֿאָלק. אשטייגער, גראַקכוס האָט געוואָלט, אַז די פֿויערים, וואָס באַקומען איצט ערד, זאָלן צאָלן פֿאַר זייערע חלקים ארענדע דער מלוכה; האָט ליוויוס דרוזוס פֿאָרגעלייגט אָפּצוגעבן די ערד אומזיסט. האָבן אַסך אָנגעהויבן אָפּגעקילט צו ווערן צו קאַיוס גראַקכוסן, און אויפֿן דריטן יאָר איז ער שוין ניט אויסגעקליבן געוואָרן פֿאַר אַ טריבון. היות ווי ער האָט ניט געוואָלט האָבן זיין ברודערס סוף, דעריבער האָט ער זיך באַוואָפֿנט און האָט זיך באַפֿעסטיגט אין אַ לאַגער אויף איינעם פֿון די בערגלאַך פֿון רוים. דעמאָלט האָט דער סענאַט איבערגעגעבן דעם קאָנסול אָפּימיוסן די אומבאַגרעניצטע מאכט מיטן רעכט אָנצווענדן געווער קעגן די בירגער אין דער הויפּטשטאָט. אין אַ פֿאַרביטערטער שלאכט איז קאַיוס גראַקכוס דערהרגעט געוואָרן (אין יאָר 121). די אָפּטימאַטעס האָבן באַלד אויפֿגעקויפֿט ביי די פויערים זייערע חלקים ערד, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט געהאַט באקומען, און האָבן מבטל געווען אינגאַנצן דאָס קהלשע פֿעלד אין איטאַליען און צעטיילט עס צווישן זיך אויף גרויסע מאַיאָנטקעס. נאָר איין זאַך, וואָס קאַיוס גראַקכוס האָט איינגעפֿירט, איז זיי גראָד געפֿעלן געוואָרן, ווייל זיי האָבן דורך דעם געוואָלט אָפּרייסן דעם שטאָטישן המון פֿון די פויערים, — נעמליך זיי האָבן באַשלאָסן צו טיילן צווישן די שטאָטישע איינוואוינער תבואה אומזיסט. העכער 300 טויזנט מאַן פֿלעגן באַקומען אין רוים פֿון די מלוכה־שפּייכלערס תבואה, וואָס פֿלעגט ווערן צוגעפֿירט מיטן ים; אַלע חודש פֿלעגט מען ארויסגעבן לויט באַזונדערע בילעטן אן ערך צו 2 פוד אויף אַ מענשן.

בירגערקריג אין איטאַליען און די התחלה פֿון דער מיליטערמאָנאַרכיע. נאָכדעם ווי די אָפּטימאַטעס האָבן אוועקגעפּטרט ביידע גראַקכן און איינגעשטעלט די שפּייזונג פֿאַר די אָרימע לייט פֿון

דער הויפטשטאָט, האָט די רוה זיך איינגעהאַלטן נאָר אַ קליינע צייט. אין גיכן איז געשאַפֿן געוואָרן צווישן די זעלנער אַ געפֿערליכע שטימונג קעגן זיי.

אין חיל זיינען פֿאַר דער צייט פֿון די גרויסע נצחונות און באַ־צווינגונגן פֿאָרגעקומען גרויסע שינויים. אין די פֿריהערדיגע צייטן פֿלעגן די זעלנער דינען נאָר אַ קורצע צייט, בעת אַ מלחמה; ווען די מלחמה פֿלעגט זיין געענדיגט, פֿלעגט מען די זעלנער אָפּלאָזן אהיים, און זיי זיינען ניט געוואָרן אָפּגעריסן פֿון זייער שטוב און זייער פֿרידליכער ארבעט. איצט אָבער, בעת די מלחמות אין די וויטע לענדער האָבן כמעט ניט אויפֿגעהערט, זיינען די לעגיאָנען געוואָרן אַ שטענדיגער חיל, וואָס ווערט קיין מאָל ניט צעלאָזט. די זעלנער האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעוווינט פֿון יעדער היימישער ארבעט און זיינען געוואָרן ספּעציאַליסטן מיליטערלייט. אין זייערע השגות האָבן די זעלנער זיך אויך אָפּגעשיידט פֿון דער איבעריגער באַפֿעלקערונג: זיי האָבן זיך געהאַלטן העכער פֿאַר די בירגער און פֿאַראיבל געהאַט, ווען מען פֿלעגט זיי אָנרופֿן בירגער. זיי האָבן לחלוטין נישט געקוקט אויף אַלע החלטות פֿונם סענאַט און פֿון פֿאָלק אין רוים. פֿאַר זיי איז דער אָנפֿירער געווען דער איינציגער אויבערהאַר, וועמען זיי האָבן געפֿאָלגט. דערפֿאַר אבער האָט ער געמוזט זיך טיילן מיט זיי דעם רויב, וואָס זיי האָבן גענומען אין דער מלחמה.

בעתן גיין אין דער מלחמה און בעתן שטיין אין לאַגער האָבן די אָנפֿירערס געפֿאָדערט פֿון זיי אַ שווערע פֿראַצע: די זעלנער האָבן ניט נאָר אליין געבויט דעם לאַגער, נאָר אויך געבויט פֿעסטונגען און שיפֿן, געברוקירט וועגן, געמאַכט וואַסערלייטונגען. פֿאַר עובר זיין די פֿאַר־שיידענע פֿאַרבאָטן פֿלעגן זיי באַקומען האַרבע שטראָפֿן: שמיץ מיט ריטער, קלעפּ מיט שטעקנס, אויסברענען שאַנדזיגלען אויפֿן קערפּער. ווען אַ גאַנצע אָפּטיילונג פֿלעגט אנטלויפֿן פֿון שלאַכטפֿעלד, פֿלעגט מען איטליכן צעהנטן זעלנער אראָפּהאַקן דעם קאָפּ. נאָר אויך די זעלנער זיינען געווען געוויינט צו שטעלן דעם אָנפֿירער זייערע פֿאָדערונגען: אין לאַגער פֿלעגן זיך שטענדיג צונויפֿקלייבן פֿאַרזאַמלונגען פֿון די סאָלדאַטן און צענטוריאָנען (ד. ה. אָפֿיצערן). דער הויפּטמאַן פֿלעגט ארויסגיין צו זיי, האַלטן פֿאַר זיי רעדעס, אזוויווי אין אַ פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג, מעלדן זיינע פּלענער, געבן זיי הבטחות. די וועטעראַנען, ד. ה. די זעלנער, וואָס די צייט פֿון זייער דינען האָט געהאַלטן ביים סוף, האָבן זיך געריכט, אַז ווען זיי וועלן קומען אהיים, וועט דער קאָמאַנדיר זיי

פֿאַרזאָרגן מיט אַ פּענסיע, ווי לאַנג זיי וועלן לעבן, אָדער פֿועלן, מען זאָל זיי באַטײלן מיט ערד.

באַלד נאָכן טויט פֿון קאַיוס גראַקכוס האָט רוים איבערגעלעבט צוויי שווערע מלחמות. איינע איז פֿאָרגעקומען אין דרום־זייט אין אַפֿריקע קעגן דעם נומידישן קיניג יוגורטאַ, וואָס האָט שיער ניט אָפּגענומען ביי די רוימער די רייכע פּראָווינץ פֿון דער געוועזענער קאַרטאַגאָ. די צווייטע מלחמה איז געווען אין צפֿון־זייט קעגן די גרויסע מאַסן קימבערן און טעווטאָנען, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט פֿון יענער זייט אלפּנבערג אויף איטאַליען. אין ביידע מלחמות האָט געראַטעוועט די מלוכה מאַריוס, און דערפֿאַר האָט מען אים דעמאָלט אָנגערופֿן דער צווייטער גרינדער פֿון רוים. ער איז געווען אַ מיליטעראָנפֿירער, וואָס האָט געקאָנט גוט אויסקומען מיט די זעלנער און זיך שאַפֿן מיט זיי. ער האָט געשטאַמט ניט פֿון אַ גרויסן יחוס, האָט זיך ארויפֿגעדינט פֿון אַ פּשוטן זעלנער, האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין בילדונג, וואָס דערמיט האָבן די נאָבילעס אזוי געגרייסט זיך. אין זייערע אויגן איז ער געווען אַ „נייער מענש", ד. ה. אַן אויפֿגעקומענער. בכדי צו ווערן אַ קאָנסול און צו באַקומען די קאָמאַנדע קעגן יוגורטאַ, האָט מאַריוס באַדאַרפֿט גובר זיין אויף די וואַלן קאָנקורענטן פֿון צווישן די נאָבילעס, וואָס האָבן פֿונאַנדערגעטיילט צווישן פֿאָלק גרויסע סומעס. געהאָלפֿן מאַריוסן דערין האָבן די פּאָפּולאַרעס און די חוכרים: די פּאָפּולאַרעס האָבן געהאָפֿט מיט זיין הילף ווידער איינצופֿירן גראַקכוסעס אַגראַרגעזעץ, די חוכרים האָבן געהאָפֿט אויף נייע רווחים אין אַפֿריקע.

מאַריוס האָט אָקאָרשט געהאַט באַוויזן צו פֿאַרענדיגן די מלחמה מיט יוגורטאַ און ברענגען צופֿירן קיין רוים דעם געפֿאַנגענעם נומידישן קיניג, האָבן זיך פֿון צפֿון־זייט אָנגערוקט די קימבערן און טעווטאָנען. ווען זייער כח זיינען אין איטאַליען געגאַנגען גוזמאדיגע קלאַנגען: אז זיי קאָנען כלומרשט לויפֿן גלייך מיט אַ גאַלאָפּירנדיגן פֿערד; דער אָנפֿירער פֿון די טעווטאָנען זאָל קאָנען אריבערשפּרינגען איבער 6 פֿערד, וואָס שטייען איינס נעבן אַנדערן; דורכגעשטאָכן דעם שונא מיט זיין שפּיז, קאָן דער באַרבאַר אים אויפֿהויבן, ווי גרויס ער איז, אויפֿן שפּיז. אין שלאַכט פֿלעגן זיי ווערן ווילד, אויסרייסן בוימער מיט די וואָרצלען, אָפּברעכן מיט די הענט שטיקער פֿעלזן און וואַרפֿן אויף די שונאים, אַראָפּ־שלעפֿן אין טייך שטיקער ערד, אזוי אַז דאָס וואַסער פֿלעגט פֿאַרפֿלייצן די ברעגעס. זייערע פֿרויען, וואָס זיינען שטאַרק ווי מאַנסבילן, פֿלעגן, ווען די קריגסלייט פֿלעגן זיך לאָזן לויפֿן פֿון שלאַכט, באַגעגענען זיי מיט

געווער אין די הענט און טרייבן זיי צוריק אין דער שלאַכט. די באַר־באַרן האָבן געזוכט נייע ערטער אויף זיך צו באַזעצן אין די פליינען פֿון די טייכן פּאָ און ראָנע, וואו עס האָבן געוואוינט רוימישע קאָלאָניסטן און אונטערטעניגע גאַליער.

מלחמה פֿירן מיט זיי האָט מען באַדאַרפֿט פֿירן לאַנג און איינגעשפּאַרט, בויען באַפֿעסטיגונגען, דורכמאַכן שווערע מאַרשן איבער די בערג. און מאַריוס, וואָס מען האָט אים ווידער אויסגעקליבן פֿאַר אַ קאָנסול, האָט געקאָנט נויטן די זעלנער אָפּטון די שווערסטע ארבעטן אין די כסדרדיגע מאַרשן: ניט אומזיסט האָט מען גערופֿן זיין אַרמיי מאַריוס' משא־פֿיך. מחמת דעם האָט מען ניט געקאָנט אים אָפּרייסן פֿון דער קאָמאַנדע אין משך פֿון 5 יאָר און 5 מאָל נאָכאַנאַנד האָט מען געמוזט אים אויסקלייבן פֿאַר אַ קאָנסול, וואָס פֿריהער האָט מען דאָס לויטן רוימישן מנהג ניט געטאָרט. מער פֿון אַלעמען האָט געהאָלפֿן ביים אויסקלייבן מאַריוסן דער טריבון אַפּולעיוס סאַטורנינוס, וואָס האָט צוגעזאָגט זיינע זעלנער ערד־חלקים.

נאָכדעם ווי מאַריוס האָט זיך אומגעקערט מיט טריאומף קיין רוים און האָט געקראָגן אַ פּלאַץ אין סענאַט, האָט סאַטורנינוס גענומען זיך אויספֿירן זיין פּלאַן מיט גוואַלד. ער האָט צונויפֿגערופֿן קיין רוים אַ סך פּויערים, וואָס האָבן קיין ערד ניט געהאַט, צווישן זיי אַפּולע וועטעראַנען מאַריוסעס און האָט געפּרובט ארויסבאַקומען ביים סענאַט די הסכמה צו אַן אגראַרגעזעץ, ענליכן צום גראַקכישן. נאָר אומבאַוואָפֿנט און אָהן אַ קאָמאַנדע זיינען די זעלנער ניט געווען שרעקליך פֿאַרן סענאַט. חוץ דעם, האָבן די אָפּטימאַטעס באַוויזן צוצוכנפֿן זיך צו מאַריוסן און אריבערצוציהען אים אויף זייער צד. האָט דער סענאַט אים איבערגעגעבן צו ארעטירן סאַטורנינוסן. האָט מאַריוס באַלעגערט זיינע געוועזענע גוטע פֿריינט אויפֿן קאַפּיטאָליום און האָט זיי אויסגעהרגעט (אין יאָר 100).

ווידער זיינען די אָפּטימאַטעס פּטור געוואָרן פֿון סכנה בלויז אויף אַ קורצער צייט. די פֿאָלקסאומרוהען, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן זינט דער צייט פֿון די גראַקכן, האָבן זיך שטאַרק פֿאַרשפּרייט איבער גאַנץ איטאַליען. די פֿאַרבינדעטע פֿונם רוימישן פֿאָלק, ד. ה. דער רוב פֿון די איטאַליקער, האָבן געפֿאָדערט פֿאַר זיך גלייכע רעכט מיט די רוימער. זיי האָבן זיך פאַררופֿן דערויף, וואָס די מלחמות טראָגן זיי אוים פּונקט אזוי, ווי די רוימישע פלעבעיער, און פונדעסטוועגן באַקומען זיי ניט ניט קיין תבואה אומזיסט ניט קיין אַנדערע מתּנות. און אויב עס רעדט זיך

ווענן באַטיילן מיט ערד די רוימישע פּראָלעטאַריער, איז אַפּשיטאַ שוין, אַז דאָס קומט די איטאַליקער, וואָס אַמאָל האָט מען ביי זיי אָפּגענומען די ערד, בכדי צו מאַכן דערפון דאָס „קהלשע פעלד".

היות ווי דער סענאַט האָט אָפּגעזאָגט די איטאַליקער אין זייער פאָדערונג, האָבן זיי אין יאָר 90 זיך אָפּגעטיילט פון רוים, אויסגעקליבן אייגענע קאָנסולן און אַן אייגענעם סענאַט און געמאַכט אַ נייע הויפּט־שטאָט קעגן רוים אויף יענער זייט אַפּענינען־בערג אין דער שטאָט קאָרפיניאַ און אָנגערופן זי איטאַליאַ. אינם חיל פון די מורדים זיינען געווען מער פון אַלץ בערגאיינוואוינער פון מיטל־און דרום־איטאַליען, און דעם ערשטן אָרט האָבן פאַרנומען די אַמאָליגע קאָנקורענטן פון די רוימער, די סאַמניטן. אינם דאָזיגן בירגערקריג מיט די פאַרבינדעטע האָט רוים געמוזט אָנשטרענגען אַלע אירע כחות. צוויי יאָר האָט געפלאַקערט דער קאַמף איבערן גאַנצן האַלבאינזל. הגם רוים האָט זיך איינגעגעבן צו צעשלאָגן די חילות פון די פאַרבינדעטע, נאָר פונדעסטוועגן האָט מען יענע, וואָס האָבן אַנידערגעלייגט דאָס געווער, געגעבן רוימיש בירגעררעכט. גאַנץ איטאַליען איז איצט צוגערעכנט געוואָרן צו דער רוימישער געמיינדע.

אין דער מלחמה מיט די פאַרבינדעטע האָט מער פון אַלעמען אויפ־געטאָן פאַר רוים קאָרנעליוס סולאַ, וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער מיוחסדיגער משפחה. סולאַ האָט זיך צונויפגעשטויסן מיט מאַריוסן, ווען עס איז אויפגעקומען די פראַגע, ווער זאָל קאָמאַנדירן אין דער מלחמה, וואָס עס האָט דעמאָלט ערקלערט רוים מיטרידאַטעס (מתרדת) דער קיניג פון פאָנטאָס.

פאָנטאָס האָט פאַרנומען דעם צפון־טייל פון קליינאַזיע, וואָס ליגט ביים שוואַרצן ים; זיינע ים־שטעט, סינאָפּע און טראַפּעזונט זיינען געווען גריכישע קאָלאָניעס; די אינעווייניגסטע געביטן האָבן באַוואוינט באַרבאַרנ־שבטים. מיטרידאַטעס האָט געפירט זיין יחוס פונם גרויסן פערסישן קעניג דריוש; אים האָבן אַרומגערינגלט פערסישע שרים, און געדינט האָבן זיי דעם פערסישן גאָט מיטראַס דעם אומבאַזיגליכן. מיטרידאַטעס האָט אויסגענוצט די שווערע לאַגע פון רוים אין דער צייט פונם קריג מיט די פאַרבינדעטע און האָט פאַרכאַפּט די רוימישע פּראָווינץ אזיע. די באַפעלקערונג פון דער דאָזיגער געגנט, אויפגערייצט דורך די גזלות פון די רוימישע חוכרים, איז אויפגעשטאַנען און האָט אויסגעקוילעט עטליכע צעהנדליג טויזנט רוימישע קאָלאָניסטן. מיטרידאַטעס האָט אויס־געבויט אַ פלאָט אין עגייאישן ים און האָט זיך אוועקגעלאָזט צום אייראָפּעאישן גריכנלאַנד. אויף אַזאַ אופן האָבן די רוימער אָנגעוואָרן דעם גאַנצן מזרח־טייל פון זייער מלוכה.

די מחלוקת צווישן מאַריוס און סולאַ האָט צעטיילט די גאַנצע רוימישע בירגערשאַפֿט אויף צוויי פֿיינטליכע צדדים. פֿאַר דעם, מען זאָל באַשטימען דעם אַלטן זיבעציגיאָריגן מאַריוסן, זיינען געווען די חוכּרים און די פּאַרטיי פֿון די פּאָפּולאַרעס, פֿאַר סולאַ זיינען געשטאַנען די נאָבילעס. צווישן די נאָבילעס זיינען געווען אַ סך פֿאַראָרימטע מענשן; דעריבער האָבן די נאָבילעס זיך געשפּאַרט אַרום סולאַ, ווייל זיי האָבן געהאָפֿט צו באַקומען ביי אים גוטע שטעלעס אין דער פּראָווינץ און אויף דער מלחמה. דער סענאַט האָט באַשטימט פֿאַרן הויפּטקאָמאַנדיר אין דער מלחמה אין מזרח סולאַ; די פּאָפּולאַרעס ווידער האָבן פֿאָרגעלייגט דער פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג אָפּצונעמען די מאַכט ביים אויסדערוויילטן פֿון דער אַריסטאָקראַטיע און איבערגעבן זי מאַריוסן. סולאַ איז אָבער געווען אין אַ בעסערער לאַגע, וואָרום אונטער זיין קאָמאַנדע האָט זיך שוין געפֿונען אַ חיל, גרייט אָפּצופֿאָרן קיין מזרח, וואָס האָט געגלויבט אין זיין מזל. די זעלנער האָבן אליין פֿאַרלאַנגט, אַז סולאַ זאָל זיי פֿירן קעגן רוים.

דאָ איז געשעהן אַ מעשה לא היה. דאָס ערשטע מאָל פֿאַרן לאַנגן לעבן פֿון רוים איז דער חיל אריינגעטראָטן אין די מויערן פֿון שטאָט און האָט אויפֿגעצוואונגען זיין ווילן דעם רוימישן פֿאָלק גופא. מאַריוס און זיינע אָנהענגער זיינען אַנטלאָפֿן און זיינען אונטער די אויגן פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אזוי האָט זיך אָנגעהויבן *דער ערשטער בירגערקריג*.

אין מזרח האָט סולאַ אָפּגעהאַלטן אַ פֿולקומען נצחון, צוגענומען ביי מיטרידאַטעסן דעם באַלקאַןהאַלבאינזל און קליינאַזיע און האָט דאָרט ווידער אויפֿגעריכט די רוימישע ממשלה. גריכנלאַנד איז ווידער אַמאָל צעראַבירט געוואָרן. סולאַ האָט צוגענומען די אוצרות פֿון דעלפֿי און אָלימפּיאַ און האָט ערלויבט זיינע זעלנער אָפּצוטון כלערליי נבלות. אין דערזעלביגער צייט האָבן זיך אומגעקערט קיין רוים די פּאָפּולאַרעס, און די נאָבילעס, איבערגעשראָקן דורך דער באַוועגונג פֿון די פּראָלעטאַריער, זיינען אַנטלאָפֿן קיין מזרח צו סולאַ. אָבער ווען סולאַ האָט זיך אומגעקערט קיין איטאַליען נאָך די נצחונות, דעמאָלט איז ווידער געקומען אַ גוטע צייט פֿאַר די אָפּטימאַטעס. דער סענאַט האָט באַשטימט סולאַ *פֿאַר אַ דיקטאַטאָר אַהן אַ טערמין אויף צו ברענגען אָרדענונג אין דער רעפּובליק*. סולאַ האָט באַגרעניצט די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען, אָפּגענומען די מאַכט ביי די טריבונען און איבערגעגעבן די גאַנצע רעגירונג דעם סענאַט. די צוריקגעקומענע נאָבילעס האָט סולאַ געגעבן די ברייטסטע מעגליכקייט זיך נוקם צו זיין אָן זייערע

געגנער. עס זיינען געוואָרן צונויפֿגעשטעלט פּראָסקריפּציאָנס־רייסטערס, ד. ה. רשימות פֿון די בירגער, וואָס ווערן ארויסגעשטויסן פֿון דער געזעלשאַפֿט, און ביי זיי ווערט אָפּגענומען דער שוץ פֿון געזעץ און געריכט. איטליכער האָט געמעגט הרגען אַזאַ מענשן; זייער אייגנס איז געוואָרן ליציטירט. א סך מענשן האָט מען אריינגעטראָגן אין די רייסטערס לויט אַ מסירה פֿון זייערע פּערזענליכע שונאים; ארום סולאַ האָבן זיך געדרייט מענשן, וואָס זיינען נתעשר געוואָרן דורך אויסקויפֿן בזיל הזול דאָס אייגנס פֿון די אויסגעשטויסענע. פֿון די מאַיאָנטקעס, וואָס זיינען אָפּגענומען געוואָרן ביי מאַריוס׳ אָנהענגער, האָט סולאַ פֿונאַנדערגעטיילט גוטע חלקים צווישן זיינע זעלנער. זיינע גראָבע און שרעקליכע וועטעראַנען האָבן אין אַ סך ערטער אליין ארויסגעטריבן די אַלטע בעלי־בתים. פֿאַראיינס האָבן אויך טייל אָפּטימאַטעס פֿון סולאַס אָנהענגער צונויפֿגעקליבן זייערע קנעכט און באַדינער און זיינען אָנגעפֿאַלן אויף זייערע קליינע שכנים, אָפּגענומען זייער אייגנס און ארויסגעטריבן זיי אויף הפקר (אין יאָר 82).

דער אומבאַגרעניצטער מושל פֿון רוים האָט, זיך גרייסנדיג מיט זיין שטענדיגער הצלחה, געהייסן אַוועקשטעלן אין מיטן פלאַץ פֿאַר די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען זיין באַגולטע סטאַטוע אויף אַ פֿערד מיט דער אויפֿשריפֿט: „קאָרנעליוס סולאַ, דער גליקליכער אימפּעראַטאָר”. אַ פֿיין געבילדעטער מאַן, איז ער אליין ניט געווען להוט נאָך געלט און אויך ניט קיין נוקם ונוטר קעגן זיינע פֿיינט; אבער ער האָט אַנדערע ניט געשטערט צו ראַבעווען און אָפּטון רציחות און האָט ניט געוואָלט טון קיין גוטס. באַלד נאָכדעם ווי סולאַ האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון זיין ממשלה, איז ער געשטאָרבן, און מען האָט אים געמאַכט ממש אַ קיניגליכע לויה. פֿון זיין וווייטן מאַיאָנטעק האָט מען געפֿירט זיין טויטן גוף איבער גאַנץ איטאַליען אין אַ גאָלדענער טרונע, אַנטקעגן איז ארויס דער סענאַט אין פֿולן באַשטאַנד און אַלע כהנים אין פּאַראַדקליידער; ארום זיינען געגאַנגען די זעלנער, וואָס האָבן געדינט אונטער אים, מיט באַגולטע פֿאָנעס און זילבערנעם געווער; אַזוי פֿאַרשטיינערט איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער המון, וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר סולאַס זעלנער און אַזוי פֿאַרן טויטן סולאַ גופֿא.

דער קאַמף פֿאַר דער מאַכט צווישן סולאַס יורשים. באַלד נאָך סולאַס טויט איז איינעם פֿון זיינע אָנהענגער, ליציניוס קראַסוס, וואָס האָט זיך אָנגעשאַפֿט אַ גוואַלדיגע עשירות אויפֿן חשבון פֿון די באַ־

שטראָפּטע געגנער, אויסגעקומען אָפּצוראַטעווען דאָס אייגנס פֿון די אָפּטימאַטעס פֿון דער סכנה פֿון אַ שקלאַוונאויפֿשטאַנד.

די מלחמות פֿון מאַריוס און סולאַ האָבן אריינגעבראַכט קיין איטאַליען גאַנצע מאַסן שקלאַוון פֿון די באַרבאַרן, צווישן אַנדערע אויך טראַקיער און קימבערן. זעהר נוציגע פֿאַר שווערע ארבעטן אין די ווילעס, זיינען אָטדי שקלאַוון געוואָרן אַ מוראדיגע סכנה, ווען זיי האָבן זיך אָנגעקליבן אין אַ גרויסער צאָל. אַ טייל פֿון די שקלאַוון, די שטאַרקסטע און די שענסטע, האָבן די רוימער געלאָזט לערנען אין גלאַדיאַטאָרן־שולן, בכדי זיי צוצוגרייטן צו די קאַמפֿשפּילן אין צירק. האָט דער טראַקיער ספּאַרטאַקוס צוגערעדט זיינע חברים בעסער צו שטארבן פֿאַר דער פֿריי־הייט, איידער צוליב דער פֿאַרוויילונג פֿון המון. אין רוים האָט אַ לאַנגע צייט קיינער זיך ניט איינגעשטעלט צו פֿירן די לעגיאָנען קעגן די אויפֿ־געשטאַנענע שקלאַוון, ביז קראַסוס האָט זיך ארויסגערופֿן. מיט גרויס מיה איז ער בייגעקומען די מרידה און האָט זיין נצחון באַצייכנט דורך אויפֿהענגען אויף קרייצן עטליכע טויזנט שקלאַוון.

באַלד האָט קראַסוסן אריבערגעשטייגט אַן אַנדער אָנהענגער פֿון סולאַ, פּאָמפּעיוס (פּומפּיוס). דאָס, וואָס אין רוים האָבן זיך געפֿונען אזוי פֿיל שקלאַוון, האָט גורם געווען דערצו, אַז אין מזרח־טייל פֿון מיטללענדישן ים האָבן זיך אָנגעקליבן אַ באַזונדער מין רויבערס; אַנטלאָפֿענע שקלאַוון פֿלעגן ווערן ים פּיראַטן. זיי פֿלעגן אראָפּגיין אויף די ברעגעס פֿון גריכנלאַנד און קליינאַזיע, ראַבעווען די ישובים און אוועקשלעפּן אין געפֿאַנגענשאַפֿט פֿרידליכע איינוואוינער און פֿירן זיי פֿארקויפֿן אויפֿן שקלאַוונמארק אויפֿן אינזל דעלאָס. די רויבערס האָבן געהאַט פֿאַר־באָרגענע האַוונפלעצער און פֿעסטונגען אויף די אינזלען קרעטאַ און קיפּראָס, וואו זיי פֿלעגן באַהאַלטן זייער אָנגעראַבעוועטע רייכטימער. פֿון אָטדי אָנפֿאַלן פֿון די רויבערס האָט דער גאַנצער האַנדל אויפֿן מיטל־לענדישן ים שטאַרק געליטן: ס׳ פֿלעגן אונטערגיין די תבואה־לאָדונגען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן קיין רוים, און די פּראָלעטאַריער האָבן געליטן הונגער. פּומפּיוסן איז איבערגעגעבן געוואָרן אויסצוראָמען די רויבערס, און צוליב דעם האָט ער געקראָגן אן אומבאַגרעניצטע מאַכט איבער אַלע אינזלען און ברעגעס פֿון מיטללענדישן ים. אסך נאָבילעס, וואָס האָבן אין רוים קיין שטעלעס ניט געקאָנט באַקומען, זיינען אָנ־געקומען דינען צו פּומפּיוסן און האָבן געבילדעט זיין געטרייע סוויטע.

נאָך אַלץ האָבן די רוימישע באַצווינגער זיך געצויגן צו די רייכע מזרח־לענדער. דאָרט איז ווידער אויפֿגעשטאַנען מיטרידאַטעס פֿון פּאָנטאָס

מיטן מיין אָפּצונעמען ביי די רוימער אַזיע. די קאָמאַנדע קענן אים האָט ווידער געקראָגן פּומפּיוס, און פּונקט אַזוי ווי אין דער מלחמה מיט די ים־רויבערס, איז אים געגעבן געוואָרן אַן אומבאַגרעניצטע פֿולמאַכט צו קלייבן חיל און צו באַשטימען פֿאַרוואַלטערס. ווידער האָבן זיך צו אים אַלאָז געטאָן, אַזוי ווי צו אַ מאַגאַרך, זיינע געטרייע אָנהענגער פֿון צווישן די חוכרים און נאָבילעס. פּומפּיוס איז געגאַנגען פֿון נצחון צו נצחון. לאָ די וואָס ער האָט אָפּגענומען ביי מיטרידאַטעסן גאַנץ קליינאַזיע, נאָר ער איז דערגאַנגען ביזן קאַספּישן ים און ביזן פּרת און האָט פֿאַרכאַפּט דאָס קיניגרייך סיריען, וואו עס האָבן אַמאָל רעגירט די גלענצנדע סעלעווקוסן און אַנטיוכוסן. ווייטער איז ער אַריינגעדרונגען אין לאַנד יהודה און האָט געפּסקעט אין דער מחלוקת צווישן די ברידער חשמונאים. בשעת פּומפּיוס איז געווען אין ירושלים, איז ער מיט זיין גאַנצער סוויטע אַריין אין קדשי קדשים פֿון בית־המקדש, וואו אפילו קיין ייד האָט ניט געטאָרט אַריינגיין, בלויז דער כהן־גדול איין מאָל אין יאָר. ער האָט ניט געקוקט אויף אַלע טענות פֿון די יידן, אים האָט זיך, אפּנים, אויסגעדוכט, אַז אַ רוימישער זיגער מעג אַלץ.

קראַסוס, וואָס האָט מקנא געווען פּומפּיוסן, האָט געזוכט מיט אַלע מיטלען אַראָפּצוואַרפֿן דעם קאָנקורענט. צוליב דעם איז ער אַפילו גרייט געווען צו פֿאַרבינדן זיך מיטן אָנהענגער פֿון סולאַ סערגיוס קאַטילינאַ, אַ נאָביל פֿון אַן אַלטער משפּחה, אַ מענש מיט כשרונות, וואָס איז אָבער באַגאַנגען אַ סך עולות אין דער צייט פֿון די פּראָסקריפּציעס. קאַטילינאַ און נאָך עטליכע היצקעפּ האָבן געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג: זיי האָבן געהאַט בדעה צונויפֿצורופֿן די אומרוהיגע רויבזוכער, וואָס האָבן זיך שטאַרק געמערט אין דער צייט פֿון די בירגערקריג, באַוואָפֿענען די שקלאַוון אין אַלע עקן און קאַנטן פֿון איטאַליען, אָניאָגן אַ שרעק אויף רוים דורך שרפֿות און הריגות, אַרעסטירן און אויספּרגען אַלע אָנגעזעהענע סענאַטאָרן און באַשטימען קראַסוסן פֿאַר אַ דיקטאַטאָר. פֿאַר אַ געהילף פֿונם דיקטאַטאָר האָט קאַטילינאַ געהאַט אָנגעמערקט יוליוס קיסר (צעזאַר), וואָס האָט אויך געשטאַמט פֿון אַן אַלטער פּאַטריציער־משפּחה, וואָס האָט זיך מתחתן געווען מיט מאַריוסן. צעזאַר איז געווען גוט געבילדעט און ליבליך אין באַגיין זיך מיט מענשן, נאָר ער האָט געהאַט אַ שם פֿון אַן אויסברענגער און אַ פֿראַנט. צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פֿון די פּאָפּולאַרעס, האָט ער זיך געמיהט צו געפֿינען חן אין די אויגן פֿון המון דורך די גרויסאַרטיגע שפּילן אין צירק, וואָס ער פֿלעגט מאַכן ווי אַן עדיל (ד. ה. פֿאַרוואַלטער איבער דער שיינקייט און ריינקייט פֿון שטאָט).

שפעטער האָט קאַטילינאַ איבערגעביטן זיין פּלאַן און באַשלאָסן אליין צו ווערן אַ קאָנסול. ביי די וואַלן האָט אָבער געזיגט ציצעראָ, אַ גלענצנדער רעדנער, פּומפּיוס׳ אַ גוטער פריינט. ציצעראָן האָט זיך איינגעגעבן אויפצוהויבן קענן קאַטילינאַס פאַרשווערונג אַלע פאַרמעגליכע רוימישע בירגער. קאַטילינאַ האָט געמוזט פאַרלאָזן רוים, איידער די פאַרשווערער האָבן נאָך געהאַט באַוויזן צוצוגרייטן דעם אויפשטאַנד. ער האָט געוואָלט זיך דורכשלאָגן קיין גאַליען, נאָר ער איז אומגעקומען אין אַ האַרטער שלאכט מיטן חיל פון דער רעגירונג (אין יאָר 63).

דערווייל האָט פּומפּיוס זיך אומגעקערט פון אזיע. האַלטנדיג שטאַרק פון זיינע אייגענע אויפטוען, האָט ער זיך גערעכט, אז מען וועט אים אָפּגעבן דעם גרעסטן כבוד און זיינע וועטעראַנען וועט מען באַטיילן מיט ערד, אזוי ווי סולאַס אָנהענגער. נאָר די אָפּטימאַטעס האָבן מורא געהאַט, עס זאָל זיך ניט איבערחזרן די מעשה מיט סולאַס מאָנאַרכיע; דעריבער האָט דער סענאַט אָפּגעזאָגט פּומפּיוסן זיין פאַרלאַנג. אין יענעם מאָמענט האָט פּומפּיוסן פאָרגעלייגט זיין דינסט צעזאַר: ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף מאכן אַ געהיימען פאַרבאַנד פון די איינפלוסרייכסטע לייט און צווישן זיי צעטיילן די מאכט. צעזאַר האָט שלום געמאכט צווישן פּומפּיוסן און קראַסוסן, אויסגעגעבן פאַר פּומפּיוסן זיין טאָכטער און מיט דער הילף פון זיינע צוויי נייע פריינט האָט ער געקראָגן דאָס קאָנסולאַט אויפן יאָר 59. ווי אַ קאָנסול האָט צעזאַר, ניט געקוקט אויפן ווילן פון סענאַט, גרינג געפועלט ביים פאָלק צו באַטיילן פּומפּיוס׳ וועטעראַנען מיט ערד, און פאַר זיך אליין האָט ער אויסגעהויבן די פאַרוואַלטערשאַפט איבער ביידע גאַליענס.

די רוימער האָבן גערופן גאַליענס די לענדער, וואָס עס האָבן באַוואוינט די שבטים פון די ק ע ל ט ן: פאָדעראַלפּיש גאַליען דעם פּליין פון טייך פּאָ, הינטעראַלפּיש גאַליען דאָס איצטיגע פראַנקרייך. אינם לעצטן האָט נאָר דער דרום־ברעג פון ביידע זייטן פון דער גריכישער שטאָט מאַסיליאַ געהערט צו די רוימער; דאָס איבעריגע לאַנד איז געווען צעטיילט אויף אַ סך איינציגע מדינות און שבטים. צעזאַר האָט געפּלאַנט איינצונעמען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס האָט געהאַט אַ שם מיט זיין גאָלדרייכטום. זיינע חברים, פּומפּיוס און קראַסוס, האָבן זיך איטליכער גענומען צו אַ פּראָווינץ: דער ערשטער שפּאַניען, דער צווייטער סיריען מיט דער כוונה צוצוקומען פון דאָרט ביז בבל אויף יענער זייט פּרת. אַלע דריי זיינען זיך צונויפגעפאָרן אין דער שטאָט לוקאַ אויפן גרעניץ פון איטאַליען מיט דער פאָדעראַלפּישן גאַליען אויף צו באַשטעטיגן

זייער בונד. איטליכן פֿון זיי האָט ארומגערינגלט אַ גרויסע סוויטע פֿון איבערגעגעבענע נאָבילעס. דער סענאַט און די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג זיינען פֿאַרבליבן בלויז ווי אַ שאָטן פֿון דער פֿריהערדיגער רעפּובליק; אלץ פֿלעגט ווערן אָפּגעטאָן לויטן ווילן פֿונם אַלמעכטיגן ט ר י ו מ ו ו י ר אַ ט, ד. ה. דעם בונד פֿון די דריי פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך אויפֿגעפֿירט ווי מלכים, געשיקט אײנער דעם אַנדערן שלוחים, געהאָלפֿן מיט לעגיאָנען.

צעזאַר האָט פֿאַרבראַכט 8 יאָר אין גאַליען (58—50) כמעט אין כסדרדיגע מלחמות און האָט אונטערטעניג געמאַכט דאָס גאַנצע לאַנד ביזן ריין, צפֿון־ים און דעם קאַנאַל, וואָס שיידט אָפּ דעם קאָנטינענט פֿון בריטאַניען. ער האָט זיך אויך געמוזט אריבערשיפֿן קיין בריטאַניען, בכדי צו צעשלאָגן די קעלטן, וואָס האָבן געהאָלפֿן זייערע פֿאָלקס און גלויבנסברידער אין גאַליען, און אויך אריבערגיין דעם ריין, בכדי צו צעשלאָגן די גערמאַנען, וואָס האָבן אויך געהאַט חשק צו גאַליען.

זעהר מוטיגע און הייסבליטיגע אין קאַמף, וואָלטן די גאַליער גע־קאָנט דערשטיקן די רוימער דורך זייער מערהייט. אבער צווישן זייערע שבטים איז קיין אחדות ניט געווען, און צעזאַר האָט אומעטום זיך פֿאַר־שאַפֿט גוטע פֿריינט און אָנהענגער, וואָס האָבן געהאַט חשק צו דינען ביי די רוימער. די גאַליער זיינען געווען פֿאַרבונדן בלויז דורך אַ גייסטיגן בונד, וואָס איז געוואָרן אונטערגעהאַלטן דורך געלערנטע כהנים, ד י ד ר ו א י ד ן, וואָס האָבן געבילדעט איין פֿאַרבאַנד אין גאַנצן לאַנד. די דרואידן פֿלעגן זיך צונויפֿגיין איין מאָל אין יאָר אין אַ געהייליגטן אָרט אין צענטער פֿון גאַליען אויף אַן אלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג. דאָ פֿלעגן זיי אויף זייער געריכט משפטן פּראָצעסן; די וואָס האָבן עובר געווען אויף אַ מנהג און ניט געפֿאָלגט זייערע פּסקים, האָבן זיי ארייננעלייגט אין חרם און ניט צוגעלאָזט זיי צו די תפלות און קרבנות. זעהר שטאַרק אין אמונה־זאַכן, האָט אָבער דער בונד פֿון די דרואידן ניט געקאָנט העלפֿן דער פֿאַראייניגונג פֿון פֿאָלק; צו שפּעט האָט זיך ביי די גאַליער אויפֿגעוועקט דער ווילן צו זיין אַן אומאָפּהענגיגע נאַציע, בעת דער באַ־צווינגער האָט שוין געהאַט צעברעקלט זייערע כחות.

אין יאָר 52 פֿאַר קר. האָט זיך געשטעלט בראש פֿון דעם אויפֿ־שטאַנד קעגן די רוימער ווערצינגעטאָריקס פֿונם שבט אַרווערנער (דאָס באַרגלאַנד אָווערן אין צענטראַלפֿראַנקרייך). די גאַליער האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיגט ניט ווייט פֿון דער איצטיגער שטאָט קלערמאָן; דער אָנפֿאַל אויף ווערצינגעטאָריקס' לאַגער האָט צעזאַרן ניט אָפּגעגאָלטן. האָט מען געמוזט צונויפֿנעמען אַלע רוימישע כחות, בכדי צו באַלעגערן דעם געגנער

אין אַ ל ע ז י אַ. פֿון פֿאַרשיידענע זייטן זיינען צוגעקומען גאַליער צו הילף, נאָר די רוימער האָבן זיי צעשלאָגן מיט דער הילף פֿון דער גערמאַנישער רייטעריי, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרן פֿון יענער זייט ריין. די באַלעגערטע האָבן אָנגעהויבן ליידן הונגער, און ווערצינגעטאָריקס גופא איז געקומען צו רייטן אַ באַוואָפֿנטער צו צעזאַרן און האָט זיך אים אונטערגעגעבן. צעזאַר האָט מיטגענומען ווערצינגעטאָריקסן מיט זיך אויף צו באַשיינען זיין טריאומף, און שפּעטער איז דער געפֿאַנגענער אומגעקומען אין תּפֿיסה. נאָך אָטדעם העלדישן קאַמף איז גאַליען געוואָרן צעזאַרס שטענדיק קענינגרייך.

דערווייל איז דער טריומוויראַט צעפֿאַלן. קראַסוס איז דערהרגעט געוואָרן אין אַן אומגליקליכער מלחמה מיט די פּאַרטער אויף יענער זייט פּרת, און פּומפּיוס, וואָס איז געבליבן אין רוים, האָט שוין ניט געוואָלט מער טיילן זיין מאַכט מיט צעזאַרן. אין סענאַט איז געוואָרן אַ פּאַרטיי צוליב ראַטעווען די רעפּובליק בראש מיט קאַטאָ, אַ מאַן פֿון שטרענגער ערליכקייט און יושר. די דאָזיגע פּאַרטיי האָט געפֿאָדערט, אַז ביידע מושלים זאָלן זיך אָפּזאָגן פֿון זייערע פֿולמאַכטן. ווען דער סענאַט האָט געשיקט צו צעזאַרן די פֿאָדערונג, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון זיין פּראָווינץ, האָט ער, פּונקט ווי סולאַ, ערקלערט רוים אַ מלחמה און געפֿירט קעגן איטאַליען זיינע לעגיאָנען, וואָס זיינען געווען אויסגעפּרובט אין די גאַלישע שלאַכטן. איצטער זיינען די רעפּובליקאַנער, צווישן זיי אויך קאַטאָ, צוגעשטאַנען צו פּומפּיוסן און האָבן אים איבערגעגעבן די הויפּטקאָמאַנדע קעגן צעזאַרן. נאָר זיי האָבן געמוזט פֿאַרלאָזן רוים, וואו די פּראָלעטאַריער זיינען געשטאַנען פֿאַר צעזאַרן, און אַנטלויפֿן קיין מזרח. עס האָט זיך אָנגעהויבן ד ע ר צ ו ו י י ט ע ר ב י ר ג ע ר ק ר י ג.

צעזאַר האָט ניט באַהאַלטן זיין פּלאַן מבטל צו זיין די רעפּובליקאַנישע אָרדענונג. ער האָט פֿאַרנומען אין רוים די מלוכה-קאַסע; ווען דער טריבון מעטעלוס האָט געוואָלט פֿאַרשטעלן אים דעם וועג אויפֿן קאַפּיטאָליום, וואו עס איז געלעגן דאָס גאָלד, האָט צעזאַר אים געסטראַשעט מיט טויט, הגם אַ טריבון האָט, לויטן אַלטן געזעץ, זיך גערעכנט פֿאַר אומבאַרירליך.

צעזאַרס אליינהערשאַפֿט. פֿיר יאָר (45—49) האָט זיך געצויגן די מלחמה צווישן צעזאַרן און זיינע נעגנער. צוערשט זיינען די רעפּובליקאַנער און די פּומפּיאַנער צעשלאָגן געוואָרן ביי פֿ אַ ר ס אַ ל אַ אין טעסאַליען; פּומפּיוס גופא איז אַנטלאָפֿן קיין עגיפּטן צום קיניג פּטאָלאָמייאָס, נאָר ער איז דערהרגעט געוואָרן, קוים באַוויזן ארויפֿצוגיין

אויפֿן ברעג. צעזאַר האָט אים נאָכגעיאָגט ביז אלכסנדריא. פונקט ווי די פֿריהערדיגע רוימישע באַצווינגער, איז ער פֿאַרכישופֿט געוואָרן דורך דער רייכקייט פֿונם דאָזיגן מזרח־לאַנד און דורך דער פּראַכט פֿון דער גריכישער הויפּטשטאָט און האָט באַשלאָסן צוצונעמען עגיפּטן פֿאַר דער רוימישער אימפּעריע. ער האָט אראָפּגעזעצט פּטאָלאָמייאָסן און איבערגעגעבן די רעגירונג דעם קיניגס שוועסטער קלעאָפּאַטראַ, וואָס איז געווען זעהר אַ קלוגע און מאַכטגעריגע פֿרוי, ניט געקוקט אויף איר יונגקייט. דערווייל האָבן די פּומפּיאַנער און רעפּובליקאַנער זיך צונויפֿגעקליבן ווידער אין אַפֿריקע, צווישן זיי איז געווען קאַטאָ. צעזאַר האָט זיי ווידער אַמאָל צעשלאָגן, און קאַטאָ, וואָס האָט איינגעזעהן, אַז די רעפּובליק איז פֿאַרשפּילט, האָט זיך אליין דורכגעשטאָכן מיט זיין שווערד. דאָס לעצטע מאָל האָבן פּומפּיוס' זין געפּרובט זיך אַנטקעגנשטעלן אין שפּאַניען. אומעטום האָט צעזאַר געהאַט די אויבערהאַנט. אָבער וואָס מער אָנשטרענגונגען מען האָט געדאַרפֿט מאַכן אין קאַמף, אַלץ מער האָט ער געדאַרפֿט געבן הבטחות זיינע זעלנער. כמעט איטליכע מלחמה פֿלעגט זיך אָנהויבן מיט אַ מרידה פֿון די זעלנער; זיי פֿלעגן זיך אָפּזאָגן צו דינען, ארויסרופֿן דעם אימפּעראַטאָר אויף זייער פֿאַרזאַמלונג און שטעלן אים אלץ נייע געהעכערטע פֿאָדערונגען מכח באלוינונג מיט ערד און מיט געלט.

אז צעזאַר האָט זיך אומגעקערט אין יאָר 45 קיין רוים נאָך זיינע נצחונות, האָט ער פֿונאַנדערגעטיילט אסך מתנות צווישן די זעלנער, געגעבן זיי ערד אין איטאַליען און אין די פּראָווינצן. פונקט ווי סולאַ, איז צעזאַר אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אַ דיקטאַטאָר אהן אַ טערמין, ד. ה. פֿאַר *אן אומבאגרענעצטן מאָנאַרך*: אַלץ, וואָס פֿריהער האָבן באַדאַרפֿט באשטימען דער סענאַט און דאָס פֿאָלק, ווען צו ערקלערן קריג און ווען צו שליסן שלום, ווען צו באַשטימען אויף אַלע פּאָסטנס, ארויסגעבן געזעצן, פֿאַרוואַלטן איבער די פּראָווינצן — דאָס איז אלץ אריבער אין זיין רשות. אַלע מיני פֿאַרזאַמלונגען פֿון בירגער, פֿאַרבינדונגען און חברות, פֿאַרבאַנדן, געזעלשאַפֿטן זיינען פֿאַרבאָטן געוואָרן. פֿאַר אַ סימן פֿון מאָנאַרכישער פּראַכט פֿלעגט צעזאַר זיך באַווייזן עפֿנטליך אין פּורפּורמאַנטל פֿון אַ טריאומפֿאַטאָר, האָט ניט אָפּגעגעבן דעם סענאַט קיין כבוד, פֿלעגט ניט אויפֿשטיין פֿאַר אים, ווי דאָס איז געווען פֿריהער אַ מוז פֿאַר אַלע באַאַמטע, האָט באַשטימט פֿאַר סענאַטאָרן אַסך זעלנער פֿונם גאַלישן קריג. ער האָט זיך ערלויבט זאָגן מיט ביטול: רעפּובליק — דאָס איז אפּוסט וואָרט אהן זין און אינהאַלט".

אין זיין מאַכט האָט צעזאַר זיך ארויסגעוויזן בעסער פֿאַר סולאַ: האָט זיך ניט נוקם געווען אין זיינע געגנער און האָט זיך געפֿלייסט אריבער־צוציהען אַסך פֿון זיי אויף זיין צד, אשטייגער ציצעראָן. די נאָבילעס פֿלעגן על פּי רוב איבערגיין צו אים, זיינען געוואָרן אזויווי זיינע הויפּלייט און פֿלעגן אָננעמען שטעלעס לויט זיין געזאָד און באַשטימונג; ווארום דאָס פֿאָלק פֿלעגט נאָר ווערן צונויפֿגערופֿן, בכדי כלומרשט אויסצו־קלייבן די קאַנדידאַטן, וואָס דער דיקטאַטאָר וועט ווייזן אָן. אָבער אויך צווישן די נאָבילעס האָבן זיך געפֿונען מענשן מיט אַן אומאָפּהענגיגן, שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך דערנידעריגן. צווישן זיי איז געוואָרן אַ פֿאַרשווערונג אויף צו טויטן צעזאַרן, ווי אַ טיראַן. בראש פֿון די פֿאַרשווערער זיינען געשטאַנען די פּומפּיאַנער ברוטוס און קאַסיוס, וואָס האָבן זיך געהאַט אונטערגעגעבן צעזאַרן.

צעזאַר האָט נאָך שטאַרקער גערייצט די רעפּובליקאַנער דורך אָפֿענע פּרובן זיך אָנצואייגענען די קיניגליכע מאכט. זיין ליבלינג אַנטאָניוס האָט איינמאָל אין אַ פֿאָלקספֿאַרזאַמלונג פֿאָרגעלייגט אים אַ גאָלדענע קרוין; אין רוים האָט מען גערעדט, אַז צעזאַר וואַרט, ביז עס וועט קומען צו פֿאָרן קלעאָפּאַטראַ, און גרייט זיך חתונה צו האָבן מיט דער עגיפּטישער קיניגין. צעזאַר האָט זיך געגרייט צו אַ מלחמה קעגן די פּאַרטער און האָט געהייסן אויפֿזוכן אַן אָראַקול, וואָס זאָל זאָגן, אַז די מלחמה אין די מזרח־לענדער וועט פֿאַרענדיגן מיט נצחון אַ רוימישער קיניג. האָבן די פֿאַרשווערער זיך געאיילט אויסצופֿירן זייער פּלאַן און האָבן איינמאָל אויפֿן פֿאָרום ארומגערינגלט צעזאַרן און אים דערשטאָכן מיט קינזשאַלן.

דער קאַמף צווישן צעזאַרס יורשים. אַז ברוטוס און קאַסיוס זיינען ארויסגעגאַנגען צום פֿאָלק און האָבן געמאָלדן, אַז די רעפּובליק איז באַפֿרייט געוואָרן פֿון טיראַן, האָט דער המון זיי באַגעגנט מיט שווייגן. אין גיכן האָט דער דורכגעטריבענער אַנטאָניוס ארויסבאַקומען צעזאַרס צוואה, און דאָס פֿאָלק איז געוואָר געוואָרן, אַז צעזאַר האָט אָפּגעזאָגט רייכע מתנות און גרויסאַרטיגע סעדער. אין שטאָט האָבן זיך געפֿונען אַסך וועטעראַנען צעזאַרס, וואָס האָבן זיך גערוכט צו באַקומען ערד און מיטן טויט פֿון זייער אָנפֿירער האָבן זיי אָנגעוואָרן אַלע זייערע האָפֿענונגען. פֿון אַמדער אויפֿרעגונג פֿון די פּראָלעטאַריער און זעלנער האָבן די פֿאַרשווערער, וואָס האָבן צעזאַרן דערהרגעט, געמוזט אַנטלויפֿן קיין מזרח. אַנטאָניוס, וואָס האָט געוואָלט פֿאַרנעמען צעזאַרס אָרט,

האָט פֿאַרכאַפּט פֿון זיין פֿאַרמעגן, וויפֿיל ער האָט געקאָנט, און האָט אָנגעהויבן אריבערציהען צעזאַרס לעגיאָנען אויף זיין צד. נאָר אַנטאָניוס האָט געקראָגן אַ געפֿערליכן קאָנקורענט. דאָס איז געווען דער 18־יאָריגער אָקטאַוויאַנוס, צעזאַרס אַ פּלימעניק, וואָס צעזאַר האָט אים צוגענומען פֿאַר אַ זון. אָקטאַוויאַנוס האָט אויך גענומען טיילן געלט צווישן די זעלנער. אָקטאַוויאַנוס האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ רעפּובליקאַנער און האָט איינגערעדט ציצעראָנען אין דער אויפֿריכטיגקייט פֿון זיינע כּוונות. נאָך ציצעראָס הייסע רעדעס אין סענאַט איז אַנטאָניוס ערקלערט געוואָרן פֿאַר אַ שונא פֿון פֿאָטערלאַנד, און אָקטאַוויאַנוסן איז איבערגעגעבן געוואָרן צו פֿירן מלחמה מיט אים. צווישן די לעגיאָנען פֿון אַנטאָניוסן און אָקטאַוויאַנוסן איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע שלאכט אין צפֿון־איטאַליען אונטער די מויערן פֿון מוטינע. די זעלנער האָבן באַזייטיגט די קאָמאַנדירן און האָבן זיך געשלאָגן לויט זייער אייגענעם פּלאַן, אויסגעשטעלט אין די פֿאָדערשטע רייהען די פּ ר ע ט אָ ר י אַ נ ע ר (ד. ה. די כּבוד־גוואַרדיע). אַנטאָניוס האָט געליטן אַ מפּלה, נאָר אָקטאַוויאַנוסעס אַרמיי האָט ניט געוואָלט אים נאָכיאָגן. די זעלנער פֿון ביידע אַרמייען האָבן געשלאָסן אַן אָפּמאַך צווישנאַנאַנד, ניט געקוקט אויף די אָנפֿירערס, האָבן געצוואונגען אַנטאָניוסן און אָקטאַוויאַנוסן צו מאַכן שלום, צונעמען צו זיך נאָך אַ דריטן מענטשן, עמיליוס לעפּידוסן, אין זייער נייעם ט ר י ו מ ו ו י ר אַ ט און דערנאָך גיין קיין רוים זיך נוקם זיין אָן די שונאים פֿון דערהרגעטן דיקטאַטאָר. דאָס איז ד ע ר ד ר י ט ע ר ב י ר ג ע ר ק ר י ג.

עס האָט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע, וואָס אין סולאַס צייטן: די טריומווירן האָבן צונויפֿגעשטעלט רייסטערס פֿון פֿאַרמשפּטע, און צווישן די ערשטע האָט מען אראָפּגעהאַקט דעם קאָפּ ציצעראָנען. זיי האָבן בארויבט רייכע לייט אין רוים, גענומען רויב פֿון די איבעריגע שטעט פֿון איטאַליען און מיט די דאָזיגע מיטלען האָבן זיי געפֿירט מלחמה מיט ברוטוסן און קאַסיוסן, וואָס האָבן זיך פֿאַרפֿעסטיגט אין מאַקעדאָניען.

ביי דער שטאָט פֿיליפּי זיינען פֿאָרגעקומען עטליכע שלאכטן, וואו צעזאַרס יורשים האָבן געהאַט די אויבערהאַנט. קאַסיוס און ברוטוס, וואָס האָבן זיך מיאש געווען פֿון צו ראַטעווען די רעפּובליק, האָבן זיך אליין דערשטאָכן מיט די אייגענע שווערדן, פּונקט ווי קאַטאָ. זייערע נעמען זיינען געוואָרן צו כּלל־נעמען אויף צו באַצייכענען די לעצטע רעפּובליקאַנער. פֿאַרקערט, צעזאַרס נאָמען (די גריכן האָבן אים ארויס־

גערעדט קאַיסאַר, דערפֿון האָבן די יידן געמאַכט קיסר מיט אַ צירה) איז געוואָרן דער כּלל־נאָמען פֿאַר שפּעטערדיגע מושלים; זיי האָבן אים געטראָגן ווי אַ טיטל. צעזאַרס יורשים האָבן אים ערקלערט פֿאַר אַ גאָט; אויף דעם אָרט, וואו זיין גוף איז פֿאַרברענט געוואָרן, איז געוואָרן געשטעלט אַן אַלטאַר, וואָס מען האָט אים אָנערקענט פּונקט אַזוי הייליג, ווי די טעמפּלען פֿון די געטער, אַז ער קאָן דינען פֿאַר אַ מקום־מקלט פֿאַר פֿאַרברעכערס און אַנטלאָפֿענע שקלאַוון. אין גאַנץ איטאַליען האָט מען ביי די אייגנטימער אָפּגענומען ערד אויף צו פֿאַרטיילן צווישן די זעלנער פֿון די נייע מושלים.

די רעפּובליק האָט אין רוים זיך ניט געקאָנט האַלטן. איטליכער נייער קריגסהויפּטמאַן וואָלט זיך באַגאַנגען פּונקט אַזוי, ווי סולאַ, צעזאַר, אַנטאָניוס און אָקטאַוויאַנוס. די זאַך איז נאָר באַשטאַנען דערין, ווער פֿון די אָנפֿירער פֿון די לעגיאָנען וועט גובר זיין די איבעריגע.

אַנטאָניוס און אָקטאַוויאַנוס, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַזייטיגט דעם אומבאַדייטנדן לעפּידוסן, האָבן צווישן זיך צעטיילט די אימפּעריע: אַנטאָניוס האָט זיך גענומען די מזרחדיגע פּראָווינצן, גריכנלאַנד, קליינ־אַזיע, סיריען, האָט חתונה געהאַט מיט דער עגיפּטישער קיניגין קלעאָ־פּאַטרע און זיך באַזעצט אין אלכסנדריאַ; אָקטאַוויאַנוס איז געבליבן אין רוים. צווישן זיי איז קיין פֿריינטשאַפֿט קיין מאָל ניט געווען, איטליכער פֿון זיי האָט געוואָלט זיין אליינהערשער. איז אָקטאַוויאַנוס אָנגעפֿאַלן אויפֿן פֿאַראייניגטן פֿלאָט פֿון אַנטאָניוס און קלעאָפּאַטראַ ביי אַ ק ט י ו ם, נעבן די מערבדיגע ברעגעס פֿון גריכנלאַנד. אינמיטן דער שלאַכט האָט קלעאָפּאַטרע אָפּגערופֿן איר עסקאַדרע, נאָך איר האָט אויך אַנטאָניוס פֿאַרלאָזט די שלאַכט און דורכדעם איז דער נצחון אָנגעקומען אָקטאַוויאַנוסן. אָנגעוואָרן דעם שטיצפּונקט אין עגיפּטע, האָט אַנטאָניוס מחמת יאוש זיך גענומען דאָס לעבן. קלעאָפּאַטרע האָט געפּרובט ראַטעווען איר קיניגרייך; נאָר אָקטאַוויאַנוס האָט צוגענומען עגיפּטע פֿאַר זיך (אין יאָר 30). אויף אַזאַ אופן זיינען אַלע לענדער, וואָס ליגן אַרום מיטללענדישן ים, אריין אין באַשטאַנד פֿון דער רוימישער אימפּעריע.

דער סדר פֿונם פּרינציפּאַט אָדער געמעסיגטער מאָנאַרכיע.

אָקטאַוויאַנוס האָט דערגרייכט דעמזעלבינן ציל, וואָס יוליוס קיסר. ער האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ קלוגערער בעל־כּשרונות, האָט ניט געהאַט קיין הדרת פּנים, איז געווען שעמעוודיג, פֿאַרבאַהאַלטן אין זיך, אהן צעזאַרס מיליטערישן טאַלענט. איינשטעלן די מאָנאַרכיע האָבן אים

געהאָלפֿן די אומשטאַנדן פֿון דער צייט, צום טייל האָט ער אויך אליין ארויסגעוויזן געדולד, פֿאָרזיכטיגקייט און פֿאַרשטאַנד זיך צוצופאַסן צו די השגות און רגילותן פֿון די רוימער.

די צייטאומשטאַנדן זיינען באַשטאַנען דערין, וואָס די לאַנגע מלחמות אין אלע לענדער ארום מיטללענדישן ים האָבן שטארק איינגעמידט דעם רוב מענשן. זעהר אסך האָבן געוואָלט האָבן רוה און האָבן זיך גע־זוכט צוצוטוליען אונטערן שוץ פֿונם מעכטיגן מאַן. אזוי איז צוגעשטאַנען צו אָקטאַוויאַנוסן דער פּאָעט האָראַציוס, וואָס האָט פֿריהער זיך געשלאָגן פֿאַר דער רעפּובליק אונטער דער קאָמאַנדע פֿון ברוטוס און קאַסיוס. אין איין שיר זיינעם האָט האָראַציוס דערמאָנט שפּעטער וועגן דעם, אַז ער האָט „מיאוס אוועקגעוואָרפֿן זיין שילד“, ד. ה. איז אַנטלאָפֿן פֿון שלאכטפֿעלד; נאָר ער האָט זיינע גוטע פֿריינט געראָטן זיך אָפּצוזאָגן פֿון דער מלחמה און פֿון אָנטיילנעמען אין די מהומות, בכדי זיך צו באַזייטיגן פֿון אַלע סכנות. צוגלייך זיינען אין קאַמף אומגעקומען על פּי רוב די אומאָפּהענגיגע שטאָלצע נאַבילעס וואָס האָבן ניט געוואָלט האָבן קיין אויבערהאַר איבער זיך. די איינוואוינער פֿון די פּראָווינצן זיינען געווען געוויינט צו פֿאָלגן רוים; זיי איז אַלץ איינס געווען, צי דער אויבערהאַר איבער זיי וועט געשיקט ווערן פֿונם סענאַט אָדער פֿונם מאָנאַרך אין רוים. די באַפֿעלקערונג פֿון רוים גופא איז געווען גרייט אויפֿצונעמען יעדעם מושל, וואָס האָט איר מער פֿון אַלעמען געגעבן מתנות.

אָקטאַוויאַנוס' קונסט איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט אויס־געמיידט אין די טיטלען און אין דעם גאַנצן שטאַט אלצדינג, וואָס האָט געקאָנט אויסוייזן ענליך צו אַ קיניגליכער מאַכט. ער האָט ניט אָנגע־נומען דעם נאָמען דיקטאַטאָר, וואָס האָט דערמאָנט אָן דער מאכט פֿון סולאַ און צעזאַר, נאָר ער האָט זיך אָנגערופֿן קאָנסול, טריבון און צענזאָר. דערביי פֿלעגט אָקטאַוויאַנוס שטענדיג איבערחזרן, אַז זיין איינציגער פֿאַרלאַנג איז אויפֿצוריכטן אין רוים דעם פֿאַרצייטיגן סדר. ער האָט זיך געפֿלייסט זיך ארומצורינגלען מיט די רעשטן פֿון די אַלטע אַריסטאָקראַטישע משפּחות. אַליין אַן אָנגענומענער זון פֿון יוליוס קיסר, האָט ער זיך מתחתן געווען מיט די מיוחסדיגע קלאַוודיער. אין זיין הויף איז גוט אויפֿגענומען געוואָרן דער היסטאָריקער טיטוס ליוויוס, וואָס האָט געריימט די רעפּובליק אין זיין גרויסן ווערק, וואו ער האָט באַשריבן אין אַ הויכן, רעדנערישן סטיל איר געשיכטע פֿון די עלטסטע צייטן. אלע האָבן גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז דער רעגירער איז אַלמעכטיג, און אַז

זיין מאַכט שטיצט זיך אויפֿן חיל. נאָר בכדי ניט עובר צו זיין אויף די איינגעוויינטע השגות פֿון די רוימער, האָט אָקטאַוויאַנוס אָפּגעשיקט די זעלנער פֿון איטאַליען צו די גרעניצן; ווי זיין פּערזענליכע וואַך האָט ער איבערגעלאָזט אין רוים נאָר אַן אָפּטיילונג פּרעטאָריאַנער (גוואַרדיע). אין איטאַליען האָט אָקטאַוויאַנוס זיך גערעכנט פֿאַרן פּ ר י נ צ ע פּ ס, ד. ה. דער ערשטער בירגער אין דער רעפּובליק. עס איז אויסגעקומען, אַזויווי ער וואָלט געטיילט די מאַכט מיט דער אַלטער רעגירונג, דעם סענאַט.

ס׳ איז געוואָרן איינגעשטעלט, אַז ווי פֿריהער וועט דער סענאַט האָבן די דעה איבער די אַלטע פּראָווינצן: דער סענאַט וועט שיקן אהין פֿאַרוואַלטערס פֿון זיינע מיטגלידער. די נײַ איינגענומענע געגנטן. די וואָס ביים גרעניץ, זיינען געבליבן אין אָקטאַוויאַנוס׳ רשות. דאָס זיינען געווען גאַליען, די געוועזענע פּראָווינץ פֿון יוליוס קיסר, סיריען און דאָס רייכע עגיפּטן, וואָס אָקטאַוויאַנוס גופא האָט פֿאַרכאַפּט. אין די דאָזיגע פּראָווינצן זיינען געשטאַנען אַלע רוימישע חילות, אַן ערך 250000 מאַן, בכדי איינצוהאַלטן די ניט לאַנג איינגענומענע איינוואוינער און אָפּצוהיטן די גרעניצן. דאָס מיליטער איז געווען אונטערגעשטעלט בלויז אָקטאַוויאַנוסן, די זעלנער פֿלעגן צושווערן נאָר אים אליין. דעם אַלטן נאָמען אִ י מ פּ ע ר אַ ט אָ ר האָט ער צוגענומען נאָר פֿאַר זיך; ער האָט איצט באַטייט די מאַכט פֿונם אויבערשטן קאָמאַנדיר. אימפּעראַטאָר פֿלעגט מען אים רופֿן אין די פּראָווינצן. אין זיינע פּראָווינצן פֿלעגט אָקטאַוויאַנוס שיקן צו פֿאַרוואַלטן זיינע לעגאַטן (אָפֿיצערן) און פּראָקוראַטאָרן (פֿאַרוואַלטערס). דאָס פֿאָלק האָט מען אויפֿגעהערט צונויפֿצוקלייבן אויף פֿאַרזאַמלונגען. נאָר דער נייער מושל האָט אויך געמוזט באַגיטיגן די באַפֿעלקערונג פֿון דער הויפּטשטאָט, ווי עס פֿלעגן דאָס פֿריהער טון די פֿאָלקספֿירער אָדער דער סענאַט. ער האָט אליין אריבערגענומען אויף זיין חשבון אַלע יענע הוצאות, וואָס פֿאַרשיידענע מענשן פֿלעגן פֿריהער מאַכן לטובת דעם פֿאָלק. דער פּרינצעפּס האָט גענומען אויף זיך אויסצוהאַלטן די פּראָלעטאַריער פֿון דער הויפּטשטאָט מיט ברויט: זיינע באַאַמטע פֿלעגן צוגרייטן און ברענגען צופֿירן מיטן ים די נויטיגע סכומים תבואה, צונויפֿפּאַקן דאָס אין גוואַלדיגע מאַגאַזינעס, וואָס האָבן פֿאַרנומען אַ גאַנצן שטאָטקרייז קעגנאיבער דעם האַוון, און פֿלעגן דאָס פֿונאַנדערטיילן. דער פּרינצעפּס האָט אויך גענומען אויף זיך די איינאָרדענונג פֿון פֿאַרווײַלונגען. דאָס זיינען געווען פֿאַרשיידענע שפּילן און פֿאָרשטעלונגען אין חגא־טעג. חגאות זיינען געווען אַסך, זיי האָבן

פֿאַרנומען אַ דריטל טעג פֿון יאָר, און שפּעטער אפילו די העלפֿט. צייטנווייז, ווען עס פֿלעגט זיך טרעפֿן עפּעס אַ גרויסע שמחה, אשטייגער, ביים סוף פֿון אַ גליקליכן קריג, פֿלעגט מען מאכן פֿארן פֿאָלק אַ יום־טוב אין משך פֿון אַ גאַנצן חודש אָדער אפֿילו צוויי, דריי חדשים.

דער גוסט פֿונם רוימישן פֿאָלק איז געווען אַסך גרעבער, ווי ביים גריכישן. אין די טעאַטערס פֿלעגט מען ניט הערן קיין מוזיק, לייענען שירים אָדער רעדעס. די טעאַטערשטיק זיינען געווען זעהר ניט פֿון קיין הויכן סאָרט, מער פֿון אַלץ זיינען געפֿעלן געווען פּ אַ נ ט אָ מ י מ ע ס, דאָס הייסט פֿאָרשטעלונגען בלויז פֿון באַוועגונגען, אהן רייד, באַלעט אין פֿאַרשיידענע קונצן. נאָר באזונדערס פֿאַרשפּרייט און באַליבט זיינען געווען וועטפֿאָרן אויף רייטוועגן און פֿאַרשיידענע בלוטיגע קאַמפֿן. די ערשטע פֿלעגן פֿאָרקומען אין צירקן, די צווייטע — אין אַמפֿיטעאַטערס. ביידע מינים בנינים זיינען געווען זעהר גרויס געבויט. דער גוואַלדיגער אַמפֿיטעאַטער, וואָס הייסט קאָליזייאום און וואָס איז אויף דער העלפֿט פֿארבליבן ביזן היינטיגן טאָג, האָט געקאָנט ארייננעמען 200 000 מאַן. אבער פֿאָרט פֿלעגט אויסקומען, אז בכדי צו פֿארנעמען פלעצער, פֿלעגט דער המון זיך צונויפֿקלייבן ערב דער פֿאָרשטעלונג און איבערוואַרטן אַ גאַנצע נאַכט.

די פֿאָשטעלונג פֿלעגט זיך אָנהויבן מיט אַ פֿייערליכער צערעמאָניע. אַ לאַנגע פּראָצעסיע פֿלעגט זיך אַראָפּלאָזן פֿונם קאַפּיטאָליום און ציהען זיך איבערן פֿאָרום ביז די טויערן פֿון צירק. פֿאָראויס פֿלעגט פֿאָרן דעם באַאמטער, וואָס עפֿנט די שפּילן; אויף צוגעפּוצטע רייטוועגן, וואָס פֿלעגן אמאָל זיין באַשפּאַנט מיט העלפֿאַנדן, פֿלעגט מען פֿירן סטאַטועס פֿון געטער און פֿאַרגעטערטע קיסרים, ארום זיינען געגאַנגען כהנים. אין צירק פֿלעגן אויף כבוד־פּלעצער זיצן דער פּרינצעפּס מיט זיין סוויטע און די סענאַטאָרן. דאָרט פֿלעגט זיין דער פּאַראַד, וואו דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿלעגט זיך באַגעגענען מיטן פּרינצעפּס.

דאָס פֿאָלק פֿלעגט אים באַגריסן מיט אויסרופֿן. נאָר אמאָל פֿלעגט אויך טרעפֿן, אַז דאָס פֿאָלק פֿלעגט אויסדריקן זיין אומצופֿרידנקייט, זיך באַקלאָגן אויף עפּעס אַ באַדריקונג. אין צירק פֿלעגט דער פּרינצעפּס דערגיין די שטימונג פֿון פֿאָלק, און אויב עס פֿלעגט נויטיג זיין, פֿלעגט ער באַלד אָננעמען מיטלען עס צו באַרוהיגן. דער צירק האָט אזויווי פֿאַרטרעטן דעם אָרט פֿון די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען, וואָס מען האָט אויפֿגעהערט צונויפֿצורופֿן. דער פּרינצעפּס און דאָס פֿאָלק האָבן אינאיינעם געהאַט די דעה אין צירק: דער פּרינצעפּס פֿלעגט באַפֿעלן, ווען און וואָס צו שפּילן; דאָס פֿאָלק פֿלעגט זיין צעטיילט אין פּאַרטייען און פֿלעגט

אויסדריקן זיין לויב יענע וואָגנפֿירערס און גלאַדיאַטאָרן, וואָס זיינען דעם געפֿעלן. אין צירק זיינען די אָנטרייבערס געווען איינגעטיילט לויטן קאָליר פֿון זייערע קאָסטיומען אין רויטע, ווייסע, גרינע און בלויע. די צוקוקער, צווישן זיי אויך דער פּרינצעפּס גופא, פֿלעגן זיך אויסקלייבן קאָלירן, פֿלעגן רעשן, טומלען, גיין אין געוועט פֿאַר געוויסע אָנטרייבערס און פֿערד, פֿלעגן וואַרים באַגריסן איינע, שילטן און זידלען אַנדערע; אסך פֿלעגן פֿון פֿריהער אויספֿרעגן ביי וואָרזאָגער דעם רעזולטאַט פֿון די שפּילן.

אַ באַזונדערהייט פֿון רוים זיינען געווען די גלאַדיאַטאָרנקאַמפֿן. זייער שורש זיינען די פֿאַרצייטיגע מענשליכע קרבנות, וואָס מען פֿלעגט ברענגען ביי דער באַגרעבעניש פֿון געשטאָרבענע אָנפֿירערס; אויפֿן קבר פֿלעגט מען דערהרגען געפֿאַנגענע און שקלאַוון אָדער צווינגען זיך צו קעמפֿן פּאָרוויז צווישנאַנאַנד. שפּעטער זיינען אָטדי קאַמפֿן געוואָרן איינגעשטעלט פֿאַר אלע חגאות און די צאָל פֿון די פּאָרן וואָס זיינען ארויסגעלאָזט געוואָרן, איז אַלץ גרעסער געוואָרן. צעזאַר האָט באַוויזן אַ גרויסן אויפֿטו, וואָס ער האָט ארויסגעשטעלט העכער 600 גלאַדיאַטאָרן. שפּעטער פֿלעגט זייער צאָל דערגרייכן אַמאָל ביז 10000. צווישן די גלאַדיאַטאָרן זיינען געווען פֿאַרמשפּטע פֿאַרברעכערס; טייל פֿלעגט מען ארויסלאָזן פֿריי נאָך עטליכע יאָר, וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט אין קאַמפֿן. אַ גרויסן טייל פֿלעגט מען לערנען אין באַזונדערע שולן.

מען פֿלעגט זיי ארויסלאָזן מאָדנע באַוואָפֿנט: אמאָל אין בלינדע קיווערס, וואָס פֿאַרדעקן די אויגן; אמאָל, אַ שטייגער, פֿלעגט אנטקעגן אַ אַ קעמפֿער אין פֿולער באַוואָפֿענונג ארויסטרעטן דער אַנדערער אינגאַנצן אַ נאַקעטער מיט איין דרייצאָן אין האַנט, נאָר דערפֿאַר מיט אַ גרויסער נעץ, וואָס ער פֿלעגט זיך פֿלייסן ארויפֿוואַרפֿן אויפֿן געגנער, בכדי אים צו פֿאַרפּלאָנטשן. אנידערגעוואָרפֿן דעם געגנער אויף דער ערד, פֿלעגט דער גלאַדיאַטאָר דער זיגער אוועקשטעלן אויף אים זיין פֿוס און זיך ווענדן צו די צוקוקער; ווען זיי פֿלעגן ווינקען מיט טיכער, איז דאָס געווען אַ סימן, אַז מען מוז באַגנעדיגן דעם געפֿאַלענעם; ווען די צוקוקער פֿלעגן אראָפּלאָזן דעם אגודל אויף אונטן, דעמאָלט פֿלעגט דער גלאַדיאַטאָר דערהרגען דעם געגנער אויפֿן אָרט.

די פּרינציפּעס, וואָס נאָך אָקטאַוויאַנוסן, האָבן צוגעקלערט אלץ נייע מינים פֿאַרוויילונגען פֿאַרן פֿאָלק: מען פֿלעגט ברענגען צופֿירן אין גוואַלדיגער צאָל פֿאַרשיידענע ווילדע און אומבאַקאַנטע חיות און פֿויגלען; אין די אמפֿיטעאַטערס האָבן זיך באַוויזן לייבן, טיגערס, נאָז־האָרנס, קראָקאָדילן, זשיראַפֿן, שטרויספֿויגלען. מען פֿלעגט זיי האַלטן

אין די שטיינן פֿון אונטערשטן גאָרן און מיט אַ מאָל זיי ארויסלאָזן אין אַ גרויסער צאָל אויף דער אַרענע. אַנטקעגן זיי פֿלעגן ארויסגיין יעגערס מיט געווער, אדער מען פֿלעגט זיי אָפּגעבן אויף צו פֿאַרצוקן די געפֿאַנגענע און פֿאַרמשפּטע: אזוי איז דער אַמפּיטעאַטער געווען אַ פּלאַץ פֿאַר אויס־פֿירן עפֿנטליך טויטשטראָף. אָדער פֿון אונטער דער ערד פֿלעגט זיך פּלוצלינג באַווייזן אַ טראָפּישער וואַלד, און אהין פֿלעגט מען ארייננלאָזן הירשן, ווילדע חזירים, אַנטילאָפּעס, אויף די צווייגן פֿון די בוימער פֿלעגן זיך באַווייזן פֿויגלען, און דעם פֿאָלק האָט מען ערלויבט צו גיין דאָרט אויף געיעג; קאַנאַלן ארום דער ארענע פֿלעגן ווערן אָנגעפֿילט מיט וואַסער, און דאָרט פֿלעגן ארומשווימען דרעסירטע פֿיש. טיילמאָלס פֿלעגט די פֿאָרשטעלונג גאָר זיין גרויס עד אין לשער: די גאַנצע אַרענע איז געוואָרן געמאַכט צו אַ טיפֿער אָזערע; אהין פֿלעגט מען ארייננלאָזן אמתע ים־שיפֿן מיט אַ מאַנשאַפֿט פֿון געלערנטע שקלאַוון און פֿאָרשטעלן אַן אמתע ים־שלאַכט מיט דערטרינקען שיפֿן און טויטן מענשן.

אין די טעג פֿון די חגאות און פֿאָרשטעלונגען האָט דאָס פֿאָלק זיך נערעכנט אזוי ווי אַן אורח ביים פּרינצעפּס. איין מאָל האָבן 5000 שקלאַוון מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן באַליכט די צוקוקער אהיים. נאָך דער פֿאָרשטעלונג פֿלעגן קומען כּיבודים, מתנות: אמאָל פֿלעגט מען אויף דער אַרענע אויסשטעלן שטיקער פֿלייש, אמאָל פֿלעגט זיך פֿון אויבן אַ שאָט טון אויפֿן המון מאַסן עופֿות, אַפֿריקאַנישע הינער, עגיפּטישע ענטלאַך א. אז. וו., אמאָל פֿלעגט מען אין מיטן ארייננוואַרפֿן אַ גוואַלדיגן גאַרדעראָב מיט אויבערמאַנטלען. היות ווי דערפֿון פֿלעגט ארויסקומען אַ שטופּעריי און אַ געשלעג, און די זאַכן פֿלעגן צעריסן ווערן אויף שטיקער, האָט מען שפּעטער איבערגעמאַכט דעם מנהג, און מען פֿלעגט וואַרפֿן צווישן המון צייכנדלאַך, הילצערנע קיילאַכלאַך. פֿאַר די דאָזיגע צייכנצלאַך האָט מען שפּעטער געקאָנט באַקומען פֿלייש, ברויט, קליידער, גאָלד, פּערל, טייערע שטיינער, בילדער, שקלאַוון, שטוביגע בהמות, צאַמע טיגערס און לייבן און אַפֿילו שיפֿן, הייזער און ערד.

דער פֿאַרגעטערטער קיסר. ווען די נייע אָרדענונג האָט זיך איינגעשטעלט, האָט אָקטאַוויאַנוס אָנגענומען אַ נייעם טיטל אווגוסטוס, ד. ה. הייליגער. דערדאָזיגער טיטל איז דערנאָך געוואָרן זיין נאָמען: דערמיט האָט געזאָלט ווערן באַצייכנט, אַז דער מושל שטייט הויך איבער אַלע באַשעפֿענישן. דער פּאָעט ווערגיליוס, איינער פֿון די, וואָס האָבן געלעבט פֿון אָקטאַוויאַנוס' טובות — צוויי מאָל האָבן די שרעקליכע

זעלנער אים ארויסגעטריבן פֿון זיין הויף, און אָקטאַוויאַנוס האָט אים ארויסגעראַטעוועט און גענומען אים אונטער זיין שוץ — האָט מיט גרויס התפעלות באַזונגען דעם פֿאַרגעטערטן צעזאַר און אַווגוסטוסן גופא.

ווירגיליוס האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע פּאָעמע די „ע נ ע א י ד ע“, וואו ער האָט נאָכגעמאַכט האָמערן. דער אינהאַלט אירער איז די געשיכטע פֿונם טראָיאַנישן העלד ענעאַס וואָס האָט זיך ארויסגעראַטעוועט פֿונם חורבן און דער שרפה פֿון טראָיאַ, וואָס די גריכן האָבן צעשטערט. נאָך אַסך וואָגלענישן קומט ענעאַס אין איטאַליען און ווערט דאָרט מיט זיינע טראָיאַנער דער עלטערפֿאָטער פֿון רוימישן פֿאָלק. די געטער זאָגן אים נביאות וועגן דער קומענדיגער גרויסקייט פֿון די רוימער. ווירגיליוס' פּאָעמע האָט אינאיינעם מיט רוים געריימט און געלויבט אויך די לעצטע צוויי גרויסע קיסרים, וואָרום ענעאַס האָט זיך גערעכנט פֿאַרן דירעקטן עלטערזיידן פֿון יוליוס קיסר און אַווגוסטוס.

אין דער שרעקליכער צייט פֿון די בירגערקריג, ווען די אָנטיילנעמער אין קאַמף האָבן זיך מיט זשעדנעקייט אַ וואָרף געטאָן אויף רויב, האָט די אַלטע אמונה אָנגעוואָרן איר גאַנצן כח. אַסך רוימער האָבן אָפּ־געלאָזט די צערעמאָניעס און אויפֿגעהערט מתפלל צו זיין; מען פֿלעגט דערציילן, אַז די כהנים און וואָרזאָגערס אליין קאָנען אהן געלעכטער ניט קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן. אויך יוליוס קיסר איז געווען צווישן די כופרים און האָט ניט איין מאָל געזאָגט, אַז ער גלויבט ניט אין דער אייביגקייט פֿון דער נשמה. דער חורבן און די צרות פֿון די כסדרדיגע מהומות האָבן געבראַכט צו אַן איבערבייט אין דער שטימונג. מענשן, איינגעמידט דורך דער מלחמה, האָבן גענומען זוכן אַ טרייסט אין תפלות, ווענדן זיך צו וואָרזאָגערס, אָפּזוכן אַלטע הייליגטימער. ווערגיליוס איז געווען איינער פֿון די מענשן. ענעאַס איז געשילדערט ביי אים ווי אַ פֿרומער העלד: ער טוט אלץ, וואָס די געטער הייסן, דערפֿאַר איז ער אומעטום מצליח; ער האָט אזוי־ווי באַדאַרפֿט דערמאָנען די רוימער, אַז די גאַנצע גדולה פֿון רוים האָבן געשאַפֿן די געטער. אַווגוסטוס האָט געוואָלט אונטערהאַלטן אָט־די שטימונג און באַוויזן, אַז אויך ער, דער מושל, איז אומעטום און שטענדיג מיט די געטער; ער האָט איבער־גענומען דעם טיטל פֿון אַ כהן גדול און האָט אנגעהויבן מיט התמדה איינשטעלן פֿונדאַסניי צערעמאָניעס.

אין רוים זיינען אויף איטליכן קרייצוועג געשטאַנען אַלטאַרן פֿון די שוץ־געטער פֿון קוואַרטאַל, די ל אַ ר ע ס. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט דאָס פֿאָלק זיך צונויפֿקלייבן צוליב אַ יום־טוב, באַפּוצן דעם פּלאַץ און דעם אַלטאַר

מיט בלומען און גרינס, טאַנצן אין קאַראַהאָדן. האָט אַווגוסטוס באַפוילן, אַז אין די תפלות זאָל מען רופן, אינאיינעם מיט די לאַרעס, אויך דעם „געניוס" פונם קיסר, ד. ה. זיין שוצגאָט.

אלע פראָווינצן האָבן געמוזט מתפלל זיין צום געניוס פון אַווגוסטוסן אינאיינעם מיט דער געטין ראָמאַ (אזוי הייסט רוים אין לאַטייניש). איטליך אונטערטעניג פאָלק האָט אריינגענומען אווגוסטוסן און די ראָמאַ צווישן זיינע געטער און האָט געדינט צו זיי אויף זיין שפראַך און לויט זיינע באַזונדערע צערעמאָניעס. דער זין פונם דאָזיגן דינסט איז באַשטאַנען דערין, וואָס אַלע האָבן אויסגעדריקט זייער אונטערטעניגקייט רוים און איר מושל: פון דער ראָמאַ און פון אַווגוסטוסן האָבן טאַקע אַלע באַדאַרפט קריגן כל טוב. אין איטליכער פראָווינץ פלעגט מען אויסקלייבן עטליכע כהנים פון צווישן די רייכסטע און אָנגעזעעהענסטע משפחות, בכדי אָפצוריכטן פייערליכע צערעמאָניעס און איינאָרדענען שפילן לכבוד די דאָזיגע געטער. אין מזרח, אין די לענדער, וואו מען האָט גערעדט גריכיש, האָבן זיי געהייסן אַרכיערייִם, אין מערב, אויף לאַטייניש — פלאַמינעס. צום יום-טוב פלעגן זיך צונויפקלייבן אויסגעקליבענע פון פאַרשיידענע געגנטן אין דער הויפטשטאָט פון דער פראָווינץ, דער מיט־ראָפּאָליע (דאָס איז דאָסזעלביגע, וואָס לויט דער פריהערדיגער אויסשפּראַך „מעטראָפּאָליע") און פלעגן צונויפשטעלן אַ באַגריסונג דעם קיסר. דער סטאַטוע, וואָס האָט פאָרגעשטעלט דעם געניוס פונם קיסר האָט מען געגעבן די שטריכן פונם מושל גופא, און אויף אַזאַ אופן האָבן די רוימער געצוואונגען די פראָווינציאַלן בוקן זיך צום קיסר ווי צו אַ גאָט.

X.

די רוימישע אימפעריע און דאָס קריסטנטום.

די דינאַסטיע פֿון די יוליער־קלאַוודיער. אווגוסטוס האָט רעגירט אין משך פֿון 44 יאָר (צווישן יאָר 30 פֿאַר קר. און 14 נאָך קר.) אָהן קאָנקורענטן. זיין וויכטיגסטע שטיצע זיינען געווען די לעגיאָנען. אמת, ער פֿלעגט אַליין שוין ניט פֿירן די ארמיי, דערפֿאַר אבער פֿלעגט ער שיקן פֿאַר קאָמאַנדירן אויסשליסליך זיינע יורשים, אייניקלאַך און שטיפֿזין.

היות ווי אַלע זין פֿון דער משפחה יוליער זיינען געשטאָרבן פֿריהער פֿאַר אַווגוסטוסן, דעריבער איז דעם קיסרס ממשלה איבערגעגאַנגען צו זיין שטיפֿזון טיבעריוס פֿון דער משפחה קלאַוודיער.

אין אַווגוסטוס' צייטן איז נאָך פֿאַרבליבן אַ שטיקל סימן פֿון דער רעפּובליק. טיבעריוס האָט אינגאַנצן מבטל געווען די פֿאָלקספֿאַרזאַמלונגען. די גאַנצע פֿאַרוואַלטונג פֿון דער הויפּטשטאָט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פֿון אַ פּרעפֿעקט (שטאָטהויפּטמאַן), וואָס דער אימפּעראַטאָר האָט באַשטימט. די נעמען קאָנסול, פּרעטאָר, עדיל זיינען געבליבן בלויז כבוד־טיטלען. טיבעריוס פֿלעגט נאָך צונויפֿרופֿן דעם סענאַט און אָפּגעבן אים כבוד; ער האָט אָבער שטרענג אויפגעפּאַסט, אַז קיינער זאָל ניט ארויסווייזן קיין סימפּאַטיע דער רעפּובליק. ער פֿלעגט גערן אָננעמען מסירות אויף נאָבילעס, וואָס האָבן געהאַלטן אין כבוד דעם אָנדענק פֿון קאַטאָ, ברוטוס און קאַסיוס; ער פֿלעגט רייך באַלוינען די קליענטן און שקלאַוון, וואָס פֿלעגן אונטערהערן די שמועסן, וואָס ווערן געפֿירט אין די שטיבער, און אָנמסרן אויף זייערע הערן. די חשודיגע פֿלעגט מען באַשולדיגן אין „באַליידיגן די מאַיעסטעט פֿון קיסר“, באַשטראָפֿן מיט פֿאַרשיקונג און טויט. די מוסרים פֿלעגן באַקומען אַ פֿערטל פֿונם פֿאַרמשפּטנס אייגנס. מער פֿון אַלעמען פֿלעגט געווינען פֿון אַזעלכע פּראָצעסן דער קיסר גופא: צו אים פֿלעגן איבערגיין גרויסע

מאַיאָנטקעס מיט אַ סך שקלאַוון. אין גאַנץ איטאַליען און אין אַלע פראָווינצן איז געוואַקסן דעם קיסרס פּאַטרימאָניום (ד. ה. זיין פּערזענליך אייגנס) און נאָך שטאַרקער איז געוואָרן זיין מאַכט.

אין רוים האָט זיך איינגעשטעלט אַ סדר, איינגאַנצן ענליך צום שטייגער פון די מזרח־לענדער, וואו די אונטערטאַנען זיינען געווען אַ טשערעדע, וואָס האָט אהן טענות געפאָלגט די קאַפּריזן פונם דעספּאָט. טיבעריוס' יורש, דער משוגענער קאַיוס קאַליגולאַ, האָט איינגעפירט ביים הויף, מען זאָל זיך בוקן פאַר אים און קושן זיינע פיס. ער האָט זיך שוין ניט באַגענוגנט מיטן אַפּאָטעאָז, ד. ה. מיט דער פאַרגעטערונג פונם קיסר נאָך זיין טויט, נאָר ער האָט געוואָלט, אז נאָך לעבעדיגערהייט זאָל מען אים אָננעמען פאַר אַ גאָט, האָט זיך צוגעגליכן צו יופּיטערן און האָט געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן אריינשטעלן זיין סטאַטוע אין בית־המקדש. סימנים פון „קיסרשער משוגעת" האָט ארויסגעוויזן אויך דער לעצטער קיסר פון דער דינאַסטיע יוליער, נעראָ (נירון), וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אַרטיסט. ווען ער פלעגט ארויסטרעטן אין טעאַטער ווי אַ זינגער, האָט די פּובליקע, וואָס האָט געציטערט פאַר שרעק, געמוזט אים באַגעגענען מיט רוישיגער התפעלות. נירון האָט אויפגערעגט קעגן זיך אפילו דעם רוימישן המון, וואָס די קיסרים האָבן געוויינטליך געפלייסט זיך אים צו באַגיטיגן. עס ווערט דערציילט, אַז איין מאָל איז די הויפּטשטאָט געשטאַנען פאַר אַ הונגער, ווייל מען האָט שוין אַ לאַנגע צייט ניט געהאַט צוגעפירט קיין תבואה, און דאָס פאָלק האָט אויפן ברעג ים מיט אומגעדולד געוואַרט, צי וועלן זיך ניט באַווייזן די שיפן מיט דער עגיפּטישער תבואה; האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ שיף פון אַלכסנדריא, נאָר געפירט האָט זי פיינעם נילוסזאַמד פאַר דער טעאַטער־אַרענע לויט נירונס באַשטעלונג. ס'ווערט נאָך דערציילט, אַז איינמאל, ווען אין רוים איז פאָרגעקומען אַ גוואַלדיגע שרפה, און עס האָבן אויסגעברענט גאַנצע קוואַרטאַלן, וואו עס האָבן געוואוינט די אָרימע לייט, איז נירון געשטאַנען בשעת מעשה אויף זיין באַלקאָן, געקוקט מיט פאַרגעניגן אויף דעם פייער־ים און באַזונגען אין האָמערישע פערזן די שרפה פון רוים.

צווישן אָטדער אַלגעמיינער שקלאַווישקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט ווינציג מענשן מיט אַן אומאָפּהענגיגן כאַראַקטער, וואָס זיינען געווען באַגייסטערט מיטן אַמאָליגן שטאָלץ פון די רוימער. זיי האָבן זיך אָנגעאייגנט די געדאַנקען פון די גריכישע סטאָאיקער, אַז דער צוועק פונם מענשנס זיין שטעקט ניט אין קורצן ערדישן לעבן מיט זיינע הנאות, וואָס פאַרשווינדן גיך, נאָר אין דער לייטערונג פון דער נשמה פאַר אַן אייביגן

לעבן. אַזאַ אָנהעגנגער פֿון די סטאָאיקער איז געווען אין נירונס צייט דער סענאַטאָר טראַזעאַ פעטוס, וואָס האָט אויפֿגעהויבן זיין קול צו פֿארטיי־דיגן די ווערדע פֿון סענאַט. היות ווי ער איז געווען זעהר רייך, דעריבער האָבן די מוסרים, און אויך נירון גופא, זיך געקוואַפּעט אויף זיין עשירות, און ער איז טאַקע פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דעם לעצטן חסד האָט מען אים נאָך געטאָן, וואָס מען האָט אים ערלויבט אליין זיך צו נעמען דאָס לעבן. פֿאַרן ארייגגיין אין דער וואַנע, וואו ער האָט געמוזט זיך איבערשניידן די אָדערן, האָט טראַזעאַ אויסגעהערט אן אָפּשיידס־דרשה פֿון אַ וואַנדערנדיגן פריידיגער דעם קיניקער דעמעטריאָס; דערנאָך האָט ער מיט זיין אייגענעם בלוט באַשפריצט די אַרומיגע, וואָס האָט געדאַרפֿט באַטייטן ווי אַ ברכה פֿון איינעם, וואָס איז גרייט צו שטארבן. דער אָנדענק וועגן טראַזעאַס מערטירערטויט האָט שפּעטער געדינט פֿאַר אַ טרייסט יענע אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר דער שיטה פֿון די סטאָאיקער און האָבן געשטרעבט צו אַ לויטערן, שיינעם לעבן.

נירון האָט זיך געהאַלטן פֿעסט, כל זמן די גוואַרדיע פֿון די פּרעטאָריאַנער איז געווען אים געטריי, און כל זמן די לעגיאָנען זיינען געווען רוהיג. אָבער ווי נאָר די זעלנער האָבן אָנגעהויבן בונטעווען, האָט זיין מאַכט זיך אַ שאָקל געטאָן. די אַרמיי האָט גוט געוואוסט, אַז דער קיסר אין רוים האַלט זיך נאָר אין איר חסד. אין יאָר 68 האָבן די חילות, וואָס זיינען געשטאַנען אין שפּאַניען און ביים ריין, אויסגערופֿן זייערע אָנ־פֿירערס פֿאַר אימפעראַטאָרן און האָבן זיך געלאָזט גיין אויף רוים; פֿון יאוש האָט נירון זיך גענומען דאָס לעבן. דערווייל האָבן די פּרעטאָריאַנער אויסגעקליבן זייער אימפעראַטאָר, און די סירישע לעגיאָנען האָבן ארויס־געשטעלט זייער הויפּטקאָמאַנדיר פֿלאַוויוס וועספּאַסיאַנוס. גובר געווען האָט וועספּסיאַנוס (אספּסינוס קיסר), וואָס איז אין יענער צייט געווען פֿאַרנומען מיט דערשטיקן דעם אויפֿשטאַנד פֿון די יידן.

יהודה אונטער דער ממשלה פֿון רוים. אין דער צייט ארום קר' געב. האָבן די יידן געהאַט אַ היפּשע מאַכט אין דער דעמאָלטיגער וועלט. אַ טייל פֿון זיי האָבן געוואוינט אין דער מלוכה פֿון די פּאַרטער ביים פּרת, אַ טייל אין די גרעניצן פֿון דער רוימישער מלוכה; די „גלות־יידן" אָדער קאָלאָניסטן זיינען געווען פֿאַרשפּרייט איבער עגיפּטן, קירענע, סיריען, קליינאַזיע און גריכנלאַנד; אַ גרויסע יידישע קאָלאָניע איז געווען אויך אין רוים גופא. די יידן פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן צו דאַוונען, לערנען און שמועסן אין בתי כנסיות אדער סינאַגאָגעס, ווי זיי האָבן דאָס

נערופן אין גריכיש, ד. ה. פֿאַרזאַמלונגס־הייזער. פֿאַר די שכנים פֿון די דאָזיגע יידן, וואָס זיינען געווען געוויינט צו האָבן בילדער פֿון געטער אין זייערע טעמפּלען, איז דאָס געווען אַ גרויסער חידוש, וואָס אין די יידישע פֿאַרזאַמלונגס־הייזער זיינען קיין שום בילדער און סטאַטועס ניטאַ. הגם דערוויילטערט פֿונם בית המקדש אין ירושלים, זיינען די יידן פֿאָרט געווען צונויפֿגעבונדן מיט זייער היים און פֿלעגן שיקן אַ יערליכע אָפּצאָלונג פֿון צוויי זילבערדראַכמעס אויף איטליכן מענשן פֿאַרן בית־המקדש. די יידישע קאָלאָניסטן האָבן זיך אָבער אָפּגעשיידט פֿון די פּאַלעסטינער יידן דורך דער באַציהונג צו די „היִדן" (מיט דעם וואָרט איבערזעצן מיר איצט דאָס וואָרט „גוים", וואָס מיט דעם פֿלעגן די דעמאָלטיגע יידן באַצייכענען די פֿעלקער פֿון אַן אַנדער אָפּשטאַם און מיט אַן אַנדער רעליגיע, ווי די יידן). בעת די פּאַלעסטינער יידן זיינען געווען פֿאַרפֿרעמדט און אָפּגעזונדערט פֿון די ארומיגע פֿעלקער, האָבן די שריפֿטשטעלער און דרשנים פֿון די קאָלאָניעס געפּלייסט זיך מקרב צו זיין די היידן און צו־צוציהען זיי צו דער יידישער אמונה. די יידישע קהלות פֿלעגן גערן צו־נעמען ג ר י ם, ד. ה. גריכן, רוימער און אַנד., וואָס זיינען מרוצה גע־וואָרן צו האַלטן די יידישע מנהגים און צערעמאָניעס. און זיי האָבן טאַקע אַסך אויפֿגעטאָן אין דעם פּרט: אפֿילו מיוחסדיגע רוימישע נאָבילעס האָבן געקראָגן אַ חשק צו דער יידישער אמונה; מגייר געווען זיך האָט, אשטייגער, נירונס פֿרוי, פּאָפּעאַ סאַבינאַ.

הגם די יידישע אמונה איז, אזוי ארום, היפּש פֿאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער גאַנצער אימפּעריע, נאָר די יידן פֿון ארץ־ישׂראל האָבן דערפֿון ווינציג געהאַט נחת: פֿון דער רוימישער מאַכט האָבן זיי כסדר געהאַט צרות.

צוערשט האָבן די רוימער איבערגעלאָזט די יידן אַ שאָטן פֿון זעלבשטענדיגקייט און געגעבן זיי אַן אייגענעם פֿירשט. דאָס איז געווען הורדוס, וואָס האָט געשטאַמט פֿונם פֿאַריידישטן מדבר־שבט אדומים. הורדוס האָט באַזייטיגט דעם קיניג און כהן גדול פֿון דער משפּחה חשמונאים און האָט פֿאַרשטאַנען צו געווינען פֿאַר זיך, אין דער צייט פֿון די בירגערקריג, אַלע רוימישע מושלים, וואָס זיינען געווען צייט־ווייליג ביי דער מאַכט: צוערשט פּומפּיוסן, דערנאָך צעזאַרן, ברוטוסן און קאַסיוסן, אַנטאָניוסן און צולעצט אָקטאַוויאַנוס אווגוסטוסן. בכדי זיך צוצוחנפֿען צו די רוימער, האָט הורדוס (געקיניגט פֿון 40—4 פֿאַר קר.) ארויפֿגעזעצט דעם רוימישן גאָלדענעם אָדלער אויפֿן טויער פֿון בית־המקדש און האָט זיך געפּלייסט איינצופֿירן אין ירושלים טעאַטערס,

שפּילן, גימנאַסטיקשולן. אין אַסך געגנטן פון ארץ ישראל האָט ער אויסגעבויט קיסריאַס, ד. ה. שטעט מיט היילינטימער לכבוד דעם קיסר; אַסך פעסטונגען האָט ער אויסגעבויט אויף צו האַלטן דאָס פאָלק אין מורא, פאַראיינס זיינען דאָרט אויך געווען תפיסות פאַר די געגנער פון זיין ממשלה. ער האָט אויך געפּרובט איינצונעמען פאַר זיך די יידן דורך איבערבויען און אויספּוצן דעם בית־המקרש, דורך גרויסע נדבות, אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. דאָס פאָלק האָט אים פיינט געהאַט: דער דאָזיגער זינדיגער קיניג איז געווען פונקט דער היפך פונם משיח, דעם גרויסן און הייליגן פירער, וואָס דאָס פאָלק האָט אויף אים געוואַרט זינט דעם אויפשטאַנד פון די חשמונאים.

נאָך הורדוסעס טויט האָט אווגוסטוס באַשלאָסן צוצונעמען פאַלעס־טינע אינאַנצן פאַר דער אימפּעריע און צו שיקן אהין פּראָקוראַטאָרן. דאָס יידישע פאָלק האָט זיך דערפילט אזוי אין געפאַנגענשאַפט ביי די רוימער. אין קאַזאַרמעס נעבן בית־המקדש איז געזעסן אַ רוימישער גאַרניזאָן. אין די גרויסע ימים טובים, ווען די הויפן פון בית־המקדש זיינען געווען איבערגעפילט מיט עולי־רגל, זיינען געשטאַנען גרייט באַ־וואָפנטע זעלנער, בכדי אָנצופאַלן אויף דער מאַסע, ווי נאָר עס וועט זיך דערהערן אַ רוף צו אַן אויפשטאַנד. די רוימער האָבן ארויפגעלייגט אויפן לאַנד שווערע צינזן. בדלות געשטעלט דורך די צינזצאָלונגען, האָבן די ערדארבעטער אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די דערפער און קלייבן זיך אין באַנדעס. פון אָטדי באַנדעס האָט דער רעפּובליקאַנער יהודה הגלילי מיט זיינע זין צונויפגעקליבן אַ חיל, בכדי מורד צו זיין קעגן די רוימער, און האָט ערקלערט, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף קיין אַנדער קיניג ניט האָבן, חוץ גאָט.

די רוימישע באַאַמטע האָבן דורך זייער רשעות צערייצט אַפילו די פרידליכסטע בירגער. דער פּראָקוראַטאָר פּאָנטיוס פּילאַטוס, וואָס וועגן אים ווערט דערציילט אין עוואַנגעליע, אַז ער זאָל דאָס האָבן געקרייציגט קריסטוסן, האָט באַלד, ווי ער איז אָנגעקומען אויף זיין שטעל, געוואָלט אריינפירן אין ירושלים די רוימישע מיליטערצייכנס מיט זילבערנע בילדער פונם קיסר און האָט געהייסן אוועקשטעלן זיי ביינאַכט, אַז קיינער פון די יידן זאָל עס ניט באמערקן, נעבן בית המקדש. אינדערפריה, אַז יידן האָבן דאָס דערזעהן, איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה. אַ גוואַלדיגער המון, געפירט פון חכמים, איז אוועק צופוס קיין קיסריא ביים ים, וואו עס האָט געוואוינט דער פּראָקוראַטאָר. פינף מעת לעת זיינען יידן גע־שטאַנען פאַר פּילאַטוסעס שטוב און האָבן מיט קולות געפאָדערט,

מ׳ זאָל אוועקטראָגן די רוימישע צייכנס פֿון בית־המקדש. האָט פּילאַטוס געהייסן די געקומענע זיך צונויפֿקלייבן אין צירק, מכלומרשט בכדי זיך דאָרט מיט זיי אויסצוטענען. אָבער מיט אַן אמת האָט ער ארומגערינגלט דעם המון מיט זעלנער און געהייסן זיי ארויסציהען די שווערדן. דעמאָלט זיינען די יידן אנידערגעפֿאַלן אויף דער ערד, האָבן אויסגעשטרעקט די העלזער צו דער שחיטה און האָבן געזאָגט: זיי וועלן בעסער שטאַרבן, איידער דערלאָזן אַ חילול הקודש. דעמאָלט איז פּילאַטוס צעטומלט געוואָרן און האָט געמוזט נאָכגעבן.

וואָס מער אונטערדריקונגען יידן האָבן געליטן, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן ביי זיי דער גלויבן, אַז עס וועט קומען דער גרויסער אויסלייזער, דער משיח פֿון בית דוד, וואָס וועט אויפֿריכטן דאָס יידישע קיניגרייך, ווי אין דוד המלכס צייטן. אָבער ניט אַלע יידן האָבן געגלויבט אין משיחן. די רייכע משפחות, וואָס פֿון זיי פֿלעגט מען אויסקלייבן די כהנים גדולים און וואָס זייערע מיטגלידער זיינען געזעסן אין סנהדרין, ד. ה. דעם העכסטן גייסטליכן ראָט, זיינען געווען צופֿרידן דערפֿון, וואָס אין דער גאַנצער אימפעריע ווערט פֿאַרשפּרייט די יידישע אמונה, וואָס עס וואַקסן די הכנסות פֿונם בית־המקדש, און האָבן ניט געוואָלט איינרייסן מיט די רוימער. אַנדערש האָבן געקלערט די מיטעלע מענשן, די דאָרפֿישע איינוואוינער און אָרימע לייט, אויך די פּשוטע כהנים און אַ גרויסער טייל פֿון די געלערנטע סופרים. די דאָזיגע מאַסע פֿון פֿאָלק האָט זיך אויך צעטיילט אויף רודפי שלום און אויף קריגערישע מענשן. די רודפי שלום האָבן געלעבט לויט דער שיטה פֿון די פּרושים און האָבן זיך געפֿלייסט אָפּצוהיטן די ריינקייט פֿונם אַלטן גלויבן און אָפּצוריכטן שטרענג אלע צערעמאָניעס. דעם משיחס קומען האָט זיך זיי אויסגעמאָלט אזוי, אַז עס וועט אָנקומען אַ צייט פֿון שלום און גוטס אויף דער וועלט, וואָס גאָט וועט עס אראָפּשיקן בשכר פֿאַר די מאַטערדיגע יסורים פֿון פֿאָלק. די קריגערישע פּאַרטיי, פֿאַרקערט, די קנאים, האָבן זיך געגרייט צו אַ מוראדיגן און פֿאַרביטערטן קאַמף מיט די פֿרעמדע. צווישן זיי פֿלעגן אויפֿקומען באַנדעס און חברות, וואָס זייערע מיטגלידער פֿלעגן געבן אַ שבועה ניט נאָר צו פֿאַרטיליגן די רוימער מיט אַלע מיטלען, נאָר אויך הרגען די אייגענע פֿאָלקסברידער, וואָס וועלן שטיין אין וועג צו דער פֿרייהייט

עס איז אויך געווען ביי יידן נאָך אַ כתה, וואָס האָבן ניט שטאַרק געהאַלטן פֿונם בית־המקדש מיט זיינע צערעמאָניעס. דאָס זיינען געווען די אסיים, וואָס דער גרעסטער רוב פֿון זיי האָבן געוואוינט ניט אין די

שטעט, נאָר אין באַזונדערע ישובים, צום טייל אויפֿן גרעניץ פֿון מדבר. זיי האָבן געבילדעט באַזונדערע ברודערגעמיינדעס, זיך געהאַלטן אָפּ־געזונדערט פֿונם איבעריגן פֿאָלק און זיך אויסגעצייכנט דורך זייערע ווייסע קליידער און אָפֿטע טבילות. אַסך פֿון די אסיים האָבן זיך גע־פֿיינגט מיט סיגופים, פֿלעגן אָפֿט פֿאַסטן און האָבן ניט קיין חתונה געהאַט. צערעמאָניעס זיינען ביי די אסיים געווען פשוטע: זיי פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן באַגינען און באַגעגענען דעם זונאויפֿגאַנג מיט זינגען מזמורים.

דער גרויסער אויפֿשטאַנד פֿון די יידן. אין יאָר 66 אין נירונס צייט זיינען אַסך קנאים אריינגעטראָטן אין ירושלים און האָבן געפֿאָדערט, עס זאָל בטל ווערן דער קרבן, וואָס מען פֿלעגט זינט אווגוסטוסן ברענגען אַלע טאָג אין ירושלים פֿארן קיסרס הויזגעזינד. דאָס האָט באַטייט אַ מרידה קעגן רוים.

די רייכע כהנים־משפחות, וואָס האָבן פֿאַרוואַלטעט איבערן בית־הקדש, האָבן געמוזט צושטיין צו דער פֿאָלקסבאַוועגונג; ווייל זיי האָבן געוואָלט ארויסראַטעווען די רייכטימער פֿון ירושלים. פֿאַר אַ קאָמאַנדיר פֿונם חיל, וואָס זיי האָבן ארויסגעשטעלט קעגן די רוימער, איז באַשטימט געוואָרן דער יונגער געלערנטער יוסף בן מתתיהו, וואָס האָט זיך מייחס געווען צו דער משפחה חשמונאים. דערווייל האָט זיך אָנגערוקט פֿון צפֿון דער גע־ניטער רוימישער קאָמאַנדיר אספּסינוס. די יידן האָבן קיין רעגולערן חיל ניט געהאַט, און די אָפּטיילונגען פֿרייוויליגע האָבן אין אָפֿענעם פֿעלד ניט געקאָנט באַשטיין אַנטקעגן די רוימישע לעגיאָנען. דער גאַנצער קאַמף איז באַשטאַנען אין פֿאַרטיידיגן די פֿעסטונגען פֿון פֿאַלעסטינע. יוסף האָט זיך איינגעשלאָסן אין דער שטאָט יודפת, וואָס איז געווען אויסגעבויט אויף די פֿעלזנבערג פֿון גליל און האָט זיך דאָרט פֿאַרטיידיגט קעגן אספּסינוסן. צולעצט האָבן די רוימער אין שטורעם איינגענומען די פֿעסטונג, נאָר די העלדישסטע קעמפֿער זיינען אַנטלאָפֿן און האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ הייל, אויך יוספֿן האָבן זיי גענומען מיט זיך. אז זיי האָבן געזעהן, אַז זיי האָבן שוין קיין אויסגאַנג ניט, האָבן זיי באַשלאָסן אויסצוהרגען איינער דעם אנדערן. נאָר יוסף האָט געמאַכט אזוי, אז ער מיט נאָך איינעם זיינען געבליבן די לעצטע, און האָט זיך אונטערגעגעבן די רוימער. אספּסינוס האָט אים צוגענומען צווישן זיינע קליענטן און האָט אים גע־געבן דעם פֿאַמיליענאָמען פֿלאַוויוס. שפּעטער איז יוסף פֿלאַוויוס געוואָרן אַ הויפּהיסטאָריקער און האָט געפּרובט אין זיינע שריפֿטן דערווייזן פֿאַר די רוימער, אַז דער גרעסטער רוב פֿון יידישן פֿאָלק איז געווען קעגן דער

מלחמה. ס׳ איז אבער פֿון זיינע דערציילונגען גופא צו זעהן, אַז זעהר אַסך יידן האָבן געגלויבט באמונה שלמה, אַז יידן וועלן מנצח זיין.

אספסינוס איז שוין געווען גרייט צו גיין אויף ירושלים, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מהומות אין רוים, און די זעלנער האָבן אים אויסגעקליבן פֿאַר אַ קיסר (אויב. ז. 225). די מלחמה אין פּאַלעסטינע איז כמעט אויף צוויי יאָר אָפּגעשטעלט געוואָרן. גאָר צווישן יידן האָט אויך געווילדעוועט אַ בלוטיגער ברודערקריג, און דערפֿאַר האָבן זיי ניט באַוויזן זיך צוצוגרייטן צו דער פֿאַרטיידיגונג. בעת צו ירושלים איז צוגעטראָטן אספסינוסעס זון טיטוס, האָבן די קנאים, וואָס האָבן גובר געווען אַלע איבעריגע פּאַרטייען, אויסגעקליבן אַ כהן גדול על פי גורל, פֿאַרכאַפּט דאָס גאָלד פֿון בית־המקדש און צונומען די טייערע שטיינער אויף צו בויען פֿעסטונגסמויערן. די קנאים האָבן זיך פֿאַרטיידיגט מיט דער גרעסטער גבורה, אבער נאָך מער ווי קעגן די רוימער, האָבן זיי געווילדעוועט קעגן יענע יידן, וואָס האָבן פֿאַרגעלייגט, מען זאָל זיך אונטערגעבן און בעטן שלום. נאָכדעם ווי די רוימער האָבן גענומען אין שטורעם איינע נאָך דער אַנדערער צוויי מויערן, וואָס האָבן ארומגערינגלט ירושלים, האָט זיך נאָך געהאַלטן דער בית־המקדש, וואָס איז געווען שטאַרק באַפֿעסטיגט. און די מאמינים האָבן געמוזט, צו זייער צער און שרעק, דערלעבן, אַז דאָס הייליגטום איז פֿאַרשוועכט געוואָרן דורך פֿאַרגאָסענעם מענשליכן בלוט. אויך דער הונגער האָט אין דער באַלעגערטער שטאָט געווילדעוועט. צולעצט האָבן די רוימער אונטערגעצונדן דעם בית־המקדש, און דורכדעם איז דער גורל פֿון ירושלים און פֿון יידישן פֿאָלק געווען באַזיגלט.

ביזן היינטיגן טאָג שטייען נאָך אין רוים צוויי דענקמעלער, וואָס דערציילן וועגן בלוטיגן זיג איבער די יידן. איינס איז טיטוסעס טריאומף־בויגן, וואו צווישן אַנדערע זאַכן איז אויסגעמעלט, ווי אזוי רוימישע זעלנער טראָגן די מנורה, וואָס זיי האָבן אוועקגערויבט פֿון בית־המקדש. דאָס צווייטע איז דער פֿלאַוויוס־אַמפֿיטעאַטער (קאָלאָסעאום אָדער קאָליזעאום), דער גרעסטער אין דער וועלט, וואָס אַספּסינוס האָט אויסגעבויט: דאָרט זיינען מאַסן געפֿאַנגענע יידן אָפּגעגעבן געוואָרן אויף צו פֿאַרצוקן ווילדע חיות פֿאַר די אויגן פֿון בלוטדאָרשטיגן רוימישן המון.

דער חורבן פֿון ירושלים איז געווען אַ גרויס אומגליק פֿאַרן יידישן פֿאָלק. די רוימער האָבן אַלע יידן באַטראַכט פֿאַר קנעכט און דערפֿאַר ארויפֿגעלייגט אויף זיי אַ קאָפּשטייער; בכדי אָפּצונעמען ביי זיי די מעגליכקייט זיך ווידער צונויפֿצוקלייבן, האָבן זיי ניט געלאָזט אויפֿבויען צוריק דעם בית־המקדש. די כהונה גדולה און דער סנהדרין זיינען בטל געוואָרן.

די פֿירער פֿון די יידן זיינען זינט יענער צייט געוואָרן די געלערנטע, וואָס האָבן באַקומען שפּעטער דעם טיטל תנאים.

אין יענער צייט האָבן זיך אויך אַ טייל יידן אינגאַנצן אָפּגעשפּאָלטן פֿון זייער פֿאָלק. זיי האָבן אויפֿגעהערט גלויבן אין אַ משיח, וואָס וועט אויסלייזן יידן און ווערן זייער קיניג, זיי האָבן זיך אויך אָפּגעזאָגט צו היטן אַ סך יידישע דינים. פֿון אָטדי יידן האָבן זיך געבילדעט די עלטסטע יידיש-קריסטליכע געמיינדעס. אין פּאַלעסטינע גופא אבער זיינען געווען גאָר ווינציג קריסטן. דאָס קריסטנטום האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרשפּרייטן דער עיקר אין יענע גלות-לענדער, וואו יידן האָבן געוואוינט.

דער קאַמף פֿון רוים קעגן די באַרבאַרן. אין דערזעלביגער צייט, ווען אין מזרח האָבן זיך אָפּגעשפּילט אָטדי בלוטיגע געשעהענישן, האָבן די רוימער ניט אויפֿגעהערט צו פֿירן זייער קאַמף מיט די באַרבאַרן, וואָס האָבן זיך געגרעניצט מיט דער אימפּעריע פֿון צפון-זייט.

ביי היינטיגן טאָג וואוינען די ווילדע און אָפּגעשטאַנענע פֿעלקער ווייט פֿון די אייראָפּעער און זיינען אַ קליינער און צעוואָרפֿענער מיעוט לגבי די געבילדעטע קולטורפֿעלקער. מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק איז דאָס געווען פונקט פֿאַרקערט. די ווילדע פֿעלקער האָבן פֿאַרנומען דעם מיטן, צפון און מזרח פֿון אייראָפּע, אַן ערך $^4/_5$ פֿונם קאָנטינענט. זיי זיינען געשטאַנען האַרט ביים שוועל פֿון דער געבילדעטער וועלט. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט אַ באַנדע זיך אריינרייסן אין די קולטורווירטע דרום-לענדער און שרעקליך זיי פֿאַרוויסטן. אזוי זיינען אָנגעפֿאַלן אויף איטאַליען און אויף די ברעגעס פֿון מיטללענדישן ים די קימבערן און טעווטאָנען.

אין די בערג אויפֿן גרעניץ גופא האָבן געוואוינט רויבער-שבטים. אַ לאַנגע צייט האָבן די רוימער ניט געקאָנט אויסנוצן די דורכגענג פֿון די אַלפּן צוליבן פֿאַרקער צווישן איטאַליען און גאַליען. די אלפּישע באַרג-שבטים פֿלעגן אָנפֿאַלן אויף די פֿאַרבייפֿאָרער, אראָפּקייקלען פֿון די שפּיצן בערג מוראדיגע שטיינער אויף פֿאַרבייגייענדיגע רוימישע חילות, האָבן איינמאָל צערויבט אַ גאַנצן טראַנספּאָרט מיט זילבער, וואָס מען האָט געפֿירט פֿאַרן קיסר. האָבן די רוימער גענומען זיך אהן רחמנות אויסטיליגן די באַרג-שבטים; איין אלפּישער שבט פֿון 45000 מאַן איז געוואָרן פֿאַרקויפֿט אין שקלאַווערייַ, בתנאי אז די קונים זאָלן זיי אוועקפֿירן ווייט און ניט ארויסלאָזן פֿריי פֿריהער, ווי אין 20 יאָר ארום.

בעת צעזאַר האָט איינגענומען דאָס הינטעראַלפּישע גאַליען, איז אים אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט די שטאַרק קריגערישע און

אומרוהיגע ג ע ר מ אַ נ ע ן, וואָס זיינען געקומען פֿון יענער זייט ריין. אויך צעזאַרס יורשים האָבן ניט געהאַלטן פֿאַר זיכער זייער מעמד אין גאַליען, כל זמן פֿון מזרח־זייט איז דער וועג אָפן פֿאַר די גערמאַנען. צום לאַנד גופא, וואו די גערמאַנען האָבן געוואוינט (דאָס איצטיגע דייטשלאַנד, טשעכיען, פּוילן, האָלאַנד, דענעמאַרק און דרום־שוועדן), האָבן די רוימער גאָר קיין חשק ניט געהאַט; עס איז געווען איינגאַנצן באַדעקט מיט וועלדער און זומפּן. גוואלדיגע געדיכטע וועלדער האָבן זיך געצויגן אויף הונדערטער ווערסט. דער הערצינישער וואַלד האָט זיך אָנגעהויבן ביים מיטלסטן ריין און האָט זיך געצויגן קיין מזרח אויף 6 טאָגרייזן אין דער ברייט (150 ווערסט) און 2 חדשים אין דער לענג (1500 ווערסט).

ווי נאָר די רוימער פֿלעגן פּרובן זיך אריינלאָזן טיף אין גערמאַניען, האָבן זיי געהאַט מפּלות. צום סוף פֿון אווגוסטוסעס רעגירונג זיינען דריי לעגיאָנען פֿאַרנאַרט געוואָרן אין געדיכטעניש פֿון ט ע ו ט אָ ב ו ר ג ע ר וו אַ ל ד דורך אַרמיניוס (הערמאַן) פֿון דעם שבט כערוסקער און אויס־געקוילעט. אין טיבעריוס' צייט האָט זיין שטיפֿזון גערמאַניקוס געפּרובט פֿאַרכאַפּן דעם צפֿון־טייל פֿון לאַנד, געפֿירט אַחיל דורך דער יבשה איבערן ריין און וועזער ביז דער עלבע און אויך געשיקט אַ פֿלאָט פֿון דער זייט פֿון צפֿון־ים. אָבער אלע געווינסן פֿון דער גרויסער עקספּעדיציע זיינען געגאַנגען פֿאַרלאָרן, ווי נאָר דער באַצווינגער איז אוועקגעגאַנגען. די רוימישע לעגיאָנען מיט זייער גרויסאַרטיגן געווער און אַרטילעריע האָבן געהאַט די אויבערהאַנט איבער די גערמאַנען אין רעגלמאָסיגע געשלעגן. די ווילדע גערמאַנען, הגם וואוקסיגע און שטארקע, האָבן געהאַט נאָר שלעכט געווער פֿון שטיין, ביין, האָרן; אָפּטמאָלס פֿלעגן בלויז אין די ערשטע רייהען שטיין קריגסלייט, באַוואָפֿנט מיט לאַנגע שפּיזן מיט בראָנזענע אָדער אייזערנע שפּיזן, די איבעריגע האָבן געהאַט פּיילן און קורצע הילצערנע וואָרפֿשפּיזן, וואָס זייערע שאַרפֿע שפּיצן זיינען געווען אָנגעברענט אויפֿן פֿייער. אבער היות ווי אין לאַנד זיינען קיין וועגן ניט געווען, און קיין לעבנסמיטלען האָט מען ניט געקאָנט קריגן, איז טאַקע קיין האָפֿענונג ניט געווען עס איינצונעמען.

דעריבער האָבן די רוימער צוגעקלערט אַן אנדער פּלאַן. זיי האָבן איינגעשטעלט אַ מיליטער־גרעניץ, אויף אָפּצוהיטן פֿון אָנפֿאַלן די וועגן, וואָס האָבן געפֿירט קיין גאַליען און צו די אַלפּנדורכגענג. דאָ האָט מען באַזעצט אויף שטענדיג אַ העלפֿט פֿון אַלע רוימישע מיליטערקרעפֿטן. ביי די שיידוועגן, ביי די גרויסע טייך־איבערגענג האָט מען אויסגעבויט פֿעסטונגען. דערנאָך האָט מען פֿאַרצאַמט דעם דרומית־מערבית־ווינקל

פֿון דייטשלאַנד דורך אַ גראָבן און אַ וואַל; אויפֿן וואַל זיינען אין פֿאַרשיידענע ערטער געווען צעשטעלט וואַכטורעמס. הינטער דעם איז געגאַנגען אַ צווייטע ליניע פֿון באַפֿעסטיגטע לאַגערס. ארום די זעלנער־ישובים זיינען אין גיכן געוואָרן האַנדלסשטעטלאַך. די גערמאַנען האָבן אָנגעהויבן צו פֿירן אהין זייערע סחורות, באַזונדערס פֿעלן און רויכוואַרג, און אויסבייטן דאָס אויף רוימישע מטבעות, וואָס זיינען זיי שטאַרק נעפֿעלן געווען. פֿון אָט די רוימישע גרעניצשטעט האָבן זיך געבילדעט די איצטיגע גרויסע שטעט: ק ע ל ן, ש ט ר אַ ס ב ו ר ג, ו ו י ן, ב ו ד אַ פ ע ש ט.

די רוימער האָבן זיך אויך אַ רוק געטאָן און ארומגעצאַמט זיך מיט אַ וואַל אויפֿן אינזל ב ר י ט אַ נ י ע ן. אויך דאָס דאָזיגע לאַנד איז געווען באַזעצט פֿון שטאַרק אָפּגעשטאַנענע שבטים: ביי די בריטן זיינען נאָך געווען אין גאַנג אַזעלכע קריגסרייטוועגן, ווי די, וואָס עס האָבן גענוצט די האָמערישע העלדן; אונטער הייליגע בוימער פֿלעגן דרואידן קוילען פֿאַר קרבנות געפֿאַנגענע. ווען מען האָט איינעם פֿון די בריטישע אָנפֿירערס געבראַכט צופֿירן קיין רוים און באַוויזן די גרויסאַרטיגע פּאַלאַצן פֿון דער הויפּטשטאָט, האָט ער פֿאַרוואונדערט געפֿרעגט: צוליב וואָס דאַרפֿן די האַרן פֿון אַזוי פֿיל עשירות האָבן די אָרימע כאַלופּקעס פֿון זיין היים? צוערשט זיינען די רוימער מיטן איינגעמען בריטאַניען אויסן געווען דאָס געמליכע, וואָס מיט זייערע מלחמות אויף יענער זייט ריין: צו באַשיצן די פּראָווינץ גאַליען. נאָר שפּעטער האָבן זיי איינגעזעהן, אַז זיי קאָנען אויסנוצן די מינעראַלרייכטימער פֿונם אינזל. דער הויפּטאָרט פֿאַרן ארויספֿיר איז געוואָרן די שטאָט לאָנדיניום (די איצטיגע לאָנדאָן) ביי דער לעפֿצונג פֿון דער טעמזע. די רוימער האָבן נים געהאַט קיין כחות איינצונעמען דעם גאַנצן אינזל. נאָר בכדי זיי זאָלן קאָנען רוהיג געוועלטיגן איבערן דרום און מיטן, האָבן זיי געמוזט זיך אָפּצאַמען פֿון די ווילדסטע צפֿון־שבטים, וואָס האָבן געוואוינט אין איצטיגן שאָטלאַנד. דער וואַל, וואָס די רוימער האָבן אויסגעבויט אויפֿן ברייטן ערדפּאַס צווישן אירלענדישן ים און צפֿון־ים, איז געווען אַן אמתער מויער, הויך און נים צוטריטליך; קיין האַנדל, ווי אויפֿן גרעניץ פֿון דרום־דייטשלאַנד, איז דאָ נים געפֿירט געוואָרן.

בריטאַניען איז איינגענומען געוואָרן אין דער צייט פֿונם קיסר דאָמיציאַנוס, אַספּסינוסעס צווייטן זון. אַ פּחדן און בעל־מקנא, האָט דאָמיציאַנוס באַלד אָפּגערופֿן פֿון קרינספּלאַץ דעם קאָמאַנדיר אַגריקאָלאַ, וואָס האָט דעם אינזל איינגענומען, ווייל ער האָט מורא געהאַט פֿאַר זיין העלדנגאָמען. אין דער זעלביגער צייט האָט דאָמיציאַנוס געליטן אַ גרויסע

מפּלה אין צפונית־מזרחיתדיגן ווינקל פֿון דער אימפּעריע. דאָ האָט זיך געפֿונען צווישן די קאַרפּאַטן, דעם דאָנוי און שוואַרצן ים די מלוכה פֿון די דאַקער. זיי זיינען געווען אַ סכנה פֿאַר די רוימישע פּראָווינצן אילירי̇ען (דאָס איצטיגע דאַלמאַציען, באָסניען און סערביען) און מעזיען (דאָס איצטיגע באָלגאַריען). די דאַקישע רייטערס, אָנגעטאָן אין היטלען פֿון וועלפֿישע קעפּ, מיט גראָבע שטימען און אַ ווילדן קוק, האָבן אויסגעוויזן דעם רוימישן פּאָעט, „ווי אַן אמתע געשטאַלט פֿון ווילדן מאַרס“. צוערשט האָט דאָמיציאַנוס גופֿא מיט גרויס טומל און פּאַראַד זיך געלאָזט גיין קעגן די דאַקער, נאָר באַלד איז ער אַנטלאָפֿן צוריק קיין רוים און האָט געהייסן דעם הויפּטקאָמאַנדיר קויפֿן שלום ביי די דאַקער. פֿאַרן שלום האָט ער צוגעזאָגט צו שיקן זייער קיניג אינזשענערן, קינסטלער און בעלי מלאכות און אויך אַסך מתנות פֿון דער קייזערליכער קאַסע.

דאָמיציאַנוסן האָבן דערהרגעט זיינע אייגענע באַדינער; מיט אים האָט זיך געענדיגט די דינאַסטיע פֿון די פֿלאַוויער (70—96). פֿאַר אַ קיסר איז אויסגערופֿן געוואָרן דער אַלטער סענאַטאָר נערוואַ, און ער האָט באַלד צוגענומען פֿאַר אַ זון און דערקלערט פֿאַר זיין יורש דעם פֿאַרוואַלטער פֿון אויבערדייטשלאַנד (ד. ה. דרום־דייטשלאַנד), אולפּיוס טראַיאַנוס.

טראַיאַנוס (טרינוס קיסר, 98—117 נ. קר.) איז געווען אַזאַ מין קריגסהעלד, ווי פּומפּיוס אָדער צעזאַר, שטענדיג פֿאַרנומען מיט ברייטע קריגספּלענער און גרויסע מיליטערישע אויפֿטוען, ניט צו וויסן פֿון קיין רוה אָדער רחמנות, ווי אַ פֿאַרצייטיגער רוימישער קאָנסול. טרינוס האָט זיך גענומען פֿאַרענדיגן די מלחמה קעגן די דאַקער, וואָס דאָמיציאַנוס האָט געוואָרפֿן אין מיטן, און צוליב דעם האָט ער אויסגעבויט אַ געמויערטן בריק איבערן דאָנוי ביים „אייזערנעם טויער“, דאָרט, וואו דער טייך רייסט זיך דורך אַ וועג צווישן פֿעלזיגע בויכענישן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. די באַרבאַרן, וואָס זיינען לעבן געבליבן, האָבן די רוימער ארויסגעטריבן פֿון זייער היים און באַזעצט זיי אין די אינעווייניגסטע געגנטן פֿון דער אימפּעריע. אויף זייער אָרט ווידער האָט מען איבערגעשיקט קאָלאָניסטן פֿון אַנדערע געגנטן. אַ סך רוימישע זעלנערס מיט זייערע משפּחות האָבן זיך דאָ באַזעצט. פֿון אָט די רוימישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פֿאַרבליבענע אָרטיגע איינוואוינער, שטאַמט אָפּ דאָס פֿאָלק פֿון די רומענער (רומענער = רוימער). קעגן די אָנפֿאַלן פֿון די נאָמאַדן־שבטים,

וואָס וואָלטן גרינג געקאָנט ארייַנדרינגען דורך די אָפֿענע סטעפּעס פֿון דאָנוי־פּליין, האָבן די רוימער זיך אָפּגעצאַמט דורך אַ רייה פֿעסטע וואַלן, וואָס גייען פֿונם פּרוט ביזן שוואַרצן ים; איינער פֿון זיי הייסט נאָך ביזן היינטיקן טאָג טראַיאַנס וואַל.

פֿאַר אַ דענקמאָל פֿון די מלחמות אויף יענער זייט דאָנוי איז געבליבן די טראַיאַנוס־קאָלאָנע, וואָס איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אין רוים פֿון ווייסן מירמלשטיין און האַלט 100 פֿוס די הייך. אויף איר זייַנען פֿאַר־געשטעלט אין רעליעפֿבילדער שלאַכטן, איבערגענג פֿון רוימישע לעגיאָנען איבער בריקן, דעם קיסרס רעדע פֿאַרן חיל, אָנפֿאַלן פֿון רוימער אויף דערפֿער פֿון די באַרבאַרן און נאָך אנד.

דאָס לעבן פֿון די באַרבאַרן האָט שטאַרק אינטערעסירט די רוימער. איינער פֿון טראַיאַנוסעס מקורבים, דער היסטאָריקער טאַציטוס, האָט אין יאָר 98 פֿאַרפֿאַסט אַ באַשרייבונג פֿונם לעבנס־שטייגער פֿון די גער־מאַנען. טאַציטוס איז נים צופֿרידן מיט זיין צייט, ער האַלט די רוימער, וואָס האָבן געדולדיג אריבערגעטראָגן נירונס און דאָמיציאַנוס' קאַפּריזן, פֿאַר אַ פֿאַרדאָרבן און געפֿאַלן פֿאָלק. קעגן זיי שטעלט ער ארויס די באַרבאַרן, די גערמאַנען און בריטן, ווי אַ מוסטער פֿון קראַפֿט, געפֿילן־פֿרישקייט, ערליכקייט און ליבשאַפֿט צו פֿרייהייט.

דער צווייטער אויפֿשטאַנד פֿון די יידן. נאָכדעם ווי טרינוס האָט גובר געווען די דאַקער, האָט ער זיך גענומען אויספֿירן דעם גרויסן פּלאַן פֿון אַ מלחמה אין מזרח, וואָס האָט געדאַרפֿט איבערחזרן די אונטערנעמונג פֿון אלכסנדר מוקדון. אים האָט זיך איינגעגעבן איינ־צונעמען אַרמעניען און אָפּצונעמען ביי די פּאַרטער מעסאָפּאָטאַמיען. דערנאָך האָט ער איינגענומען בבל און די הויפּטשטאָט פֿון די פּאַרטער קטעסיפֿאָן ביים טייך חידקל. צולעצט האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין טיף פּערסיען. נאָר אַלע זיינע נצחונות זייַנען געוואָרן צו נישט אדאַנק דעם שרעקליכן אויפֿשטאַנד פֿון די יידן, וואָס איז אויסגעבראָכן הינטער אים. גלייכצייטיג זייַנען אויפֿגעשטאַנען סיי די יידן, וואָס האָבן געוואוינט אין דער רוימישער אימפּעריע, אין עגיפּטן, קירענע, אויפֿן אינזל קיפּראָס, און סיי די, וואָס האָבן געוואוינט אין דער פּאַרטישער מלוכה ביים טייך פּרת. אין מיטן אָטדי געשעהענישן איז טראַיאַנוס געשטאָרבן, און זיין יורש עליום האַדריאַנוס (אדרינוס קיסר, 117—138 נאָך קר.) האָט באַלד אָפּגעגעבן צוריק די פּאַרטער אַלע לענדער, וואָס טראַיאַנוס האָט איינגענומען.

נאָר דערמיט האָבן זיך נאָך די צרות פֿון די רוימער ניט געענדיגט. אויך אין פּאַלעסטינע האָבן זיך צונויפֿגעקליבן די אויפֿגעשטאַנענע יידן; בראש פֿון זיי איז געשטאַנען שמעון מיטן צונאָמען בר כוכבא, (ד. ה. „שטערן־זון“), וואָס אַסך יידן האָבן געגלויבט, אַז ער איז דער געהאָפֿטער משיח. שמעון האָט ארויסגעטריבן דעם רוימישן גאַרניזאָן פֿונם לאַגער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן אָרט פֿון דער צעשטערטער ירושלים. אויף די מטבעות, וואָס ער האָט געגאָסן, איז געשטאַנען די אויפֿשריפֿט „לחרות ירושלים“.

הדריאנוס האָט געמוזט צונויפֿקלייבן קיין פּאַלעסטינע מיליטער פֿון דער גאַנצער אימפּעריע, און ערשט אין דריי יאָר ארום האָבן די רוימער גובר געווען די מרידה (אין יאָר 135). דער זיגער איז זיך באַגאַנגען נאָך מיט מער רשעות, איידער טיטוס. ער האָט געוואָלט עוקר מן השורש זיין אַלץ, וואָס האָט געקאָנט דערמאָנען אָן דער אַמאָליגער צייט. ביז 1000 יידישע ישובים זיינען פֿאַרברענט געוואָרן; אויפֿן אָרט פֿון ירושלים איז אויסגעבויט געוואָרן גאָר אַ נייע שטאָט, וואָס איז באַזעצט געוואָרן דורך אויסלענדער און האָט באַקומען דעם נאָמען עליאַ קאַפּיטאָלינאַ, נאָך דעם קיסר גופא און נאָך דעם רוימישן הויפּטגאָט יופּיטער דעם קאַפּיטאָלישן. אונטער טויטשטראָף איז יידן פֿאַרבאָטן געוואָרן צו קומען קיין ירושלים.

די אימפּעריע אין דער תקופה פֿון די אַנטאָנינען. ניט טראַיאַנוס און ניט הדריאַנוס האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. בכדי עס זאָל זיך ניט איבעררייסן די קייט פֿון דער מאַכט, פֿלעגן די קיסרים אליין באַשטימען זייערע יורשים. אזוי האָט טראַיאַנוס צוגענומען פֿאַר אַ זון הדריאַנוסן, הדריאַנוס — אַנטאָנינוס פּיוסן (138—161), אַנטאָנינוס פּיוס האָט צוגענומען פֿאַר אַ זון מאַרקוס אווּרעליוס (161—180). אָט די אַלע קיסרים, אָנגעהויבן פֿון נערוואַ, רופֿט מען אָן די אַ נ ט אָ נ י נ ע ן, נאָך דעם פֿערטן פֿון זיי.

אין דער צייט פֿון די אַנטאָנינען (96—192 נאָך קר.) האָט די רוימישע אימפּעריע פֿאַרנומען איר גרעסטן שטח. צו איר האָבן געהערט, חוץ איטאַליען, די איצטיגע: שפּאַניען און פּאָרטוגאַל, פֿראַנקרייך און בעלגיען, ענגלאַנד, דרומית־מערבית־דייטשלאַנד, די שווייץ, אַ גרויסער טייל פֿון עסטרייך און אונגאַרן, אַלע לענדער פֿון באַלקאַנהאַלבאינזל, קליינאַזיע און סיריען, עגיפּטן און דער גאַנצער ברעג־פּאַס פֿון צפֿון־אַפֿריקע, דערין אויך מאַראָקאָ (די רוימער האָבן עס גערופֿן

מאוריטאַניען). אונטער דער ממשלה פֿון די רוימער האָבן זיך געפֿונען ניט ווינציגער פֿון 20 פֿעלקער; די וויכטיגסטע פֿון זיי זיינען געווען: גריכן, אילירער (צווישן אַדריאַטישן ים און דער דאָנוי), סיריער, יידן, עגיפּטער, אַפֿריקאַנער (וואָס שטאַמען פֿון די פֿעניקישע קאָלאָניסטן און פֿון די נומידיער), גאַליער, שפּאַניער. די רוימישע אימפּעריע האָט פֿאַר־נומען אַ גרויסן טייל פֿון די לענדער, וואָס זיינען געווען באַקאַנט אין יענער צייט: אין צפֿון־זייט פֿון איר האָבן זיך געצויגן די געדיכטע וועלדער פֿון די באַרבאַרן, אין מערב־זייט — דער אָקעאַן, וואָס הינטער אים האָט קיינער קיין זאַך ניט געוואוסט, אין דרום־זייט — די אהנבערעניגע זאַמדן פֿון מדבר סאַהאַראַ. דאָס רוימישע געוועזער איז — לויט ווי דער פּאָעט האָראַציוס זאָגט — „דערגאַנגען ביז די לעצטע גרעניצן פֿון דער וועלט, וואו אויף איין עק רייסט זיך ארויס דאָס מיטאָגדיגע פֿייער פֿון שלונד און אויפֿן צווייטן איז אַן אייביגער נעפּל און רעגן“.

די רוימער זיינען געווען זיכער, אַז זייער באַרוף איז איינצונעמען די גאַנצע וועלט און איינצושטעלן פֿאַר אַלעמען דעם סדר פֿון לעבן און די געזעצן. אויף די רוימישע מטבעות פֿלעגט מען שטעלן די אויפֿשריפֿט „אייביגע רוים“. נאָך האָבן די רוימער זיך באַרימט דערמיט, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן אַלעמען מנצח געווען, האָבן זיי געמאַכט אַ סוף צו מלחמה, געגעבן אַלעמען אַ פֿעסטן שלום אדער דעם „רוימישן שלום“. און דאָס איז טאַקע אמת: איבערן מיטללענדישן ים זיינען רוהיג, אהן שום שטערעניש געשוואומען אין אַלע ריכטונגען אפּולע האַנדלסשיפֿן. אַלע פּראָווינצן פֿון דער אימפּעריע האָבן זיך געביטן מיט זייערע פּראָדוקטן: שפּאַניען האָט געגעבן מעטאַלאַרץ, אַזיע — וואָל, עגיפּטן און אַפֿריקע — תבואה, די גריכישע אינדוסטריעלע שטעט פֿלעגן צושטעלן קיין רוים כּלים, יוועלירזאַכן, קונסט און לוקסוסאַרטיקלען. די רוימער האָבן געמעגט זיך פֿאַררופֿן אויף נאָך אַ פֿאַרדינסט זייערן: אין די באַרבאַרישע לענדער, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט, האָבן זיי אויסגעגלייכט די וועגן און אויסגעבויט שטעט. די שטעט זיינען געווען קליינע קאָפּיעס פֿון רוים; אין איטליכער פֿון זיי איז געווען אַ סענאַט פֿון חשובע לייט, ענליך צו די נאָבילעס, צוויי עדילן (פֿירערס פֿון דער שטאָט־בעלהבתישקייט), וואָס ווערן אויסגעקליבן איטליכס יאָר, אַזוי ווי די רוימישע קאָנסולן. אין די גרעסערע שטעט־ פֿלעגט ווערן אויסגעבויט אַ צירק, אַן אַמפֿיטעאַטער, זיילן־גאַלערייעס ארום פֿאָרום, טערמען (מרחץ־שטיבער מיט באַסיינען צום שווימען און גימנאַסטישע זאַלן), באַזיליקעס (בנינים צוליב געריכט, בערזע און האַנדל), עס פֿלעגט זיין געמאַכט אַ וואַסערלייטונג

מיט דער געװײנטליכער קונסט פֿון די רױמער אין אזעלכע ענינים. די הוצאות אויף די בנינים און שפּילן האָבן געטראָגן אויף זיך יענע רייכע לייט, וואָס האָבן געוואָלט ווערן אויסגעקליבן פֿאַר עדילן און אַנדערע באַאַמטע. זיי פֿלעגן טון פֿאַר די פּראָווינצשטעט דאָס נעמליכע, וואָס דער פּרינצעפּס פֿאַר רוים.

די רױמישע מושלים פֿון די אַנטאָנינען זיינען על פּי רוב געווען גוטע מענשן. ניט אומזיסט פֿלעגט שפּעטער דאָס פֿאָלק באַגריסן איטליכן ניי אויסגעקליבענעם קיסר מיט דעם וואונש: „זיי גליקליכער פֿאַר אווגוסטוסן, בעסער פֿאַר טראַיאַנוסן!‟ דער קיסר מאַרקוס אווּרעליוס האָט זיך אויסגעצייכנט דורך אַ זעלטענער וויכקייט פֿון כאַראַקטער און הפלאדיגער געוויסנהאַפֿטיגקייט. דורכגעדרונגען מיט די אידייען פֿון די סטאָאיקער, האָט ער אין זיין בוך „וועגן פֿאַרטיפֿן זיך אין זיך אליין‟ אויסגעשטעלט די כללים, ווי אזוי דער מענש דאַרף אָהנאויפהער פֿונאַנדערקלייבן די קלענסטע מעשים און פֿאַרלאַנגען זיינע. די דאָזיגע פּערזענליכע מעלות פֿון די קיסרים האָבן אָבער געהאַט אַ באַטייט נאָר פֿאַר אַ קליינעם קרייז מענשן, וואָס האָט זיי ארומגערינגלט. דער סדר פֿון גאַנצער אימפּעריע, דער שטייגער לעבן און די געפֿילן פֿון דער פֿאָלקסמאַסע זיינען לחלוטין ניט אָנגערירט געוואָרן דורך די מעלות פֿון די מושלים.

די אויבערהערשאַפֿט פֿון די רױמער איז פֿאַר זיך געווען אַ שווערער יאָך. די שטייערן זיינען געווען איבער די מאָסן גרוים, די באַפֿעלקערונג פֿון די פּראָווינצן האָט קיין שום דעה אין דער רעגירונג ניט געהאַט, האָט ניט געקאָנט אָנקלאָגן די באַאַמטע, וואָס זיינען געווען געשיקט פֿון רוים. לא די וואָס מען האָט ניט ערלויבט די אונטערטאַנען זיך צונויפֿ־קלייבן אויף ארומצורעדן די כלל־ענינים, נאָר עס זיינען געווען פֿאַרבאָטן יעטווידע פֿאַרבאנדן און חברות, מחמת מורא, זיי זאָלן ניט מאכן קיין פֿאַרשווערונגען און פּרובן אַראָפּוואַרפֿן די ממשלה פֿון רוים. צו אלע קלייניגקייטן פֿון לעבן האָט געמוזט זיך צוקוקן דער רױמישער פֿאַרוואַלטער און וועגן איטליכן חשודיגן אָדער אומקלאָרן פֿאַל האָט ער געמוזט אָנשרייבן אין דעם קיסרס קאַנצעלאַריע. אין טראַיאַנוס׳ צייט איז פֿאַר אַ פֿאַרוואַלטער פֿון ביטיניען און קליינאַזיע באַשטימט געוואָרן דער גע־לערנטער שריפֿטשטעלער פּליניוס. צווישן אַנדערע זאַכן האָט ער ביים קיסר אָנגעפֿרעגט, צי מעג מען ערלויבן צו מאַכן אין דער הויפּטשטאָט פֿון דער פּראָווינץ, ניקאָמעדיאַ, אַ פֿרייוויליגע פֿייערלעשער־קאָמאַנדע פֿון 150 מאַן; און פֿון דער רױמישער קאַנצעלאַריע איז אָנגעקומען אַן

ענטפֿער: ניט ערלויבן. דערזעלביגער פּליניוס האָט אויך אָנגעפֿרעגט ביי טראַיאַנוסן, וואָס צו טון מיט די פֿיל קריסטן אין ביטיניען, וואָס די מוסרים האָבן זיי באַשולדיגט דערין, אַז זיי ווילן זיך ניט בוקן צום קיסרס סטאַטוע; דערביי האָט דער פּראָוואַלטער בפּרוטרוט באַשריבן אַלץ, וואָס אים איז באַוואוסט וועגן די קריסטן, זייערע צערעמאָניעס און שטייגער לעבן, זייער איינגעשפּאַרטקייט אין זייער גלויבן און מנהגים. טראַיאַנוס, וואָס איז געווען שטאָלץ דערויף, וואָס ער האָט ארויסגעטריבן פֿון רוים די מוסרים, וואָס האָבן גערדינט דאָמיציאַנוסן, האָט געענטפֿערט, אַז אָננעמען מסירות פּאַסט ניט פֿאַר דער רוימישער רעגירונג; אין איבעריגן אָבער האָט ער באַשטעטיגט פּליניוס' פֿאַראָרדענונג, וואָס האָט געהייסן באַשטראָפֿן מיט טויט יענע, וואָס האָבן ניט געוואָלט בוקן זיך פֿאַרן קיסרס בילד און אַלטאַר.

אין אַזעלכע צייטן, ווען די אונטערטאַנען איז פּאָליטיק געווען פֿאַרבאָטן, ד. ה. ווען אַלע האָבן געמוזט אהן טענות פֿאָלגן, וואָס מען הייסט פֿון אויבן, — אין אַזעלכע צייטן האָבן אַסך זיך איינגעשלאָסן אין גייסטיגער איינזאַמקייט, זייגען איינגעזונקען אין עצבות און נידערשלאָגנ־קייט, אָדער האָבן זיך געווענדט צו נייע רעליגיעזע צערעמאָניעס, וואָס זיינען פֿריהער ניט געווען זיי באַוואוסט.

די רעליגיעזע גלויבונגען אין דער עפּאָכע פֿון די אַנטאָנינען.

הגם די נצחונות פֿונם רוימישן געוועד האָבן פֿאַרברייטערט פֿון אויס־וויינינג דעם מאַכטקרייז פֿון די רוימישע געטער, אָבער די אמונה פֿון די רוימער גופא האָט זיך אין דער צייט פֿונם קיסרטום שטאַרק איבער־געביטן. דאָס באַצווינגערפֿאָלק האָט אָנגעהויבן דינען צו די געטער פֿון די איינגענומענע פֿעלקער און שבטים. אויף צו פֿאַראייניגן אַלע געטער אין רוים האָט מען אין אווגוסטוס' צייט אויסגעבויט דעם פּ אַ נ ט ע אָ ן (טעמפּל פֿון אַלע געטער). מיט זיין גוואַלדיגן געוועלב, וואָס זעהט אויס ווי אַ האַלבקיילאַך מיט אַ דיאַמעטער פֿון 20 קלאַפֿטער, איז דער פּאַנטעאָן איינס פֿון די קונציגסטע דענקמעלער פֿון דער רוימישער אַרכיטעקטור.

ניט בלויז די רוימישע רעליגיע, נאָר אויך די גריכישע איז שטאַרק געפֿאַלן. די אַלטע מיטן וועגן די געטער, וואָס זיינען ענליך צו מענשן, פֿירן קריג, זיינען פֿול מיט תאוות, האָבן גענומען אויסווייזן ווי באָבע־מעשיות אין די אויגן פֿון געבילדעטע מענשן, וואָס האָבן זיך געלערנט ביי די פֿילאָסאָפֿן. דער המון־עם ווידער, הגם מער גלויבנסדאָרשטיג און

אָבערגלויביש, האָט אויך ניט געקאָנט באַפרידיגן זיין נשמה אינם דינסט פון אַפּאָלאָ, דיאָניסאָס און אַנדערע געטער, וואָס האָט געשטאַמט פון די אַמאָליגע פרייע צייטן. די פּאַרציייטיגע פרייליכע פאָלקס־חגאות, אשטייגער די אַטענישע דיאָניסיען און לעניייען, זיינען איצט בטל געוואָרן.

מענשן פון אלע שטאַנדן האָבן געזוכט אַ גאָט, וואָס זאָל שענקען טרייסט אין שווערע פּרובענישן, היילונג אין קרענק, אַנטפּלעקן אַ ליכט פון אַ נייעם, בעסערן לעבן. דער פאַרלאַנג צו געפינען אן אויסלייזער איז געווען אזוי גרויס, אז קיסרים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר ערדישע געטער, פלעגן זיך אליין נעמען אויך דעם דאָזיגן נאָמען פאַר אַ טיטל. זיי פלעגן הייסן די פּאָעטן אריינשטעלן אין די שירים, וואָס זינגען דעם קיסרס לויב, דאָס גרויסע וואָרט „אויסלייזער פון דער וועלט"; אומעטום, וואו דאָס איז נאָר געווען מעגליך, פלעגט מען דעם דאָזיגן נאָמען אויס־קריצן אויף שטיין אָדער קופּער, נעבן אַנדערע געטליכע נעמען. אַלע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נאָר אַ געצוואונגענע חניפה קענן די אלמעכטיגע מושלים. נאָך מער: אפילו די קיסרים גופא האָבן, גלייך מיט די אונטערטאַנען, געזוכט שוץ ביי אַ העכערער מאכט און האָבן זיך געווענדט אפילו צו נייע, פריהער אומבאַקאַנטע געטער, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן פון וויט.

פריהער פאַר אלץ האָט רוים איבערגענומען די געטער, וואָס מען האָט געדינט צו זיי אין קליינאַזיע. נאָך אין די צייטן פון דער רעפּובליק איז אָנגעקומען קיין רוים די קליינאַזישע גרויסע געטערמוטער (אובן ז....). דער קיסר קלאַוודיוס, וואָס האָט געקיניגט פאַר נירונען, האָט מוסיף געווען נאָך אַ יום־טוב לכבוד אַ צווייטן גאָט פון זעלביגן לאַנד, דעם גאָט אַטיס, און האָט געהייסן די עלטסטע כהנים, די פּאָנטיפיקעס, אריינטראָגן אים אין רוימישן לוח. דער יום־טוב פלעגט אויספאַלן אויף צוויי וואָכן צווישן 15 און 27 מאַרט און איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: צוערשט פלעגט מען באַוויינען דעם געשטאָרבענעם גאָט, באַגראָבן אים אין דער געשטאַלט פון אַ סאָסנע, ארומגעוויקלט מיט סטענגעס און בענדער, דערנאָך פלעגט מען אָפריכטן די אויפלעבונג פונם גאָט מיט רעש און פרייד, מיט פייערדיגער התלהבות. מיט אָטדער געשטאַלט פונם גאָט אַטיס זיינען געווען פאַרבונדן ליכטיגע האָפענונגען אויף דער צוקונפט: מען האָט געגלויבט, אז פונקט ווי דער גאָט, וואָס איז אומ־געקומען אין קאַמף מיט פינסטערע כוחות, האָט גובר געווען דעם טויט און איז אויפגעשטאַנען תחית המתים, אזוי וועלן אויך זיינע דינער נאָכן טויט אריינקומען אין אַ נייער ליכטיגער וועלט אויף יענער זייט לעבן.

נאָך אַ רעליגיע, וואָס איז געקומען פֿון מזרח קיין מערב, איז געווען דער קולט פֿון די עגיפּטישע געטער, איזיס און אָזירים. די גריכישע מושלים פֿון עגיפּטען, די פּטאָלאָמייער (זיי האָבן געקיניגט פֿון יאָר 323—30 פֿאַר קר.), וואָס האָבן געוואָלט איינגעמען פֿאַר זיך די אָרטיגע באַפֿעלקערונג, האָבן זיך צוגעפּאַסט צו דער איינהיימישער אמונה און האָבן ארומגעשטעלט אירע צערעמאָניעס און חגאות מיט אַ באַזונדער גלאַנץ. פּטאָלאָמייאָס I האָט אויסגעבויט אין אלכסנדריא אַ גוואַלדיגן טעמפּל סעראַפּייאָן לכּבוד אָזיריסן, וואָס איצטער האָט מען אים גערופֿן סעראַפּיס. עגיפּטישע ים־פֿאָרער האָבן נאָך אין דער צייט פֿון דער רוימישער רעפּובליק אריינגעפֿירט דעם דאָזיגן גלויבן קיין איטאַליען (אויבן ז.....); אין דער גרויסער ים־שטאָט פּוטעאָלו ביי קאַפּואַ האָט מען אויך אויסגעבויט אַ סעראַפּייאום. נאָכדעם ווי אַווגוסטוס האָט צוגענומען עגיפּטן, איז נאָך גרעסער געוואָרן די צאָל פֿון די וואָס האָבן געדינט צו די עגיפּטישע געטער. טיבעריוס האָט אויסגעבויט אין רוים אויפֿן מאַרס־פֿעלד אַ גרויסן איזיסטעמפּל, דאָמיציאַנוס האָט אים גרויסאַרטיג אויסגעפּוצט. הייליגטימער פֿון עגיפּטישע געטער האָבן זיך באַוויזן אומעטום, אין שפּאַניען, גאַליען, ביי דער דאָנוי, אויפֿן גרעניץ פֿון סאהאַראַ. סעראַפּיסן האָט מען געהאַלטן פֿאַרן געבער פֿון ערדישן גוטס און אויך פֿאַרן באַלייטער פֿון די נשמות און פֿאַרן גרויסן שופֿט אין קיניגרייך פֿון די טויטע. פּונקט ווי לכּבוד אַטיסן, אזוי האָט מען אויך לכּבוד אים אָפּגעריכט אַ צווייענדיגע חגא פֿון טרויער און פֿרייד, וואָס פֿלעגט אויספֿאַלן אין נאָוועמבער (דעמאָלט איז אין עגיפּטן אַן ערך אַזאַ צייט, ווי אין אייראָפּע דער פֿריהלינג), ווי אַן אָנדענק דערויף, וואָס איזיס האָט נאָך אפּולע פּיינליכע זוכענישן געפֿונען אָזיריסעס קערפּער און דורך כּישוף אים ווידער לעבעדיג געמאַכט. די מאמינים האָבן געהאָפֿט, אַז אויב זיי וועלן אין טעמפּל אָפּטון אַלע נויטיגע צערעמאָניעס, וועלן זיי דורכדעם זוכה זיין צו אייביגן לעבן. אין אַ פֿאַרצייטיגן עגיפּטישן טעקסט, וואָס מען פֿלעגט אריינלייגן אין די הענט פֿונם פֿאַרשטאָרבענעם, שטייט געשריבן: „אזוווי אָזירים לעבט מיט אַן אמת, אזוי לעבט דער נפטר; אזוווי אָזירים איז מיט אַן אמת ניט געשטאָרבן, אזוי וועט ער אויך ניט שטאַרבן; אזוווי אָזירים איז מיט אַן אמת ניט פֿאַרלענדט, אזוי וועט ער אויך ניט פֿאַרשווינדן“.

די דריטע רעליגיע, וואָס האָט אין יענער צייט געקראָגן אַ גרויסע מאַכט, איז געווען דער קולט פֿון דער זון דער ניטבאַזיגטער, וואָס איז געווען פֿאַרשפּרייט אין סיריען און וואָס סירישע סוחרים האָבן אים

פאַרטראָגן אין אַלע מערב־לענדער. די סיריער האָבן געירשעט די דאָזיגע אמונה פון די בבלים, די גרויסע שטערנזעהער: די זון האָבן זיי באַ־טראכט ווי דעם גרויסן האַר פון דער וועלט, וואָס פירט דעם גאַנצן קרייז פון די שטערן אָהן אַ צאָל. אין זייער גאָטסדינסט און אין דער באַפוצונג פון די טעמפלען האָבן די סיריער ליב געהאַט באַגאָלדונג, קאָלירטע שטיינער, העלע קיילאכיגע שילדן, קרענץ ארומגערינגלט מיט שטראַלן, רויכערונג פון ווייראַך א. אז. וו.

די פערטע רעליגיע, וואָס איז אויך, ווי די ערשטע דריי געקומען פון מזרח, איז געווען די אמונה פון די פערסער, וואָס האָבן געוואוינט אין קיניגרייך פון די פּאַרטער. אין דער פערסישער אמונה זיינען פאַראַן בולטע פאָרשטעלונגען וועגן אַ יענער וועלט און אויך וועגן גרויסן יום הדין, ווען אַ קול פון שופר וועט אויפוועקן די אומענדליכע צאָל פון די געשטאָרבענע, און זיי וועלן זעהן דעם אויבערשטנס ליכטיגן שטול, ארומגערינגלט פון די חילות פון מלאכים. די פערסער האָבן געהאַלטן פאַרן אויסלייזערגאָט דעם גאָט מיטראַס, וואָס ער איז גובר די טייוולאָנישע כוחות פון פינסטערניש און טויט. די רוימער האָבן זיך באַקענט מיט מיטראַס דאָס ערשטע מאָל בעת די מלחמות מיט מיטרידאַטעס פון פּאָנטאָס, וואָס אין זיין מלוכה האָט מען צו אים געדינט. די געשטאַלט פון מיטראַס, דעם מוטיגן קעמפער, וואָס גיט נצחון דעם שטאַרקן אין גייסט און געשטאָלטן אין קערפער, איז געווען באַזונדערס געפעלן די זעלנער. בכדי זיך צו שטעלן אונטער מיטראַס' שוץ, האָט מען געמוזט דורכמאכן שווערע נסיונות: אויסשטיין לאַנגע תעניתים, שלאָגן זיך מלקות, אָפּליגן עטליכע טעג אויפן שניי, דערנאָך אויף טשוועקעס, דורכגיין פאַרשיידענע שרעקענישן, לויפן צווישן אַנטבלויזטע שווערדן, זיצן אין אַ פינסטערער תפיסה א. אז. וו.; ווען דער אויסגעפּרובטער האָט ארויס־געוויזן גענוג שטאַנדהאַפטיגקייט, פלעגט מען אים צונעמען אין דער גע־מיינדע, ערקלערן פאַר מיטראַס' קריגסמאַן און באַלוינען מיט שווערד און קראַנץ. די רוימישע לעגיאָנען האָבן פאַרטראָגן דעם קולט פונם מזרחדיגן גאָט וויים קיין צפון, צו די ברעגעס פון דאָנוי און ריין און אַפילו קיין בריטאַניען: אומעטום האָבן זיך געפונען נעבן די לאַגערס מיטראַס' אלטאַרן און קליינע טעמפלען, וואָס זיינען געווען ענליך צו אַ מין היילן, וואו עס איז געווען פאָרגעשטעלט דער גאָט אין אַ קליינאַזישן קאָסטיום, ווי ער שטעקט אריין זיין שווערד אין אַ קאַלב.

ווי פאַרשיידן די צערעמאָניעס פון אָט די פיר רעליגיעס זיינען געווען, נאָר אלע האָבן זיי געהאַט איינציגע שותפישע שטריכן. אַלע

שטעלן זיי פֿאַר די גאָטהייט, וואָס זיי דינען צו איר, אין מיטן פֿון דער וועלט אָדער זיי אָנערקענען זי אַפֿילו פֿאַרן איינציגן באַשעפֿער און באַהיטער פֿון דער מענשהייט. קיין איינע פֿון זיי האַלט ניט פֿון דער אלטער פֿילגעטעריי (גריכיש *פּאָליטעאיזם*), נאָר אלע דערנעהנטערן זיך צום גלויבן אין איין גאָט (*מאָנאָטעאיזם*). אַלע האָבן זיי אַ געהויבענע השגה וועגן גאָט: דער העכסטער אָדער איינציגער גאָט איז ווייט פֿון מענשליכע שוואכקייטן און פֿעלערן; ער איז אַן עצם אָהן אַ גוף, אַ גייסט, וואָס זיצט אין די הימלען אָדער געפֿינט זיך אומגעזעהן אין די סטיכיעס און ערשיינונגען פֿון דער נאַטור. זיין רצון איז די מענשן ניט באַוואוסט. די תורה וועגן זיין אויסלייזנדיגער קראַפֿט איז אַ סוד, וואָס ווערט אנטפּלעקט נאָר יענע, וואָס האָבן דורכגעמאכט פּרובענישן אָדער הייליגונגען. אויסלייזן די נשמות פֿאַרן אייביגן לעבן — דאָס איז די גרויסע ישועה, וואָס גאָט ברענגט דער ליידנדיגער מענשהייט.

אין אָטדי השגות זיינען די אָריענטאַלישע רעליגיעס נאָהענט צוגעקומען צו דער יידישער אמונה. אויף אַזאַ אופן האָט דער קולט פֿון אַטיס, אָזיריס, פֿון דער זון און מיטראַס צוגעגרייט דעם פּלאַץ פֿאַר דער פֿאַרשפּרייטונג פֿונם קריסטנטום, וואָס האָט אין זיך אריינגענומען אַסך פֿאָרשטעלונגען און צערעמאָניעס פֿון אַלע די דאָזיגע רעליגיעס. און אַז די *מיסיאָנערן*, ד. ה. די פֿאַרשפּרייטער פֿונם קריסטנטום זיינען געקומען צו די מענשן פֿון יענער צייט מיט זייער תורה, האָבן זיי אָנגעטראָפֿן ביי אַסך געמיטער גרייטע שאלות, ספקות און האָפֿענונגען, וואָס זיי, די קריסטן, האָבן געקאָנט ברענגען דערויף דעם פּאַסיגן ענטפֿער און טרייסט.

די פֿאַרטיידיגונג און פֿאַרשפּרייטונג פֿון קריסטנטום. דאָס קריסטנטום האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן זיך צוערשט צווישן די יידן אַן ערך אין דער צייט נאָכן חורבן בית המקדש. אַסך מיטגעהאָלפֿן דערצו האָבן די יידישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען געווען צעוואָרפֿן איבער דער גאַנצער רוימישער אימפּעריע. אין די יידישע סינאַגאָגעס פֿלעגן די קריסטליכע מיסיאָנערן אָפּטמאלס האלטן זייערע ערשטע דרשות. די ערשטע צייט האָט די קריסטליכע אמונה געפֿונען אָנהענגער דער עיקר צווישן דעם אומגעבילדעטן המון. ערשט שפּעטער האָבן קריסטליכע שריפֿטשטעלער אָנגעהויבן זיך ווענדן צו דער געבילדעטער געזעלשאַפֿט און צו די רעגירער פֿון דער אימפּעריע מיט אויפֿרופֿן און *אַפּאָלאָגיעס* (פֿאַרטיידיגונגסשריפֿטן), וואָס זיינען געווען געשריבן אויף די

צוויי פֿאַרשפּרייטסטע שפּראַכן אין דער רוימישער מלוכה, גריכיש און לאַטייניש.

די ערשטע קריסטליכע אַפּאָלאָגיע האָט פֿאַרפֿאַסט דער הייליגער יוסטינוס דער מערטירער אַן ערך ארום יאָר 150 אין דער צייט פֿון קיסר אַנטאָנינוס פּיוס. יוסטינוס איז פֿון געבוירן געווען אַ גריך און געבאָרן אין דער שטאָט פֿלאַוויאַ נעאַפּאָלים, וואָס יוסטינוס האָט אויפֿגעבויט אין פּאַלעסטינע נאָכן חורבן ירושלים. אויסגעהאָדעוועט אין היידנטום, איז ער געוואָרן שוין דערוואַקסענערהייט אַ קריסט אין קליינאַזיע, האָט אַ צייט געלעבט ווי אַ וואַנדערנדיגער פֿילאָסאָף, דערנאָך זיך באַזעצט אין רוים, ארומגערינגלט זיך מיט תלמידים און געפֿירט וויכוחים מיט די קיניקער.

יוסטינוס האַלט, אַז אויך די גריכן ווייסן דעם אמת, וואָס גאָט האָט מגלה געווען דעם פֿאָלק ישראל, אָבער זיי ווייסן אים בלויז שטיקלאַכווייז. אַסך זאַכן האָבן זיי פֿאַלש פֿאַרשטאַנען, ווי דאָס איז צו זעהן פֿון זייער מיטאָלאָגיע. ניט געקוקט אָבער אויף אַלע פֿעלשונגען, זיינען דאָך די היידן דורך זייערע זאָגעס און דורך די לערנונגען פֿון די פֿילאָסאָפֿן (באַזונדערס פֿון פּלאַטאָ) צוגעגרייט אויפֿצונעמען דעם אמתן גלויבן. יוסטינוס רופֿט צו די מושלים און מעכטיגע פֿון דער וועלט, זיי זאָלן עפֿענען זייערע אויגן און זעהן אויך ליכטיג מאַכן די אויגן פֿון פֿאָלק: זאָלן זיי אָפּשאַפֿן די גראָבע צערעמאָניעס, דעם דינסט צו די סטאַטועס, זאָלן זיי ערלויבן די קריסטן פֿריי פּראַקטיצירן זייער אמונה.

די קריסטליכע תורה ברענגט אַ בשורה פֿון שלום פֿאַר דער מענשהייט. „פֿון ציון וועט ארויסגיין דאָס געזעץ און גאָטס וואָרט פֿון ירושלים, און וועט משפטן צווישן די פֿעלקער און וועט ארומנעמען אַסך מענשן; און אלע וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן צו אַקעראייזנס און זייערע שפּיזן צו שניידמעסערס, און איין פֿאָלק וועט ניט אויפֿהויבן קעגן אַנדערן אַ שווערד, און זיי וועלן זיך שוין מער ניט לערנען מלחמה האַלטן.“ געבראַכט אָט די ווערטער פֿון ישעיה הנביא, זאָגט יוסטינוס ווייטער: „דאָס וואָס דאָ איז געזאָגט איז מקוים געוואָרן . . . צוועלף מענער זיינען ארויסגעגאַנגען פֿון ירושלים, מענשן פּראָסטע, ניט קיין באַריידעוודיגע. נאָר אין גאָטס נאָמען האָבן זיי אָנגעזאָגט די מענשן די בשורה, אַז זיי זיינען געשיקט פֿון קריסטוסן צו לערנען מיט אַלעמען גאָטס וואָרט. און מיר, וואָס פֿריהער האָבן מיר פֿאַרשטאַנען נאָר איינער דעם אַנדערן צו הרגען, לא די וואָס מיר האַלטן שוין ניט מער קיין מלחמה מיט אונזערע שונאים, נאָר בכדי ניט צו לייגן און אָפּצונאַרן אונזערע שופטים, זאָגן מיר מיט פֿרייד עדות אויף קריסטוסן און שטאַרבן.“

מיט נאָך אַנדערע פאַרשיידענע ראיות פלעגן די פאַרטיידיגער פון קריסטנטום אויפווייזן זיין אמתקיום. איבער דער גאַנצער וועלט, פלעגן זיי זאָגן, איז פאַרשפּרייט דער צייכן פון קרייץ: ער איז צו זעהן אין פלאַן פון אַ הויז און פון אַ לאַגער, אין רומפּ פון אַ שיף, אין דער געשטאַלט פון אַ פאָן און אַ שווערד, אין דער פיגור פון אַ מענשן, וואָס שפּרייט אויס זיינע הענט, בעת ער טוט תפלה. דער קריסטליכער שריפטשטעלער טערטוליאַנוס, אַ געבוירענער אַפריקאַנער, וואָס האָט געלעבט צווישן די יאָרן 160 און 220, זאָגט, אַז די נשמה פון איטליכן מענשן, ווי זי זאָל ניט זיין פאַרפירט דורך אַ פאַלשער שיטה, האָט אַ גלויבט צו גאָט. „אונזער נשמה איז על פּי־טבע אַ קריסטין. ווען דער נשמה איז שווער רופט זי דעמאָלט ניט די געטער, נאָר גאָט און רעדט אויס נאָר דעם דאָזיגן גרויסן נאָמען; זי ווענדט זיך דעמאָלט ניט צום קאַפּיטאָליום, נאָר צום הימל; זי ווייס, וואו ס׳ איז דער שטול פון אייבּיגן גאָט; פון אים און פון דאָרט איז זי געקומען.“

די געבילדעטע לייט זיינען געווען צוגעגרייט אָנצונעמען דאָס קריסטנטום דורך דער גריכישער פילאָסאָפיע, דורך דער שיטה פון די קיניקער וועגן באַגרעניצן די מענשליכע באַדערפעניש און דער שיטה פון די סטאָאיקער וועגן דער ברידערליכקייט פון אַלע מענשן, וואָס לעבן אויף דער וועלט. זיי זיינען געוואָרן פעהיג צו פאַרשטיין דאָס גרויסע וואָרט פונם אַפּאָסטאָל פּאַולוס: „מיר אלע, יידן און העלענען, שקלאַוון און פרייע, זיינען אָנגעטרענקט מיט איין גייסט“. דעם קריסטנטום אַנטקעגן זיינען אויך געגאַנגען די פאָלקסמאַסן, געוועקט דורכן פאַרלאַנג צו געפינען אַן אויסלייזער. אין די שטעט, וואו עס פלעגן זיך צונויפקומען מער מענשן, וואו עס זיינען געווען שולן, סינאַגאָגעס, פאַרזאמלונגען פון קרייזלאַך און חברות, האָט זיך דאָס קריסטנטום פאַרשפּרייט גיכער, איידער אין די דערפער. היות ווי די הויפּטליכע פאַרקערסוועגן זיינען געווען די ימים, דעריבער איז דאָס קריסטנטום אָנגענומען געוואָרן פריהער פאַר אַלץ אין די ים־שטעט. פון פעניקיען איז עס אריבער קיין קליין־אַזיע, פון דאָרט איבערן עגייאישן ים צו די ברעגעס פון גריכנלאַנד. אין מערב האָט דאָס קריסטנטום, איידער עס האָט פאַרכאַפּט איטאַליען און רוים, געוואונען אַ גרויסע מאַכט אין די שטעט פון אַפריקע, ד. ה. אין דער געגנט פון דער געוועזענער קאַרטאַגישער מלוכה.

די אפּיקורסות און די בילדונג פון דער אַלוועלטליכער קירך.

כל זיין דאָס קריסטנטום איז געווען פאַרשפּרייט נאָר צווישן יידן, זיינען

צווישן די מיטגלידער פֿון דער געמיינדע קיין שום חילוקי דעות ניט געווען בנוגע צום גלויבן, אלע האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר גלייכע אָנהענגער פֿון קריסטוסן. אנדערש איז געוואָרן, ווען עס זיינען אריבער צום קריסטנטום היידן, וואָס האָבן געהאַלטן פֿאַרשיידענע גלויבונגען און צערעמאָניעס: זיי האָבן אריינגעטראָגן אַסך השגות פֿון זייער אלטער אמונה, וואָס זיי האָבן דערפֿון ניט געקאָנט זיך אָפּזאָגן. אַסך גריכישע פֿילאָסאָפֿן זיינען געבליבן ביי זייערע פֿריהערדיגע מיינונגען און האָבן אויסגעטייטשט לויט זיי דאָס קריסטנטום. זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי פֿאַרמאָגן אַן אמת, וואָס איז פֿון די איבעריגע מענשן פֿאַרבאָרגן, און האָבן עס אָנגערופֿן ג נ אָ ס י ס (ד. ה. ידיעה, וויסנשאַפֿטליכע דערקענטעניש). די גרעסטע ג נ אָ ס ט י ק ע ר זיינען געווען וואַלענטין און מאַרקיאָן, וואָס האָבן געלערנט אין אלכסנדריא און אין רוים. מאַרקיאָן איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פֿונם אַפּאָסטאָל פּוילוס, נאָר פֿון דער גאַנצער ברית החדשה האָט ער אָנגענומען נאָר דעם דאָזיגן אַפּאָסטאָלס בריוו און די לוקאַס-עוואַנגעליע, ווייל זי איז געשריבן פֿון פּוילוסעס אַ תלמיד.

די גנאָסטיקער האָבן זיך פֿאַרהאַלטן פֿיינטליך צו יידישקייט און צום תנ"ך. זיי האָבן געהאַלטן, אז דער גאָט, וואָס האָט געשאַפֿן די ערדישע וועלט, איז ניט דער איינציגער העכסטער גאָט, נאָר דער לעצטער און שוואכסטער פֿון די וועלטגייסטער (ע אָ נ ע ן). העכער פֿון אים איז דער גאָט פֿון דער נייער וועלט, דער גוטער און גערעכטער, וואָס האָט אראָפּגעשיקט אויף דער ערד יעזוס קריסטוסן. אַסך גנאָסטיקער האָבן בכלל געלייקנט אין קריסטוסעס לעבן און ליידן אויף דער ערד און האָבן געהאַלטן די גאַנצע דערציילונג פֿון די עוואַנגעליעס פֿאַר אַ מעשה צוליב אַ מוסר השכל.

צוערשט זיינען צווישן די קריסטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר די אַפּאָסטאָלישע טראַדיציעס, געווען ווינציג געלערנטע, און זיי האָבן מיט שווערקייט געקעמפֿט קעגן די הויך געבילדעטע גנאָסטיקער. אָבער דער עצם וכוח מיט די פֿילאָסאָפֿן האָט געבראַכט דער קריסטליכער קירך גרויס נוצן. די לערער פֿון קריסטנטום האָבן זיך געמוזט אויך ווענדן צו דער וויסנשאַפֿט. צווישן אָט די געלערנטע ק י ר כ נ פֿ אָ ט ע ר ס צייכנט זיך אויס אָריגענעס פֿון אלכסנדריא (געב. 202, געשט. 254), וואָס האָט געשריבן קעגן היידנישן פֿילאָסאָף קעלסאָס (צעלזוס), וועלכער איז אָנגעפֿאַלן אויף דער קריסטליכער אַנטפּלעקונג און האָט געפּרובט דערוויזן, אַז אין קריסטנטום איז קיין שום נייס ניטאָ. די קירכנפֿאָטערס

האָבן איינגעשטעלט דעם קאַנאָן, ד. ה. יענע ביכער, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פֿאַר אמתע, און האָבן אָפּגעזונדערט די אפּיקורסישע ביכער, וואו עס זיינען ארויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס שטייען ניט אין הסכם מיטן גלויבן און טראַדיציעס פֿון די אַפּאָסטאָלן. קעגן די פֿאַרשיידענע אפּיקורסישע מיינונגען און אויסטייטשונגען האָבן זיי באַשטימט דעם באַגריף פֿון אן איינהייטליכער, אלוועלטליכער אָדער קאַטויילישער קירך.

די אויפטוען פֿון די קירכנפֿאָטערס בנוגע צום פֿאַרפֿעסטיגן די איינהייט פֿונם רעכטן גלויבן האָבן אויך מיטגעהאָלפֿן צונויפֿצובינדן די מאמינים און איינצושטעלן די אינעווייניגסטע אָרדענונג פֿון איטליכער איינציגער געמיינדע פֿאַר זיך און דעם פֿעסטן פֿאַרבאַנד צווישן זיי. אין די געמיינדעס שיידט זיך אויס פֿון דער פֿאָלקסמאַסע דער קלערוס (די אויסגעקליבענע), וואָס באשטייט פֿון לערערס, דרשנים, תלמידים פֿון די אַפּאָסטאָלן, וואָס זיי ריכטן אָפּ די צערעמאָניעס און פֿאַרוואַלטן איבערן כלל־אייגנס פֿון דער קירכנגעמיינדע. בראש פֿונם קלערוס שטייט דער עפּיסקאָפּ (בּיסקופּ) וואָס איז ארומגערינגלט מיטן ראָט פֿון די פּרעסביטערס אדער עלטסטע; אויף אָפּצוריכטן צערעמאָניעס, טיילן צדקה אָרימע לייט, אויף פֿאָרן און טאָן אַנדערע שליחותן זיינען פֿאַראַן דיאַקאָנען און דיאַקאָניסעס.

די בּיסקופּן זיינען באַלד געוואָרן די אָנגעזעהענסטע און מעכטיגסטע מענשן אין די געמיינדעס. זיי האָבן געהאַט צו שאַפֿן איבער גרויסע רייכטימער, וואָס האָבן זיך צונויפֿגעקליבן פֿון שענקונגען און אָפּצאָלונגען. די מיטגלידער פֿון דער געמיינדע פֿלעגן זיך ווענדן צום בּיסקופּ מיט זייערע לאָדענישן און פּראָצעסן, אָנשטאָט צו גיין צו אַ הײדנישן שופֿט. אין די אויפֿטראָגן פֿון די געמיינדעס צווישנאַנאַנד זיינען די בּיסקופּן די הויפּטפֿאַרמיטלערס. אַ קריסט, וואָס פֿלעגט קומען צו פֿאָרן אין אַ פֿרעמדן לאַנד, מיט אַ בריוו פֿונם בּיסקופּ, פֿלעגט האָבן ביי זיינע גלויבנסברידער דעם שענסטן קבלת פּנים: מען פֿלעגט אים צונעמען צו זיך אין שטוב, וואַשן אים די פֿיס; באַזעצן אים אויבנאָן ביים טיש. בכדי אַלע געמיינדעס זאָלן זיך האַלטן פֿאַר איין שיטה און זיך פֿירן לויט די זעלביגע מנהגים, פֿלעגן די בּיסקופּן און פּרעסביטערס פֿון איטליכער פּראָווינץ זיך צונויפֿקלייבן אויף צוזאַמענפֿאָרן אָדער סינאָדן, וואו מען פֿלעגט אַרומקלערן שטרייטפֿראַגן. די מיטראָפּאָליטן, ד. ה. די בּיסקופּן פֿון דער מיטראָפּאָליס אדער הויפּטשטאָט פֿון דער פּראָווינץ, פֿלעגן צו וויסן געבן איינער דעם אַנדערן וועגן די תקנות פֿון די סינאָדן. די גרעסטע חשיבות האָבן געהאַט די בּיסקופּן פֿון די גרעסטע שטעט,

אנטיאָכיאַ, אלכסנדריאַ, רוים; זיי האָט מען גערופֿן פּאַטריאַרך אָדער פּאַפּאַ (פּויפּס), און זייער דעה איז געווען די גרעסטע.

ארום יאָר 200 זיינען קריסטליכע געמיינדעס שוין געווען פֿאַר־שפרייט איבער אלע פּראָווינצן פֿון דער אימפּעריע. די איינהייטליכע קירך האָט געמענט שוין זיך אָנרופֿן אַלוועלטליכע, וואָרום זי האָט זיך געדעקט מיט דער רוימישער אימפּעריע, וואָס האָט כּולל געווען אין זיך די גאַנצע דעמאָלטיגע קולטורוועלט, אָדער ווי די גריכן זאָגן, די אָיקומענע (די באַוואוינטע ערד).

דער לעבנסשטייגער פֿון די עלטסטע קריסטן איז אונז באַקאַנט מער פֿון אַלץ לויט די קברים פֿון יענער צייט.

ביי די רוימער פֿלעגן רייכע לייט זיך אויסבויען גרויסע סקלעפּן, איבערלאָזן אין דער צוואה גרויסע סומעס אויף אויסצופּוצן דעם קבר און אויף מאַכן אזכּרות. ווינציגער פֿאַרמעגליכע פֿלעגן זיך צונויפֿנעמען, בכדי צו מאַכן די אזכּרה אויפֿן שותּפישן חשבון. עטליכע מענשן, אשטייגער מענשן פֿון איין פֿאַך, שקלאַוון פֿון איין בעל־הבית פֿלעגן זיך צונויפֿקלייבן צו איין משפּחה: די חברים פֿלעגן זיך רופֿן ברידער און שוועסטער, האָבן זיך מתחייב געווען אלע צו קומען צו דער לויה פֿון איטליכן געשטאָרבענעם מיטגליד און אויסבויען אַ שותּפישן קבר, אַ סכאָלע. דאָס איז געווען אַ קיילאַכיגער צווייגאָרנדיגער בנין: דער אונטערשטער גאָרן, וואו מען פֿלעגט באַגראָבן די געשטאָרבענע, איז געלעגן אין דער ערד; דער אויבערשטער גאָרן איז געווען אַ זאַל, וואו מען פֿלעגט זיך צונויפֿקלייבן צוליב דער סעודה און תּפילה און אזכּרה־טעג. אַסך פֿון די ברודערפֿאַרבאַנדן פֿלעגן אָפּזוכן היילן אויסערן שטאָט, אַמאָל פֿלעגט מען טיפֿער מאַכן צוליבן צווינטערס יענע גריבער און גענג, וואָס זיינען געווען געמאַכט אויף ארויסצוגראָבן ליים. די געשטאָרבענע פֿלעגט מען אריינלייגן אין פֿאַרטיפֿונגען, וואָס זיינען אויס־געגראָבן געווען אין די ווענט פֿאַזע די דורכגאַנגען. אזוי זיינען ארויס־געקומען לאַנגע, שמאָלע, געדרייטע גאַסן און געסלאַך אונטער דער ערד; דאָס רופֿט מען קאַטאַקאָמבעס. ווען מען זאָל אויסציהען אָט די קברים־גאַלערייעס פֿון רוים אין איין גראָדער ליניע, וועלן זיי פֿאַרנעמען העכער 1000 ווערסט אין דער לענג.

די קריסטן האָבן אויך גענוצט קאַטאַקאָמבעס, פּונקט ווי די אַלטע היידנישע פֿאַרבאַנדן. ביי די באַזונדערס ליבע קברים, וואו עס זיינען געווען באַגראָבן די בעסטע מענשן, וואָס זיינען געווען אויסגעצייכנט מיט זייער פֿרומקייט, זייער מערטירערטום, פֿלעגן די קריסטן זיך

צונויפֿקלייבן אויף תפלות. ניט זעלטן געפֿינט זיך איבער אַ באַרימטן קבר אַ קליינער חדר מיט אַן ארויסגאַנג צו דער גאַלעריי; דאָרט פֿלעגט מען אוועקשטעלן אַ טיש צוליב דער הייליגער סעודה, און זי פֿלעגט ווערן אזוי ארום אַ קאַפּליצע און ממילא ענליך צו אַ סכאָלע. די ווענט און די געוועלבן פֿון די קריסטליכע קאַטאַקאָמבעס זיינען געווען באַפוצט מיט מאָלעריי; באַזונדערס אָפֿט פֿלעגט מען אויסמאָלן קריסטוסן אין דער געשטאַלט פֿון אַ גוטן פאַסטוך, וואָס טראָגט אַ פֿאַרבלאָנזשעט שעפֿעלע, אָדער דעם געטליכן זינגער, וואָס שפילט אויף דער לירע. די דאָזיגע בילדער פֿון קריסטוסן זיינען זעהר ענליך צו די אַלטע בילדער און סטאַטועס, וואָס שטעלן פֿאָר דעם פאַסטיכערגאָט הערמעסן אָדער דעם מיטישן זינגער אָרפֿעוסן; ס'איז צו זעהן, אַז די מייסטערס און די באַשטעלערס זיינען נאָך געווען פֿול מיט היידנישע השגות און רגילותן.

אבער צווישן די קריסטן זיינען אויך געווען מענשן שטרענגע, מחמירים, וואָס האָבן געשטרעבט צו צערייסן יעדן פֿאַרבונד מיטן היידנישן לעבנסשטייגער, ווייל ער האָט אין זיך אַלע בייזע כחות. אזעלכע קנאים האָבן געהאַלטן, אַז קריסטן טאָרן ניט באַזוכן קיין טעאַטער אָדער שפילן; אַ קריסט טאָר ניט זיין קיין קינסטלער, דוקא דערפֿאַר, ווייל אים וועט אויסקומען מאכן פֿיגורן לויטן מוסטער פֿון די היידנישע געצנבילדער; ער טאָר ניט האַלטן קיין שולע, ווייל ער וועט מוזן דערציילן וועגן די היידנישע העלדן און אויסטייטשן די מיטן; ער טאָר ניט פֿאַרנעמען קיין שטעלע אין דער מלוכה, ווייל ער וועט מוזן ברענגען קרבנות פֿאַרן פֿאָלק, שווערן פֿאַר דער סטאַטוע פֿון קיסר; ער טאָר ניט זיין קיין סאָלדאַט, ווייל די פֿאָנעס זיינען געהייליגט דורך היידנישע צערעמאָניעס.

באַזונדערס גרויסע קנאים זיינען געווען די מ אָ נ ט אַ נ י ס ט ן, די אָנהענגער פֿון מאָנטאַנוסן, וואָס איז ארויסגעטראָטן אין קליינאַזיע אין דער צייט פֿון אַנטאָנינוס פיוס. די מאָנטאַניסטן האָבן געלערנט, אַז עס קומט אַ סוף צו דער וועלט; לויט זייער שיטה וועלן אויסגעלייזט ווערן נאָר די פֿרומע לייט, וואָס האָבן אויסגעמיידט די זינד פֿון וועלטליכן לעבן; די קלעריקער, די אָנפֿירער פֿון געמיינדעס, וואָס זיינען פֿול מיט חטאים, מוזן אָפּטרעטן דעם אָרט פֿאַר נייע נביאים, וואָס זיינען באַגייסטערט דורכן הייליגן גייסט. די בּיסקופּן און פּרעסביטערס האָבן זיך ארויסגעזאָגט קעגן דער איבערמאָסיגער פֿרומקייט פֿון די מאָנטאַניסטן. זיי האָבן געהאַלטן, אַז דער גרעסטער רוב מענשן איז ניט מסוגל זיך איינ־גאַנצן אויסצוטאָן פֿון דער וועלט. מען מוז מוחל זיין קליינע עברות, און

אָנטשאָט צו פֿאָדערן פֿולקומענע רייִנקייט פֿון חטאים, דאַרף מען בעסער מיט געדולד און אהן אָפּהאַלט ערציהען די מענשן אין הסכם מיטן קריסטליכן אידעאַל.

די אימפּעריע אונטער דער סכנה פֿון אָנפֿאַלן. טראַיאַנוסעס מלחמות זייִנען געווען דער לעצטער אָנדראַנג פֿון די רוימער. אינגיכן איז דער אימפּעריע אויסגעקומען צו פֿאַרטיידיגן אירע פֿריהערדיגע גרעניצן און אפילו אָפּצוטרעטן פֿון זיי. שוין אין 50 יאָר ארום נאָך טראַיאַנוסן איז ארום דונוי געוואָרן אומרוהיג; אין מאַרק אווּרעליוסעס צייט האָבן זיך דאָ באַוויזן גרויסע מאַסן באַרבאַרן, פֿריהער פֿאַר אלעמען דער גערמאַנישער שבט מאַרקאָמאַנען. זיי האָבן אין פֿאַר־שיידענע ערטער זיך דורכגעריסן דורך דער באַפֿעסטיגונגסליניע, אוועק־געשלעפּט עטליכע הונדערט טויזנט מאַן געפֿאַנגענע פֿון די רוימישע פּראָווינצן, צעריבט די דונויגעביטן, אריבערגעגאַנגען איבער די אלפּן קיין צפֿון־איטאַליען. אמת, די רוימער האָבן סוף כל סוף זיי אָפּגעטריבן, נאָר דערויף האָבן זיי באַדאַרפֿט האָבן אן ערך 15 יאָר האַרטנעקיגן קאַמף. דער קיסר מאַרק אווּרעליוס גופא, וואָס האָט געקראָגן דעם צונאָמען פֿילאָסאָף פֿאַר זייִנע געלערנטע נטיות, האָט זייַן גאַנצע 20־יעריגע רעגירונג פֿאַרבראַכט אין מלחמות, ביים דונוי און ביים פּרת, און געשטאָרבן איז ער (אין יאָר 180) אין דער גרעניצשטאָט ווינדאָבאָנום (דאָס איצטיגע ווין).

די מאַקאָמאַנען־מלחמה איז געווען נאָר דער אָנהויב פֿון צרות. מיטל־ און מזרח־אייראָפּע הערט ניט אויף אַראָפּצושיקן אַלץ נייע מאַסן מענשן, וואָס גייען גאַנצע מחנות און שבטים־ווייז קיין מערב אייננעמען זיך ערד. האָט מען געמוזט אויפֿהויבן די לעגיאָנען פֿון זייערע פֿעסטע לאַגערפּלעצער און ווידער פֿירן זיי אין ווייטע מלחמות: אויף צו באַשיצן בריטאַניען קעגן די שאָטלענדער באַרג־שבטים, דעם רייַן און דעם דונוי קעגן די גערמאַנען און סטעפּן־נאָמאַדן פֿונם לאַנד ביים שוואַרצן ים. די זעלנער און זייערע קאָמאַנדירן האָבן פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט אין דער מלוכה. שיר ניט איטליכע מלחמה פֿלעגט זיך אָנהייבן פֿון דער הבטחה העכערן זיי די שכירות און גרעסער מאַכן זייערע מתנות. באַלד איז געקומען דערצו, אַז אלע הכנסות פֿון דער מלוכה האָבן געמוזט אַוועקגיין אויף אויסהאַלטן דעם חיל. די לעגיאָנען האָבן ווידער גענומען אַראָפּוואַרפֿן און אויסקלייבן די קיסרים.

איינער פֿון די ערשטע זעלנערשע קיסרים איז געווען דער ענערגישער סעפּטימיוס סעווערוס, וואָס האָט פֿאַרפֿעסטיגט די מאַכט

פֿאַר זיין דינאַסטיע (די צייט פֿון די סעווערן איז צווישן די יאָרן 193—235). נאָך דער מלחמה אויף יענער זייט פּרת מיט די פּאַרטער האָט ער געמוזט זיך אריבערוואַרפֿן אויפֿן אַנדער עק פֿון דער אימפּעריע, קיין בריטאַניען, וואו ער איז געשטאָרבן אויפֿן גרעניץ אין *עבאָראַקום* (דאָס איצטיגע יאָרק אין צפֿון־ענגלאַנד). סעווערוס איז געווען אַ געבוירענער אַפֿריקאַנער, האַניבאַלס אַ לאַנדסמאַן. די ווייטערדיגע קיסרים זיינען, פּונקט אזוי ווי ער, אויך ניט געווען קיין רוימער, נאָר פֿאָרשטייער פֿון פֿאַרשיידענע אַנדערע נאַציעס פֿון דער אימפּעריע — סיריער, גאַליער, איליריער, טראַקיער, אַראַבער. אין אָט דעם שינוי שפּיגלט זיך בכלל אָפּ די ירידה פֿונם רוימישן פֿאָלק: די רוימער ווערן ארויסגעשטופּט סיי פֿון חיל, סיי פֿון דער רעגירונג, זייער אָרט פֿאַרנעמען פּראָווינציאַלן און באַרבאַרן, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען אין רוימישן דינסט. מחמת דעם, וואָס צווישן די רוימער זיינען אריינגעדרונגען אַסך אויסלענדער, איז די לאַטיינישע שפּראַך פֿאַרגרעבט געוואָרן: אין שפּאַניע, גאַליע, ביי דונוי, אין איטאַליע גופא זיינען פֿון איר ארויסגעקומען די *ראָמאַנישע* דיאַלעקטן (און פֿון זיי די שפּעטערדיגע שפּראַכן: שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש, פֿראַנצויזיש, רומעניש, איטאַליעניש).

דערווייל איז אין דער גרויסער מזרח־מלוכה פֿאָרגעקומען אַ וויכטיגער שינוי: אַרדאַשיר פֿון דער משפּחה סאַסאַנידן, דער רעגירער פֿון דער פּראָווינץ פּערסיס, האָט אראָפּגעוואָרפֿן די פּאַרטישע דינאַסטיע (אין יאָר 226), און צוגלייך האָבן זיך ווידער אויפֿגעהויבן די פּערסער, וואָס אלכסנדר מוקדון האָט זיי מיט 500 יאָר צוריק געהאַט צוריקגעשטופּט. דער נייפּערסישער קיניג האָט אָנגענומען דעם אַלטן טיטל „דינער פֿון אַהוראַמאַזדאַ, געטליכער מלך איבער די מלכים“. די פּאַרטישע מלכים האָבן געוואוינט אין שטעט, וואָס די גריכן האָבן געגרינדעט, סעלעוקיאַ און קטעסיפֿאָן ביים טייך חידקל. די סאַסאַנידן האָבן געמאכט פֿאַר זייער הויפּטשטאָט די אַלטע פּערסעפּאָליס און האָבן גענומען גיסן מטבעות, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעקריצט אַ שטענדיגער פֿייער אויף אַן אַלטאַר, דער סימבאָל פֿון זייער פֿאַרצייטיגער רעליגיע. ביי די פּערסער איז געגאַנגען אַ מסורה, אַז אלכסנדר זאָל האָבן פֿאַרברענט די הייליגע ביכער פֿונם גרויסן נביא זאַראַטוסטראַ, נאָר אין אַרדאַשירס צייטן האָבן פֿרומע כהנים זיי ווידער צונויפֿגעשטעלט. די כהנים האָבן באַקומען אַ גרויסע מאכט; זייער ראש האָט געהאַט דיזעלבע חשיבות, וואָס דער קיניג, און פֿלעגט אים קרוינען. די אויפֿלעבונג פֿון דער פּערסישער מאָנאַרכיע איז געווען אַ נייע סכנה פֿאַר דער רוימישער

אימפּעריע: די סאַסאַנידן האָבן זיך אומגעקערט צו די תּביעות פֿון כּורש און דריוש און האָבן אָנגעהויבן אַ מלחמה, בכדי ארויסצוטרייבן די רוימער פֿון אַזיע.

די פֿאַראָרימונג פֿון דער אימפּעריע און די פֿאַרווילדערונג פֿון די פּראָווינצן. אין 150 יאָר ארום נאָך טראַיאַנוסן האָט די רוימישע אימפּעריע געהאַלטן זעהר שלעכט. דער קיסר וואַלעריאַנוס, צעשלאָגן פֿון די פּערסער, איז אריינגעפֿאלן צו זיי אין געפֿאַנגענשאַפֿט (אין יאָר 256); דער פּערסישער קיניג איז אָנגעפֿאלן אויף סיריע און האָט איינגענומען אנטיוכיא; רוימישע געפֿאַנגענע האָט מען געשטעלט בויען שלוזן און קאַנאַלן אויף יענער זייט חידקל.

אין דערזעלביגער צייט האָבן גערמאַנישע שבטים, פֿאַרבונדן אין גרויסע פֿאַרבאַנדן, גענומען אָנפֿאַלן אויפֿן אָפֿנסטן אָרט פֿונם גרעניץ, ביי דעם דונוי. האָט מען געמוזט אַרויספֿירן די לעגיאָנען פֿון דאַקיע און אינגאַנצן זיך אָפּזאָגן פֿון דער דאָזיגער ווייטער פּראָווינץ. נאָר אויך אויף דער זייט דאָנוי איז קיין רוה ניט געווען: גערמאַנישע רויבער־באַנדעס האָבן צעראַבירט גריכנלאנד, פֿאַרכאַפּט אין ביזאַנץ האַנדלס־שיפֿן און זיך אריבערגעכאַפּט אין קליינאַזיע; טייל זיינען אפילו דערשוואומען אויף זייערע שיפֿלאַך ביז די לעפֿצונגען פֿונם נילוס.

די באַפֿעסטיגונגסליניע פּאַזע גרעניץ האָט אינערגעץ ניט געקאָנט פֿאַרהאַלטן די אריינדרינגענדיגע באַרבאַרן. האָט מען געמוזט באַפֿעסטיגן שיר ניט איטליכע שטאָט אין לאַנד. די באַפֿעסטיגטע שטאָט איז געוואָרן אינדרייען, אינפֿינפֿן קלענער פֿאַר דער פֿריהערדיגער, אָפֿענער און פֿרידליכער, וואָס האָט געקאָנט פֿריי זיך אויסשפּרייטן. מענשן פֿלעגן זיך צונויפּפּרעסן אויף אַ קליינעם שטיקל ערד, אבי זיך צו שיצן קעגן רויבערייען. פֿינסטערע מויערן פֿון 3—4 קלאַפֿטער די גרעב, טיילמאָלס אויסגעבויט פֿונם מירמלשטיין פֿון צעשטערטע דענקמעלער, האָבן פֿון אומעטום פֿאַרשטעלט דעם האָריזאָנט און זיינען, ווי שאָטנס, געהאַנגען איבער די שמאָלע גאַסן. די גאַסן האָבן געפֿירט ביז די טויערן פֿון פֿעסטונג; און אָטדי טויערן גופא, נידעריגע און פֿינסטערע, זיינען געווען ניכער ענליך צו אונטערערדישע גענג. ווען די שטאָט איז געלעגן ביי אַ גרויסן טייך, פֿלעגט מען זי ארומצאַמען פּאַזע גאַנצן ברעג מיט אַ וואַנט. די שטאָטאיינוואוינער האָבן ניט געזעהן זייער טייך: די שיפֿן, בכדי צוצוקומען צום שטאָט, האָבן געמוזט דורכשווימען אונטער אַ מויער.

די מלוכה האָט ניט געהאַט קיין מיטלען אויף בויען און אויסהאַלטן די דאָזיגע באַפֿעסטיגונגען; אַלע הוצאות זיינען געווען ארויפֿגעלייגט אויף די שטאָטלייט גופא. דעפֿאַר זיינען אַסך שטעט אינגאַנצן בדלות געוואָרן. ס'איז פֿאַרשוואונדן אַלצדינג, וואָס האָט פֿריהער די שטאָט באשיינט; די וואַסערלייטונגען זיינען פֿאַרוואָרלאָזט געוואָרן; ניט געווען מיט וואָס צו בויען די גרויסע שיינע בנינים פֿון טעמפלען, באַזיליקעס, ביבליאָטעקן; ניט געווען מיט וואָס אויסצוהאַלטן דעם טעאַטער און די שפילן; די שולן זיינען על פי רוב פֿאַרמאַכט געוואָרן. קיינער האָט שוין ניט פֿאַרלאנגט צו האָבן קונסטזאַכן; דער גוסט דערצו איז פֿאַרשוואונדן, און די קינסטלער האָבן זיך געפֿעלט. ווען מען פֿלעגט שטעלן דעם קיסרס אַ סטאַטוע אָדער אַ מצבה, האָט מען זיך באַגנוגנט מיט דער האַמאָטנער אַרבעט פֿון אַ שטיינהאַקער און אַ פֿאַרבער. מענשן האָבן זיך אָפגעוויינט פֿון אַלע באקוועמליכקייטן, זייער זעהפֿעלד איז געוואָרן אָרים און די מדות גרעבער. פֿאַראָרימטע פויערים און בעלי בתים זיינען געוואָרן ארומשלעפער, האָבן זיך אויפֿגעקליבן אין רויבערבאַנדעס; זיי זיינען געווען אזוי פֿיל, אַז די באַפֿעלקערונג פֿלעגט זיך אויסקויפֿן ביי זיי דורך אַ צינז, איבערלאָזן ביי זיי די גערויבטע זאַכן, בכדי ארויסצוראַטעווען דאָס איבעריגע.

די צובינדונג פֿון די מענשן צום אָרט און צו אַרבעטן. אַלע כחות פֿון דער מלוכה האָט מען געמוזט אָנשטרענגען צום קאַמף. פֿון די שטעט האָט מען גענומען גרויסע שטייערן אויף אויסצוהאַלטן דעם חיל, אויף מיליטערישע איינריכטונגען. די רייכע לייט, וואָס האָבן געבילדעט דעם סענאַט אין די שטעט, האָט מען געצוואונגען ערב צו זיין מיט זייער פֿאַרמעגן פֿאַר דער פינקטליכער צאָלונג פֿון אַלע איבעריגע איינוואוינער. און בכדי אַז די דאָזיגע חשובע בירגער זאָלן ניט קאָנען אַרויסמאַכן זיך פֿונם דאָזיגן חוב זייערן, האָט די רעגירונג זיי געהאַלטן אין שטאָט, ווי לייבאייגענע. פֿאַר אַ פרוב צו אַנטלויפֿן האָט געקומט אַ האַרבע שטראָף. דאָס נעמליכע זיינען צוגעבונדן געוואָרן צו זייערע ערטער די סוחרים און בעלי מלאכות. זיי האָבן ניט געטאָרט בייטן זייער פרנסה און זייערע וואוינערטער; דער זון איז געווען מחויב ווייטער צו טאָן זיין פֿאָטערס אַרבעט. חוץ באַשטעלונגען, וואָס האָבן זיי געגעבן חיונה, האָבן זיי געמוזט אַרבעטן אומזיסט פֿאַרן חיל און פֿאַר דער מלוכה: נייען שוכוואַרג, קליידער, מאַכן געווער, צופֿירן תבואה.

דעם חיל האָט מען געמוזט פֿאַרגרעסערן. נאָר היות ווי אין די רוימישע פּראָווינצן האָבן שוין ניט געקלעקט קיין מענשן פֿאַרן מיליטערדינסט, האָט מען אָנגעהויבן צונעמען אין די לעגיאָנען אַלץ מער באַרבאַרן, באַזונדערס גערמאַנען. טיילמאָלס פֿלעגן די רוימער מאַכן שלום מיט די גערמאַנען, וואָס זיינען אָנגעפֿאַלן אויף זיי, בתנאי אַז יענע זאָלן צושטעלן זיי זעלנער. אָדער מען פֿלעגט די גערמאַנען אָפּטרעטן ערד ביים גרעניץ, בתנאי אַז איטליכע משפּחה, וואָס האָט געקראָגן אַ נחלה, זאָל צושטעלן זעלנער. היות ווי די אַרבעט פֿון די זעלנער איז געווען אַ שווערע, און קיין שכירות פֿאַר זיי האָט ניט געקלעקט, איז געבליבן בכלל צו באַטיילן די זעלנער מיט ערד. פּאַזע גאַנצן גרעניץ האָט מען באַזעצט זעלנערקאָלאָניסטן: אין אַ פֿרייער צייט האָבן זיי באַאַרבעט די ערד. אויך די דאָזיגע מלאכה איז געוואָרן אַ ירושה־זאַך, די זון פֿון די זעלנער זיינען אויך געווען מחויב צו גיין דינען. ווען עס איז אויסגעקומען צו האלטן זעלנער אין לאַנד, פֿלעגט מען זיי אַוועקשטעלן אויף קוואַרטיר ביי ערדאייגנטימער. איטליכער אייגנטימער האָט געמוזט זיי אָפּטרעטן אַ דריט־חלק פֿון זיין ערד אָדער אויסהאַלטן זיי אויף אַ דריטל פֿון זיינע הכנסות.

אַ שווערע צייט איז אָנגעשטאַנען פֿאַר אַלעמען. די ערדאייגנטימער האָבן איצט שווער געקאָנט קריגן שקלאַוון. די שקלאַוונמערק, וואָס פֿריהער, אין דער צייט פֿון דער רוימישער געוועלטיגונג, זיינען זיי שטענדיג געווען פֿול מיט קריגסגעפֿאַנגענע און גערויבטע מענשן, זיינען איצט ליידיג געוואָרן. בכדי צו האָבן שטענדיג גרייטע אַרבעטער, האָבן די ערד־אייגנטימער גענומען איצט ציהען צו זיך אויף אַרבעט די שכנישע פּויערים: אַמאָל פֿאַר אַ געוויסער הטבה, פֿאַר אָפּטרעטן אַ שטיקל ערד אָדער פֿאַר דער ערלויבעניש צו נעמען געהילץ, אַמאָל איבער געוואַלד, דורך צוואַנג. די פּויערים (קאָלאָנען) פֿלעגן זיך מתחייב זיין צו קומען אויף עטליכע טעג אין דער ברענענדיגסטער אַרבעטסצייט צום פּריצס הויף. געוויינטליך פֿלעגן זיי קומען דריי מאָל: אַקערן און גראָבן די ערד, פּאַלאָווען די גערטנער און סעדער און אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש. ווען דער פּריץ האָט באַדאַרפֿט, פֿלעגן זיי צושטעלן זייערע פֿערד און װעגן אויף אָפּצופֿירן דעם בעל־הביתס סחורות אויף די מערק.

די אייגענע שקלאַוון האָט דער פּריץ אויך צעזעצט אויף נחלאות: ער האָט זיי געגעבן ערד, אַ שטיבל, ערלויבט זיי חתונה האָבן, זיך מאַכן אַ גאָרטן, האָדעווען בהמות. דער שקלאַוו פֿלעגט אָפּגעבן דעם האַר אַ טייל פֿון די פּרוכטן און תבואות, וואָס ער פֿלעגט אַראָפּנעמען פֿון זיין ערד, און חוץ דעם פֿלעגט ער אין געוויסע טעג קומען אַרבעטן אויפֿן

פּריצס הויף. דער בעל־הבית האָט שטרענג אויפֿגעפּאַסט, אַז אַלע די דאָזיגע מענשן, וואָס זיינען מחויב צו אַרבעטן פֿאַר אים, זאָלן זיך פֿון אים ניט אַרויסמאַכן. ער פֿלעגט אָנשרייבן פֿאַר זיי תקנות און אויסקריצן עס אויף אַ שטיינערנעם אַלטאַר, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן דעם הויף. דער בעל־הבית פֿלעגט ווערן זייער „האַר“. דער קאָלאָן האָט שוין ניט געטאָרט אַוועקגיין אויף אַן אַנדער אָרט: ער האָט געהערט דעם בעל־הבית פֿון דער ערד, ווי אַ בעל־חוב, וואָס מוז על פּי תנאי אָפּאַרבעטן זיינס. ער איז געווען דער זעלביגער לייבאייגענער, וואָס דער שקלאַוו, וועלכן מען האָט באַזעצט אויף ערד. די קינדער פֿונם לייבאייגענעם האָבן אויך געהערט צום הויף און זיינען שוין אויסגעוואַקסן לייבאייגענע. פֿאַר אַ פּרוב אַוועקצוגיין פֿלעגט מען אַ לייבאייגענעם באַשטראָפֿן ווי אַ פֿאַרברעכער.

דער האַר האָט אָנגעהויבן אַריינמישן זיך אין אַלע עסקים פֿון די לייבאייגענע. ער פֿלעגט פֿונאַנדערנעמען מחלוקתן צווישן זיי, פּונקט ווי ער וואָלט זיין געשטעלט איבער זיי אַ שופט. ער האָט פֿאַרבאָטן דעם לייבאייגענעם נעמען זיך אַ פֿרוי פֿון אַן אַנדער גראַד און אפילו פֿון אַן אַנדער אָרט, בכדי די לייבאייגענע זאָלן זיך ניט אָפּגעוווינען פֿון דער חוב־אַרבעט. ער פֿלעגט באַשטימען פֿאַרן הויף אַ כהן און פֿאָדערן, אַז אַלע מענשן אין דעם קאַנט זאָלן האַלטן איין אמונה. אין הויף פֿלעגט צווייִמאָל אין וואָך זיין אַ מאַרק, בכדי לייבאייגענע זאָלן ניט דאַרפֿן פֿאָרן אין שטאָט אַריין. די קיסרים האָבן דערין ניט געשטערט: זיי האָבן אַליין געהאַט גוואַלדיגע מאַיאָנטקעס אין אַלע פּראָווינצן און אַ סך אייגענע לייבאייגענע. זיי האָבן נאָר געפֿאָדערט, אַז די האַרן זאָלן זיין ערב פֿאַר זייערע לייבאייגענע; די האַרן האָבן געמוזט אַכטונג געבן, אַז פֿון די לייבאייגענע זאָלן פּינקטליך איינגיין די שטייערן, און אַז זיי זאָלן געבן די נויטיגע צאָל רעקרוטן.

די גרויסע ערדאייגנטימער זיינען געוואָרן אַזוי ווי פֿירשטן, איטליכער אין זיין געגנט. זייערע גרויסע הויפֿן זיינען אָפֿטמאָלס געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גראָבן און מויער און געווען אמתע שלעסער. קעגן אָנפֿאַלן פֿון די באַרבאַרן האָבן זיי געקאָנט זיך פֿאַרטיידיגן מיט זייערע אייגענע כחות. אַ סך מענשן פֿלעגן זיך שטעלן אונטער זייער שוץ, מיטן אייגענעם ווילן זיך פֿאַרשרייבן פֿאַר לייבאייגענע. אַזוי פֿלעגן טאָן, אַשטייגער, שטאָטישע הענדלערס, בכדי פּטור צו ווערן פֿון די שווערע שטאָטישע שטייערן. אַזאַ „מעכטיגער“ פּריץ, אַרומגערינגלט מיט אַ סך לייבאייגענע באַדינטע און פּויערים, פֿלעגט פּשוט ניט אַריינלאָזן צו זיך קיין באַאַמטע,

פֿלעגט אָפֿטמאָלס אַ לאַנגע צייט ניט צאָלן קיין שטייערן, פֿאַרכאַפּן אַרום זיין מאַיאָנטעק אַלץ, וואָס איז אים געפֿעלן.

די אויפֿריכטונג פֿון דער אימפּעריע. שווערער פֿון אַלץ איז געווען דער קאַמף מיט די שונאים פֿון דער אימפּעריע אין דעם אונטערשטער דונוי, וואו דער פליין צווישן די קאַרפּאַטן און דעם שוואַרצן ים איז געווען אַזוי ווי אַן אָפֿענער גרויסער טויער. פֿון דער דונויגעגנד אילּיריע שטאַמען אויך יענע קיסרים, וואָס האָבן אויף העכער הונדערט יאָר ווידער אויפֿגעריכט די כמעט צעשטערטע רוימישע אימפּעריע. דאָס זיינען געווען די קיסרים אַורעליאַנוס, דיאָקלעטיאַנוס און קאָנסטאַנטין (צו זיי געהער נאָך דער שפּאַניער טעאָדאָסיוס; זייער עפּאָכע נעמט אַרום די יאָרן 270—395).

אַורעליאַנוס, מיטן צונאָמען „די אייזערנע האַנט“, האָט צוריק איינגענומען פֿאַר דער אימפּעריע די אַזיאַטישע לענדער. היות ווי די באַרבאַרן זיינען אַריינגעדרונגען טיף אין לאַנד, און רוים גופא איז געווען אין סכנה, דעריבער האָט ער אַרומגערינגלט די הויפּטשטאָט מיט פֿעסטע מויערן, וואָס האָבן אַריינגענומען אויך די פֿאָרשטעט און זיינען געווען פֿיר מאָל אַזוי לאַנג ווי די באַפֿעסטיגונגסליניע, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער צייט פֿון דער רעפּובליק. אַורעליאַנוס איז געווען אַ דינער פֿון דער „אומבאַזיגליכער זון“ און האָט באַפֿוילן צו דינען אין רוים דעם דאָזיגן סירישן גאָט, ווי דעם העכסטן שוצגאָט פֿון דער אימפּעריע.

דיאָקלעטיאַנוס (284—305) איז געוואָרן קיסר נאָך אַ לאַנגער מהומה־צייט, ווען כמעט קיין איין קיסר איז ניט געשטאָרבן מיט זיין נאַטירליכן טויט, און ווען די לעגיאָנען פֿון איין געגנט האָבן ניט געוואָלט אָנערקענען דעם קיסר, וואָס עס האָבן אויסגעקליבן די זעלנער פֿון אַ צווייטער אַרמיי. ס׳איז געווען קלאָר, אַז איין רעגירער קאָן ניט אומעטום באַווייזן; בכן, איז בעסער זיך טיילן מיט דער מאַכט און זאָלן עטליכע קיסרים רעגירן בשותפות, נאָר אין פֿאַרשיידענע ערטער. דעריבער האָט דיאָקלעטיאַנוס באַשטימט צו זיך פֿאַר אַ מיטרעגירער מאַקסימיאַנוסן; זיי ביידע האָבן זיך אָנגערופֿן מיטן טיטל אויגוסטוס און האָבן באַשטימט צו זיך חברים, וואָס האָבן געהאַט דעם טיטל קיסר — דאָס זיינען געווען גאַלעריוס און קאָנסטאַנציוס כלאָרוס. אַלע פֿיר האָבן געהאַט גלייכע כבודים און אַ גלייכע מאַכט. זיי האָבן פֿאַרלאָזט רוים און אויסגעקליבן זיך פֿאַר רעזידענציעס גרעניצשטעט: דיאָקלעטיאַנוס גופא האָט זיך באַזעצט אין ניקאָמעדיאַ אין ביטיניע לעבן באָספּאָרוסדורכגנג, וואָס פֿירט

אין שוואַרצן ים אַריין, גאַלעריוס און סירמיום ביים טייך סאַוואַ, וואָס פֿאַלט אַריין אין דונוי (ניט ווייט פֿון בעלגראַד), מאַקסימיאַנוס אין מילאַן און צפֿון־איטאַליעס ביי די אַלפּנדורכגענג און קאָנסטאַנציוס אין טריר לעבן ריין.

דיאָקלעטיאַנוס, אַ זון פֿון אַ פֿרייגעלאָזטן, האָט, נאָכדעם ווי ער האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מאַכט, אַרומגערינגלט זיין אייגענע פּערזאָן מיט אַן אויסערגעוויינליכן פּאַראַד. ביי זיין הויף איז אָנגענומען געוואָרן דער פּערסישער צערעמאָניאַל. ווער עס האָט געקראָגן אַן אוידיענץ ביים קיסר, האָט געמוזט דורכגיין אַ גאַנצע רייה וועכטערס, דינערס און גאַרדיסטן. ווען ער איז אַריבערגעטראָטן דעם שוועל פֿון קייזערליכן זאַל, וואָס אים האָבן באַוואַכט 30 סילענציאַריער (שווייגערס), פֿלעגט ער זיך מוזן אויסציהען אויף דער ערד, קוים דערוועגן זיך אַ קוק צו טאָן אויפֿן „הייליגן פּנים“. אָנשטאָט דעם פּורפּורמאַנטל פֿונם טריאומפֿאַטאָר האָט דער קיסר אָנגעטאָן דאָס זיידענע, מיט גאָלד דורכגעוועבטע קלייד פֿון אַ כהן־גדול, אויפֿן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ ווייסע כהנים־הויב באַזעצט מיט פּערל. ווען מען פֿלעגט מאָלן זיין בילד, פֿלעגט מען מאַכן אַרום זיין קאָפּ אַ שיין אָדער אַ קרוין פֿון שטראַלן, אַן ערך ווי אויף די איצטיגע קריסטליכע הייליגנבילדער. אויף דאָקומענטן, אויף דענקמעלער פֿלעגט מען דעם קיסר אָנרופֿן „הייליגער, אומבאַזיגליכער“; מען פֿלעגט זאָגן, אַז ער איז דער פֿאַרקערפּערטער גאָט, אַז ער איז דאָס לעבעדיגע געזעץ אויף דער ערד. אַלץ, וואָס אים האָט אַרומגערינגלט, האָט געקראָגן דעם כאַראַקטער פֿון הייליגקייט. זיינע מיניסטאָרן האָבן געדאַרפֿט פֿאַרוואַלטן איבער דעם „הייליגן הויף“ און איבערן „הייליגן שלאָפֿצימער“, פֿונאַנדער־טיילן „הייליגע מתנות“.

דער קיסר פֿלעגט שוין ניט טיילן זיין מאַכט מיטן סענאַט, ווי אין אַווגוסטס צייט. ער האָט זיך שוין ניט גערעכנט פֿאַר אַ באַפֿולמעכטיגטן פֿון פֿאָלק; ער איז געווען אַ מושל לויט אַ געטליכן געזעץ. דער אַמאָליגער טיטל „פּרינצעפּס“, דער ערשטער בירגער אין דער מלוכה, האָט שוין ניט געפּאַסט פֿאַרן מאָנאַרך: ער פֿלעגט זיך אָנרופֿן „האַר און גאָט“.

אַסך באַאַמטע זיינען געווען געשטעלט איבער די פּראָווינצן, בכדי אונטערצוהאַלטן די אָרדענונג, צונויפֿצוקלייבן שטייערן, צונויפֿנעמען תבואה און אַנדערע זאַכן פֿאַרן חיל און פֿאַרן הויף. אַנדערע באַאַמטע זיינען געווען באַשטימט, אויף צו האָבן השגחה איבער די ערשטע און אויפֿדעקן פֿאַרברעכנס. נאָך אַ שטאַט באַאַמטע זיינען געווען אין דער הויפּטשטאָט, לעבן קיסר; זיי פֿלעגן צונעמען חשבונות, מעלדונגען

און ידיעות און צונויפֿשטעלן פֿאָרטראָגן פֿאַרן קיסר. אויף אויסצוהאַלטן די דאָזיגע גוואַלדיגע צאָל באַאַמטע, האָט מען באַדאַרפֿט אויפֿמאָנען נייע גרויסע שטייערן פֿון דער באַפֿעלקערונג, וואָס איז שוין סײווײסיי געווען בדלות געשטעלט פֿון די אָנפֿאַלן פֿון די באַרבאַרן, פֿון הוצאות אויף באַפֿעסטיגן די שטעט און אויסהאַלטן די זעלנער.

רדיפֿות קעגן קריסטנטום. פֿאַר די הונדערט יאָר, וואָס זיינען פֿאַרביי זינט דער צייט פֿון די אַנטאָנינען, איז די צאָל קריסטן שטאַרק אויסגעוואַקסן; צווישן זיי זיינען געווען אַסך רייכע און אָנגעזעהענע מענשן, אויך באַאַמטע און הויפֿלייט פֿונם קיסר. די אַלוועלטליכע קירך האָט אַרום יאָר 300 געבילדעט אַ גרויסן פֿאַרבאַנד, וואָס זיין מאַכט האָט זיך באַזונדערס שטאַרק געלאָזט פֿילן אין דער מזרח־העלפֿט פֿון דער אימ־פעריע. וועלנדיג פֿאַרפֿעסטיגן די אינעווייניגסטע אָרדענונג אין דער רוימישער מלוכה, האָט דיאָקלעטיאַנוס זיך צונויפֿגעשטויסן מיט די קריסטן. סיי די קיסרים גופא און סיי זייערע פֿאַרוואַלטערס האָבן קלאָר געזעהן, אַז פֿאַר די קריסטן איז די מיינונג פֿון זייער ביסקופּ וויכטיגער, איידער די באַפֿעלן פֿון דער מלוכה. די רעגירער האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די קירך ציהט אָפּ סיי מענשן און סיי רייכטימער פֿונם דינסט לטובת דער מלוכה. דערצו האָט נאָך דיאָקלעטיאַנוס, וואָס איז געווען אַ פֿרומער מאַן, מורא געהאַט, אַז דאָס אָפּזאָגן זיך פֿון די געטער, וואָס די אָבות האָבן צו זיי געדינט, וועט ברענגען אַ צרה אויפֿן גאַנצן לאַנד. האָט ער זיך געווענדט מיט אַן אָנפֿראַגע וועגן זיין חשש צום אַלטן אַפּאָלאָ־אָראַקל אין מילעט, און האָט געקראָגן אַן עצה צו פֿאַרטיליגן אַלע יענע, וואָס קענען אָפּ דעם אַלטן גלויבן.

האָט דיאָקלעטיאַנוס אַרויסגעגעבן באַפֿעלן צו פֿאַרבאָטן די פֿאַר־זאַמלונגען פֿון די קריסטן, פֿאַרמאַכן די הייזער, וואו זיי האָבן מתפלל געווען, אָפּנעמען און פֿאַרברענען זייערע ביכער; די ביסקופּן, פּרעסביטערס, דיאַקאָנען, וואָס וועלן זיך אָפּזאָגן אַרויסצוגעבן די ביכער און דאָס קירכנאייגנס, דאַרפֿן ווערן אַריינגעזעצט אין תפיסה. דעם ערשטן ביישפּיל פֿון אכזריות האָט באַוויזן דער קאָמאַנדיר פֿון דיאָקליטיאַנוסעס גוואַרדיע, וואָס איז געקומען מיט אַן אָפּטיילונג זעלנער צעשטערן דעם גרויסן בית־תפלה אין ניקאָמעדיאַ (אין יאָר 303). ביי די קריסטן איז פֿאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג: טייל זיינען ניט געווען נענוג שטאַרק ביי זיך, האָבן מסכים געווען צו ברענגען היידנישע קרבנות און אָפּגעבן זייערע ביכער; אַנדערע ווידער זיינען געבליבן פֿעסט ביי זייער גלויבן. אין אַנטיאָכיאַ האָט דער

שופט געפֿרעגט ביים הייליגן ראַמאַנוס, פֿאַרוואָס פֿאָלגט ער ניט דעם קיסר, האָט יענער געענטפֿערט: „דער איינציגער קריסטוס דאָס איז מיין קיסר!“ אין די ווערטער האָט מען איינגעפֿונען אַ באַליידיגונג פֿאַרן קיסרס מאַיעסטעט און מען האָט דעם באַשולדיגטן פֿאַרמשפּט צום טויט. די רדיפות קעגן די קריסטן האָבן קיין פּעולה ניט געהאַט, און די גע־ליטענע ביסקופּן האָבן נאָך פֿעסטער פֿאַראייניגט אַרום זיך די געטרייע זין פֿון דער קירך. איינגעמאַטערט פֿון קאַמף, האָט דיאָקלעטיאַנוס זיך אָפּגעזאָגט פֿון דער מאַכט און איז אַוועקגעפֿאָרן אין זיין גוואַלדיגן פּאַלאַץ, וואָס איז געווען אויסגעבויט אויפֿן אילירישן ברעג פֿון אַדריאַטישנים.

קאָנסטאַנטין און דער נצחון פֿון קריסטנטום. נאָכדעם ווי דיאָקלעטיאַנוס איז אַוועק פֿון דער מאַכט, זיינען געוואָרן מהומות, וואָס אין זיי האָבן גענומען אַן אָנטייל דער פֿריהערדיגער קיסר גאַלעריוס און עטליכע נייע קיסרים. אינמיטן אָטדעם קאַמף זיינען אָפּגעשאַפֿט געוואָרן דיאָקלעטיאַנוסעס באַפֿעלן וועגן רודפֿן די קריסטן. פֿאַרן גליקליכסטן צווישן די קאָנקורענטן האָט זיך אַרויסגעוויזן קאָנסטאַנטין, דער זון פֿון קאָנסטאַנציוס כלאָרוס און פֿון דער קריסטין העלענע. ער איז געווען אַ מענש מיט אַ שאַרפֿן קאָפּ און גלענצענדיגע כשרונות (ער איז געבוירן אין יאָר 273, האָט רעגירט אין די יאָרן 306—337).

קאָנסטאַנטינען האָט זיך קודם כל איינגעגעבן צו פֿאַרכאַפּן רוים און צו ווערן קיסר איבערן גאַנצן מערב. וואָווילגעגוויגט צום קריסטנטום, האָט קאָנסטאַנטין צוגלייך איינגעזעהן, וואָס פֿאַר אַ שטיצע עס קאָנען זיין פֿאַר אים די ביסקופּן, וואָס האָבן אַזאַ גרויסע השפּעה אויף די גלוביגע. אין יאָר 313 האָט קאָנסטאַנטין אינם עדיקט, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין מילאַן, פּראָקלאַמירט די ג ל ו י ב נ ס ט אָ ל ע ר אַ נ ץ: „זאָל איטליכער פֿריי אויסקלייבן דעם גלויבן, וואָס געפֿעלט אים, און זאָל ער פֿריי אָפּריכטן זיינע צערעמאָניעס. אין גאַנצן טאָר מען קיינעם ניט שטערן גיין דעם וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבן“. די קריסטליכע גייסטליכע האָט קאָנסטאַנטין געגעבן אַלע פּריווילעגיעס, וואָס די היידנישע כהנים האָבן געהאַט: דאָס רעכט אָנצונעמען שענקונגען, איינטראָגן אין צוואות לטובת די גלוביגע, דאָס רעכט צו באַשטעטיגן די פֿריילאָזונג פֿון שקלאַוון, דאָס רעכט צו געבן ביי די אַלטאַרן אַ מקום־מקלט פֿאַר פֿאַרמשפּטע.

היות ווי דער קיסר האָט באַשיצט די קריסטן, האָבן צו דער קירך אָנגעהויבן צושטיין מאַסנוויז נייע מענשן. פֿאַר די דינער פֿון אַטים,

אַזירים, פֿון דער אומבאַזיגליכער זון איז ניט שווער געווען איבערצוגיין צום קריסטנטום. שטאַרקער האָט זיך געהאַלטן דער גלויבן פֿון מיטראַס, וואָס איז געווען פֿאַרשפּרייט שטאַרק צווישן די זעלנער.

פֿאַר די מאַסן מתפללים און נייע קריסטן האָט מען אָנגעהויבן בויען גרויסע „גאָטסהייזער", אין דער פֿאָרם פֿון באַזיליקעס. אין דער טיף פֿונם בנין, דאָרט, וואו אין דער באַזיליקע איז געזעסן דער קייזערליכער שופט, פֿלעגט מען שטעלן אַ שטול פֿאַרן ביסקופּ; פֿאַר אים איז גע־שטאַנען דער טיש פֿאַר דער הייליגער סעודה און דער טיש מיט די מתנות, וואָס דערויף פֿלעגט דאָס פֿאָלק אַנידערלייגן דאָס גאָלד, זילבער און טייערע זאַכן, וואָס דערפֿון האָט מען באַדאַרפֿט אויסהאַלטן דעם קלערוס און אָרימע לייט. ווייטער זיינען געשטאַנען די געטויפֿטע, פֿון איין זייט מאַנסבילן, פֿון דער אַנדער זייט פֿרויען; הינטער זיי די „אויסגערופֿענע", ד. ה. די נייבאַקערטע. אין משך פֿון צוויי אָדער דריי יאָר פֿלעגט מען אָטדי אויסגערופֿענע צולאָזן צום הערן לייענען די עוואַנגעליע און די דרשות פֿונם ביסקופּ; ווען עס פֿלעגט זיך אָנהויבן דער גאָטסדינסט, האָבן זיי געמוזט אַרויסגיין פֿון קירך און שטיין אויף יענער זייט שוועל אין איינעם מיט די בעלי־תשובה. די ערשטע צייט זיינען די טעמפּלען געווען פֿינסטער און אָהן שום באַפּוצונגען — אַ זכר צו יענע אונטער־ערדישע היילן, וואָס פֿון זיי איז דער קריסטליכער גאָטסדינסט אַרויס צו דער ליכטיגער שיין. ערשט שפּעטער באַווייזן זיך אין זיי גאָלד, טייערע בילדער, גרויסאַרטיגע בגדים פֿון די גייסטליכע לויט די פּאַרצייטיגע מנהגים פֿון סיריע און עגיפּטע.

כל זמן קאָנסטאַנטין איז געווען קיסר פֿון מערב־טייל, וואו די קריסטן זיינען געווען אַ מיעוט, האָט ער זיך געפּלייסט צו מאכן שלום צווישן די סעקטעס און איינפֿירן אזעלכע צערעמאָניעס און סימבאָלן, וואָס זאָלן באַפֿרידיגן אַלעמען, ווער עס שטרעבט צו אַ העכערן גלויבן אין איין גאָט. דעריבער האָט ער איינגעשטעלט פֿאַר אַ וואָכן־יום־טוב, אָנשטאָט דעם סאַטורנוסטאָג, ד. ה. שבת, דעם זונענטאָג (זונטאָג), וואָס איז געווען הייליג פֿאַר די קריסטן, ווי' דער טאָג, ווען, לויט זייער גלויבן, איז קריסטוס אויפֿגעשטאַנען תחית המתים. דעם זונטאָג האָבן אויך געקאָנט אננעמען פֿאַר אַ יום טוב די, וואָס האָבן געדינט צו דער זון. אין יענעם טאָג פֿלעגט מען פֿאַר די לעגיאָנען לייענען אַ נייע איינגעשטעלטע תפלה, וואָס זי האָבן גלייך געקאָנט אָננעמען סיי די דינער פֿון מיטראַס און סעראַפּיס און סיי גלויביגע קריסטן.

דער ערשטער אַלוועלטליכער קאָנציל און די אריבערטראָגונג פֿון דער הויפּטשטאָט. די פֿריינדשאַפֿט צו די קריסטן האָט קאָנסטאַנטינען געהאָלפֿן ביינצוקומען דעם מזרחדיגן קיסר ליציניוסן, וואָס איז געווען אַ שונא דער קירך. נאָכדעם ווי קאָנסטאַנטין איז געוואָרן אַן אויבערהאַר אויך איבערן מזרח, וואו די קריסטן זיינען געווען אַ גרויסע מאַכט, האָט ער זיך נאָך מער דערנעהנטערט צו זיי. די גייסטליכ־קייט האָט ער באַפֿרייט פֿון אָפּצאָלונגן און פֿונם שווערן חוב צוצושטעלן תבואה דער מלוכה; די ביסקופּן האָט ער אָנגעהויבן איינצולאַדן צו זיין טיש און צו באַשענקען רייך די קירכן. די ביסקופּן זיינען געוואָרן די הויפּטשטיצע פֿון זיין רעגירונג; זיינע קינדער האָט קאָנסטאַנטין געהאָדעוועט פֿאַר קריסטן.

די חילוקי דעות אין דער קירך האָט קאָנסטאַנטין געהאַלטן פֿאַר זעהר געפֿערליך פֿאַר דער אימפּעריע. אין יענער צייט איז געווען אַ גרויסע מחלוקת און שפּאַלטונג וועגן גלויבן. דער אלכסנדרינישער פּרעסביטער אַ ר י ו ס איז ארויסגעטראָטן קעגן דער דרייאייניגקייט און האָט געלערנט, אַז גאָט דער זון איז ניט גלייך, נאָר בלויז ענליך צו גאָט דעם פֿאָטער. אין מזרח האָט די קירך אין דער פֿראַגע זיך צעטיילט כמעט אויף צוויי גלייכע העלפֿטן. די געגנער האָבן זיך ניט באַגענוגנט מיט וכוחים אין ביכער און רעדעס. די פֿיינדשאַפֿט האָט געפֿירט אָפֿטמאָלס צו געשלעגן אין די גאַסן. היות ווי קאָנסטאַנטין האָט געוואָלט אָפּשטעלן די מחלוקתן, דעריבער האָט ער אין יאָר 325 צונויפֿגערופֿן די ביסקופּן אויף אַן אַלוועלטליכן, אָ י ק ו מ ע נ י ש ן, קאָנציל, אדער קירכנ־פֿאַרזאַמלונג, אין דער גרויסער באַזיליקע פֿון דער קליינאַזיאַטישער שטאָט ניקעאַ ביים באָספּאָרוס. אויפֿן קאָנציל האָבן געהאַט די אויבערהאַנט די קעגנער פֿונם אַריאַניזם, צווישן זיי האָט זיך אויסגעצייכנט אַ צווייטער אלכסנדריגישער פּרעסביטער אַטאַנאַסיוס; אַריוס שיטה איז אָנערקענט געוואָרן פֿאַר אפּיקורסות, און די פֿאָטערס פֿונם קאָנציל האָבן איינ־געפֿירט דעם גלויבנססימבאָל. קאָנסטאַנטין איז עטליכע מאָל געווען פֿאָרזיצער אויפֿן קאָנציל; ער האָט זיך אָנגערופֿן אַלגעמיינער ביסקופּ, די אַנדערע ביסקופּן זיינען געווען זיינע ברידער און מיטאַרבעטער.

אין יאָר 330 האָט קאָנסטאַנטין באַשלאָסן אריבערצוטראָגן די הויפּטשטאָט פֿון רוים קיין מזרח: ער האָט אויסגעקליבן אַ שטאָט, וואָס ליגט נאָהענט צו די גרעניצן, בּ י ז אַ נ ץ, ביים זעלבינן דורכגוס צום שוואַרצן ים, וואָס ניקאָמעדיאַ, וואָס דיאָקלעטיאַנוס האָט אויסגעקליבן,

נאָר אין אייראָפּע. די דאָזיגע שטאָט, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דער אַטעניִשער מלוכה, האָט פאַרנומען אַן אויסגעצייכנטע לאַגע: פאַרביי איז געגאַנגען דער וויכטיקער ים־וועג, וואָס האָט אַזוי ווי איבערגעשניטן דעם יבשה־וועג פון דונוי ביזן פרת; דאָ איז געווען דער בעסטער אָרט אויף אריבערצוגייען פון אייראָפּע קיין אַזיע. די שטאָט איז געשטאַנען אין ווינקל פון פאַרמאַכטן מאַרמאַראַיִם און פון דורכגוס; אין צפון־זייט האָט זי געהאַט נאָך אַ טיפן לאַנגגן האַוון, דעם גאָלדענעם האָרן.

אין ביזאַנץ, וואָס האָט זינט דעמאָלט געקראָגן דעם נאָמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ד. ה. קאָנסטאַנטינס שטאָט, זיינען פאַראייניגט געוואָרן די סימבאָלן פון היידנטום און קריסטנטום. פון אומעטום האָט מען אין דער נייער הויפּטשטאָט אָנגעפירט פאַרצייטיגע הייליגטימער און ווערטזאַכן: פון דעלפי האָט מען גענומען דעם שלאַנגג־אַרטיגן סלופּ, וואָס אויף אים איז געשטאַנען דער דרייפוס, די מתנה פון די גריכן, וואָס האָבן מיט 800 יאָר פריהער מנצח געווען קסערקסעסן. אינם קאָנסטאַנטינאָפּאָלער סענאַט, וואָס איז געוואָרן געמאַכט לויטן מוסטער פונם רוימישן, האָט מען אריינגעשטעלט די סטאַטוע פון דער טיכע, דער גליקסגעטין, אַן אָנזאָג אויפן גליקליכן מזל פון דער שטאָט. אַלע יאָר, אין טאָג פון דער גרינדונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פלעגט מען ארויסשטעלן דאָס בילד פון דער געטין אויף דעם זונענרייטוואָגן, וואָס איז געווען באַשפּאַנט מיט פערד פון אַ פייערקאָליר, און אין דער באַגלייטונג פון אַ גלענצנדן חיל פלעגט מען עס אוועקפירן אויפן היפּאָדראָם, אדער אין צירק אַריין, וואו דער קיסר פלעגט אַרויפלייגן אויפן קאָפּ פון דער געטין אַ קרוין; אויפן שטערן פון דער סטאַטוע האָט קאָנסטאַנטין געהייסן צומאַכן אַ קרייץ, און פאַרן רייטוואָגן זיינען געגאַנגען קריסטליכע גייסטליכע און האָבן געזונגען זייער „קיריע עלייסאָן“ (האַר, האָב רחמנות).

דער אומקער צום היידנטום און דער ענדגילטיגער נצחון פון דער קירך. אין יאָר 337, ווען קאָנסטאַנטין איז געשטאָרבן, זיינען די ניטקריסטן נאָך אַלץ געווען אַ מערהייט אין דער אימפּעריע. נאָר היות ווי זיי זיינען געווען צעטיילט אויף פאַרשיידענע אמונות, דעריבער האָבן זיי ניט קעקאָנט זיך פאַראייניגן פאַרן געמיינזאַמען קאַמף קעגן קריסטנטום. די אָנהענגער פונם אַלטן גלויבן האָבן געהאַט נאָר איין האָפענונג אויף די שרעקליכע מחלוקתן צווישן די קריסטן גופא. קאָנסטאַנטינס זון, קאָנסטאַנציוס, האָט געשטיצט די אַריאַנער און האָט

פֿאַרשיקט דעם אלכסנדרינישן ביסקופֿ אַטאַנאַסיוסן, דעם הויפּט־פֿאַרטיידיגער פֿונם קאַטוילישן גלויבן. צוזעהענדיג די מחלוקתן צווישן די קריסטן, האָט קאָנסטאַנטינס פּלימעניק יוליאַנוס געקראָגן חשק ווידער איינצופֿירן דאָס היידנטום. יוליאַנוס האָט זיך געלערנט אין אַטען, וואו ער האָט שטאַרק ליב געקראָגן פּלאַטאָס פֿילאָסאָפֿיע און די גריכישע קונסט; די קריסטן האָבן אים אויסגעוויזן ווי צעשטערער פֿון דעם שיינעם און ליבן אלטערטום. דער קיסר האָט גוט פֿאַרשטאַנען, אז דער כּח פֿון דער קירך שטעקט אין דער מאַכט פֿון די ביסקופֿן, אין דער געבילדעטקייט און רייִדקונסט פֿון די קריסטליכע לערערס און דרשנים. אויף צו קעמפֿן מיט זיי האָט ער געפּרובט באַשטימען געבילדעטע מענשן אויף די ליידיג געבליבענע ערטער פֿון די כהנים ביי די אַלטע טעמפּלען. ער אליין האָט געשריבן ביכער און רעדעס קעגן די קריסטן און צוגלייך פֿאַרבאָטן די קריסטן צו זיין לערערס אין שולן.

יוליאַנוס האָט גאָרנישט געפּועלט. אין דער צייט, ווען אויפֿן צד פֿון דער קירך זיינען געווען טאַלענטן און דער ברען פֿון גלויבן, האָט דער קיסר ניט געקאָנט געפֿינען די נויטיגע מענשן אויף צו באַלעבן דאָס היידנטום, וואָס האָט געהאַלטן אין פֿאַלק. אַלע פּלענער יוליאַנוסעס זיינען בטל געוואָרן נאָך זיין טויט אין אַ שלאַכט קעגן די פּערסער (אין יאָר 363).

אין 50 יאָר ארום נאָך קאָנסטאַנטינס טויט האָבן די אָנפֿירער פֿון דער קירך זיך גענומען פֿאַר דער פֿאַרטיליגונג פֿון אַלע ניטקריסטליכע אמונות. דער מעכטיגער ביסקופֿ אַמבראָסיוס פֿון מילאַן האָט געפֿאָדערט, אַז דער קיסר זאָל זיך אָפּזאָגן פֿונם טיטל פּאָנטיפֿעקס, ד. ה. רוימישער כהן גדול. פֿונם בנין פֿון סענאַט האָט מען ארויסגעטראָגן די סטאַטוע פֿון דער נצחון־געטין, ווי אַ סימן דערויף, אַז מען מוז מאַכן אַ סוף צו די שטאָלצע טראַדיציעס פֿון רוימישן לאַנד, וואָס האָט געדינט צו די פֿאַלשע גריכישע אָפּגעטער. דער קיסר טעאָדאָסיוס (זינט דעם יאָר 379 רעגירער פֿון מזרח; אין יאָר 394, אַ יאָר פֿאַר זיין טויט, האָט ער פֿאַר־אייניגט די גאַנצע אימפּעריע) האָט אין אַלצדינג געפֿאָלגט דעם ביסקופֿ פֿון מילאַן. ער האָט פֿאַרבאָטן די קרבנות, ניט בלויז עפֿנטליכע, נאָר אויך אין פּריוואַטע הייזער; די היידנישע כהנים האָבן אָנגעוואָרן אַלע זייערע רעכט; די ערצן און ווערטזאכן, וואָס האָבן געהערט צו די טעמפּלען, זיינען צוגענומען געוואָרן פֿאַר דער מלוכה. אויף די טעמפּלען האָט מען ארויפֿגעשטעלט אַ קרייץ און געמאַכט זיי פֿאַר קריסטליכע קירכן. אזוי איז דער פּאַרטענאָן אין אַטען געוואָרן אַ קירך פֿאַר דער

גאָטמוטער. דאָס גרויסע הייליגטום פֿון סעראַפּיס אין אלכסנדריא איז אין־גאַנצן צעשטערט געוואָרן.

טעאָדאָסיוס האָט אויך גערודפֿט אַלעמען, ווער עס איז אָפּגעטראָטן פֿונם ניקעאישן גלויבנסימבאָל. ביי די אַריאַנער האָט מען צוגענומען די קירכן; דעם גאָטסדינסט פֿון די אפיקורסים האָט אַ קייזערליכער עדיקט ערקלערט פֿאַר אַ חילול הקודש. אַמבראָסיוס האָט געלערנט, אַז אין געוויסנספֿראַגן משפּט די גייסטליכקייט אפילו דעם קיסר גופא און האָט אליין באַוויזן אַ ביישפּיל פֿון אַזאַ משפּט. אין דער גרויסער מאַקעדאָנישער שטאָט טעסאַלאָניקע (סאַלאָניק) האָט דער צעבונטעוועטער המון דערהרגעט דעם קאָמאַנדיר פֿון דער קייזערליכער גוואַרדיע. טעאָדאָסיוס איז אריין שטאַרק אין כעס און האָט געהייסן צונויפֿטרייבן דאָס פֿאָלק אין צירק, וואו מען האָט אויסגעהרגעט עטליכע טויזנט מאַן. אַז טעאָדאָסיוס איז דערנאָך געקומען צוריק קיין מילאַן, האָט אַמבראָסיוס אים ניט אריינ־געלאָזן אין קירך; און דער קיסר האָט געמוזט פֿאַר אלעמען אין די אויגן אָפּריכטן תשובה פֿאַר דער שחיטה, וואָס ער האָט געמאַכט.

סוף פֿון דער אַלטער געשיכטע. זינט קאָנסטאַנטינס צייט האָבן אויפֿן רוימישן גרעניץ אָנגעהויבן זיך צו ווייזן נייע גערמאַנישע שבטים אין אַ גוטער אייזערנער באַוואָפֿענונג; באַזונדערס האָבן זיך אויס־געצייכנט ביים ריין די **פֿראַנקן**, ביי דער דאָנוי די **גאָטן**. דער איינציגער מיטל, וויאַזוי אויסצומיידן די סכנה, איז געווען אריינצולאָזן די באַרבאַרן אין די גרעניצן פֿון דער אימפּעריע, אריינגענעמען זיי אין דינסט און בילדן פֿון זיי די מיליטערישן שוץ פֿאַרן גרעניץ. אַזוי האָט טאַקע טעאָדאָסיוס געטאָן מיט די גאָטן: ווען זיי זיינען אריינגעדרונגען איבער דער דונוי און איבער די באַלקאַנען, צעשלאָגן און געטויט דעם פֿריהערדיגן קיסר אין דער שלאַכט ביי אַדריאַנאָפּאָל, האָט מען געמוזט באַזעצן די זיגער אויף דער ערד פֿון דער רוימישער פּראָווינץ און אָפּגעבן אין זייערע הענט מאַיאָנטקעס אינאיינעם מיט לייבאייגענע. די גאָטן האָבן גענומען זיך רעכענען פֿאַר **פֿעדעראַטן**, ד. ה. פֿאַרבינדעטע פֿון דער אימפּעריע.

דאָס איז געווען זעהר אַ געפֿערליכער ביישפּיל. די הצלחה פֿון איין גערמאַנישן שבט האָט ארויסגערופֿן קנאה און רויבגעלוסט ביי די איבעריגע. באַלד נאָך די גאָטן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נייע באַ־צווינגער, בכדי אויפֿן זעלבן אופן זיך צו באַזעצן אין דער אימפּעריע. טעאָדאָסיוסעס זין (ער איז געשטאָרבן אין יאָר 395) האָבן שוין ניט

געקאָנט מער איינהאַלטן די גערמאַנען ביי די גרעניצן. אין 15 יאָר אַרום נאָך זיין טויט האָבן די גאָטן איינגענומען די „אייבּיגע שטאָט“ רוים און זי צערויבּט. אין משך פֿון עטליכע צעהנדליגער יאָר זיינען כמעט אַלע פּראָווינצן פֿון דער אימפּעריע, חוץ קליינאַזיע, סיריע און עגיפּעט, פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון באַרבאַרן, און דער קיסר האָט געמוזט זיך באַהאַלטן פֿאַר זיי אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און איבּערלאָזן זיי אויף הפקר דעם גאַנצן מערב.

די באַרבאַרן האָבן צוגענומען ביי די רוימער, גריכן און אַנדערע קולטורפֿעלקער בלויז גאָלד, זילבער און געווער. אַלץ איבּעריגע — דאָס שטאָטלעבּן, דער טעאַטער און די שטובּאיינריכטונג, די שולנקונסט און ליטעראַטור — איז זיי געבּליבּן אינגאַנצן פֿרעמד. פֿאַר די צוויי יאָרהונדערטער פֿון די אָנפֿאַלן (200—400 איז די קולטור פֿון די גריכן, רוימער, יידן, אַפֿריקאַנער, סיריער אינגאַנצן געפֿאַלן, די בּילדונג איז געגאַנגען אַראָפּ, די מדות זיינען ווילד געוואָרן. די באַרבאַרן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן אין דער אימפּעריע, האָבן פֿאַרענדיגט די צעשטערונג פֿון די לעבּנסבאַקוועמליכקייטן און פֿון די אויפֿקלערונגס־השגות. די פֿעלקער פֿון דער אַלטער קולטור האָבן אָנגעוואָרן זייער אייגנטימליכקייט, האָבן גענומען פֿאַרשווינדן צווישן די אָנגעקומענע.

דערמיט ענדיגט זיך *די געשיכטע פֿון די פֿעלקער פֿון אַלטערטום*, און עס הייבּט זיך אָן די געשיכטע פֿון די נייע פֿעלקער, וואָס טרעטן אַרויס פֿון מיטל־, צפֿון־ און מזרח־אייראָפּע, די קעלטן, גערמאַנען, סלאַוון; זיי אַנטקעגן גייען אַרויס פֿון פֿאָדעראַזיע נייע פֿעלקער — די אַראַבער, די טערקן. אין דער צייט ווען די אייראָפּעאישע באַרבאַרן נעמען אָן דעם קריסטנטום, באַקערן זיך די נייע מזרח־פֿעלקער אויך צו אַ מאָנאָטעאיסטישן גלויבּן, צום איסלאַם. פֿאַר ביידע הייבּט זיך אָן אַ ניי לעבּן, אין אַסך פּרטים ניט ענליך צום שטייגער און צו דער קולטור פֿון אַלטערטום.

דרוק פון וו. דרוגולין, לייפציג.